ובהיכנסו לקומת הקרקע של הבית נשען בכוח על אחת הדלתות ופרץ אותה. ובעומדו כך על סף דירתו של גוי, החל מוציא מכיסיו שטרות־כסף של זהובים פולניים ועל ידי זה הוכיח למתחזים כסוכני „או. בע.״ כי לחשדם אין כל יסוד. כאשר החלו להתערב בדבר הדיירים הפולניים שהכירו את איטשע אישית, הסתלקו השודדים ואיום בפיהם: „נפול תיפול בידינו עוד״.

מקרה זה הפיל פחד איום על היהודים הספורים שבעיר. בערבים לא העיזו להופיע ברחוב. רובם נסעו ללודז׳, כדי למצוא שם מקלט, מכיוון שזו היתה אז העיר היחידה בפולין שיהודים היו בטוחים בה ולא נשקפה להם סכנת מוות.

בתי באה אלי מלודז׳ ושיכנעה אותי שאעזוב את דירתו של איטשע ועד שהיא תמצא בשבילנו מקום מתאים באותה עיר אעבור לגור במלון של לייבוש לוין, אשר כונה בשם „מלון של דלות״.

ימים אחדים לאחר ההתנפלות על איטשע ועל האשה לעוויטובה, אלה באו אלי עם שמואל מילעט וחיים שיפמאן, לשם עיסקת חליפין. ברשותו של שמואל מילעט היתה גם חתיכה גדולה של עור סוליות קשה שרצה למוכרה (חתיכה זו שימשה אחר כך כהוכחה נגד הרוצחים). לאחר שהעיסקה נסתיימה ובשעה טובה הרמנו כוסית (מילעט אהב את הטיפה המרה...) ראיתי לפתע כי השעה כבר עשר בערב. יעצתי לאורחי לבל ילכו לבתיהם עם חבילות הכסף, אלא ילונו אותו לילה במלון. רק חיים שיפמאן שמע בקולי, מפני שלמחרת בבוקר עמד לנסוע ללודז׳. היתר הלכו לדירתו של איטשע ווארשאוער.

בבוקר באו אלינו בריצה בניו של הקצב יעקב אלקנה, שגר בביתו של יואל נאפצ׳ארז׳ הסמוך לביתו של איטשע, ועמם האשה שרה אוראץ׳, יעקב שיפמאן ושמערל בומשטיין, ובישרו את הבשורה הנוראה, כי בלילה נרצחו איטשע ווארשאוער, שמואל מילעט, הגברת לעוויטובה, בנו של זליג ווארשאוער והבן של אייזיק בלאכארז׳. כל אלה אשר ניצלו קודם ממחנות־ההשמדה של היטלר נפלו חלל בידיהם הרצחניות של הפולנים.

קשה לתאר מה נורא היה הרושם של הידיעה על הרצח. הגברת ווייצהנדלר, היושבת־ראש של ועד העזרה והיחידה שנשארה בסקארז׳יסק בניגוד לכל היתר שנמלטו ללודז׳, יחד עם כותב השורות האלה פנינו למשטרה, כדי למסור על השחיטה הנוראה. שם הודיעו לנו, כי הועמד משמר במקום וכי הרצח אינו אלא מעשה נקמה על נסיון להחזיר בכוח ילד יהודי שהוסתר בימי המלחמה אצל משפחה נוצרית וכי אנו שנינו כנציגי האוכלוסייה היהודית חייבים לחתום על פרוטוקול בנוסח האמור. אנו כמובן סירבנו נמרצות לחתום על מיסמך כלשהו.

רוב רובם של הניצולים ברחו מן העיר. נותרו רק חוץ ממני: הגברת ווייצהנדלר, הערשל וולובסקי ובנו יאמע, בנו של משה זיוולינר לייבל ובתו חוה, וכן מאניע בלאכאראוויץ׳. שיגרנו את מאניע לוועד היהודי שבעיר המחוזית קעלץ, כדי שאלה יעזרו לנו להביא לקבורה את חמשת הקדושים. אולם הם סירבו לבוא לעזרתנו בנימוק, שאין הם יכולים לסכן את חייהם.

הגברת ווייצהנדלר ואני נקראנו על ידי השלטונות לזהות את גופות חמשת ההרוגים. עלינו בלוויית שני נציגי המשטרה אל הדירה, ושם נגלה לפנינו מראה מחריד. ההרוגים היו מונחים מתחת לשולחן בשלולית של דם קרוש. הגברת ווייצהנדלר נתקפה בהלם ורק אני בעצמי נאלץ הייתי להפריד בין המתים ולהפכם עם פניהם כלפי מעלה. כאשר חזרנו למשטרה הודיע לנו המפקד, כי אם אנו לא נקבור את הקרבנות, הם עצמם יעשו זאת.

בעירייה היו אז מראשי־המדברים נציגי המפלגה „פ. פ. ס.״. פנינו אליהם והם אמנם היו מוכנים לעמוד לצדנו בתנאי, שאנו נהפוך את ההלווייה להפגנה פוליטית נגד היסודות האנטישמיים־הלאומניים. התחמקנו מכך בטענה, כי רוצים אנו לקבור את מתינו לפי המינהג היהודי ואין אנו רוצים בהלווייה רשמית ובטקס זר. קיבלנו מהעירייה חמישה סדינים, חמש שמיכות, קרשים וגם עגלה עם עצים שנוכל להדליקם כדי להמיס את השלג ולחמם את האדמה הקפואה. וכן נתנו לנו שלושה אסירים, שייכרו קבר־אחים. אל בית הקברות נילוו: יאמע וולובסקי, לייבל ברגמן ולייבל זיוולינר, והם לקחו עמם שני בקבוקי י״שונקניק פולני. הצלחתי להשיג עם הערשל וולובסקי שתי משאיות: האחת בשביל חמשת הקדושים והשניה בשביל המלווים. התקשרנו בטלפון לקעלץ אל או.בע. (שירותי הבטחון), שהמפקד שם היה היהודי סרן אלברט, וביקשנו ממנו לשלוח לנו ליווי מזויין, כי חיינו בסכנה. לפני שזז מסע ההלוויה הצטרפו אלינו לפי פקודתו חמישה סוכנים לבושים אזרחית.

אחרי שכוסה קבר האחים ברגבי עפר, הבטתי סביבי לראות אם ישנו כאן מניין של יהודים, כדי שאוכל לומר „קדיש״. ברגע זה לחש על אוזני אחד מן הסוכנים: „אמור קדיש, אנו יהודים!״ וכך אמרתי אני „קדיש״ ראשון ואחרון אחרי חמשת הקדושים שנפלו.

האו. בע. שבקעלץ ציווה לערוך חקירה. פנתה אליהם העלמה קופעל (לפני המלחמה היא היתה עובדת אצל קרוב שלה בסקארז׳יסק בערעלע קופעל בחנות של כלי־מטבח). היא חזרה מרוסיה והחלה לעסוק במרץ, בעסקי־חליפין, וכך נשאה ונתנה עם הגוייה גז׳ימקובה. יומיים לפני ליל השחיטה היא עברה במקרה לפני החנות של אותה גוייה וראתה אותה יושבת ליד שולחן עם מפקד המשטרה העירו־נית וגם עם שוטר עירוני. היא השגיחה בכך שהגוייה גז׳ימקובה מצביעה לעברה. הדבר היה חשוד מאוד בעיניה. היא זירזה איפוא צעדיה, חלפה על פני רחובות אחדים ונכנסה לנוצריה אחת שהכירה. זאת הסתירה אותה והיא עצמה יצאה מביתה וסגרה את הדלת מאחוריה. מיד הופיעו שני שוטרי עירייה ושאלוה האם היא לא ראתה לאיזה בית נכנסה ה„יהודונת״. היא סיפרה להם, כי ראתה אותה רצה לכיוון אחר...

הסרן היהודי אלברט מן האו. בע. של קעלץ הגיע לסקארז׳יסק ודרש מאת משרד הבטחון העירוני את תוצאות החקירה. כאשר נתברר, כי לא נעשה כמעט כלום לגילוי הרוצחים, הוא הודיע שיגלה את הפושעים בעזרת אנשיו הוא.

הסרן אלברט קיבל את התרמילים של הכדורים ובא בשעות לילה לביתו של מפקד המשטרה העירונית. המפקד נעדר אז מן הבית ושימש בתפקיד בתחנת הרכבת. נערך חיפוש ונמצאו במרתף בין סחורות שונות דברי צריכה, אריגים יקרים ותכשיטים, וכן אקדח שקוטר כדוריו התאים לזה של התרמילים. אז מיהר הסרן לתחנת הרכבת, אסר את המפקד ושילח אותו לקעלץ. לפי קריאתו הדחופה באו משם שני קציני או. בע. אל סקארז׳יסק עם חברים אחדים של או. בע. הם פנו לביתה של הגוייה גז׳ימקובה ואסרוה לאחר התנגדות חריפה. השוטר העירוני שהשתתף ברצח נפל אף הוא לידי השלטונות בעת שעמד לשדוד איכר מן הכפר סקאז׳יסקו־קוש׳צ׳ילנה.

למחרת בבוקר, לאחר המאסר של מפקד המשטרה המקומית והגוייה גז׳ימקובה, נדרשו הגברת ווייצהנדלר, היושבת־ראש של הוועד היהודי, חיים שיפמאן וכותב השורות האלה שגרו כולם בדירתו של איטשע ווארשאוער, על ידי הסרן אלברט להיות נוכחים

בשעת החיפושים שייערכו אצל הפושעים, כדי לזהות את החפצים שהיו שייכים לנרצחים.

אצל הגוייה גז'ימקובה נתגלה רכוש רב שיהודי סקארז'יסק הפקידו בידיה לשמירה, מעילי פרוות יקרים והרבה מעילים יקרים, אשר מסר לה איטשע מתוך שתי חנויות הקונפקציה שהיו לו לפני המלחמה. כל זה הוחרם, הוטען על משאיות והוסע משם. אולם לא נמצאו חפצים מדירתו הנוכחית של איטשע. אך ברגע האחרון כמעט, לפני שעזבנו את המקום, שמתי לב לארון במטבח שהיה חשוד בעיני, מכיוון שלא עמד במקומו הנכון.

כאשר הזזנו את הארון ממקומו נתגלתה דלת שהובילה לחדר חשוך. להפתעתנו הרבה מצאנו שם חלק גדול של השוד וחפצים אישיים של הנרצחים. אני גיליתי שם חלק מן חתיכת העור, אשר חיים שיפמאן ואני קנינו באותו ערב שלפני הרצח משמואל מילעט. הרוצחים חילקו את העור ביניהם לשלושה חלקים שווים, כי יתר שני החלקים נמצאו אצל המפקד ואצל השוטר, שגם בביתו נערך חיפוש ונמצאו שם בין היתר שתי טליתות קטנות ושתי חליפות של איטשע ווארשאוער.

הרוצחים הובלו ללודז' מפני חשש להחזיקם בבית הסוהר בקעלץ.

בבוא היום נידונו הרוצחים תאבי־הדם על ידי בית המשפט המחוזי בלודז' למוות.

הם שלושתם ניתלו בבית הסוהר בלודז'.
כן יאבדו!

רשמים של נער מימי המלחמה העולמית השניה

משה אורין (אורץ)

ימים אחדים לפני פרוץ המלחמה מלאו לי 11 שנה. זוכר אני היטב כיצד התלחשו ביניהם הבריות וניסו לשכנע זה את זה בחישובים למיניהם, כי מלחמה לא תפרוץ. אולם היהודים שלא חיו באשליות ראו בדאגה את גלי האנטישמיות הגועשים, ומלאי דיכאון חששו לימים הבאים.

ואכן כעבור זמן־מה פרצה המלחמה. המטוסים הגרמניים שפקדו את רוב ערי פולין לא פסחו גם על עירנו סקארז'יסק. בהפצצה הראשונה נגרמו אמנם נזקים מעטים, אך היהודים היו בטוחים שהגרמנים יתקיפו את מפעלי הנשק „האסאג" שבתחום העיר, על כן ברחו בהמוניהם. הסתבר כי החששות לא נתאמתו, מכיוון שהאויב לא רצה להרוס את המפעל החיוני בשבילו, אלא לכבשו בשלמות.

ואמנם כך קרה, העיר כולה נפלה בידי הגרמנים. לאחר הכיבוש החלו היהודים לשוב העירה מכל העברים. יומיים שררה אנדרל־מוסיה ובריונים למיניהם שדדו מכל הבא ליד, ורכוש יהודי היה מופקר. מיד החלו הגרמנים להשליט „סדר" ויומיום הופיעו על לוחות המודעות צווים ואיסורים שחלו על היהודים. חטיפות יהודים לעבודות קשות שהיו מלוות באיומים ובעינויים, נהפכו תוך זמן קצר לתופעה רגילה. על כן פחדו היהודים להלך ברחובות העיר. החיילים הגרמנים השתוללו, התנפלו על יהודים מתפללים וקיצצו את זקניהם. היה זה מין שעשוע חביב על הפורעים. גם לסבי ז"ל נחום ינקלביץ קיצצו את הזקן, ומראהו ללא זקן עומד כחי לפני עד עצם היום הזה.

ביום ??.??.1940, פורסם צו על הקמת גיטו. ליהודים שגרו מחוץ לתחום שנקבע כגיטו ניתנה שהות קצרה לשם חיסול ענייניהם ונדרשו לעבור לגיטו, שממנו מותר היה לצאת רק ברשיון מיוחד. הוקמה בגיטו מועצת־יהודים (יודנרט) וכן משטרה יהודית שהוטל עליה לשמור על הסדר, לבצע הוראות הגרמנים ולפקח על היציאה מתחום הגיטו. בשנת 1941 החלו להגיע לגיטו יהודים שנמלטו ממקומות אחרים שבהם נערכו „אקציות", דהיינו שילוח יהודים למחנות מוות. זה חיזק את השמועות שגם מסקארז'יסק יגורשו היהודים.

צו רדף צו. ובשנת ?194 נדרש היודנרט לספק 200 יהודים לעבודות ב„האסאג". לאחר התלבטויות פירסם היודנרט ברבים רשימת היהודים המיועדים לעבודה. בציבור נשתררה מורת־רוח וראו בבחירת האנשים אפלייה ברורה. אך ללא הועיל. כולם התייצבו לפני הגרמנים ונשלחו לעבודות קשות, בתנאים גרועים ותחת איומים מתמידים. קרוביהם התארגנו ודרשו להחליפם באחרים לאחר זמן־מה. אולם דרישתם זו לא נתמלאה.

בינתיים הגיעו ידיעות על השמדת קהילות יהודיות בסביבת סקארז'יסק, ובעיר קמה בהלה. יהודים מעטים חיפשו מחסה אצל מכריהם הנוצרים; יש שניסו להשיג תעודות אריות בכסף רב ויש שהתאמצו לשנות את חיצוניותם ולהידמות לגויים. העשירים מבין היהודים היו כמובן מוכנים לשלם כל מחיר ובלבד לזכות בזיק של הצלה.

לי שיחק מזל מיוחד: ממש ברגע האחרון הצליחו הורי להשיג על ידי קשרים טובים ותמורת סכום כסף ניכר מקום־עבודה בשבילי ב„זיאורק" — מפעל שהיה מחוץ לתחום הגיטו ואשר נחשב לנוח ובטוח. פרידתי מהורי היתה קורעת־לב. ים של דמעות זלגו מעיני וקולות הבכי הגיעו עד לב השמים. כולנו השתוקקנו למטרה אחת — להישאר בחיים.

חיש מהר נהפכתי למבוגר העומד ברשות עצמו, כפי שהדריכו אותי הורי. החלטתי בליבי לעשות הכל למען להציל את נפשי, כדי שאוכל לספר לעולם מה עוללו לנו הרוצחים הגרמנים.

ביום ??.??.--- עם שחר סיפרו אצלנו ב„זיאורק" כי הגיטו מוקף ז'נדרמים אוקראיניים ופלוגות ס.ס. גרמניות. היה זה סימן ברור שהאקציה החלה. מפי עדי ראייה שמעתי, כי כל היהודים נצטוו להתאסף במגרש הריק „דימנט" וכתוצאה מזה נתחוללה בהלה איומה בין היהודים. משהסתדרו בשורות לפי פקודה, עברו הגרמנים וסיווגו את היהודים לשני מחנות: האחד מיועד להשמדה והשני לעבודה בהאסאג. משפחות הופרדו באכזריות. גם אחי אברהם („אומה") ז"ל הופרד משום גילו הצעיר מן ההורים. בכי וצעקות מחרידות מילאו את כל הסביבה. הנותרים במגרש ראו כיצד מובלים ילדיהם, אחיהם, אחיותיהם והוריהם לתחנת הרכבת על ידי ז'נדרמים וס.ס. מזויינים בנשק אוטומטי, שזירזו אותם בלי הרף. בתחנה הכניסו הגרמנים בכוח ובמכות נוראות את הנידונים למוות לתוך קרונות הרכבת וסגרו אותם. מיד בקעו משם קולות־אימים של האומללים.

וכך הובלו יהודי עירנו למחנה המוות בטרבלינקה, שחלק גדול של יהודי פולין מצאו בו את מותם.

קבוצת פועלים־גויים מהמפעל בהאסאג הוחלפה בקבוצה של יהודים, וקבוצת יהודים מהאסאג הוצאה וצורפה ליהודים שגורשו

לטרבלינקה. היו אלה יהודים עייפים ורצוצים הן מבחינה גופנית הן מבחינה נפשית ומוסרית.

כעבור ימים אחדים נודע לי כי הורי נמצאים ב„וורקן א׳". לאושרי לא היה גבול. נדלק בי זיק של תקוה, אולי אראה את הורי.

ובינתיים נפוצה ב„זיאורק" שמועה שעומדים להעביר קבוצת עובדים משם ל„האסאג". הכל ראו בכך אסון, כאילו נשמט הקרקע מתחת רגליהם. ורק אני הייתי מאושר, שמא שוב אהיה יחד עם הורי. זאת היתה אז שאיפתי היחידה. נרשמתי מרצוני הטוב כמועמד ל„האסאג וורקן א׳". תוך ימים מספר הורכבה רשימה של כ־20 מועמדים, וז׳ינדרמים העבירו את הקבוצה ל„האסאג". שם נפגשתי שוב עם הורי. ההתרגשות היתה רבה. אבל את אחי אברהם ז"ל לא ראיתי עוד. הורי סיפרו לי על הסבל הרב שעבר עליהם. משפחתנו הצטמקה מאוד, משום שרבים ממנה נרצחו.

ב„האסאג" צירפו אותי למחלקת „כבישת רימונים". העבודה שם היתה מפרכת. לא פעם הנחיתו עלי מכות רצח והמוות ריחף מעלי כל הזמן. אולם תמיד שאבתי מהורי עידוד ותקווה למחר טוב יותר.

חלפו שנים. בלית־ברירה התרגלתי לעבודה הקשה ולתנאים הנוראים. לעתים נדמה היה שמצב זה יימשך לנצח.

בינתיים שככו נצחונותיו של היטלר בשדות הקרב וצבאו החל לסגת. מאורעות אלה שינו במידת־מה את האווירה במחנה. אף מפי גרמנים שמענו ברמז על נסיגת צבא־גרמניה מרוסיה וגם מפולין. לאחר שנים של יאוש, נתעוררה תשוקה לחיים. רבים היו בטוחים, כי לא רחוק היום שבו נחזה בתבוסת הגרמנים. במקביל לכך החל חיסול שיטתי של מפעל ה„האסאג" ושילוח יהודים לגרמניה. כל זה עורר בנו חששות וחרדה. בשל התפתחות זו נאלצתי שוב להיפרד מאמי ויחד עם אבי נשלחנו למחנה בוכנוולד ואמי ללייפציג. כאשר שהינו במחנה „ריימסדורף", חלה אבי פתאום. החזירו אותו למחנה בוכנוולד, ומאז לא ראיתיו.

שוב נשארתי בודד וחי במצוקה. יום ולילה חשבתי על מוצא.

והנה החלטתי לברוח מן המחנה. עוד אני מתכנן מתי, איך ולאן, הופיע לפני פתאום בחור שהכרתיו זה ימים אחדים. הוא סיפר לי שמתכנן בריחה והציע לי להצטרף אליו. לא היססתי הרבה והסכמתי לתוכנית. קבענו לעצמנו מועד לבריחה, בלילה, שעה שמטוסי בנות־הברית באים „לבקר" את האיזור ולהטיל את פצצותיהם. המחנה שלנו היה בתוך יער עבות, דבר אשר הכביד על האמריקנים למצוא את המטרות להפצצה. מחוגי השעון נעו בקיצבם הרגיל. הלילה דמה לנצח. מרחוק נשמע טרטורם של המטוסים המתקרבים לעבר המחנה. לפתע נשמעה צפירת אזעקה, היא היא אות לבריחתנו. קולות הנפץ סייעו לנו להתחמק משומרי המחנה. חיש מהר מצאנו את עצמנו ביער שמחוץ למחנה. הופתעתי מאוד כאשר נודע לי ששותפי לבריחה הוא „ארי" ושגם אותי חשב ל„ארי". משמע שבזכות קלסתר פני וראשי המגולח דומה אני ל„ארי", אצליח איפוא הודות לכך להסתתר מפני האויבים הרבים שאורבים לי. לאחר היסוסים מרובים גיליתי לשותפי את זהותי האמיתית ובחנתי את תגובותיו. לאושרי גילה הבחור יחס חיובי, והרגשתי כאילו אבן כבדה נגולה מליבי. קיבלתי ממנו שיעורי־הדרכה כיצד עלי לנהוג כגוי: ביום א׳ בכנסייה, מתי כורעים ברך, כיצד מצטלבים, מה עושים בשעת כניסתו של הכומר לכנסייה וכדומה.

המשכנו ללכת וכעבור ימים אחדים הגענו לעיר הצ׳כית מארינגברג. שיחק לנו המזל ומצאנו עבודה אצל איכר צ׳כי. במקום הזה נשארתי עד גמר המלחמה. בכל אותה תקופה הופעתי כ„ארי" לכל דבר. ביחסי לאיכר השתמשתי בכל מיני תחבולות ותכסיסים כדי להוליך אותו שולל, כיוון שלא היה בידי כל מיסמך שיעיד על מוצאי הפולני־נוצרי. הסכנות היו מרובות ואני חייב הייתי לעמוד על המשמר ול„שחק" את תפקידי הקשה והמסובך, כי אסור היה לי להיכשל אפילו פעם אחת. חברי עזר לי בהרבה. הוא הופיע במקומי ובשמי לפני השלטונות. הדבר נתאפשר משום שבחיצוניותו הוא היה דומה לי במקצת. כל הזמן לא הבחנתי בכל חשד מצד האיכר, ומזה שאבתי עידוד רב.

באחד הימים בא האיכר לחדרי ובישר לי כי המלחמה קרובה לסיומה וכי רוצה הוא לדעת, איך אנהג בו אחרי המלחמה. הוא דרש ממני שאחתום על הצהרה, כי אין לי כל תביעות וכי התנהגותו אלי היתה טובה. עכשיו לא נשאר בי שום ספק שהקץ אמנם קרוב. מרוב התרגשות ברחתי מחדרי אל הרחובות, אולי אשמע שם ידיעה מרנינה — אך לשוא.

אחרי ימים אחדים החלו הגרמנים לפנות את העיר ובמקומם באו הסובייטים. לא היה גבול לשמחתי, לאחר שנים כה רבות של צער ויסורים. ברחובות הופיעו מודעות גדולות על הכניעה הגרמנית. נשתררה בי שלוות־נפש, התרוממות־רוח והרגשת חירות אמיתית. היה זה חג גדול בשבילי. ולפתע תקף אותי רגש של בדידות איומה. היה צורך בכוח נפשי רב, כדי לעמוד בפני מציאות חדשה. פני העיר נשתנו מיום ליום. החלה נהירה של פליטים, כל אחד פנה לכיוון אחר. ואז באה הפרידה מחברי. נשארתי שוב יחידי ונאלצתי לנהל את מלחמת הקיום לבדי. לבטי היו רבים, מה עלי לעשות ולאן עלי לפנות. לבסוף החלטתי לחזור איכשהו לעיר מולדתי ולחפש קרובים שניצלו. עברו עלי תלאות רבות עד הגיעי גבול פולין. ביום 15.5.1945 דרכו רגלי שוב על אדמת עירי סקארז׳יסק. הידיעה על בואי פשטה חיש־מהר. פרצתי בבכי מרוב אושר, כאשר נודע לי שאמי בחיים. יחד עם זה דאב לבי על אובדן אבי, אחי וכל יקירינו.

האנטישמיות נתנה את אותותיה בסקארז׳יסק. בפעם הראשונה בחיי נתעוררה בי השאיפה לעלות לארץ ישראל. רצוני זה גבר מיום ליום עד שמצאתי קשר לקיבוץ שבעיר קלץ, אשר ריכז בני־נוער והכשיר אותם לעלייה. ימי שהותי בקיבוץ חרותים עמוק בזכרוני והם גם הטביעו חותמם על חיי העתידים. היתה זו תקופת התעוררות של בחורים ובחורות אשר שאפו להכשיר עצמם לחיי עבודה ושיתוף בארץ.

למחרת הטבח האכזרי בניצולי עירנו החלטתי לעזוב מיד את המקום. נפרדתי מאמי ונדרתי נדר שלעולם לא תדרוך עוד כף רגלי על אדמת פולין. אמי נשארה עוד זמן־מה לשם סידורים ואחר כך הצטרפה אלי בתחנת־הבנים (בגרמניה). עם גלי העלייה של שרידי השואה עלינו ארצה בשנת 1949. לאחר תקופה של חבלי קליטה, הסתגלתי לתנאי הארץ והשתלבתי בחיים החברתיים כאן. על אף שנים של משבר החלטתי החלטה נחושה, כי לא אנדוד עוד וכי כאן מקומי. פה בארץ אבות עלי לחיות, לבנות את הארץ ולדאוג לקיומה.

בשנות החמישים הראשונות החלו יוצאי סקארז׳יסק להתארגן ונוצר מגע הדוק בין הוותיקים לבין העולים החדשים. וכבר בשנת 1952 הוקם ארגון יוצאי עירנו, שהרוח החיה בו הוא מר אלעזר לוין, אשר ממשיך לפעול עד עצם הימים האלה.

יודע אני שכל אחד מאתנו מעריך את ארגוננו שפעולותיו רבות. אחת המשימות הקרובות שהארגון נטל על עצמו לבצעה היא הוצאה־לאור של ספר־יזכור, אשר יתאר את שואת יהודי סקארז׳יסק ואת מעשי־התועבה של הגרמנים כלפינו.

ברשותם האדיבה של עורכי הספר אני מנציח בזה את זכרם של אבי, יצחק אורץ׳, של אחי אברהם, של סבי נחום ינקלביץ וסבתי לאה, ושל כל קרובי לבית־אבי וגם לבית־אמי.

יהי זכרם ברוך!

דברים שנאמרו מפי מר יוסף ארד (אייזנברג) בעצרת זכרון ה־30 לקדושי עירנו

גבירותי ורבותי בני עירי!

התאספנו כאן לעצרת זכרון ה־30 לקדושי עירנו.

30 שנה חלפו מאז אותו היום הטראגי יום השמיני עצרת של שנת 1942.

חג שמיני עצרת שהוא לאורך כל ההיסטוריה שלנו חג של שמחה — זמן שמחתנו — נהפך על ידי הרוצחים הנאצים הגרמנים ועוזריהם ליום איום ונורא, מפני שבאותו יום הובילו את יהודי סקארז׳יסקו על זיקנם וטפם למחנות ההשמדה לחנק ולשריפה.

יום זה, הותיר לנו, שארית הפליטה, צער וכאב בל ישוער לדורות.

ואף־על־פי שעברו 30 שנה אנו בוכים מרה כאילו זה קרה רק אתמול.

כאשר מת אדם מוות טבעי, נחשבים לפי המסורת שלנו 30 יום כימי אבל לקרובי משפחת הנפטר, כי כולנו בני תמותה ועל המת להישכח מהלב.

לא כן כשמדובר בקדושי השואה ובני עירנו בתוכם. הרי כאן נטבחו, נחנקו ונשרפו בשיטות אכזריות שהמין האנושי לא ידע כמותן מעולם. יהודים חפים מפשע על ידי הגרמנים הנאצים ועוזריהם צמאי דם.

ועל מוות כזה שבא מידי אדם אין שיכחה אנו לא נשכח לעולם ואף לא נרשה להשכיח את שעשו בנו הנאצים.

עומדים נגד עינינו במלוא הטרגיות, אמותינו, אבותינו, אחיותינו, אחינו, בנותינו ובנינו, ידידינו וחברינו כל עדת בני סקארז׳יסקו.

נכבד את זכרם בדומיה של יגון, כאב וצער אין קץ.
על הקהל לקום לדקה של דומיה.



פרייליך שמואל בן יצחק וסלה נולד ב־19.12.1927 בראדום אשר בפולין. בשנת 1936 עברו הוריו לסקרז׳יסקו. הוריו נספו בשואה ואחיו התפזרו ברחבי רוסיה. שמואל נשאר במחנה כפייה. בשנת 1947 אחרי שעבר את כל המחנות הגיע עם האניה לטרון לקיבוץ אפיקים. שהות לא היתה לו להתערות בקרקע המולדת והמלחמה התקרבה לשערי העמק, וכך יצא שמואל לעמדת שמירה לקיבוץ שער הגולן ושם נפל בהתקפה משוריינת של הסורים ב־15.5.1948 ביום הכרזת המדינה. נשארו לו שני אחים ברטי בחיפה וכן אח בקנדה.

דאָס שטעטל פֿאַרן חורבן

הקדמה

אליעזר לעווין

זכור את אשר עשה לך עמלק

שוין דרייסיק יאָר זענען אַוועק זינט די מוראדיקע קאַטאַסטראָפע. האָט ווי אַ העליש פייער אַרומגעכאַפּט אונדזער שטאָט סקאַרזשיסקאָ־קאַמיעננאַ. אַ שוידערלעכע שחיטה וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער מאַרטירער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, דורכגעפירט דורך די היטלעריסטישע באַנדעס, צוזאַמען מיט די פוילישע, אוקריינישע, ליטווישע מיטהעלפער.

30 יאָר זענען אַריבער און עס איז שוין אַפילו קיין זכר נישט געבליבן פון דער יידישער קהילה אין אונדזער שטאָט. יעדער שפּאַן דאָרט איז אָנגעטרונקען מיט יידיש בלוט, פון אונדזערע נאָענטע און טייערסטע. אויף די ריזיקע מאַסן־קברים אין האַסאַג־ווערק, וואַקסן שוין ווילדע גראָזן, וועלכע פאַרדעקן און פאַרווישן די שוידערלעכע פאַרברעכנס, עס ווערט פאַרגעסן אונדזער קהילה סקאַרזשיסקאָ וואָס האָט אַמאָל געבליט מיט יידיש לעבן.

זכור אל תשכח

דאָס דאָזיקע יזכור־בוך נויטיקט זיך אפשר נישט אין קיין הקדמות, דאָס איז דאָך אונדזער איינציקע מצבה וואָס מיר קענען שטעלן אונדזערע קדושים, וואָס האָבן אויסגעטרונקען דעם כוס התרעלה פון היטלעריזם ביזן דנאָ.

כל זמן עס זענען נאָך פאַרבליבן לעבעדיקע עדות איז אונדזער הייליקער חוב געווען אויפצוזאַמלען אַלע מעגליכע מאַטעריאַלן און דערציילן אַלץ וואָס מיר געדענקען וועגן אונדזער שטאָט סקאַרזשיסק.

דאָס מאַטעריאַל איז געזאַמלט געוואָרן דורך איינצעלנע, געציילטע, וועלכע האָבן זיך פון מתים־קבר אַרויסגעדראַפּעט און איינגעזאַפּט אין זייערע גלידער דעם גורל פון יענע פינצטערע טעג, צוגעהערט זיך אין דער שטיל צום כאָכלען פון אונדזערע גוסנדיקע ברודער, אין זייערע לעצטע מינוטן. מיר זענען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, נישט קיין היסטאָריקער. מיר ווייסן אָבער פון יענע אויפטרייסנדיקע יסורים פון דעם שוידערלעכן אומקום, וואָס עפנט אונדזערע ליפּן און מאַכן זיי רעדעוודיק. יעדע אונדזערע פאַרצייכענונג דרוקט אויס אונדזער צער־געפיל. דערפאַר האָט יעדע שורה, יעדע דערינערונג איר אָרט אין ווערט אין דאָזיקן יזכור־בוך. מעגלעך אַז עס טרעפן זיך איבערחזערונגען. ווער דערציילט דאָס זעלבע וואָס אַ צווייטער האָט דערציילט, דאָך דערגענצט איינער דעם צווייטן און עס שאַפט זיך איין בילד, פון דעם וואָס עס איז געשען און ווי גרויס עס איז אונדזער אומגליק.

די וואָס זענען זוכה געווען אָפּגעראַטעוועט צו ווערן פון דער גרויסער שרפה, מוזן שטענדיק האָבן פאַר די אויגן דעם אוראַלטן געבאָט, וואָס איז געבליבן פאַר אונדז אויסגעקריצט מיט אותיות פון פייער און בלוט: — זכור את אשר עשה לך עמלק: דער עמלק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיט געבויגענע קעפּ און פאַרבראָכענע הענט שטייען מיר ביי דער מצבה פון אונדזער אומגעקומענע יידישע קהילה אין סקאַרזשיסק. מיר פאַרייניקן זיך מיט דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזערע קדושים.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

זאָל דאָס יזכור בוך זיין אַ שטענדיקע דערמאָנונג לדור דורות, אַ דאָקומענט פון דעם וואָס עס איז שוין מער נישטאָ, זאָל דאָס געשריי וואָס שרייט אַרויס פון דאָזיקן בוך נישט אויפהערן צו מאָנען ביז דור דורות.

סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענני

די שטאָט ליגט אין טאָל פון קאַמיענני טייך, צפונדיק פון די שוויענטאָקזשיסקער בערג אין דער הויך פון 230—250 מעטער איבערן ים, אין אַ מרחק פון 42 קל״מ צפונדיק פון קיעלץ און איז אַ וויכטיקער באַן פּונקט אויף דער טעראַסע וואַרשע—קראָקע און ראָדוש—צוזמיר (סאַנדאָמיעזש).

די געגנט וואָס איז די שטאָט סקאַרזשיסק, האָט אין משך פון יאָרהונדערט געבליט מיט אַן אַקטיוון לעבן. דאָרט זענען געווען די דערפער: קאַמיעננאַ, מיליצע, פּאַסאַדע, כלאָדזאָוו, ראַיאָוו און בזשין צוזאַמען מיט נאָענט ליגנדיקע דערפער סקאַרזשיסקאָ־קאָשטשעלני און סקאַרזשיסקאָ־קושאָנזשענצי האָט אַמאָל געהערט צו דעם וואַנכאַצקי־אָרדן און אַ טייל צו ד׳ פירשטן שידלאָוויצקי, דערנאָך צו די ראַדזיוווילס. דערפאַר; סק. קאָשטשעלני (קירכע) און סק. קושאָנזשענצי (פירשטנטום).

אין אָנהייב האָט אַ גאָר וויכטיקע ראָל געשפּילט בזשין, ווו שוין אין 1440 איז געווען אַן אייזן־גראָבן און אַ גיסעריי. בערך אין יאָר 1754 האָט מען אויפגעבויט אַ גרויסן מאַרטען־אויוון, דערנעבן צוויי גיסערייען. נאָך צוויי גיסערייען (פרישערקעס) האָט מען אויפגעבויט אין דאָרף קאַמיענני. נאָכן איבערנעמען די צוויי דערפער דורכן „אוצר פון פוילישן קעניגטום״ זענען די אונטערנעמונגען אין 1818 פונאַנדערגעבויט געוואָרן. מ׳האָט אויפגעבויט אַ וואַסערדאַמבע צו פאַרשטאַרקן דעם פלוס פון טייך קאַמיעננע. בזשין האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעריקט אויף דעם ערשטן אָרט מיט איר באַןסטאַנציע וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1885

ערשט אין 1907 נאָכן אויפבויען די מאָדערנע שטאָל־גיסעריי א.נ. וויטוויצקי און אַן אַקציע געזעלשאַפט „סקאַרזשיסקאָ״, האָט אָט דער נאָמען אַרומגענומען אַלע אַרומיקע דערפער.

אין 1921 האָט די שטאָט געציילט 8163 תושבים, 1931 — 14320, 1939 — 18200. די רעכט פון אַ שטאָט האָט סקאַרזשיסק באַקומען אין 1921. די ראַשיקע אַנטוויקלונג האָט סקאַרזשיסק צו פאַרדאַנקען די אויסגעברייטערטער פאַבריק פון קריג־אינדוסטריע.

אין סקאַרזשיסק איז געווען אַ שטאַרק אַנטוויקלטע אַרבעטערבאַוועגונג. שוין אין 1905 זענען פאָרגעקומען אַרבעטער שטרייקן. אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע, האָבן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער געפירט אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן קאַמף קעגן אָקופּאַנט, צ״א איז אין 1942 אויפגעריסן געוואָרן אַ באַן מיט געווער דורך די פּאַרטיזאַנער.

אונדזער שטעטל סקאַרזשיסק

אליעזר לעווין

ב ז ש י ן

(צו דער געשיכטע פון סקאַרזשיסק)

בזשין וואָס איז געלעגן אויפן טראַקט וואַרשע־קראָקע, איז געווען אַ קליינער יידישער יישוב נאָך פאַר סקאַרזשיסק. ערשט שפּעטער ווען די שטאָט האָט זיך אַנטוויקלט, איז בזשין געוואָרן אַ טייל פון איר.

בזשין איז געווען אַזאַ קליין דאָרף, אַז ס'איז אפילו קיין מנין נישט געווען. אויף שבת זענען געקומען יידן פון די אַרומיקע דערפער: מיליצע, פּאָגזשאַלע, סקאַרזשיסק א"א, כדי צו דאַווענען מיט אַ מנין.

די זענען די ערשטע וואָס האָבן זיך באַזעצט אין בזשין:

1) אברהם יצחק בריקס מיט זיינע קינדער: שמואל, שלמה, ביילע און נאָך אַ שוועסטער.

2) אליהו בריקס מיט קינדער: טוביה, לייבל, משה, שמואל, ירחמיאל, פּערעלע (פון מאַן אייזנבערג)

3) נתן דוד פעלדמאַן

ישראל זילבערפאָדעם, ווייב רייזעלע, טאָכטער מינע (אין ישראל).

5) שלום שלאַק, זון שבתאי.

6) אברהם הערש ליבערבוים: זין שמואל און משה.

7) משהלע בריקס: ווייב — גאָלדע, זון אשר, ווייב עטע. זון אייזיק, ווייב פריידע.

8) זון יוסעלע, טאָכטער דינה מיט איר מאַן. טאָכטער הדס מיט איר מאַן משה לאַקס (אין ישראל).

9) יעקב גוטמאַן מיט ווייב און קינדער.

10) אברהם חיים צוקער מיט זון שמואל און זעליק.

11) חיים שיפמאַן (געהאַנדלט אין די דערפער).

די ערשטע וואָס האָבן זיך באַזעצט אין סקאַרזשיסק

דער רוב פון די וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער נייער שטאָט, זענען אַריבערגעקומען פון די אַרומיקע ישובים: בזשין, סוכעדניאָוו, שידלאָווצע א"א.

קאָפּל ליבערבוים (געהאַנדלט מיט פיש, אויף פסח געבאַקן מצות).

בערעלע פעלדמאַן (אַ בעקער. דער פאָטער פון יוסעלע פעלד־מאַן).

ירחמיאל פעלדמאַן — דער קליינער. (דער פאָטער פון גביר מענדל פעלדמאַן).

שמשון שיפמאַן (געהאַט אַ שפּייז־געוועלבל).

מענדל שיפמאַן (אַ בעקער).

חיים שיפמאַן (פון בזשין, געהאַנדלט אין די דערפער).

גצעל מרגלית (געהאַט אין פאַכט אַ מיל).

הערצקע שוחט (דער ערשטער שוחט אין שטאָט).

הרב שלום אריה ראַבינאָוויטש (געשטאַמט פון ייד הקדוש, געלעבט אין דחקות, געוווינט אין אַ צעבראָכן הייזל נעבן אַלטן בית המדרש. ווייל ס'איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין קהילה. (נפטר געוואָרן 1926).

ישראל יעקב ראָנטשקע (פון די ערשטע חברה קדישא מענטשן, געפירט די נפטרים קיין סוכעדניאָוו, אָדער קיין שי־דלאָווצע). אַ קאַמאַשן מאַכער.

לייביש פעלדמאַן, מיט זיין ווייב צירל.

מאָטי בלומאַן ־ קיידאַנאָווער (דער מורה הוראה אין שטעטל).

בערל פעלדמאַן (שמש אין בית המדרש, נאָכן ערשטן שמש „יוקל שמש".

מסחר און מלאכה אין סקאַרזשיסק

די שטאָט סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענאַ איז געווען איינע פון די יינגסטע שטעט אין פּוילן. מען האָט זי אַזוי גערופן צוליב דעם טייכל, ביי וועלכן זי האָט זיך געפונען. זי ליגט צווישן די שטעט שידלאָווצע און ראַדאָם פון איין זיין און סוכעדניעוו און קיעלץ פון דער צווייטער זייט.

די ערשטע יידן אין סקאַרזשיסק האָבן געשטאַמט פונעם דאָרף בזשין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער שטאָט. אינעם דאָזיקן דאָרף האָבן זיך באַזעצט די משפחות פון משה בריקס, גוטמאַן א"א. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער באַן־קאָמוניקאַציע און מיט דער וואָס אַמאָל מער וואַקסנדיקער באַדייטונג פון דער סקאַרזשיסקער קניפּ־באַן־סטאַציע האָבן זיך באַזעצט אין שטעטל יידן פון די אַרומיקע יידישע יישובים, מערסטנטייל פון שידלאָווצע און סוכעדניוו. די איינוואַנדערונג האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע אַמוניציע־פאַבריק („די וויטוואָרניע") און עס זענען באַדייטנדיק פאַרגרעסערט און פאַר־ברייטערט געוואָרן די באַן־דעפּאָס.

פון די ערשטע יידישע איינוווינער אין שטאָט איז כדאי צו דערמאָנען: קאָפּל ליבערבוים, וועלכער האָט אַ גאַנצן יאָר גע־האַנדלט מיט פיש און אויף פסח געבאַקן מצות. דער בעקער בערעלע פעלדמאַן (דעם פאָטער פון יוסף פעלדמאַן), ירחמיאל פעלדמאַן (דעם פאָטער פונעם גביר און אייגנטימער פון אַן אייזנגיסעריי־פאַבריק מענדל פעלדמאַן), דעם בעקער מענדל שיפּ־מאַן און דעם דאָרפס־גייער חיים שיפמאַן, וועלכער האָט געוווינט אין בזשין.

די ערשטע יידישע געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געעפנט אין סקאַרזשיסק זענען געווען: אַ שיך־געוועלב פון משה ראָזענ־בערג (געגר' אין יאָר 1905), אַ קאָלאָניאַל־געשעפט פון געצל ראָ־זענבערג (געגר' אין יאָר 1907), אַ שניט־קראָם (מאַנופאַקטור) פון שמואל שאַרליט. די ערשטע שניידערס אין שטאָט זענען געווען די ברידער פראָנט און די ערשטע שוסטערס די ברידער לערמאַן.

דער ערשטע רב פון דער סקאַרזשיסקער קהילה איז געווען הרב שלום אריה ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט געצויגן זיין ייחוס פון ייד הקדוש, און וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1926. דער ערשטער מורה הוראה איז געווען מאָטע קאַדאַנאָווער־בלומאַן און דער ערשטער שמש און קברן איז געווען יאָקל. נאָך זיין טויט איז געוואָרן שמש בערעלע פעלדמאַן.

דער פּערסאָנאַל פון דער באַן־סטאַציע און ווערקשטעלן האָט באַקומען פון דער רעגירונג פּאַרצעלירטע פּלעצער אויפן טראַקט, וואָס האָט געפירט צום דאָרף סקאַרזשיסקאָ־קאָשציעלנע, ווו אויפן אָרט פון אויסגעהאַקטע וועלדער, האָבן זיי אויפגעשטעלט אייגענע הייזקעס. צוליב דער דאָזיקער גרויסער בוי־אַקציע האָט זיך אַנט־וויקלט די יידישע פירמע „ביטער און קינדער", וועלכע האָט צוגעשטעלט די נייע איינוווינער אַלע זייערע געברויכן, פון בוי־מאַטעריאַלן ביז מעבל, ניקעלנע בעטן און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן

און איז געוואָרן אין משך פון דער צייט איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין שטאָט. אין יסוד פון איר ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט איז געלעגן דער געלונגענער געדאַנק צו דערמעגלעכן דעם קליענט צו קאָנצענטרירן אַלע זיינע איינקויפונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט אויף ראַטעס, אויף איין פּלאַץ. עס זענען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן גאַנצע וווינונגס־בלאָקן פאַר די אינזשע־נירן און פאַכמענער פון דער אַמוניציע־פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אויפן וועג וואָס האָט געפירט קיין סוכעדניעוו און וואַנ־כאָצק און אירע בנינים, — אין גרעסטן טייל גוט פאַרמאַס־קירטע, — האָבן זיך געצויגן אויף אַ ריזיקן שטח, ביזן דאָרף מלאָדזאַווי. יידן האָט מען דאָ נישט צוגעלאָזט אַרבעטן, זיי זענען אָבער געווען די צושטעלער פון די סחורות פון טאָג־טעגלעכן געברויך פאַר די אַרבעטער און אָנגעשטעלטער פון די פאַבריק. דער מסחר אין שטאָט איז כמעט געלעגן אין יידישע הענט: קאָנפעקציע, מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע, שיך, עלעקטרישע זאַכן, מעבל, טאַפּיצירייי און אין 80 פּראָצענט געפירט געוואָרן אויפן אויסצאָל אין חודש־וועקסלען, וועלכע זענען געצאָלט געוואָרן יעדן 1 און 15־טן.

ווי אַזוי די קריסטלעכע באַפעלקערונג און אַפילו די מלוכהשע אונטערנעמונגען זענען געווען אָפּהענגיק פונעם יידישן סוחר און בעל־מלאכה קען דינען דער פאָלגנדיקער פאַקט. ווען אין יאָר 1935 איז געשטאָרבן דער מאַרשאַל פילסודסקי, האָט מען באַ־שלאָסן צו פירן דעם וואַגאָן מיט זיין קערפּער מיט דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז בשעתו אַוועק מיט דער ערשטער בריגאַדע פון זיינע לעגיאָנען צום קאַמף. דער דאָזיקער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געפונען אין די סקאַרזשיסקער באַן־דעפּאָ. דעקאָרירט אים און צוגעגרייט אויסגעבעטע בענק אין פינף קליינע וואַגאָ־נעטקעס, וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן פאָרויס און קאָנטראָלירן די באַן־רעלסן, האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, האָט ביי דעם געאַרבעט 5 טעג אַלס ערשטער טאַפּיצירער פון שטאָט.

סקאַרזשיסק איז געווען צעטיילט דורך דער באַן־סטאַציע אויף צוויי טיילן, און פאַראייניקט דורך אַן אייזערנער בריק, וועלכע האָט זיך געצויגן איבער די באַן־שינעס. אין טייל האָט זיך אָנגעהויבן פונעם וואָקזאַל און געצויגן זיך מיט דער איל־זשעצקער גאַס און דער צווייטער טייל פון דער קאָלעיאָווקע. אויף דער דאָזיקער גאַס האָט זיך געפונען דער כשרער רעסטאָראַן פון ר׳ הערשל ערליכמאַן. ווען אַן אַדורכפאָרנדיקער ייד האָט געדאַרפט בייטן די באַן און וואַרטן אַ לענגערע צייט, האָט ער געקענט דאָ אָפּעסן און אָפּרוען זיך אָדער נעכטיקן, אין איינעם פון זייערע צימערלעך. אין יאָר 1933 איז ר׳ הערשל ערליכמאַן עולה געווען מיט זיין פרוי קיין ארץ־ישראל צו זייער זון. אויך האָט זיך דאָ געפונען אַ מער מאָדערנער האָטעל פון דער פאַמיליע פרידמאַן, ווו עס זענען איינגעשטאַנען פאַרשידענע סוחרים, וועלכע האָבן געהאַט געשעפטלעכע באַציונגען מיט דער סקאַרזשיסקער. פרידמאַן איז געווען דער ערשטער קרבן אין שטאָט, ווען מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשע חיילות אין יאָר 1939 איז ער דער־מאָרדעט געוואָרן דורך אַ פאָלקס־דויטש, וועלכער האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט צוליב אַ סיכסוך נאָך פון אומאָפּהענגיקן פוילן. אויף דער קאָלעיאָווער גאַס האָט אויך געוווינט לייבישל יוסל פעלדמאַן, פון די עלטסטע בעלי־בתים פון שטאָט, וועלכן מען האָט גערופן „דער יידישער וואָיט״. ער האָט געשריבן פּאָדאַניעס (ביטעס) צו מלוכהשע אינסטאַנצן און זיך פאַרנומען מיט קהלישע ענינים.

אויף דער אילזשעצקער גאַס האָט זיך געפונען דער מאַגיסטראַט און די „אובעזפּיעטשאַלניע ספּאָלעטשנאַ״ (קראַנקן־קאַסע). דאָ איז געשטאַנען דער טאַרטאַק פון משה זילבערמאַן, איינעם פון די בכבודיקסטע יידן אין שטאָט.

דער יידישער האַנדל און מלאכה האָט זיך אָבער קאָנצעטרירט אויף דריי גאַסן: אויף דריטער מאַי גאַס, (פּילסודסקיעגאָ) און סטאַשיצאַ. סקאַרזשיסק איז בדרך כלל געווען אַ פּרנסה שטאָט, אָבער עס זענען געווען קליינהענדלער און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן זיך געמוטשעט און שווער געהאָרעוועט, כדי מקיים זיין זייערע משפחות. אייגנטימער פון קאָנפעקציע־ און שפּייז־קלייט־לעך, פון גאַלאַנטעריע־ביידלעך זענען געלאָפן זוכן גמילת־חסד, ווען זיי האָבן געדאַרפט צאָלן אַ וועקסל אָדער אַ חוב, געבאָרגט ביי בערלען כדי אָפּצוגעבן שמערלען, געליען אַ פּאָר זלאָטעס פון אין דער פרי ביז פאַרנאַכט, אַפילו אויף עטלעכע שעה און אַזוי געדרייט דאָס רעדל ביזן טרויעריקן סוף..״. אין מיין רשימה, וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט לויטן זכרון האָב איך אַריינגענומען אַלע סוחרים און האַנטווערקער, גרויסע און קליינע, כדי צו געבן אַן אויספירלעכן בילד פון יידישן האַנדל און מלאכה אין אונדזער שטאָט.

אייזן־געשעפט

נתן קאַגאַן — אייזן־געשעפט
מאיר שיער „ „
נחום לונדין „ „

האָלץ־בראַנזשע

טוביה בריקס
יצחק קאָכאַן
אברהם קאָכאַן
פנחס שיפמאַן
וועלוול ראָזענצווייג

פאַרשידענע

געצל ראָזנבערג — צייטונגען
חיים גינזבורג — שענק
יידל טענענבוים — בראָנפן
יעקב וואָלפאָוויטש — סאָדע־וואַסער
מאיר קאָפּלס — פישער
יואל אייזנבערג — נעפט
קורלענדער — קאַמאַשן־שטעפּער

שפּייז־קראָמען און קאָלאָניאַל־געשעפטן

געצל ראָזענבערג
שמואל בריקס (הורט־געשעפט)
אברהם מרדכי פּאָזנאַנסקי
ישראל דימאַנט
יוסף פוטערמאַן
נתן יונה ליבערבוים
מיכאל יונה)
יעקב גינזבערג
לאה (ישראלס) זילבערשטיין
גאָדל בריקס
מרדכי דוד פּערל
לאה (די גלעזערין)
חיים שיפמאַן
פישל אייזנמאַן
פּייוול חנא רחלעס
לייבוש צעלינסקי
אסתר צוקער
רבקה וויצנהענדלער

הורט־סוחרים פון מעל און צוקער

הענדל פעלדמאַן
מענדל וויצנהענדלער
שבתאי פּערל
שמואל פעלדמאַן

בעקערס

חיים הירש וואַרשאַווער
זעליק וואַרשאַווער
יעקב וואַרשאַווער
יהודה לייב וואַרשאַווער

קאָנפעקציע־בראַנזשע

איטשע וואַרשאַווער
אבא פּראַצאָווניק
מאיר גאָלדמינץ
יהושע מענדל טרופּער
הערשל וואָלאָווסקי
אשר עליאַשעוויטש
ברידער עליאַשעוויטש
פיניע עליאַשעוויטש

קאָנפעקציע און מאַנופאַקטור

לייבל רובינשטיין

יחיאל גינזבערג
משה צוקער (היטל און מאַנופ.)

מאַנופאַקטור

שמואל שאַרליט
מענדעלע פעלדמאַן
חיים לייב דאַנציגער
יהושע ווייסבראָט
יחיאל (נחומס) פעלדמאַן
ישראל וואַלף יוסטמאַן
עטקע צוקער
יחיאל האַלפערן
שמואל זאַך (אויך שיך)
חיים ליבערמאַן

גאַלאַנטעריע

הערשל מוזיקאַנט
ירחמיאל פעלדמאַן
משה בריקס
דוד שערמאַן („ס'געלע דודל")
באַלשטע לאַנדאַו
הערשעלע זאַגנאַנסקי

שיך־געשעפטן

משה ראָזענבערג
הערשל יאַנקעלעוויטש
אהרן בינשטאָק
חיים בראַניאַווסקי
הערשל מוזיקאַנט
משה נתן קאָרנבלום
רפאל ווינטרויב

לעדער סוחרים

לייזער ליבערמאַן

אייזן געשעפטן און בוי־מאַטעריאַלן

משה ביטער און קינדער
יעקב פיינגאָלד
דוד לערמאַן

סטאָלער

גאָדל ווייצנהענדלער
משה גראָסמאַן
יעקב פראַנט
נחום מוזיקאַנט
מאיר ראָזמאַרין
משה באַקלאַרסקי
מאַניעק ערליכמאַן

בלעכער

איטשע שאַרפשטיין
שאַפערשטיין
אייזיק הערשנפוס
יענקל פעלדבערג
פנחס זלאַטאָוויטש

קאָנפעקציע מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריע

יחיאל כמיעלניצקי — קאָנפעקציע
וועסטער — מאַנופאַקטור
שלמה ווילאַגע — גאַלאַנטעריע

שפייז־געשעפטן

זעליג ווינריב מיט קינדער — הורט פון מעל, צוקער און שפייזוואַרג
משה אפרים ווייצנהענדלער
יחזקאל הירשנפוס
רבקה ווייצנהענדלער

מעבל־געשעפטן

פנחס פעלדמאַן
נחום מוזיקאַנט
שמואל פרידמאַן
אפרים שאַפירשטיין

שיך־געשעפטן

חיה ביטער
לאַניא וואַלהענדלער
יצחק אוראַטש

קאָמאַשן־שטעפער

יעקב קריס
שמואל בריקס
ירחמיאל בריקס
אברהם יעקב ראָנטשקע

בעקערס

אברהם וואָלאָווסקי
הערשל וויקאָנסקי
חיים הירש וואַרשאַווער
זעליג וואַרשעווער
יעקב וואַרשעווער
יהודה לייב וואַרשאַווער

קצבים

הערשל שיפּמאַן
קלמן רובינשטיין
חונה רובינשטיין
נחום מורה
זעליג רובינשטיין
רבקה־לאה פעלדמאַן
נטע וואַסערשטיין
יעקב באָומשטיין
שמואלקע צוקער
אברהמעלע שטיינבערג
ירחמיאל שיפּמאַן
דוד (שיעס) גוטמאַן
אהרן צוקער

שניידער

אברהם וואָלאָווסקי
הערשל וואָלאָווסקי
איטשע ראָזענצווייג
יוסל לערמאַן
עוזר ווייסמאַן
יחיאל ווייסמאַן (דריינאָדל)
דוד ליבערמאַן־קאַפּוסטע

שוסטערס

שלום לערמאַן (די ברידער לערמאַן)
יעקב משה אייזנבערג
דער אַלטער כהן
פישל שטיינבערג
ישראל איטשע יאַנקעלעוויטש
נחום יאַנקעלעוויטש (זיין פאָטער)
משה זילבלינער
ישראל יצחק גוטמאַן
סענדער קאַפּעניו העכט
אביגדור שוסטער
גיל שוסטער
יאַסקע האַראַביטער
הערשל מענדל וויאַטראַק
וועלוול קורצבאַרד

סטאָלער

שלמה בריקס
ראובן ווינטרויב
שמואל פיינגאָלד
משה פיינגאָלד

שניידער

סענדער שניידער מיט זיינע זין
פסח שניידער מיט זיינע זין
נטע כץ
פריליך
די ברידער פישל יעקב און משה יאַסקאָוויטש
אליעזר פּאַווליאַק
הערשל קושערמאַן
זלמן פעלדמאַן
יוזשעק וואַקסבערג
מאַניעק פעלדמאַן
הערשל וויקינסקער

פאַרשיידענע געשעפטן

ירחמיאל אַפּעל — יוּווּעליר און זייגערמאַכער
חוה אַפּעל — זייגערמאַכעריי
דוד נאַגל — ראַוּוערן
ירחמיאל פעפער — ביכער און שרייב־געצייג
לייבל צוקער — פּאַפּיר און שרייב־געצייג
יעקב וואַרשאַווער — גאַרסעטן און ביוסט־האַלטער
חיים ווייצנהענדלער — פוך קאָלדרעס
שמעון מילגרוים — קאָלאָניאַל־געשעפט

געפעס און געשיר

משה בפיצבערג

סאָדע־פאַבריקן

אהרן אַפּורט
ברוך הירשבבאום
אליהו קאָנאַפּקע

בעקער

שמואל ראָובצווייג
חיים־הירש וואַרשעווער

פאַרבן־פאַבריק

נתן ראָזנבאום — מיט זיין זון
פנחס רוזנבאום און איידעם
ישעיה שאַפהערץ
און יחיאל ווינבערג

קאָנפעקציע

איטשע וואַרשאַוער
הערש־בער פעלדמאַן
איטשע עליאַשעוויטש

מאַנופאַקטור

חיה גרינבערג
לייבוש לוין
רחל כמיעלניצקי
משה מאַרגוליס

גאַלאַנטעריע

רחל וואַלפאָוויטש
אברהם קופּקע
שמאַי ריינבערג

זייגער־מאַכער און יוּווּעליר־געשעפטן

יחיאל גאָלדבלום —
ירחמיאל אַפּעל
חנה אפעל

די קלייטן און ווערקשטעלן פון ענערגישע און טיכטיקע יידישע סוחרים און האַנדווערקער פון סקאַרזשיסק האָבן דאָמינירט אין די הויפּט־גאַסן פונעם שטעטל. די יידן האָבן געקויפט פלעצער און אויפגעבויט הייזער און אַ דאַנק זייער פלייס און מי האָט זיך די שטאָט פאַרברייטערט און אַריינגעגלידערט אין זיך די שכנותדיקע דערפער.

די געשיכטע פונעם יידישן האַנדל און מלאכה אין שטאָט איז דורכגעפלאָכטן מיטן כסדרדיקן קאַמף קעגן דער דיסקרימינאַציע פון די פּוילישע מלוכהשע אָרגאַנען און פאַר דעם טאָג־טעגלעכן, פּשוטן קיום פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך פאַקטאָרן האָבן זיך פאַרנומען קעגן יידישן סוחר און בעל־מלאכה. די שווערע שטייערן וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן יידישן מסחר בשעת דער גראַבסקי־תקופה (דער פּוילישער פינאַנץ־מיניסטער אין די יאָרן 1923—1925), די מלוכהשע פאָנדן צו אונטערשטיצן דעם פּוילישן **האַנדל און מלאכה, דער צעכן־געזעץ**, די פון די „הויכע־פענצטערס" אונטערגעשטיצטע באַוועגונג פון דאָרף אין שטאָט, זענען נישט אומשטאַנד געווען צו האַמעווען די יידישע איניציאַטיוו און גובר זיין דעם יידישן אויסדויער־כוח. אפילו די באָיקאָט־פּיקעטן פון די ענדעציע און דער „נאַראַ"־יוגנט, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין די 30ער יאָרן און וועלכע זענען אָפיציעל אונטערגעשטיצט געוואָרן פון דער פּוילישער רעגירונג די „אָווּשעם" פּאָליטיק־דערקלערונג אין סיים פונעם פּרעמיער־מיניסטער סלאָוואָי־סקלאָדקאָווסקי, זענען נישט מסוגל געווען אונטערצוגראָבן דעם צוטרוי פון די פּוילישע בירגער פון סקאַרזשיסק צו די יידישע סוחרים און האַנדווערקער. עס איז אַ פאַקט אַז די קריסטן פלעגן זיך ממש אַריינגנבענען דורך דער הינטערטיר אין אַ פּיקעטירט יידיש געשעפט, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז ביים ייד וועלן זיי קויפן די סחורה ביליקער און פון אַ בעסערן קוואַליטעט.

די דאָזיקע באָיקאָט־באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די ווילדע, פון קיינעם נישט געצוימטע העצע קעגן דער יידישער באַפעלקערונג האָט צייטיק געמאַכט די פּוילישע הערצער צו פאַרנעמען די היטלער־גזירות און זען אין די גאַז־אויוונס פון אוישוויץ די געהעריקע לייזונג פון דעם יידישן־פּראָבלעם אין פּוילן.

קליין־הענדלער אין שטאָט

כאָטש אין שטאָט איז געווען אַ שפע פון פּרנסה, זענען אויך געווען עטלעכע קליינע סוחרימלעך, וואָס האָבן זיך נישט־ווייניק געמאַטערט פאַר יעדן וועקסל צאָלן, אָדער פאַר יעדער נסיעה קיין וואַרשע־לאָדזש, כדי איינצוקויפן אַ ביסל סחורה און זיי האָבן זיך גענייטיקט אין הילף.

ז״ך דערמאָן זיך אין שימעלע מילגראָם — סענדער שניידערס אַן איידעם — שטענדיק איז ער אַרומגעלאָפן כאַפּן אַ גמילת־חסד. האָט גענומען ביי איינעם כדי אָפּצוגעבן אַ צווייטן. תמיד אין כסדרדיקן געיעג.

נאָך אַ גרעסערער לויפער נאָך גמילת חסדים איז געווען — דער געלער דודל שערמאַן. ער האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריע געוועלבל ביי שאול פעפער אין הויז. אַ מטפּל מיט פינף קינדער און אַ גרויסער אָרעמאַן. ס׳האָט געטראָפן, אַז ער האָט געכאַפּט אַ גמילת חסד פון דערפרי ביז פאַרנאַכט, אָדער נאָר אויף עטלעכע שעה. פון דעסטוועגן האָט ער זיך מפרנס געווען בכבוד און אפילו חתונה געמאַכט אַ טאָכטער.

די דריטע לויפערן געדענק איך איז געווען די אלמנה נאָך עקיבה כהן — חנה־ברכה. זי האָט געוווינט אין דעם געסל פון אַלטן בית המדרש. דאָרט האָט זי געהאַט איר דירה און אַ קליין גאַלאַנטעריע־געוועלבל. ס׳איז נישט צו פאַרשטיין ווי ס׳האָט זיך צו אָט דער יידענע גענומען אַזאַ כח. ווען זי איז אַמאָל אַריינגעקומען אין מיין געוועלב צו בעטן אַ גמילת־חסד איז זי געווען אויסגעווייקט אין שוויס. פלעג איך איר זאָגן — חנה־ברכה, איך וועל אייך פריער נישט געבן קיין גמילת חסד, ביז איר וועט זיך נישט אָפּרוען אַ ביסל". האָט זי געענטפערט „מיין טייערער ייד, ווי קען איך רוען, אַז אין צען מינוט אַרום מאַכט מען צו די באַנק און איך וועל דאַרפן צאָלן דאָס וועקסל מיט פּראָטעסט".
אַזוי שווער האָט מען געלעבט. דאָך, איז אין סקאַרזשיסק נישט געווען קיין ייד וואָס זאָל אויסשטרעקן די האַנד נאָך נדבות. אַלע האָבן געוווּסט, אַז מ׳דאַרף האַנדלען, אַרבעטן און פאַרדינען ערלעך אויף פּרנסה...

געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

יעקב פראַנט

1928, אַ גרופּע יוגנטלעכע האָבן געזאַמלט ביכער, כדי צו עפענען אַ ביבליאָטעק אין דעם לאָקאַל וואָס ס׳האָבן אונדז געגעבן די ברידער יוסל און ברוך ביטער.

אין יענע צייט האָט איטשע וואַרשאור פון ראָדעם זיך באַזעצט און סקאַרזשיסק. ביי אים אין שטוב האָט זיך אָרגאַניזירט דער „ביתר״. אין ערשטן קאָמיטעט זענען אַריין: איטשע וואַרשאַור, יעקב פראַנט, אליעזר פערל, יוסל און ברוך ביטער, מאָניעק, און מאָטל ערליכמאַן און בנימין וואָלאָווסקי. ביז דעמאָלט איז אין שטאָט נישט געווען קיין שום יוגנט־אָרגאַניזאַציע. איז די גאַנצע נאַציאָנאַלע יוגנט געקומען זיך פאַרשרייבן אין „ביתר״. שפּעטער אַביסל, האָט אַ גרופּע עלטערע ציוניסטן זיך אָרגאַניזירט און געשאַפן פאַר זייער יוגנט דעם „החלוץ״.

אָבער די גרעסטע און אַקטיווסטע אָרגאַניזאַציע איז געווען דער ״ביתר״. די אָנפירערשאַפט האָט אָרגאַניזירט אַ פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט: דיסקוסיע־אָוונטן, צו וועלכע ס׳זענען געוואָרן פאַרבעטן פאָרשטייער פון אַלע פאַרטיי־ריכטונגען. פאָרלעזונגען, צו וועלכע מ׳האָט אַראָפּגעברענגט באַרימטע רעדנער. פאַרוויילונגען אין וועלכע אַלע האָבן זיך באַטייליקט און הנאה געהאַט.

פינטשע אַבראַמאָוויטש, איז געווען אַ וויכטיקער אָרגאַניזאַטאָרישער און רעדנערישער כח. ער האָט אָפּגעגעבן אַ סך אָנשטרענג און מי פאַר דער אָרגאַניזאַציע אין סקאַרזשיסק. דער דרך־ארץ פאַר פינטשען איז געווען אין לשער. אַ קוריאָז: איין מאָל האָט ער געבעטן אַ יונגן חבר, ער זאָל אים ברענגען פּראָשקעס (געמיינט, צו קאָפּ־ווייטיק). דער חבר האָט נישט געוואַגט איבערצופרעגן און געברענגט פּראָשקעס בלועכץ (צו וועש) פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט אַרויסגערופן געלעכטער, אָבער דאָס זאָגט וועגן דער באַציונג.

געווען אַ גרויסע „תלמוד תורה״ ווו אַ סך יידישע קינדער האָבן געלערנט. זי האָט געהאַט פינף כתות: פון דרדקי־קינדער ביז גרויסע גמרא בחורים. די תלמוד תורה האָט אַראָפּגעברענגט די בעסטע מלמדים פון אַנדערע שטעט, כדי צו לערנען מיט די דערוואַקסענע בחורים אַ שיעור גמרא מיט תוספות. דער ניווא איז געווען אַ הויכער. צו דעם גוטן צושטאַנד פון דער תלמוד תורה האָט אַ סך בייגעטראָגן אַן ערלעכער, אַקטיווער ייד ר׳ ברוך טאָרלער.

✶ ✶ ✶

ס׳איז אויך געווען אין שטאָט אַ יידישע פאָלקס־שול״ ווו קינדער פון מאָדערנע, אויפגעקלערטע עלטערן האָבן געלערנט יידישע און וועלטלעכע למודים. דער רוב פון די קינדער זענען געווען מיידלעך. איינער פון אירע אָנפירערס איז געווען לייבוש לעווין, אַ מאָדערנער אַקטיווער ייד וואָס פלעגט רופן פאַרזאַמלונגען, כדי צו אָרגאַניזירן די עלטערן צו שיקן די קינדער אין דער פאָלקס־שול. זיינע רעדעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך הומאָר.

געווען אַ „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין״ ווו יונגע יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט, כדי אויסצובעסערן זייער עקאָנאָמישן מצב. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳זענען דאָרט אויך געווען קאָמוניסטן; אַ טייל אידעאישע, אָבער דער גרויסער רוב איז עס געוואָרן מחמת אַנטיסעמיטיזם. אַ ייד אין פּוילן איז געווען אַזוי גערודפט און באַגרענעצט ביי אַרבעט און לערע, אַז די יידישע ארבעטער יוגנט האָט געמיינט, אַז דער קאָמוניזם וועט אָפּשאַפן אַלע דיסקרעמינאַציעס און בכלל פאַרענטפערן די יידן־פראַגע. זיי האָבן זיך אָבער גיך אַנטוישט, און דער ציוניזם האָט פאַרכאַפּט די געדאַנקען און געפילן פון דער יידישער יוגנט.

אין „פאַראיין״ איז געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק, מיט אַ סך ביכער: בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע. אויך איבערזעצונגען פון די גרעסטע אייראָפּעישע שרייבערס. די יוגנט האָט ממש געשלונגען די ביכער וואָס זענען געווען פאַר זיי דער איינציקער קוואַל פון וויסן.



די מיטגלידער פון „החלוץ הצעיר״ אין סקאַרזשיסק.

★ ★ ★

אין יענער צייט איז געשאַפן געוואָרן דער „החלוץ״ וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט. זיי האָבן געשאַפן אַ ביבליאָטעק — ס׳איז דאָך עפּעס דער „עם־הספר״. אַ טייל זענען געפאָרן אויף „הכשרה״, כדי מיט דער צייט צו באַקומען אַ וויזע קיין ארץ ישראל. שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער הכשרה־פּונקט ביי אונדז אין שטעטל, וווּהין יידישע יוגנטלעכע פון אונדזערע שטעטלעך זענען געקומען אַרבעטן שווער און ביטער, אפילו ביי האָלץ־האַקן, כדי אַמאָל צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ ישראל. אַ טייל האָבן טאַקע זייער ציל דערגרייכט און געפונען זיך איצט אין ארץ ישראל.

אַ קוריאָז: דער „החלוץ״ האָט געפילט אין „ביתר״ אַ קאָנקורענט און אַ געפאַר פאַר זיינע מיטגלידער, האָט געזוכט וועגן און מיטלען אָפּצושוואַכן זייַן השפעה, האָבן זיך דערטראַכט צו אַן אָריגינעל מיטל: דער בעסטער אופן אָפּצושוואַכן דעם קעגנער וועט זיין אים צו באַרויבן פון זיינע גייסטיקע ווערטן... אַזוי איז טאַקע געשען: אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אַרויסגעגנבעט אַלע ביכער פון דער „ביתר״־ביבליאָטעק. ס׳איז טאַקע געווען אַ גרויסער שאָדן און דורכפאַל פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ווי קען אַ יידישע־פּאַרטיי זיין אָן אַ ביבליאָטעק? אָבער צו דער פּאָליציי האָט מען זיך נישט געוואָנדן, ס׳פּאַסט נישט פאַר יידן, חס וחלילה! ווי קען מען מישן גויישע פּאָליציי אין יידישע אינערלעכע ענינים? נאָר וואָס דען? וואָס טוט מען? האָט נישט לאַנג געדויערט און דער „ביתר״ האָט באַצאָלט מידה כנגד מידה,מיט אַן עודף — שכר טירחה; מ׳האָט אַרויסגעגנבעט אַלע ביכער פון דער „החלוץ־ביבליאָטעק ושלום על ישראל...

ס׳איז טאַקע נישט מער ווי אַ קוריאָז, אָבער ווי דערהויבן און ערלעך (אפילו דורך גניבה) דער דאָזיקער קאַמף איז געווען...

די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט אָפּגעצויגן די יידישע יוגנט פון קאָמוניזם; געגעבן זיי ציוניסטישע און טראַדיציאָנעלע דערציונג אין נאַציאָנאַלן גייסט.

די יידישע יוגנט אין סקאַרזשיסק איז געווען זייער באַוווסטזיניק. געווען איינער יחיאל זלאָטא (געהאַט אַ צונאָמען, ווי אין יעדער פּראָווינץ — חיל באבע). איז ער געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, האָט מען ביי אים עפּעס געפרעגט, האָט ער באַלד גענומען ציטירן נעמען מיט דאַטעס ווי פון אַ בוך אַרויס. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס ער האָט געלייענט און ס׳האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין ווערטער. אַלס מענטש איז ער געווען אָפן, פריינדלעך, גרייט מיט יעדן זיך טיילן מיט זיין וויסן. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז אויף זיינע אַקסלען זיצט נישט קיין קאָפּ, נאָר אַ קאָמפּיוטער...

דער צווייטער, יחיאל קאָזלאָווסקי (דער גראָבער יחיאל) איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט ליטעראַטור און וויסן ווי אַ גרויסער פּראָפעסאָר. ער איז געווען פאַרשלאָסן אין זיך און נישט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס וואָס ער פאַרמאָגט. שטענדיק איז ער געווען פאַרטאָן אין לייענען, ביכער האָט ער נישט געלייענט נאָר שטודירט, שווער געהאָרעוועט איבער זיי. אַן אמתער „ביכער־וואָרעם״ אין סאַמע בעסטן זין.

די אַלגעמיין ־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל, האָט געפירט איר אַרבעט רואיק און געמיטלעך, די מיטגלידער זענען זיך נישט אָפּט צוזאַמענגעקומען אַרומצורעדן פאַרשיידענע פּראָבלעמען, זייער הויפּט טעטיקייט איז געווען — זאַמלען געלט פאַר ציוניסטישע צוועקן.

ווען ס׳איז אָבער געשאַפן געוואָרן די רעוויזיוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז עס געוואָרן גאָר אַנדערש. די ״ביתר״ איז געקומען מיט שטורעם. ס׳האָבן זיך אָרגאַניזירט יידן מיט ברען און התלהבות. אַ טייל זענען טאַקע געווען אייגענע, ד״ה געקומען פון „ביתר״ נאָכן אַלט ווערן 18 יאָר און די איבעריקע סתם אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע יידן.

די רעוויזיאָניסטישע גרופּירונג איז גיך געוואַקסן. די מיטגלידער זענען געווען יונג און אַגרעסיוו. זיי האָבן זיך געמישט אין אַלגעמיינען און שטאָטישער פּאָליטיק; זיי האָבן געקעמפט פאַר יידישע ראַטמענער און שטאָטראַט, פאַר ציוניסטישע דאָזאָרס אין דער קהלה און בכלל געוואָלט אָנטיילנעמען אין אַלע יידישע ענינים; האָבן געזאַמלט געלט פאַר „קרן־היסוד״ און ״קרן קימת״ און „קרן תל־חי״ און פאַר אַנדערע יידיש־ציוניסטישע פאָנדן.

צוליב „ביתר״ האָבן אויך אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויפגעלעבט און געוואָרן אַקטיוו. מען האָט קאָנקורירט פאַר מיטגלידער, קאָנקורירט ביים זאַמלען געלט פאַר ציוניסטישע צוועקן אא״וו.

★ ★ ★

געווען אין שטעטל אַ „האַנטווערקער־פאַראיין״. יידישע בעלי־מלאכות האָבן זיך אָרגאַניזירט און געזוכט מיטלען ווי אַרום אויסצובעסערן זייער מצב.

מען דאַרף זאָגן, אַז דער יידישער האַנטווערקער אין סקאַרזשיסק איז געווען אַ בעסערער און אינטעליגענטער טיפּ מענטש; זיי האָבן זיך געהאַלטן מיט שטאָלץ און כבוד; זייערע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אויף אַ קולטורעלן אופן, די רעדעס זענען געווען זאַכלעך, די קעגנזייטיקע באַציונג מיט טאַקט.

אַ געוויסע צייט האָבן זיי געהאַט אַן אייגענע האַנטווערקער־באַנק. דער אָנפירער איז געווען יצחק (איטשע) ראָזנצווייג; אַ פעיקער, אינטעליגענטער און באַלעזענער יונגערמאַן. זיינע וואַנצעס האָבן דערמאָנט אין י. ל. פּרץ... ער איז אויך געווען דאָזער און פאָרשטייער פון די יידישע האַנטווערקער אין דער יידישער קהלה. געווען אַ פיינער רעדנער און באַנוצט זאַכלעכע אַרגומענטן און ויכוחים מיט קעגנער. צוליב אַ ריי סיבות (אפשר ווען וועגן דעם שרייבן אַנדערע) האָט זיך די באַנק ליקווידירט.

געווען אויך אַ „קולטור פאַראיין״ אַן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק און אַ גוט אָרגאַניזירטן דראַמאַטישן קרייז וואָס האָט געשפּילט יידיש טעאַטער. עטלעכע אַרטיסטן האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע ראָלן און האָבן גקעהאַט אַ גוטן שם ביי אונדז און אין די אַרומיקע שטעטלעך, פון וועלכע אַ סך באַזוכער זענען געקומען אויף זייערע פאָרשטעלונגען.

געווען אין סקאַרזשיסק די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דער „בונד״. איר פּראָגראַם איז געווען: סאָציאַלע באַפרייונג און נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע צווישן די פעלקער ווי יידן לעבן. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט זי געלייגט אויף די מאַטעריעלע און קולטורעלע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער. אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס: געשאַפן יידישע שולן, אַ ביבליאָטעק א״א. זי האָט געוואָלט בויען די צוקונפט פון יידן אין פוילן, געקעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם.

דער „בונד״ איז געווען די ערשטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין שטאָט. זי האָט קאָנצענטרירט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט, האָט געהאַט אַ שיינעם לאָקאַל אין צענטער שטאָט און געפירט פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט.

בונדיסטן פלעגן זיך אויך טרעפן יעדן פרייטיק־צונאַכט אין געוועלבל פון דער גראָבער ליבע, אָדער די „מאַמע״. דאָרט פלעגן

יוגנטלעכע וואָס האָבן שבת נישט געטראָגן קיין געלט ביי זיך, באַקומען אויף באָרג פאַרשיידענע זיסוואַרג, באַניקערן, ניסלעך און פרוכט. פאַר וועלכע זיי האָבן באַצאָלט נאָך שבת.

דער „בונד" האָט געשאַפן די ערשטע ביבליאָטעק אין שטאָט, רייך מיט בעלעטריסטישע, וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַליטישע ביכער.

גאָר באַזונדער אַקטיוו איז דער „בונד" געוואָרן פאַרן 1טן מאַי, זייער אַרבעטער יום־טוב. זיי האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט דער פ.פ.ס. (פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי), צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציע. נאָר שטענדיק איז אַזוי אויסגעקומען, אַז די בונדישע דעמאָנסטראַציע מיט אירע פירערס: משה טענענבוים, אברהם וויסמאַן און לייבל פאָלקאָוויק — דער פאָן טרעגער, זענען געבליבן צום סוף, די סאַמע לעצטע און אָפּגערוקט פון דער פוילישער מאַסע אויף אַ היפשן שטח. דערצו האָבן זיי זיך כסדר אומגעקוקט צו פוילישע כוליגאַנעס וואַרפן נישט קיין שטיינער...

פאַר דער קאָמוניסטישער יידישער יוגנט איז דער „בונד" געווען צו אָפּאָרטוניסטיש און די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט כמעט אַלץ וואָס דער „בונד" האָט געשאַפן, ווירקנדיק מיט זייערע ראַדיקאַלע לאָזונגען. צום סוף האָט דער ציוניזם פון אַלע ריכטונגען פאַרכאַפּט די הערצער און נשמות פון דער יידישער יוגנט אין סקאַרזשיסק.



די מיטגלידער אין „בית״ר"
אין סקאַרזשיסק

די גרינדונג פון בית׳ר

יעקב פראַנט

יאַנואַר 1928 זענען עטלעכע יוגנטלעכע פאַרבעטן געוואָרן צו יצחק וואַרשעווער אַ געשעפט־אייגנטימער פון פרויען־מאַנטלען. זיינע עלטערן האָבן געווינט אין ראַדעם, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט אַ געשעפט ביי אונדז אין סקאַרזשיסק, וואָס יצחק האָט געפירט. כאָטש יצחק איז געווען זייער יונג, איז ער אָבער געווען אומגעווייניטלעך פעיק, סימפּאַטיש און ענערגיש. ווען כ׳בין אַריין אין געשעפט זענען שוין דאָרט געווען עטלעכע יוגנטלעכע: אליעזר פערל, יוסף ביטער, בנימין וואַלאַווסקי און מאָטל ערליכמאַן.

אין מיטן לאָקאַל האָט געברענט אַן אייזערן־אייוועלע וואָס איז געווען רויט פון פייער (1929 איז געווען אַ זייער קאַלטער ווינטער, 40 גראַדיקע פרעסט) אַלע זענען געזעסן אַרום אייוועלע און זיך געוואַרעמט. דעמאָלט האָט זיך וואַרשעווער אויפגעשטעלט און גענומען אויפקלערן דעם ציל פון אונדזער צונויפקום: ער וויל דאָ אָרגאַניזירן אַ „בית״ר", (ברית יוסף טרומפּלדור), ער האָט אויפגעקלערט די אידעאָלאָגיע פון דער באַוועגונג און דערציילט וועגן זיין שעפער, זאב זשאַבאָטינסקי. יצחק האָט שיין גערעדט און גוט מאָטיווירט.

אַזוי אַרום איז אין יענע שווערע קעלטן געשאַפן געוואָרן דער קאָמיטעט פון „בית״ר".



חברים פון „בית״ר"

אין קאָמיטעט זענען אַריין: י. וואַרשעווער, א. פערל, ב. וואָלאָווסקי און איך. מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן ווערבירן מיטגלידער פון 10 ביז 18 יאָר. דער ערשטער ראש הקן פון „בית״ר" איז געווען יצחק וואַרשעווער.

ווי געווײַנטלעך איז די אָרגאַניזירונג פון אָנהויב געגאַנגען שווערלעך, נאָר היות ער איז געווען זייער ענערגיש האָט ער נישט מוותר געווען; די ווערבירטע האָט ער מושטירט, געלערנט זיי יידישע און ציוניסטישע געשיכטע. ער האָט מיט באַגייסטערונג אויפגעקלערט די אויפגאַבעס פון „בית״ר״, אַז זיי וועלן דאַרפן זיין



„בית״ר״
אין סקאַרזשיסק

דער אַוואַנגאַרד פון יידישן לעגיאָן און קעמפן פאַר ארץ־ישראל.

אין אָנהייב האָבן מענטשן געלאַכט, געחוזקט „זעט נאָר די סאָלדאַטן וואָס גייען קעמפן קעגן ענגלאַנד״. שפּעטער אָבער, האָט מען זיי גענומען ערנסט און גענומען פאַרשטיין און רעספּעקטירן.

דער קאָמיטעט פון „בית״ר״ אין שטאָט האָט זיך פאַרנומען מיט זאָרגן פאַר דער דערציונג פון די יונגע חברים, פאַרן אויפהאַלטן אַ שיינעם לאָקאַל, קויפן ביכער פאַר דער ביבליאָטעק, מאַכן פאַרשיידענע אויספלוגן, כמעט אַליין האָבן זיי געמאַכט די זאַמלונגען פאַר „קרן היסוד״, „קרן קימת״ און פאַר „קרן תל־חי״.

דער אַקטיווער חבר אין „בית״ר״ איז געווען אליעזר פּערל. ע־

איז געווען דער ערשטער ביי אַלע אַקציעס אין שטאָט. מ׳האָט אים גערופן דער „חסיד״ (פאַנאַטיקער). ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן און שטענדיק גרייט געווען צו די שווערסטע ארבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. דערביי האָט ער נישט געזוכט קיין פּערזענלעכן כבוד, זיך געהאַלטן באַשיידן אין דער זייט. ער האָט זיך ממש מקריב געווען פארן „ביתר״. זיין פאָטער ר׳ שבתאי פּערל, איז געווען אַ בכבודיקער, שטילער און חשובער ייד אין שטאָט.

דער לעצטער ראש הקן איז געווען חיים סאַנקעוויטש. דאָס „חיימעלע״ (אַזוי האָט מען אים גערופן), איז געווען קליין, רויטהאָריק און זייער יונג, אָבער אינטעליגענט, וויציק, ענערגיש און געוואַלטיק אַקטיוו. ער האָט אויך געזינדיקט מיט שרייבן פערזן, אַמאָל גאַנץ געלונגענע. אונטער זיין אָנפירונג האָט זיך דער „בית״ר״ שטאַרק פונאַנדערגעבליט און האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין שטאָט, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַלץ איז אַזוי טראַגיש חרוב געוואָרן דורך די נאַציס י״ש.



„בית״ר־אָרגאַניזאַציע — די יוגנט און די אינסטרוקטאָרן

די חדרים פון חיים דוד און חיים נתן

ירחמיאל שער

חיים דוד איז געווען, אַ דרדקאי מלמד. געלערנט האָט ער קינדער אין עלטער פון 4 ביז 8 יאָר. ס'איז נישט געווען אין שטעטל קיין איין יידיש קינד וואָס זאָל נישט האָבן געלערנט ביי אים. צווישן זיי אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. בדרך כלל האָט מען ביי אים געלערנט אלף־בית און „עברי", וואָס מיינט אויך דאַווענען אין סידור. באַזונדערס האָט מען דעמאָלט ביי אונדז געלערנט שרייבן יידיש. די צייט פון לערנען איז געווען אָפּהענגיק פון דעם געזונטצושטאַנד פון קינד. ווינטער למשל, האָבן געלערנט נאָר די געזונטע קינדער וועלכע האָבן פאַרמאָגט שיך און וואַרעמע קליידער.

חיים דוד איז געווען אַ זייער שטרענגער מלמד, אבער אויך די קינדער זענען נישט געווען קיין „שעמעוודיקע", און כדי איינ־צוהאלטן דיסציפּלין האָט ער זיך געמוזט באַנוצן מיטן קאַנטשיק, וואָס איז געלעגן שטענדיק גרייט אויף דער רעכטער זייט פון לוח, מיט גרויסע אותיות פון דעם אלף־בית. ווען ער האָט צוגערופן וועמען פון דעם קליינוואַרג צום לוח צום לייענען, איז געלעגן דער קאַנטשיק ווי א וואָרנונג — „לערן בחורל, אויב נישט ליגט די שטראָף דאָ גרייט פאַר דיר". האָבן טאַקע די קינדער פון 4 ביז 7 יאָר נישט איינמאָל געפילט דעם טעם פון דעם קאַנטשיק, די עלטערע קינדער אָבער נאָך מער אויב עס איז ווער פון די מוטערס געקומען צו אים זיך באַקלאָגן, — געפּי־נענדיק אַ צייכן פון קלעפּ אויף דעם קערפּער פון איר זון — האָט איר דער „רבי" גלייך געענטפערט — „איר האָט אַ ברירה נישט צו שיקן אייער „תכשיט" צו מיר אין „חדר".

פון דער נאַטור איז חיים דווקא געווען אַ ייד מיט אַ גוט האַרץ און ליב געהאַט קינדער, נאָר דאָס אַריינקלאַפּן תורה מיט דער הילף פון קלעפּ איז דעמאָלט געווען אלגעמיין אָנגענומען.

ביי חיים דודן האָבן געלערנט קינדער פון רייכע ווי פון אָרעמע היימען. נישט געווען ביי אים קיין סטאַבילער שכר־למוד, נאָר לויט די מעגלעכקייט פון די עלטערן. דערפאַר האָט ער כדי מתפרנס צו זיין געמוזט זיך אויך פאַרנעמען מיט איינבינדן ספרים, דערצו האָט נאָך זיין ווייב צוגעהאַנדלט און געפאָרן אויף די מערק. איבערן חדר האָט תמיד זיך געטראָגן דער ריח פון קלייסטער געמישט מיטן ריח פון הערינג, וואָס איז געלעגן שטענדיק אויפן טיש. חיים דוד האָט ליב געהאַט אָפּט טועם צו זיין אַ שטיקל הערינג און דאָס אין מיטן די למודים; גענומען אַ שטיקל הערינג מאַכנדיק אויפן הויכן קול אַ„שהכל" ברכה און דערביי שטרענג אכטונג געגעבן די תלמידים זאָלן נאָכזאָגן אַן „אָמן". ווען ער האָט געזען ווי די קינדער קוקן מיט הונגעריקע אויגן, ווי ער שלינגט מיט הנאה דעם הערינג, האָט ער געפרעגט — "ווער וויל מאַכן אַ „שהכל"? און גענומען צעטיילן קליינע שטיק־לעך הערינג מיט אַ צעפּרידענעם שמייכל. אין זיין „חדר" האָט זיך שטענדיק געפונען געשמאַק ברויט וואָס ער האָט באַקומען פון דער שכניתדיקע בעקעריי. האָט קיין זאַך מיר נישט אַזוי געשמעקט ווי דאָס טעמדיקע געבעקס פון דעם מורי ורבי פון מיינע גליקלעכע קינדער־יאָרן.

אין עלטער פון 7 — 8 ביז 12 יאָר זענען די קינדער אַריבער אין „חדר" פון חיים נתן צו לערנען חומש, רש"י און אָנהייב גמרא. לויט דעם פּוילישן געזעץ פון צוואַנגס־בילדונג האָט מען געמוזט 7 יאָר לערנען אין די אַלגעמיינע מלוכישע שולעס. דערפאַר האָט מען די יידישע לימודים געלערנט נאָר נאָך די מיטאָג־שעהן.

דאָס „חדר" פון חיים נתן האָט זיך געפונען נעבן אלטן בית־מדרש אין אַ קליין געסל, וואָס די יידן האָבן עס גערופן דאָס „בית־המדרש־געסל". חיים נתנס לערנען איז געווען לויט דער שיטה פון רבי יהודה הנשיא, וועגן וועמען ס'איז געשריבן אַז ער איז מכבד די רייכע. אָרעמע קינדער איז ביי אים אין „חדר" געווען ווייניק, צוליבן הויכן שכר־למוד. נישט איינמאָל האָט ער אַ קינד אַהיימגעשיקט פאַר נישט באַצאָלן צו דער צייט.

ער האָט זיך אויפגעפירט הערשעריש און אין זיין „חדר" האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט. ער האָט אָבער שטרענג זיך געהיטן נישט אָנצורירן חס וחלילה אַ רייך קינד... צוליב דעם זענען אים טאַקע די קינדער דערגאַנגען די יאָרן, געשטיפט, נישט געוואָלט זיך לערנען. די קינדער פון די מיטעלע און אָרעמע שיכטן זענען בדרך־כלל געווען־ די בעסטע תלמידים. פלעגט ער אָפּט מוזן אַראָפּנידריגן פאַר אַזעלכע דעם שכר־לימוד כדי אויפ־צוהאַלטן דעם ניוואָ פון זיין „חדר". ווי מיר האָבן שוין געזאָגט האָט ער אויך געלערנט א ביסל גמרא, כאָטש פאַר אים אַליין איז נישט געווען אַזוי שטאַרק נהירין שבילי דנהרדעא.

די חדרים פון חיים דוד און חיים נתן זענען געווען די ערשטע וועג־ווייזער אין דער דערציאונג פון יונגן דור אין אונדזער שטעטל, ווי עס זאָגט עס אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָעט:

„בין מצרי שאול ומצוקת שחת, בין עקרבים—תנחומי—אל, עצמה, אורך רוח... לילות על המוקד, לקפוץ על המדורה, וב„אחד" למות מות קדושים".

באַנק לודאָווי

חיה שפּיראָ

אין די יאָרן 27—1926 איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָפּעראַטיוו „באַנק לודאָווי" אין הויז פון משה ביטער, אויף 3־טע מאַי גאַס. די גרינדערס זענען געווען: בנימין פּעפּער, אהרן ראזנער און יעקל יאַגאָדנער. שפּעטער איז אין באַנק אַריין אַנשטאַט בנימין פּעפּער — יהושע ווייסבראָט.

אין אָנהייב איז די אָנפירערשאַפט פון באַנק געווען: דירעק־טאָר; יעקב זשעכטער, בוכהאַלטער; הערציק אורבאַך, קאַסירערין; עוואַ כמעלניצקי, אַנגעשטעלטע; לאה פינקעלשטיין און מרדכי רייכשאַפּעל.

די באַנק האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט, געמאַכט געשעפטן אויף מיליאָנען זל. געטאָן גרויסע טובות דער באַפעלקערונג; קליינ־הענדלער האָבן געבאָרגט הלוואות אויף קליינע פּראָצענטער און בכלל א סך געהאָלפן די מענטשן פון שטאָט. אַזוי אַרום, אַז די באַנק האָט זיך דערוואָרבן צוטרוי און אַ גוטן שם אין שטאָט און אין דער געגנט.

אָבער, צוליב אינטריגעס און קנאה — ווי ס'האָט געטראָפן אין אַ סך שטעטלעך — האָט יעקב זשעכטער, צוזאַמען מיט הערצקי אורבאַך און דוד נאַגל געעפנט אַ געשעפט און פאַרלאָזן די באַנק. די נייע לייטונג האָט נישט ריכטיק געפירט און אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז ליקווידירט געוואָרן די באַנק.

אַלעקסאַנדער שטיבל

אליעזר לעווין

איך בין געקומען קיין סקאַרזשיסק פון לאָדז אין יאָר 1928. דאָרט האָב איך זיך פון קינדערוויַיז אויף דערצויגן אין די אַלעקסאַנדער שטיבלעך און באַגייסטערט געוואָרן פון דער אַלעקסאַנדער שיטה פון אהבת רעים. אויך אין מיין נייעם וווינאָרט האָב איך ממשיך געווען אין מיין רעליגיעזן וועג און אָנגעשלאָסן זיך צו די אַלעקסאַנדער חסידים אין שטיבל, ווו עס האָבן געדאַוונט די פּני פון דער שטאָט: ר׳ בונים בעריש אַבראַמאָוויטש, אַ שאַרפזיניקער למדן און אַ גאון און גלייכצייטיק אַ גרויסער ענוו. יעדן פרייטאָג נאָך מנחה, פאַר קבלת שבת האָט ער אַ שעה צייט געלערנט מיטן עולם דעם ספר ״ישמח ישראל״ פונעם אַלעקסאַנדער רבין ז״ל. צו אים פלעגט מען זיך ווענדן מיט שאלות און מיט שווערע בוררותן פון דער גאַנצער קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט; ר׳ משהקע וויינבערג, וועלכער איז געווען אַ געוויסע צייט דער פאָרזיצער פון דער קהילה אין שטעטל, אַ ייד מיט אַ הדרת פּנים, אַ קאַנדידאַט צום לעצטן פּוילישן סיים; ר׳ יחזקאל וויַיצמאַן דער שוחט פון שטעטל, אַדורכגעדרונגען אין זיין גאַנצן וועזן מיט אהבת ישראל, שטענדיק צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן אָדער אַ קראַנקן. פון די שטענדיקע מתפללים אין שטיבל זענען געווען ר׳ פישל דאַנציגער מיט זיין זון חיים לייב, דער אַלטער קויפמאַן (געווען אַ שוואָגער פון ר׳ נתן קיבעלעס ראָזנבוים), יחיאל גינזבערג מיט זיין ברודער חיים, משה גינזבערג מיט זיין ברודער יוסף, ר׳ חיים גרינבערג פון די גבירים פון שטאָט, ר׳ יחיאל פעלדמאַן מיט זיינע זין ירחמיאל־נחום, איטשע און דער קליינעם דודל פעלדמאַן. די משפחה פעלדמאַן האָט זיך שטענדיק מוסר נפש געווען פאַרן כלל ישראל. ווען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אָנגעקומען די ערשטע אויסגעזידלטע פון פּלאָצק, האָט יחיאל פעלדמאַן איינגעאָרדנט ביי זיך אַ קיך און אַריינגעטון געווען ראשו ורובו אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג. ווען מען האָט געגרינדעט אין געטאָ אַ שפּיטאָל, האָט ער געשאָנקן ליילעכער און וועש, וואָס זענען אים נאָך געבליבן פון זיין געשעפט. ער האָט איינגעשפּאַנט זיינע קינדער און געטראָגן פאַר די קראַנקע פון דער קיך עסן. ווען מען האָט געבראַכט די יידישע הרוגים פונעם „האַסאַג״ — (מען האָט דעמאָלט נאָך געשיקט אין שטאָט אַ סך פון די דערשאָסענע און זיי קובר געווען אויף דעם יידישן בית־עלמין) — האָט ר׳ יחיאל פעלדמאַן, אַלס מיטגליד פון דער חברה קדישא, אַרויסגעשלעפּט פונעם געוועלב די לעצטע לייוונט און ליילעכער און געמאַכט פון דעם תכריכים.

איך וויל אויך דאָ דערמאָנען דעם דאַוונער פון שטיבל ר׳ שמואל קאַנער, דער ערשטער קרבן בשעת דער אויסזידלונג און ליקווידאַציע פון דער געטאָ, ווען מען האָט אים דערשאָסן מיטן וויַיב און פיר קינדער אינעם קעלער, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן.

ווי געזאָגט איז דער תמצית פון אַלעקסאַנדער חסידות געווען אהבת רעים. די פריינטשאַפט, דאָס צוזאַמענלעבן זיך פון די מתפללים אין שטיבל און זייער גרייטקייט צו העלפן איינער דעם אַנדערן זענען געקומען צום אויסדרוק כמעט טאָג־טעגלעך. באַזונדערס האָט מען דאָס געפילט שבתים און יום־טובים. ערב שבת האָט מען זיך נישט געשטעלט צום דאַווענען ביז מען האָט נישט צעטיילט איבער די הייזער די אָרעמעלייט, וואָס זענען געקומען אין שטעטל. ביים בעלעמער פלעגט זיך שטעלן איטשע וויינרייך, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן „דער שוואַרצער איטשע״. ער איז געווען פון די בעסטע בעלי־תפילה אין שטאָט און אַ גרויסער בעל־מנגן. זיין ניגון פלעגט אַריינדרינגען אין האַרצן, אָנרירן די פאַרבאָרגענע סטרונעס פון דער נשמה. איבערן שטיבל האָט געשוועבט די הייליקייט פונעם אָנקומענדיקן שבת און די מתפללים האָבן געפילט ווי זיי טוען זיך אויס פון דער גראָער טאָג־טעגלעכקייט, וואַרפן אַראָפּ פון זיך די דאגות פרנסה און באַהעפטן זיך מיטן יום השביעי, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט געבענטשט, כי בו שבת מכל מלאכתו.

איטשע וויינרייך איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער גביר. זיין פרנסה האָט ער געצויגן פון אַרומטראָגן צוויי וואַליזקעס מיט סחורה אויף דער „וויטווורניע״, וואָס ער האָט פאַרקויפט פאַר די באַאַמטע אויף אויסצאָלן. צוליב דעם האָט אים שטענדיק געפעלט מזומנים, ער האָט נישט געקענט צאָלן צו דער צייט זיינע וועקסלען און אַריין אין חובות. איינמאָל אין אַ פרייטאָג איז געקומען צו פאָרן אין שטעטל זיינער אַ בעל־חוב, אַ הורט־סוחר פון לאָדזש, אַריינגעגאַנגען אין געריכט און אויפן סמך פון די פּראָטעסטירטע וועקסלען אַרויסבאַקומען אַ „זאַיענטשע״ (אַ סעקוועסטראַציע), אָפּגעוואַרט איטשען ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער „וויטוואָרניע״ און געמאַכט אַן אַרעסט אויף זיין ביסל האָב און גוטס. נישט געקוקט אויף דעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן, האָט איטשע אָנגעטון די זיידענע קאַפּאָטע און געגאַנגען דאַווענען אין שטיבל. ער איז אָבער געווען אַזוי צעבראָכן אַז אין מיטן דער תפילה האָט ער געחלשט. אין שטיבל איז געוואָרן אַ טומל, מען האָט איבערגעריסן דאָס דאַווענען, אַז מען האָט אים אָפּגעמונטערט און ער האָט דערציילט מיט אַ האַרצרייסנדיקן געוויין די גאַנצע געשיכטע מיטן סוחר, איז ר׳ משהקע וויינבערג אַרויף אויפן בעלעמער, געגעבן אַ קלאַפּ אויפן שולחן און דערקלערט: „מען וועט נישט מקבל־שבת־זיין ביז מען וועט דעם ענין נישט דערליידיקן״. ער איז מיט ר׳ יחזקאל שוחט צוגעגאַנגען צו יעדן פון די מתפללים זיי זאָלן זיך באַשטייערן לפי יכולתם און מוצש״ק ברענגען דאָס געלט אין שטיבל אַריין. דערווייל האָט מען זיך דערוווּסט אַז דער סוחר איז געבליבן אויף שבת אין שטעטל (עס איז געווען ווינטער־צייט און ער האָט נישט באַוויזן זיך אומקערן קיין לאָדזש) און געפינט זיך אין פרידמאַנס האָטעל. שבת פאַר נאַכט איז אַוועק צו אים אַ „דעלעגאַציע״ און געמאַכט אים אַ וויסטן סקאַנדאַל. — היתכן — האָט מען אויף אים געשריגן — ווי טוט מען דאָס אָפּ אַ יידן ערב שבת אַזאַ שענדלעכע זאַך! —. ער וועט נישט בשלום פאַרלאָזן די שטאָט, אויב ער וועט נישט גיין צו אַ דין־תורה צום רב. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געקאָכט און ר׳ בונים־בעריש און ר׳ מאיר קאָכאַן זענען געווען די בוררים ביים רב ר׳ מרדכהלע. נאָך אַ לאַנגן משא ומתן זענען זיי אַדורכגעקומען און דער סוחר האָט מסכים געווען צו באַקומען בלויז אַ סומע פון דריי הונדערט זלאָטעס און ער האָט מבטל געמאַכט די תביעה צו איטשען. דאָס האָבן מיר דערגרייכט אַ דאַנק אונדזער אחדות און ברידערשאַפט.

שבת צו נאַכט, שלש סעודות איז געווען איינגעפירט אין שטיבל אַז יעדן מאָל האָט אַן אַנדער חסיד געפירט די סעודה. שמחת תורה שמיני עצרת האָט יעדער געגעבן אַ פּאָר זלאָטעס אויף כיבוד. אַז מען האָט אָנגעהויבן צו טרינקען שמיני עצרת, האָט מען ערשט געענדיקט שבת בראשית אויף דער נאַכט און יעדער האָט געמוזט אַריינברענגען זיין געבראָטנס אין שטיבל אַריין. ס׳איז געווען אַ פאַל, אַז איינער אַ קאַרגער חסיד האָט זיך נישט געוואָלט משתתף זיין, אָדער זיין וויַיב האָט אים נישט געלאָזן. האָט מען געשיקט דריי יונגעלייט צו אים אין שטוב, זיין פרוי האָט באַהאַלטן דאָס פלייש אין קופער און אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף; אים. האָבן די חברהלייט גענומען אַ טשייניק מיט קאָכעדיק וואַסער און אונ־

טערגעגאָסן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען מיט אַ געשריי און מען האָט דאָס געבראָטנס געפּירט מיט אַ פּאַראַד אין שטיבל אַריין.

דאָס אַלעקסאַנדער שטיבל איז געווען איינע פון די שענסטע און בכבודיקסטע אין סקאַרזשיסק. דערמאָנענדיק זיך היינט וועגן די וואָכעדיקע און יום־טובדיקע טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט צווישן זיינע ווענט, ווייַנט מיין האַרץ אויף מיינע ידידים און פריינד, אויף די פרום־תמימותדיקע יידן, באַלויכטן מיטן ניצוץ פון גלויבן אינעם בורא־עולם אין הייליקן רבין, אויך יידן לומדים און גאונים, וועלכע האָבן מקדש שם געווען אין די נאַצישע לאַגערן.

בעל עגלות און טרעגער אין סקאַרזשיסק

דעם עלטסטן פון זיי האָט מען גערופן נתן טרעגער. אַ האָרע־פּאַשנער ייד פון אַלטן דור. יעדן טאָג אין דער פרי איז ער געגאַנגען מיט טלית־זאַק אונטערן אָרעם, צום ערשטן מנין אין בית המדרש — דאַווענען. אויף די עלטערע יאָרן האָט געהאַלטן ביי זיך, אַ טאָכטער אַן אלמנה מיט צוויי יתומים, וואָס ער האָט געגעבן כל מחסורם. אַ פּשוטער, גוטער, ערליכער ייד...

ס׳זענען געווען צוויי ברידער טרעגער — יאָמע און בערל, פון זיי דערמאָן איך זיך אַזאַ קוריאָז: דער „עמך" האָט געהאַט זיין השכמה־מנין אין בית המדרש. אַמאָל אין גוטן געמיט, האָט זיך מיר פאַרגלוסט בייצוזיין שמחת־תורה ביי די הקפות אין זייער מנין. ביז דער הקפה „עוזיר דלים" איז דאָס דאַוונען צוגעגאַנגען אין אָרדנונג. נאָר ווען דער שמש פון בית מדרש האָט אויפגערופן בערל טרעגער צו עוזר דלים, האָט זיך געמאַכט אַ ווילדער סקאַנדאַל. קודם האָט בערל צעשפּרייט די פּאָלעס פון זיין געהאַקטער קאַפּאָטע און געוויזן דעם משמש דעם „זייט מיר מוחל" מיט געשרייען „כ׳האָב דיך אין דרערד מיטן עוזר דלים צוזאַמען און נאָך עטלעכע קללות וואָס געפינען זיך נישט אין דער תוכחה. פאַרשטייט זיך, אַז דער ברודער יאָמע האָט אים געהאָלפן מיט אַלע כחות.. ס׳האָט זיך געמאַכט אַזאַ טומל און געשריי, ביז דער משמש איז געצווונגען געוואָרן אַוועקצוגיין פון בית מדרש. ערשט דעמאָלט האָט מען אויף אַן אמת מכבד געווען מיט הקפות און פאַרענדיקט דאָס דאַווענען מיט אַ יום טובדיק געמיט און געגאַנגען פראַווען אַ שמחת תורהדיקע סעודה...

ס׳איז געווען נאָך איינער, אַן אָרעמער בעל עגלה — זלמן בראָדע. דער איז שטענדיק געווען פאַרביטערט און געשאָלטן. דעם פערד זיינעם האָט ער קיין סך האָבער מסתמא נישט געגעבן — האָט ער נישט געשלעפּט. נאָר פון כעס אויפן בידנעם פערדל, האָט ער געשאָלטן דאָס ווייב, וואָס האָט אים שטענדיק באַגנבעט...

כאָטש פּשוטע יידן, זענען עס געווען געטרייע קינדער פון יידישן פאָלק. אַלע זענען אומגעקומען אין דער ליקווידאַציע. יהי זכרם ברוך!

מאַרקטעג אין סקאַרזשיסק

בדרך־כלל זענען די מאַרקטעג פאָרגעקומען צוויי מאָל אין וואָך — דינסטיק און פרייטיק. פון פאַרטאָג אָן האָבן זיך געצויגן פירן מיט טאַנדייטערס; שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס א״א אין שטאָט אַריין איבער די גאַסן אילזשעצקאַ און 3־טער מאַי־גאַס. ווינטער אין די גרויסע שנייען און רעגנס זענען זיי געקומען — מענער און ווייבער — אין שווערע פעלצן, אַרומגעוויקלט אין טיכער אָדער צעריסענע פּלאַנדעקעס, פון וועלכע מ׳האָט נאָר אַרויסגעזען די אויגן. דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן... האָט גאָט געהאָלפן און דאָס וועטער האָט זיך געשטעלט, דער שניי און רעגן האָט אויפגעהערט, איז געווען גוט — אויב נישט האָט מען אפילו די סחורה נישט אויסגעפּאַקט און די נסיעה איז געווען אומזיסט.

דאָס איינציקע אָרט ווו זיך אַ ביסל אויסצוטריקענען פון רעגן און דערוואַרעמען די דורכגעפרוירענע ביינער, איז געווען ביי



די צוקערניע פון חיים־שיע דימאנט אויף דער 3־טער מאַי גאַס, נומ. 62 — דער צוזאַמענטרעף פון דער יוגנט

ר׳ אליהו בריקס און זיין אשת־חיל ביילע, וואָס האָבן געוווינט אויפן נייעם מאַרק. דאָרט איז געווען אַזאַ טומל ווי אין אַ קרעטשמע, אָבער די הענדלערס האָבן זיך דאָרט געפילט גוט ווי ביי זיך אין דער אייגענער היים...

ווען דאָס וועטער איז געווען גוט און מ׳האָט געלייזט, האָט מען זיך אין גוטן מוט דערציילט מעשיות וועגן די שניידערישע „קאָמבינאַציעס״ למשל: מען האָט אָנגעמאָסטן אַ פויער אַ מאַרינאַרקע אָדער אַ ווינטער־קורטקע, האָט מען אומבאַמערקט אַריינגעלייגט אין קעשענע אַ פּאָר פיינע הענטשקעס. ווען דער פויער האָט דערפילט, אַז אין קעשענע ליגט עפּעס אַ מציאה, האָט ער זיך נישט געדונגען און באַצאָלט וויפל מ׳האָט ביי אים געבעטן. מ׳האָט דערציילט וועגן נאָך אַנדערע „שטיקלעך״. פאַרשטייט זיך, אַז די סוחרים האָבן נישט דערלייגט...

צום פערד־מאַרק וווּהין פוילישע פערד־סוחרים און פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן געבראַכט זייערע פערד צו פאַרקויפן. זענען אויך געקומען די צוויי ברידער — אברהם און יעקל — שאַבשאַקעס פון שידלאָוצע. שטענדיק זענען זיי געווען אַ ביסל אָנגעטרונקען, אָבער נישט שיכור. נאָר די פויערים האָבן פאַר זיי מורא געהאַט אימת־מוות. וועגן זיי דערציילט מען אַזאַ קוריאָז: זיי האָבן געקויפט ביי אַ פויער צוויי פערד וואָס האָבן געלאָמט און באַצאָלט האָבן זיי פאַר גוטע. פאַרשטייט זיך, אַז דער פויער האָט אַריינגעכאַפּט דאָס געלט און זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון מאַרק. אין שענק ביי יעקל שאפּטשאַק, האָט ער זיך באַרימט און געלאַכט פון די „זשידעס״ וואָס ער האָט אָפּגענאַרט און זיי פאַרקויפט צוויי לאָמע פערד. ווען מען האָט עס דערציילט די שאַבשאַקעס, האָבן זיי זיך אויף אַן אמת צעלאַכט „יאָ, — זאָגט יעקל — ס׳איז טאַקע אמת, אָבער מיר האָבן באַצאָלט מיט צוויי פאַלשע הונדערטער זלאָטעס...״

אַזוי האָבן יידן געלעבט און געהאַנדלט. שטענדיק פאַריאָגט, יעדן טאָג אין אַן אַנדער שטאָט. אַזוי האָט מען געהאַט קינדער וואָס האָבן זיך אַליין דערצויגן, ווייל די מאַמע האָט נאָר געהאַט צוויי פרייע טעג — שבת און זונטיק — ווייל זונטיק ביינאַכט האָט מען שוין גענומען פאַרפּאַקן די סחורה, כדי מאָנטיק כעלות השחר ווידער אָנהייבן אַרויספאָרן אויף די יאַרידים.

אַזוי האָט מען געלעבט מיט פרייד און לייד, דערצויגן דורות, געמאַכט שמחות... ביז היטלער ימח שמו איז געקומען און חרוב געמאַכט אַזאַ דורות־לאַנג איינגעוואָרצלט לעבן.

די גרינדונג פון „מזרחי״ אין סקאַרזשיסק אין 1930

עטלעכע מענטשן זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין הויז פון ברוך רובינשטיין און האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ מזרחי־אָפּטיילונג אין סקאַרזשיסק. דער וויכטיקער פּראָבלעם איז פאַר אונדז געווען: שאַפן אַ לאָקאַל פאַר דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געהאַט מזל און ס׳האָט זיך אָפּגערופן פריינד מאיר גאָלדמינץ און האָט אונדז פאַרגעלייגט אַ צימער פאַר אַ לאָקאַל. מיר האָבן מסכים געווען און באַלד אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט און גענומען פאַרעגעסטרירן חברים און סימפּאַטיקער.

דער קאָמיטעט און די חברים זענען געווען: ברוך רובינשטיין — פאָרזיצער. אליעזר לעווין — פאַרטרעטער, מאיר גאָלדמינץ — סעקרעטאַר. חברים: שמואל שפּערלינג, איטשע וואַרשעווער, נתן־יונה ליבערבוים, מאיר כץ, צבי ערליכמאַן, שלמה בריקס, מאָטל ערליכמאַן און משה. דעם נאָענטן שבת האָבן מיר שוין געדאַוונט אין אייגענעם לאָקאַל און מיר זענען צוגעטרעטן צו אַקטיווער אַרבעט.

צוויי מאָל אין חודש האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט רעדנער פון שידלאָוצע און פון וואַרשע, געזאַמלט פאַר „קרן היסוד״ און ״קרן קיימת״, ווערבירנדיק דערביי חברים און סימפּאַטיקער פאַר דער פּאַרטיי. דער סקאַרזשיסקער סניף האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טעטיקייט אין פאַרגלייך מיט די עלטערע סניפים אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אין דער אָרגאַניזאַציע האָט געהערשט אַ חבריש־יידישער גייסט. מיר האָבן געשטיצט מיט הלוואות נויטבאַדערפטיקע חברים, שבת און יום טוב האָבן מיר פאַרברענגט צוזאַמען ביי געדעקטע טישן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי אַרום האָבן מיר געשאַפן אַ חברישע אַטמאָספערע אין דער אָרגאַניזאַציע.

ס׳איז שווער צו פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס ס׳האָט געמאַכט די נסיעה קיין ארץ ישראל פון אַן עלטערן חבר פון מזרחי — הערשל ערליכמאַן מיט זיין פרוי שיינדעלע; די מסיבה צו זייער אָפּפאָרן האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. מיט געזאַנג און טענץ, צומאָרגנס אין דער פרי האָט זיי אַ גרויסער עולם מיט געזאַנג באַגלייט צום באַן. דאָס קריסטליכע סקאַרזשיסק האָט נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. „וואָס איז דאָס?״ האָבן זיי געפרעגט פאַרוווּנדערט, אָבער נישט געהאַט די חוצפה צו שטערן. ווען דער „נאַטשאַלניק סטאַנציע״ איז אַרויסגעגאַנגען אויפן פּעראָן, האָט מען אים אַריינגעכאַפּט אין טאַנצנדיקן ראָד. ביז דער צוג האָט גערירט אין מיט געזאַנג פון דער „התקוה״. ס׳ווייטיקט דאָס האַרץ דערמאָנענדיק זיך, אַז דער רוב פון די אויסגערעכנטע זענען שוין נישט צווישן די לעבעדיקע.

ר׳ מאיר קאָכן

איך האַלט פאַר מיין חוב צו פאַראייביקן אין יזכור־בוך, דאָס געשטאַלט פון ר׳ מאיר קאָכן מיט זיין שניר פייגע און זיינע צוויי געראָטענע זון יצחק און אברהמלע. דאָס איז געווען אַ זעלטן דערהויבענע משפחה מיט גוטע מידות.

ר׳ מאיר שטאַמט פון דער ראַדאָשיצער דינאַסטיע, אַ מקורב צום רבן ר׳ בר, דער גרויסער חריף און בקיא. ווען מ׳האָט נאָך דער גרויסער רבנים־מחלוקת אויפגענומען ר׳ מרדכילען פאַר רב אין סקאַרזשיסק, האָט ר׳ מענדל פעלדמאַן געוואָלט אַז ר׳ מאיר זאָל זיין מורה־הוראה אין שטאָט. נאָר ער האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן; ער האָט נישט געוואָלט, אַז די תורה זאָל זיין אַ קרדום לחפור בו. אָבער, ס׳איז געווען אַ שווערע שאלה אין הלכות טריפה אין שעכטהויז, האָט דער רב נאָך אים געשיקט און ער האָט געפּסקנט...

זיין זון ר׳ יצחק איז געווען אַ מטיפל מיט קליינע קינדער און אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט געהאַנדלט מיט האָלץ־אָפּפאַל פון די טאַרטאַקן אין בליזשן, סוכעדניוב א״א. אַמאָל ווינטער האָט ער אויך פאַרקויפט אַ פירל האָלץ אַ בעל־הבית צו הייצן דעם אויוון. פון דעם אַלעם האָט ער קוים געהאַט פרנסה בדוחק. זיין יונגערער ברודער אברהמלע האָט אים געהאָלפן. דאָך איז זיין שטוב געווען אַ הכנסות־אורחים פאַר אָרעמעלייט; אַ ביסל וואַרעמע גריץ און אַ גלעזל קאַווע זיך צו דערוואַרעמען ווינטער, איז שטענדיק געווען גרייט ביי זיין ווייב די צדיקת. זי האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. איך דערמאָן זיך, אַז אין דער מלחמה־צייט האָט משה בינשטאָק — אַ ייד אַ קאַליקע, אַ מטיפל מיט קליינע קינדער נישט געהאַט ווו צו וווינען, האָט אים יצחק אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און זיך געטיילט מיט אים מיט דעם וואָס ער אַליין האָט קוים געהאַט. זיין ווייב איז גרייט געווען אַלעמען צו העלפן.

ר׳ אברהמלע קאכען איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, אַ

גרויסער סוחר מיט האַלץ, נאָר אין דער פרייער צייט „לא פסק פימא מגירסא״ שטענדיק איז דאָס ספר געווען אָפן און ער האָט נישט אויפגעהערט לערנען. זיינס אַ וואָרט איז געווען הייליק. ער האָט געהאַט אַ גרעסערע סומע געלט אויף גמילות־חסדים, היימישע יידן האָט ער געגעבן טובה־וועקסלען, וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער געמוזט אַליין באַצאָלן, נאָר ער האָט זיך קיין מאָל נישט געבייזערט. מיט אַ שמייכל האָט ער יענעם געזאָגט „האָסט זיכער פאַרגעסן, אַז אין דעם און דעם טערמין דאַרפסטו צאָלן אַ וועקסל״. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף יענעמס יושר.

די מלחמה האָט אים אין גאַנצן צעבראָכן. איך געדענק, אַז אין 1942 איז ער אין געטאָ עטלעכע טעג געלעגן שווער קראַנק אָן אַ דאָקטער. איך האָב זיך איינגעשטעלט און געברענגט צו אים אַ דאָקטער פון דער וויטוואָרגיע. נאָר ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפן. די גאַנצע משפחה איז אומגעקומען פון די דייטשן ימח שמם.

דער געלער טרעגער

כדי בולט צו מאַכן ווי סקאַרזשיסק איז געווען אַ פרנסה שטאָט און נישט געוווסט פון קיין ליידיקגייערס און היימישע אָפיציעלע קבצנים, וויל איך שילדערן דאָס בילד פון געלן יוסל טרעגער, וואָס האָט געוווינט אויף דער אילזשעצקאַ גאַס.

געקומען איז יוסל פון שידלאָווצע. דאָרט האָט מען אים גרופן „קהלס אײדעם״, ווייל אין דער ערשטער וועלט מלחמה, אַרום 1916, איז אין שידלאָווצע אויסגעבראָכן אַ גרויסע טיפוס־מגיפה. ווי אַ סגולה־בדיקה אָפצושטעלן די מגיפה, האָט מען חתונה געמאַכט אַ יותם מיט אַ יתומה אויפן בית הקברות. אין דעם פאַל איז עס געווען אונדזער יוסעלע מיט זיין באַשערטער, און דאָס האָט געהאָלפן... פאַרשטייט זיך, אַז די חתונה מיט דעם אויסשטייער פאַרן יונגן־פּאָרל האָט די קהלה אויסגעהאַלטן. זיין פרנסה איז געווען פון דעם, וואָס יעדן האָנערשטיק אין אָוונט איז ער געשטאַנען ביי דער שידלאָווצער מקוה און יעדע פרוי וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, האָט אים געלאָזן עטלעכע קאָפּיקעס.

זעט אויס, אַז זיין פרוי איז (לא עלינו) געשטאָרבן, האָט ער אין 1930 צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט קיין סקאַרזשיסק. אָבער דאָ איז זיין אַלטע פרנסה נישט געווען גילטיק. קומט ער אַמאָל אַריין צו מיר אין געוועלב — ער האָט מיך געקענט פון שידלאָוועצע — און וויינט מיט ביטערע טרערן „ר׳ עליעזר, וואָס טוט מען? ווו נעמט מען פרנסה? זאָג איך צו אים „זיי וויסן יוסל, אַז דאָ איז נישט שידלאָווצע, דאָ איז סקאַרזשיסק, דאָ מוז מען אַרבעטן. נעם אַ שטריק, שטעל זיך אויף דער באַן־בריק און וואַרט אָפּ די סוחרים וואָס קומען פון וואַרשע—לאָדזש, העלף זיי אַהיימטראָגן די פּעקלעך, וועט דיר יעדער עפּעס געבן בישועות־חן״. ער האָט מיך געפאָלגט און ביסלעכוויז דערפילט דעם טעם פון פאַרדינען. ווען ס׳איז אים געווען ווייניק איז ער אין דער פרייע צייט, געשטאַנען ביי מיר אין געשעפט און געהאָלפן די קונים אַהיימטראָגן דאָס וואָס זיי האָבן געקויפט און קיינער האָט אים נישט באַעוולט. בקיצור, אין אַ קורצער צייט האָט ער אָנגעזאַמלט איבער צוויי טויזנט זלאָטעס און האָט געקויפט דאָס הייזל אין וועלכן ער האָט געוווינט ביז אין די לעצטע טעג. דאָס איז געווען די אַטמאָספערע אין סקאַרזשיסק...

יוקל און יעקל

ירחמיאל שער

יוקל שמש און יעקל לאנדאו זענען ביידע געווען סטאַבילע אָנגעשטעלטע אין דער יידישער קהילה פון אונדזער שטעטל. אויב איז די אויפגאַבע פון יוקל שמש געווען צו פאַרנעמען זיך נאָר מיט הייליקע זאַכן איז יעקל לאַנדאַוס פליכט געווען, ווי אַ מזכיר פון דער קהילה זיך מטפל צו זיין מיט טאָג טעגליכע און וועלטלעכע ענינים.

לויט דעם אויסערלעכן אויסזען, אין זייער קליידונג איז לייכט געווען גלייך צו דערקענען דעם אונטערשייד צווישן זיי ביידן. יוקל איז געווען אַ הויכער, דאַרער, אַ ביסל איינגעבויגן, ווי געווענלעך אַ הויכער ייד אין דעם עלטער, די האָר פון זיין באָרד ווייס ווי שניי. געטראָגן האָט ער אַ לאַנגע קאַפּאָטע. אויפן קאָפּ אַ קאַפּל מיט אַ האַלב שטריימל.

אויך יעקל לאנדאו איז געווען הויך געוויקסיק, פעסט און נישט פיינט געהאַט אַ לעב צו טאָן. געטראָגן האָט ער ברילן איינגערעמט אין גאָלדענע רעמען און אייראָפּעיש געקליידעט. צו זיינע פליכטן האָט אויך געהערט דאָס אויפמאָנען די קהלה שטייערן פון די יידישע איינוווינער פון סקאַרזשיסקאָ. זיין ווייזן זיך מיט זיין קאַזיאָנע גאַנג אַליין האָט שוין געזאָגט: „דרך־ארץ יידן, איך בין דער סעקוועסטאָר״. די שטעטלדיקע יידן האָבן גאָר נישט געהאַט קיין שטאַרקן חשק צו צאָלן די שטייערן אָבער יעקל לאַנדאו האָט געוווסט ווי אַזוי צוקומען צו זייערע קעשענעס.

יוקל שמש איז געקומען פון שידלאָווצע און באַזעצט זיך אין אונדזער שטעטל שוין אויף די עלטער, אין די צוואַנציקער יאָרן. קיינער געדענקט נישט אים פון זיין יוגנט. מען ווייסט אָבער גוט אַז אויב יוקל באַווייזט זיך אין גאַס אין אַ שנייאיקער נאַכט און אין האַנט אַ לאַמטער איז אַ סימן אַז עס איז ווער געשטאָרבן אין שטעטל. אויב אָבער מען זעט דעם אַלטן, הויך און דאַרן לויפן איבער די גאַסן אין אַ וואָכיקן טאָג אָנגעטאָן אין אַ שבתדיקע קאַפּאָטע פאַרשטייט מען גלייך אַ עס גרייט זיך אַ שמחה ביי יידן, אַ חתונה, אַ סיום ספר אָדער כדומה.

ר׳ מענדל פעלדמאַן

ירחמיאל בריקס

אין סקאַרזשיסק האָב איך געהאַט אַן עלטער־פעטער, ר׳ מענדל פעלדמאַן; ער איז געווען אַ ברודער פון מיין באָבע ליבע, מיין מאַמעס מאַמע. ר׳ מענדל איז געווען איינער פון די שענסטע און בכבודיקסטע יידן אין שטאָט און אויך איינער פון די רייכסטע יידן אין פוילן. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ הדרת־פּנים, מיט אַ געפלעגטער באָרד אויפן מאָדערנעם שטייגער און אַ הויכן שטערן. ער האָט געטראָגן יידיש־טראַדיציאָנעלע קליידער פון די טייערסטע שטאָפן. תמיד געווען זויבער אָנגעטאָן, אָן שום פּגם. אין אַ ווייס, שטייפן קראַגן מיט אַ שוואַרצער, ברייטער בינדע. אין אָנהייב פון די צוואָנציקער יאָרן האָט דאָס ביי חסידים געהייסן אַפּיקורסות, אָבער פאַר ר׳ מענדל האָט עס געפּאַסט.

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט אין סקאַרזשיסק געהאַט אַן אייזן־הוטע און אַ טאַרטאַק. עס האָבן ביי אים געאַרבעט עטלעכע הונדערט גויים און אויך יידן. ער איז אויך געווען אַן אייגנטימער פון אַ צעמענטאָווניע, ס׳האָבן צו אים געהערט עטלעכע הייזער אין שטעטל, פעלדער און אַנדערע פאַרמעגנס אין די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ וואַלצאָווניע אין ראַדאָשיץ, וווּ מ׳האָט אויסגעאַרבעט וואַלצן צו מילן. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט הייזער אין וואַרשע און אין בערלין.

רב׳ מענדלס פּאַלאַץ וואָס איז געשטאַנען אין אַ הערלעכן גאָרטן האָט זיך געפונען צווישן דער 3־טער מאַי גאַס און דער פאַבריטשנער. אויף דער גאַס האָט זיך געפונען נאָך אַ הויז, וווּ ס׳האָבן געוווינט די יידישע באַאַמטע פון זיין פאַבריק, די בוכהאַלטער און די ביוראָ־אָנגעשטעלטע. אין דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע האָבן געאַרבעט נאָר יידן.

דער אַריינגאַנג אין פּאַלאַץ איז געווען געפלאַסטערט מיט ווייסע מאַרמאָרענע שטיגן און מיט אַ ווייסער מאַרמאָרנער פּאָדלאָגע, אַרומגערינגלט מיט געשניצטע שטאָלענע פּאָרענטשעס. ביים הויפּט אַריינגאַנג איז געווען אַ סקווער מיט ביימער פון יאַשמין, קאַלינעס, אַקאַציעס און בעז. דער גאָרטן האָט זיך געצויגן ביזן ברעג פון טייך קאַמיעננא. אין גאָרטן איז געווען אַ ברייטע מיט ביימער פאַרוואַקסענע אַלעע, וווּ ר׳ מענדל פלעגט שפּאַצירן מיט זיינע פריינד און הערן פון זיי דברי־תורה. נישט ווייט פון דער אַלעע האָט זיך געצויגן, אַרומגענומען מיט אַ פּלויט, אַ באַן־רעלס, וואָס יידן האָבן גערופן די „קאַלייקע“, וואָס האָט געפירט פון דער באַן־סטאַציע איבער דער גאַנצער ברייט פון סקאַרזשיסק, שמעלץ און אַנדערע אייזן־ברוכוואַרג אין פעלדמאַנס פאַבריק אַריין און אַרויסגעפירט פון איר גאַנצע צוגן מיט אויסגעפּאַרטיקטער סחורה: בוי־מאַטעריאַלן, אַקעראייזנס, שעטשקאַרניעס, וואַנעס, קיך־פּלאַטן, אייזערנע אייוועלעך, טשוועקעס א״א.

אין די הייזער פון ר׳ מענדלען איז געווען אַ תלמוד־תורה און להבדיל אַ פּוילישע מלוכהשע פּאָלקסשולע, ביז די רעגירונג האָט אויפגעבויט פאַר איר אַ ספּעציעלן בנין. אַ געוויסע צייט איז דאָרט אויך געווען אַ יידישע וועלטלעכע שול, וווּ די אונטערריכט שפּראַך איז געווען יידיש. דער פאַרוואַלטער פון דער שול איז געווען הערשל וואָלאָווסקי, אַ פּאָלקיסט און פירער פון די האַנדווערקער. זי האָט עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט. אין איינעם פון די הייזער איז אויך געווען אַ פּאָליציי־וואַך אַמט (אַ פּאָסטערונעק).

ר׳ מענדלען האָבן געשעצט און ליב געהאַט יידן און גויים. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און אויך געהאָלפן נויטבאַדערפטיקע קריסטן. ווען ער איז געווען אויף אַ שמחה וווּ מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש טעלערס צו זאַמלען געלט פאַר פאַרשיידענע הצטרכותן, האָט ער מנדב געווען מיט אַ ברייטער האַנט.

ר׳ מענדל האָט געהאַט יחס עצמו. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון סקאַרזשיסק, ביי אָרעמע אָבער זייער בכבודיקע, שטאַרק פרומע עלטערן. דער פאָטער ירחמיאל (וועמענס נאָמען עס טראָגט דער שרייבער פון די שורות), האָט געזאָרגט, אַז זיינע קינדער זאָלן נישט ווערן פאַרגרעבט צווישן די גוישע שכנים און האָט מיט זיי אַליין געלערנט. די מוטער לאה האָט דערצויגן די קינדער אין יידיש־רעליגיעזן גייסט. זיי זענען געווען אַזוי אָרעם, אַז זייער יינגל מענדל איז געווען געצוווּנגען צו פּאַשען די בהמות פונעם גלח, כדי עפּעס צו פאַרדינען. דעמאָלט האָט ער צונויפגעזאַמלט פון די פעלדער אַלטע שטיקלעך אייזן, ער האָט אויך באַצאָלט די פּאַסטוכער פאַר ברענגען אים אַזאַ אָפּפאַל. ווען ער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ פור מיט שמעלץ, האָט ער דאָס געבראַכט אין דער אייזן־פאַבריק פונעם פּאָליאַק גראַבינסקי אין סקאַרזשיסק. אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן עטלעכע יאָר, ביז מענדל האָט אָנגעקליבן אַ ביסל געלט.

גראַבינסקי האָט געזען, אַז דער ייד האָט אַ גוטן קאָפּ און אַז מ׳קען זיך אויף אים פאַרלאָזן — ער אַליין האָט נאָר געוואָלט אַרומהולטייען אין וואַרשע — האָט ער פאָרגעשלאָגן פעלדמאַנען, ער זאָל ווערן אַ שותף צו דער פאַבריק און ר׳ מענדל האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. מיט זיין ענערגיע און שווערער אַרבעט, האָט ער די פאַבריק פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, מיט אַ שטאָל־גיסעריי וווּ מ׳האָט פּראָדוצירט אַלערליי אייזן און בוי־מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט פאַרקויפט אין גאַנץ פּוילן און אין אויסלאַנד.

אַחוץ די עטלעכע הונדערט פּוילישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי ר׳ מענדלען אין פאַבריק, האָבן געצויגן פון אים פּרנסה אַנדערע יידישע משפּחות, אַ טייל האָט אַפילו געוווינט אין זיינע דירות — אומזיסט.

ר׳ מענדל איז נישט געווען קיין פאַנאַטישער חסיד. אָבער איידער ער האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ וויכטיקע טראַנזאַקציע, האָט ער זיך שואל־עצה געווען מיטן אַלטן ראַדאָשיצער רבין. ער האָט געהאַט אַן אייגן חסידים־שטיבל וווּ עס האָבן געדאַוונט חסידים פון קלענערע רביישע הייף, געווען צווישן זיי גרויסע תלמידי־חכמים און נישט געוואָלט געהערן צו די הייף וואָס פירן פּאָליטיק ווי: גער, אַלעקסאַנדער, באָבאָוו א״א. אינעם שטיבל איז אויך געווען אַ חדר וווּ ס׳האָבן געלערנט גמרא־יינגלעך. דאָ האָט דער גמרא־מלמד וואָס ר׳ מענדל האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון ליטע, געלערנט מיט אַ צוויי מנינים גמרא־קינדער. צווישן מנחה און מעריב האָבן יידן דאָ געלערנט משניות.

מיט זיין עלטסטער טאָכטער חיה־שרה, האָט זיך ר׳ מענדל משדך געווען מיטן ווישקאָווער רבין. דער איידעם ר׳ מרדכילע, איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, פון גרויסן רביישן ייחוס און אַ תמים, וואָס האָט נישט געקענט קיין צורת־מטבעה. די חתונה האָט זיך געצויגן אַכט מעת־לעת. ר׳ מענדל האָט געהייסן אויפבויען ספּעציעלע שאָפּעס פאַר די געסט, ביי זיך אין די גערטנער. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע: בעקערס, קוכערס און סאַרווערס. געבראַכט אַ וואַגאָן מיט לעבעדיקע פיש. מ׳האָט געבאַקן חלות, בולקעס, לעקעכער, טאָרטן, אַלערליי זיסע געבעקס און אייער־קיכלעך. געשאָכטן טויזנטער עופות; הינער, גענדז, קאַטשקעס און אינדיקעס, געקאָכט און געבראָטן. אָרעמעלייט און מדינה־גייערס זענען געקומען פון גאַנץ פּוילן. יעדער טאָג איז געווען אַן אָרעם־מאָלצייט מיט די טייערסטע מאכלים פאַר די קבצנים. די כליזמרים האָבן געשפּילט און די כלה האָט געטאַנצט מיט די בעטלערס.

דער מחותן — דער ווישקאָווער רבי, איז איינגעשטאַנען אין איינעם פון ר׳ מענדלס הייזער, אַן ערך אַ האַלבן קילאָמעטער פון פעלדמאַנס פּאַלאַץ. לכבוד אים איז דער גאַנצער וועג געווען אויסגעלייגט מיט טעפּיכער. דער רבי איז יעדן טאָג נאָך מיטאָג אַהיימגעגאַנגען כאַפּן אַ דרעמל און ס׳האָבן אים באַגלייט צוויי קאַפּעליעס קלעזמער מיטן גאַנצן עולם.

יעדן שבת צו שלוש־סעודות, האָט ר׳ מענדל ביי זיך אין עסצימער געפירט טיש. מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה אין שטיבל און אַ פופציק חסידים זענען געגאַנגען מיט ר׳ מענדלען אין גרויסן זאַל פון פּאַלאַץ. דאָ איז געווען אַ טיש מיט שטולן און אַ קאַנאַפּע. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ שטייזייגער, וואָס האָט אויסגעקלונגען יעדער פערטל שעה. ביי איין וואַנד איז געשטאַנען אַ



באַשע פעלדמאַן


גרויסער שפּיגל מיט צוויי זייטיקע פליגל, וואָס האָבן זיך געעפנט און מען האָט זיך געקענט אָנשפּיגלען פון אַלע זייטן, אַנטקעגן איבער שענק מיט גלעזערנע טירן מיט הונדערטער ספרים.׳

ס׳האָט געטראָפן, אַז נאָך הבדלה, זענען נויטבאַדערפטיקע געקומען בעטן הילף און טובות ביי ר׳ מענדלען. ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, געגאַנגען אין מאַגיסטראַט אינטערוועניִרן פאַר יידן. ווען אַ קראַנקער האָט געדאַרפט אַ רפואה, פלעגט ער שיקן זיין שליח יענקלע וואָלפאָוויטש, צו ביעלניצקין אין דער אַפּטייק, ער זאָל געבן די רעצעפּט אויף זיין חשבון.

ווען ר׳ מענדל האָט געפּראַוועט בר־מצווה פון זיין זון ירחמיאל, מיט אַ גרויסן עולם פאַרבעטענע געסט, האָט זיך פון דער גאַס אַריינגעריסן אַ יידענע, „יאָסקעניצע״, יאָסקע שוסטערס ווייב, מיט געוואַלדן און געשרייען, אַז זי האָט נישט קיין דירה, אַז זי איז געבליבן אין דרויסן מיטן מאַן און פינף קינדער. די פאַרזאַמלטע געסט איז דער ביס געבליבן שטיין אין מויל. זי האָט געשריגן און געיאָמערט ווי מען באַוויינט אַ טויטן. אַ שוידער איז יעדן אַדורך איבערן קערפּער און אַרויסגערופן גרויס רחמנות. עטלעכע רגעס האָט געהערשט אין זאַל טויטע שטילקייט.

די „יאָסקעניצע״ איז געווען אַ נידעריקע, דאַרע יידענע, איינגעוויקלט אין אַ צעריסענער פאַטשיילע. די מעשה פון איר דירה איז אַזאַ: זי האָט געהאַט אַ שיין געמויערט הויז פון צוויי שטובן, האָט זי דאָס הויז פאַרקויפט דעם געלן שניידער און זי איז געבליבן

מיט איר משפחה אין איין שטוב און ער מיט זיין משפחה אין דער צווייטער. אַז זי האָט געדאַרפט אָנהייבן צאָלן דירה־געלט, האָט איר פאַרדראָסן וואָס זי האָט פאַרקויפט איר פאַרמעגן און זי האָט פאַרלאַנגט, ער דער געלער שניידער זאָל איר אָפּגעבן דאָס הויז אָבער פאַרקויפט איז פאַרקויפט, באַזונדער, אַז ס׳איז געווען אָפּגעשריבן ביים רעיענט. האָט זי דעם שניידער געשלעפּט פון איין געריכט אין צווייטן. ביז דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַרויסגעקראָגן אויף איר אַן עקסמיסיע און זי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. דאָס געלט וואָס זי האָט אַמאָל באַקומען פאַר די דירה, האָבן אויפגעגעסן די געריכטן און די אַדוואָקאַטן, איז זי געבליבן אַ בלוטיקער אָרימאַן און איז איצט געקומען וויינען אויף ר מענדלס שמחה. ר׳ מענדל האָט איר געהייסן זיך אַריינציען אין אַ ליידיקער



מנחם מענדל פעלדמאַן

דירה און זיין הייזקע אויפן פּאַסעדיי, דאָרט ווו ס׳האָט געוווינט דער געלער לייביש. די יאָסקעניצע האָט באַדאַנקט פעלדמאַנען און אים געבענטשט מיט כלערליי ברכות און האָט זיך תכף אַריינגעצויגן אין דער דירה און דאָרט געוווינט די גאַנצע צייט — אומזיסט.

✶

תשעה באב האָט מען ביי ר׳ מענדלען אין שטיבל אויסגעשיט היי אויף דער פּאָדלאָגע, איבערגעדרייט די לאַנגע בענק, אויסגעטאָן די שיך און געזעסן אין די זאָקן אויפן ראַנד פונעם ברעט פון דער באַנק. קיין עלעקטרישע ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן, נאָר יעדער האָט געהאַלטן אַ ליכטל אין איין האַנט און א קינה אין דער צווייטער און געקלאָגט אויפן חורבן בית המקדש. מיין זיידע ר׳ נתן קאָגאַן האָט געהאַט די חזקה צו זאָגן קינות מיטן אַלטן טראַדיציאָנעלן ניגון מיט זיין האַרציקער וויינענדיקער שטימע און די מתפללים האָבן נאָכגעזאָגט פּסוק נאָך פּסוק. קליינע פאַרשייטע יינגלעך האָבן אַריינגעוואָרפן דורך די אָפענע פענצטערס „תשעה באב־שטעכעלעך און האָבן געטראָפן די יידן אין די בערד. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט ר׳ מענדל געטראָגן אַ ספּעציעל וואָכעדיק כאַלאַט און נאָכן אָפּזאָגן די קינות איז ער נישט געגאַנגען אין דער פאַבריק אַריין, נאָר זיך אַרומגעדרייט מיט חסידים פון שטיבל אין שאָטן פון זיין גאָרטנאַלעע, גערעדט דיבורי תורה, פּאָליטיק און חסידות.

★

איינמאָל אין הושענא ־רבא, ווען דער ערשטער מנין האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט און דער צווייטער מנין איז געזעסן און געוואַרט אויף ר׳ מענדלען ביז אַרום איינס אַ זייגער, איז ער אָנגעקומען אַ טרויעריקער און שטאַרק צעטראָגענער. מען האָט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען אַרום דריי און די מתפללים האָבן געזען, אַז ר׳ מענדל האָט גרויס שברי־לב.

די מעשה איז געווען אַזאַ: זיין שוועסטער חנה האָט געזען, ווי זיין טאָכטער אסתר־רבקה האָט זיך געטראָפן מיט אַלעקסאַנדערן דעם „גאָלע־בראָדע״ (ראַזירטן), וואָס טראָגט אַ קאַפּעליוש. כאָטש ער איז געווען אַ זון פון דעם אַלטן לאַנדע, וואָס איז געווען אַ בכבודיקער ייד, געטראָגן אַ שיינע ברייטע באָרד און געפירט אַ כשר יידיש הויז, אָבער זיינע טעכטער און איידעמס האָבן גערעדט נאָר פּויליש און זיינע קינדער האָבן געלערנט אין די פּוילישע שקאָלעס. געקומען אין שטאָט איז ער פון גאַליציע, געווען קורץ געקליידט מיט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש און איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ היינט־וועלטיקן ייד.

ר׳ מענדלען איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן פון דער שוועסטערס בשורה, האָט ער באַשלאָסן צו דעם נישט דערלאָזן. אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער דאַרף ער טאָן מיט זיינס גלייכן; דער חתן דאַרף זיין אַ תלמיד חכם און דער מחותן אַ חסיד און אַ גביר... ווען ער האָט אַריינגערופן זיין טאָכטער צו זיך, האָט זי זיך מודה געווען, אַז זי טרעפט זיך מיט אַלעכסאַנדערן, אַז זיי האָבן זיך ליב און האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. ר׳ מענדל האָט מיט איר איינגעטענהט מיט גוטן און בייזן, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן.

באַלד נאָך סוכות האָט ר׳ מענדל מיטגענומען זיין טאָכטער אסתר־רבקה קיין וואַרשע און געשריבן תנאים מיט אַ חתן אַ לערנער, אַ זון פון אַ רייכן אייזן־סוחר, אַ גערער חסיד.

שפּעטער, אין ווינטער, האָט ר׳ מענדל ווידער מיטגענומען אסתר־רבקהן קיין וואַרשע, כדי צו מאַכן איר אַ שיינע וויפּראַווע און קויפן אַ פוטער פון לאַפּקעס. זיי זענען אַריין אין איינעם פון די גרויסע פוטער־געשעפטן, זי האָט געהאַלטן אין איין אָנמעסטן די מאַנטלען און זיך נישט געקענט צוקלייבן. פּלוצלונג האָט זי געזאָגט דעם פאָטער „טאַטע, איך מוז אַרויסגיין אויף עטלעכע מינוט, איך קום באַלד צוריק״. דער פאָטער האָט דערלויבט, אָבער זי איז שוין נישט צוריקגעקומען אין געשעפט... אין עטלעכע טעג שפּעטער איז אין סקאַרזשיסק פאַרשפּרייט געוואָרן די נייעס, אַז זי מיט אַלעקס לאַנדע, האָבן ערגעץ־ווו אין אַ קליין שטעטל הינטער וואַרשע גענומען חופה־וקדושין, וואָס איז מסתמא פריער ביי זיי געווען אָפּגערעדט.

פאַר ר׳ מענדלען איז די חרפה געווען שווער איבערצוטראָגן, ער האָט זי פאַרלייקנט און נישט געוואָלט הערן איר נאָמען. דאָס פאַרפאָלק האָט געוווינט אין וואַרשע אין איין צימער און אַלעקס האָט געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער צום יאָר איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ קינד. שפּעטער, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קריזיס אין פּוילן, איז ער געבליבן אָן אַרבעט און זיי האָבן געלעבט אין גרויס נויט. ר׳ מענדל האָט זיך וועגן דעם דערוווסט און האָט זיי גענומען צו זיך, האָט זיי געגעבן אַ וווינונג אין זיין פּאַלאַץ און אויסגעהאַלטן מיט אַלעם. אַלעקס האָט זיך אויפגעפירט לויטן יידישן שטייגער, געדאַוונט אין שווערס שטיבל און ר׳ מענדל האָט שלום געמאַכט מיט דעם וואָס ער טראָגט נישט קיין באָרד...

★

שמחת־תורה איז שוין גאָר געווען פריילעך ביי ר׳ מענדלען אין שטיבל. מען האָט געטרונקען גאַנצע פעסער ביר, וואָס מ׳האָט געצאַפּט מיט אַ מעשענעם פּלומפּל. דער פריילעכסטער ייד דער שוואַר־צער ר׳ יהושיע האָט אַלעמען פריילעך געמאַכט. פון וואַנען דער ייד איז געקומען אין שטעטל האָט מען נישט געוווסט. ער האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע זין פון ערשטן ווייב און צוויי יינגלעך פונעם צווייטן, מיט וועלכע איך האָב געלערנט אין חדר. מ׳האָט אים גערופן ״דער שוואַרצער שיע״, ווייל ער איז געווען שוואַרצ־הויטיק, מיט אַ שוואַרצער באָרד, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, פעך שוואַרצע האָר מיט אַ קליינעם פּליך אין דער מיט קאָפּ. די באָרד איז ביי אים געווען צוגעשוירן און תמיד צוגעקעמט. געטראָגן אַ וויסן קאָלנער מיט אַ ברייטן שוואַרצן קראַוואַט אָנגעטאָן אַן עלעגאַנטע, וואָלענע געהאַקטע קאַפּאָטע מיט אַ יידיש היטל. אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען אין וואַרשע, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. אַהיימגעקומען איז ער נאָר אויף די ימים־נוראים און געבליבן ביז נאָך סוכות יעדן יאָר האָט ער מיטגע־ברענגט פון וואַרשע אַ נייעם מאָדזשיצער ניגון און אים געזונגען ביי ר׳ מענדלען אין שטיבל. דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיטגעזונגען און דער ניגון האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

דער שוואַרצער יהושע איז געווען אַ בעל־שחרית, אַ מתיקות־דיקער בעל־תפילה, ווען ער האָט זיך צעזונגען ביים עומד מיט זיין נייעם מאַרש. אָנגעהויבן מיט אַ הויכן קול און אַלע האָבן אים אונטערגעהאָלפן. פּלוצים האָט ער אַוועקגעשאַרט דאָס טישטעך, אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און אָנגעהויבן טאַנצן. די פאַרזאַמלטע, קליין און גרויס, האָבן מיטגעזונגען, געפּאַטשט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס. דער שוואַרצער שיע האָט געטאַנצט מיט וואָס אַמאָל גרעסערן עקסטאַז.

די פאַבריק האָט געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע. די גע־שעפטן זענען גוט געגאַנגען. אַז די בוכהאַלטאָרן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ ביי אַ פאַרפּלאָנטערטן רעכענונג, האָט מען זיך געוואָנדן צו לייזער דעם גמרא מלמד און ער האָט אין משך פון עטלעכע מינוט געלייזט דעם שווערסטן חשבון. אויך ר׳ מענדלס שוואָגער ר׳ בונים־בעריש, וועלכער האָט געאַרבעט אין ביוראָ פון דער פאַבריק האָט זיך אויסגעצייכנט אין חשבונות, אָבער ר׳ בונים־בעריש איז געווען אַ גאון, אַ סך שטעט האָבן אים געוואָלט אויפ־נעמען פאַר רב׳ נאָר ער האָט נישט געוואָלט זיין אָפּהענגיק פון קיינעם. כאָטש ער איז געווען אַ חסידישער ייד, האָט ער געקענט די גאַנצע פּוילישע קלאַסישע ליטעראַטור.

ר׳ מענדל האָט נאָך פונאַנדערגעבויט די פאַבריק. האָט ער צוגענומען אַ נייעם דירעקטאָר, אַ דייטש, מיטן נאָמען עלטסטער. דער איז געווען אַ גרויסער שונא־ישראל — ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן. ער האָט נישט געקענט צוזען ר׳ מענדלס גדולה און געוואָלט דעם יידן אין גאַנצן רואינירן. ער האָט געמאַכט אַ בלבול און דערציילט דעם שותף גראַבינסקי, אַז ר׳ מענדל טיילט זיך נישט מיט אים ערלעך מיט די פאַרדינסטן. די פאַבריק איז געוואָרן אָפּגעשטעלט, אַלץ האָט מען פאַרחתמעט. גראַבינסקי האָט אָנ־געשטעלט, אַדוואָקאַטן און ר׳ מענדל האָט זיך אַליין פאַרטיידיקט אין געריכט. ער האָט נאָר געהאַט אַ געהילף־אַדוואָקאַט — ד״ר מאַיאָר פון ראָדעם. דער ערשטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סקאַרזשיסק און ער האָט געדויערט עטלעכע טעג. גראַבינסקיס אַדוואָקאַטן האָבן פאַרלייגט וועלטן, אַז ער זאָל געווונען דעם משפּט, נאָר ר׳ מענדל האָט אויפגעוויזן מיט פאַרשיידענע ראיות, אַז ער האָט כסדר פאַרגרעסערט די פאַבריק לטובותביידע שותפים. ער האָט גערעדט אַ שיינעם פּויליש, געוויזן דאָקומענטן, געברענגט באַווייזן, אַרגומענטירט לאָגיש, מיט האַרץ און שכל און ער האָט געווונען דעם פּראָצעס. אין טאָג פון אורטייל, האָט כמעט די גאַנצע שטאָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם געריכט־בנין און ווען ר׳ מענדל איז אַרויס אַ זיגער, איז די פרייד געווען אין לשער. גראַבינסקי איז

דערגאַנגען ביז העכסטן געריכט אין וואַרשע, נאָר דער אורטייל פונעם קרייז־געריכט איז געוואָרן באַשטעטיקט.

די פאַבריקן און הייזער זענען געבליבן פעלדמאַנס אייגנטום. נאָר צו לאָזן אין גאַנג די אונטערנעמונגען, האָט מען געדאַרפט אַ סך קאַפּיטאַל. די פּראָצעסן האָבן זיך געצויגן יאָרן, די האַלב־פאַרטיקע סחורות זענען קאַליע געוואָרן, די מאַשינען פאַרראָסטעט. אין דער אייזן־פאַבריק איז געווען אַ אויוון וואָס האָט געמוזט שטענדיק ברענען און כדי ער זאָל ווידער זיין ווירקזאַם פאַר דער שטאָל־פּראָדוקציע, האָט מען געדאַרפט אינוועסטירן אין אים אַ גרויסע סומע געלט אַזוי אַרום, איז אַלץ חרוב געוואָרן וואָס ר' מענדל האָט אויפגעבויט מיט מי און מאַטערניש.

איז ר' מענדל געפאַלן אויף אַ פּלאַן, צו עפענען אויף זיין אייגענעם באָדן אַ פאַבריק אויף צו פּראָדוצירן שטאָלענע העלמען, פאַר פייערלעשערס, פּאָליציי און מיליטער. ווייל אין דעם האָט זיך גענייטיגט די פּוילישע מלוכה. עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט קאַפּיטאַל, ווייל ער האָט געלעבט פון בלויז דירה־געלט פון זיינע הייזער אין וואַרשע און אין בערלין; האָט ער זיך געוואָנדן מיט אַ בקשה צו דער פּוילישער רעגירונג, וועגן אַ הלוואה פון הונדערט טויזנט זלאָטעס — ווי אַ צולאָג צו זיין אייגענעם קאַפּיטאַל, כדי אויפצובויען אַ פאַבריק פאַר פאַרטיידיקונג־צוועקן פונעם לאַנד. ער איז גרייט געווען צו צאָלן די גרעסטע פּראָצענטער. אָבער די פּוילישער אַנטיסעמיטישע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן זיין פּלאַן.

✶

צוטאָן אַ יידן אַ טובה, איז ער געווען גרייט צו גיין אין פייער און וואַסער. איינמאָל, ווען ער איז נאָר וואָס געקומען צו פאָרן מיט דער באַן אַ צוגעקילטער און דער קוטשער האָט אים געברענגט אהיים, האָט אויף אים געוואַרט אַ ייד, אַן אָרעמאַן, וואָס האָט געצויגן זיין בידנע חיונה פון אַ קליין קרעמל און דער פּוילישער סקאַרב, מ'האָט פון אים געפאָדערט אַזעלכע גרויסע שטייערן, וואָס איז בשום אופן נישט געווען אומשטאַנד צו צאָלן. דער סעקוועסטראַטער האָט אים קאָנפיסקירט די סחורה און אויך דאָס ביסל מעבל וואָס ער האָט געגרייט פאַר זיין טאָכטער, וואָס האָט געדאַרפט חתונה האָבן בקרוב. פרייטיק האָט געדאַרפט פאָרקומען די ליציטאַציע, ווו זיין האָב און גוטס וועט פאַרקויפט ווערן פאַר אַ שיבוש. ר' מענדל האָט געהייסן דעם קוטשער נישט אויסשפּאַנען די פערד און איז באַלד געפאָרן קיין קינסק, כדי זיך דאָרט משתדל זיין פאַר דעם ייד אין סקאַרב. ער האָט מבטל געמאַכט די קאָנפיסקאַציע פאַר אַ קליינעם סכום געלט און דער ייד האָט ווידער געהאַנדלט און געצויגן פרנסה בדוחק.

נאָר ר' מענדל אָבער, האָט זיך אויפן וועג נאָך שטאַרקער צוגעקילט און אומגעקערט זיך אַ היים מיט הויכער פיבער. דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט אַ לונגען־אָנצינדונג. די דאָקטוירים האָבן אַלץ געטאָן כדי אים צו ראַטעווען נאָר זיין קראַנק האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און נאָך אַ וואָך צייט זיך מאַטערן, האָט ער אומגעקערט זיין נשמה צום בורא עולם.

מיין שטעטל סקאַרזשיסק

חיה שפּיראָ

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין סקאַרזשיסק געווען אַ קליינער קיבוץ יידן. דער רוב האָט געוווינט אין די דערפער אַרום שטאָט, נאָר אַ קליינער טייל אין שטאָט גופא.

דאָס שטעטל איז געווען קליין, קיין גאַסן זענען דעמאָלט נאָך נישט געווען, די מקורות פון פרנסה באַגרענעצט. נאָר יידן האָבן אַנטוויקלט דעם האַנדל און מלאכה; דאָס ערשטע שיך־געשעפט האָט געהאַט משה ראָזנבערג, שפּייז־געוועלבל געצל ראָזנבערג, אייזן געשעפט נתן קאָגאַן, שניט געשעפט שמואל שליט או"ו.

יידן האָבן אויך געהאַנדלט מיט געטראַנקען און ציגאַרעטן. אין יענע יאָרן זענען אויף די אַרטיקלען געווען אַ מלוכה־מאָנאָפּאָל און די קאָנצעסיעס צו הקאַנדלען מיט דעם האָבן באַקומען פּאָליאַקן מיט אויסצייכנונגען (מעדאַלן). נאָר זיי האָבן דעם זכות פאַרקויפט צו יידן.

יידן האָבן געהאַט שיין פרנסה. די פּויערים אין די דערפער אַרום שטאָט זענען געווען גוט סיטואירט, זייערע קינדער האָבן שוין אין יענע יאָרן שטודירט אין גימנאַזיעס. פלעגן זיי אַ סך קויפן און געבן צו פאַרדינען.

די שטאָט איז געווען אַ גרויסע פאַרבינדונג־סטאַציע. פון דאַנען זענען געגאַנגען באַנען אין אַלע ריכטונגען אין פּוילן; וואַרשע, קראָקע, לאָדזש און צוזמיר. אַ גרויסער טייל פּאָליאַקן האָבן געאַרבעט ביי די באַנען ווי מאַשיניסטן, מייסטערס א"א. ס'זענען אויך געווען וואַרשטאַטן ווו מ'האָט אויסגעאַרבעט טיילן צו לאָקאָמאָטיוון. פאַרשטייט זיך, אַז יידן האָט מען נישט צוגעלאָזט צו קיין רעגירונגס־אַרבעט, האָבן זיי געהאַנדלט און געמאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן, אַ טייל זענען אפילו רייך געוואָרן.

אַרום סקאַרזשיסק זענען געווען אַ סך שטעט און שטעטלעך: קעלץ, שידלאָווצע, וואָנכאַצק, סוכעדנאָוו, באַדזענטן א"א. וואָס זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שווערע. ווען זיי האָבן געהערט וועגן די „גליקן" וואָס סקאַרזשיסקער יידן מאַכן נאָך דער 1־טער וועלט מלחמה, האָבן זיי זיך באַזעצט ביי אונדז אין שטאָט און אויסגעזוכט פרנסה.

אין יאָר 1924 ווען גראַבסקי איז געוואָרן פינאַנץ־מיניסטער, האָט זיך די לאַגע פון יידן פאַרערגערט. ער האָט אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן און ער האָט רואינירט אַ גרויסן טייל סוחרים. אין רעזולטאַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע עליה קיין ארץ ישראל. מען האָט זי טאַקע גערופן „די גראַבסקי עליה". ליידער האָט זיך די עליה נישט איינגעגעבן, אַ סך זענען צוריקגעקומען.

דאָך זענען א סך געשעפטן געבליבן ביי יידן. מען האָט אָנגעהויבן בויען די אַמוניציע פאַבריק, וואָס האָט זיך געצויגן קילאָמעטערס ווייט. דאָ האָבן באַקומען אַרבעט אַ סך פּאָליאַקן, דער האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט, די אַרבעטער האָבן אַ סך געקויפט, ס'זענען אויפגעקומען אַ סך יידישע נייע געשעפטן וואָס זענען רייך געוואָרן.

ווידער דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז קיין יידן האָט מען צו דער אַרבעט אין די פאַבריקן נישט צוגענומען. די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן האָבן אויך נישט געקענט צוקוקן ווי יידן בויען הייזער און קליידן זיך שיין, האָבן געשאַפן אַ ווערטל „די הייזער אייערע — די גאַסן אונדזערע". די קנאה האָט זיי אויפגעגעסן, האָבן זיי זיך גענומען צום האַנדל: געעפנט געשעפטן אויף די שענסטע גאַסן מיט אַ סך סחורה. נאָר פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען נישט געווען קיין סוחרים, און נישט געקענט קאָנקורירן מיט די יידן. זיי האָבן אָבער נישט באַדאַרפט ציען קיין פרנסה פון די געשעפטן, ווייל זייערע מענער אַרבעטן אויף גוטע פּאָסטנס — האָבן זיי זיך געהאַלטן. כאָטש, אַ סך פּאָליאַקן האָבן ווייטער געקויפט ביי יידן...

כאָטש די שטאָט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט; מען האָט געבויט הייזער, ס'זענען אויפגעקומען גאַסן, מיט אַ האַנדלס־צענטער, אין

1937 איז די לאַגע פון יידן געוואָרן שווערער. די „ענדעציע״ איז געוואָרן אַקטיוו; מען האָט גענומען שלאָגן יידן, אַז מען פלעגט שרעקן זיך אין אָוונט צו גיין אויף די הויפט גאַסן. ס׳איז געשאַפן געוואָרן די באָיקאָט באַוועגונג קעגן יידישע געשעפטן.

אין די צייטן פאַר די חגאות, ווען די געשעפטן לייזן האָבן זיי אַוועקגעשטעלט פיקעטן פאַר די יידישע געוועלבער נישט אַריינצולאָזן קיין פוילישע קונים. אַפילו פאָטאָגראַפירט די קונאים וואָס גייען קויפן ביי יידן, כדי זיי צו פאַרשעמען. אפילו אין די קלויסטערס האָט מען אַגיטירט מען זאָל נישט קויפן ביי יידן...

אָבער די גויעם האָבן ליבער געקויפט אין די יידישע געשעפטן, ווייל דאָרט איז געווען ביליקער און בעסער, פלעגן זיי קומען זונטיק, ווען די פיקעטן זענען נישט געשטאַנען און זיי באַמיען זיך איינצוקויפן אין געהיים וואָס זיי דאַרפן.

אַזוי אַרום האָבן די יידישע געשעפטן עקזיסטירט ביז ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט און פאַרניכטעט דאָס גאַנצע פאַרוואָרצלטע און איינגעאָרדנטע יידישע לעבן.

ר׳ ישראל ראָזנבערג

יעקב שפּיראָ

ר׳ ישראל ראָזענבערג, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ ישראל יאַגאָדנער, איז געווען אַ ייד אַ תלמיד חכם און געהאַט סמיכות אויף רבנות. אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען אַ גוטבאַזיצער אין יאַגאָדנע, נישט ווייט פון סקאַרזשיסק. קיין סקאַרזשיסק איז ער געקומען אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. יאַגאָדנע איז געווען דאָס דריטע גוט וואָס ער האָט געקויפט. אין יעדן גוט האָט ער געשריבן אַ ספר־תורה און אין יאַגאָדנע האָט ער געלאָזט שרייבן דעם דריטן ספר. יאַגאָדנע איז געווען אַ גרויס און רייך פאָלוואַרק מיט אַ ריזיקן שטח, ביי 1,200 מאָרג ערד און עס האָבן דאָ געאַרבעט הונדערטער פויערים; פעלדער מיט תבואה, גרויסע סעדער מיט די טייערסטע פרוכט, פינף סטאַוועס מיט פיש, שטאַלן מיט הונדערטער קעפּ פי, טויזנטער עופות — היינער, גענז און קאַטשקעס. פונעם פאָלוואַרק פלעגט ר׳ ישראל אַרויספאָרן מיט אַ קאַרעטע געשפּאַנט אין פיר פערד. די פּריצים פון די אַרומיקע גיטער פלעגן זיך ביי אים אָפּשטעלן, ווען זיי זענען צוריקגעפאָרן פון יאַגד און ער האָט פאַר זיי געמאַכט גרויסע אויפנאַמעס.

ער איז געוואָרן אַ גרויסער מכניס אורחים און צענדליקער גוטע יידן האָבן זיך ביי אים אויפגעהאַלטן און אָפּגערוט. אין יאַגאָדנע האָט זיך צו דעם צוועק געפונען אַ ספּעציעלער בנין און זומער האָבן זיך דאָ ערהאָלט רבנים און רביים פון נאָענט און ווייט. פרייטאָג צו נאַכט זענען אינעם פאָלוואַרק געקומען צום דאַווענען די יידן פון די אַרומיקע דערפער און אַ גרויסער טייל איז געבליבן אין גוט אויף אַ גאַנצן שבת און אין דער פרי נאָכן דאַווענען האָט מען געמאַכט אַ קידוש מיט אַ מיטאָג פאַרן גאַנצן עולם.

ר׳ ישראל האָט אויך געפירט גרויסע געשעפטן אין לאַנד און אויסלאַנד און פון צייט צו צייט באַזוכט קאָמערציעל ווין און פּאַריז און געגאַשט אין דער גרויסער וועלט פונעם וועלטלעכן וויסן. זייענדיק אַליין פון רבנישן ייחוס געקניפּט און געבונדן מיט כלי־קודש, האָט ער מיט זיינע קינדער געשלאָסן רבנישע שידוכים. מיט זיין עלטסטע טאָכטער חיה־רחל האָט ער זיך משדך געווען מיטן נעסכיזשער רבין. דער איידעם איז געווען אַ גרויסער עילוי און געהאַט שוין צו 17 יאָר, ווען ער האָט חתונה געהאַט, היתר הוראה און ר׳ ישראל האָט אים געהאַלטן 10 יאָר אויף קעסט. אַ דאַנק דעם האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען אַלס אויטאָדידאַקט וועלטלעכע לימודים, באַקומען אַלס עקסטערן אַ מלוכהשן, רוסישן אַטעסטאַט און אויך בייגעשטאַנען דעם עקזאַמען פון אַ מלוכהשער רבנים־שול



ר׳ ישראלס איידעם ר׳ יאַנקל אורבאַך מיט זיין משפחה. אין די לעצטע שורה פון רעכטס צו לינקס דער 4טער — ר׳ געצל ראָזנבערג, די 6טע פערזאָן פּערעלע ווייצמאַן.
פון די גאַנצע משפחה, האָבן זיך געראַטעוועט בלויז אורבאַך 2 זין: זלמן און הערצל, וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרלאָזן פוילן פאַרן קריגס־אויסברוך

און אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרן באַשטעטיקט דורך דער צאַרישער רעגירונג אָפיציעל אַלס אַ רב.

די צווייטער טאָכטער מיט איר מאַן יעקל יאַגאָדנער (אורבאַך) האָט זיך איבערגעצויגן אין יאָר 1900 קיין סקאַרזשיסק און געוווינט אויף דער דריטער מאַי גאַס (ביים אומאָפּהענגיקן פּוילן). אויך זענען געקומען אין שטעטל זיינע צוויי זין — משה אין יאָר 1905 און געצל אין יאָר 1908. דער לעצטער האָט געוווינט אויף דער סטאַשיצאַ גאַס. קורץ פאַרן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג האָט ר׳ ישראל געמוזט דעם גוט פאַרצעלירן און פאַרקויפן דעם באָדן צו די פּויערים. ס׳איז געווען אַ „גענעראַלסקער״ באַזיץ און ביים צאַרישן רעזשים האָבן די יידן נישט געטאָרט קויפן די דאָזיקע ערד. האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין סקאַרזשיסק. ס׳איז אים פאַרפאַלן געוואָרן מער ווי דרייסיק טויזנט רובל ביי די פּויערים, אָבער ער איז נאָך געווען גענוג רייך. ער האָט פאַרנומען די גרעסטע וווינונג אין שטאָט און ווייטער געפירט זיין הכנסת־אורחים — אַן אָפענע טיר פאַר יעדן איינעם. די גאַנצע צייט האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט קהלישער אַרבעט. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר אָרטיקע אָרעמע־לייט און פאַר צוגעפאַרענע פון דער פרעמד און געווען זיין פאָרזיצער. דערצו נאָך האָט ער ביי זיך אין שטוב אָרגאַניזירט אַ קיך, ווו יעדער נויטבאַדאַרפטיקער האָט באַקומען אַ מיטאָג מיט ברויט און אַפילו אַ גלעזל טיי. פּסח האָט ער צוגעגרייט מצות און ווין און עס פאַרטיילט יעדן נצרך. אַזוי האָט ער זיך געפירט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה ביז זיין ווייב ביילה־לאה, אַ גרויסע צדיקתטע איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. פאַר ר׳ ישראל איז דאָס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. ער האָט זיך זייער איבערגענומען, נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם צער און אין יאָר 1918, דריי חדשים נאָך זיין ווייבס טויט, איז ער נפטר געוואָרן. די וווינונג פון מיין זיידן האָט איבערגענומען זיין זון געצל און געוווינט אין איר מיט זיין משפחה ביז דער דייטשער אָקופּאַציע.

געשטאַלטן אין שטעטל

יעקב פראַנט

געווען אַ מאָל אַ שטעטל סקאַרזשיסק, וואָס איז געלעגן צווישן ראַדעם און קיעלץ, לעבן קאָנסק. אַ יידיש שטעטל ווו ס׳האָבן געוווינט אַ פינף־הונדערט יידישע משפחות.

אין שטעטל זענען געווען יידן: חסידים, מתנגדים, ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן און סתם יידן בעלי־בתים וואָס האָבן זיך נישט געמישט אין פּאָליטיק, נאָר ערלעך געאַרבעט אויף זייער בידנער פּרנסה.

געווען יידן פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים, קרעמער, הענדלער און אָרעמע־לייט. געווען אַ נייע גרויסע שול און אַן אַלט בית־המדרש, ווו יידן האָבן געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג; באַגינען פלעגן פּשוטע יידן דאַווענען מיטן ערשטן מנין, אַריינכאַפּן אַ „קדושה־ברכו״, כדי אַוועקצולויפן צו זייערע געשעפטן און אין אָוונט האָט מען נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן דעם לעצטן „מעריב״.

געווען אויך חסידישע שטיבלעך פון פאַרשיידענע רביים: גערער, אַלעקסאַנדער, אַמשינאָווער, אָסטראָווצער א״א יעדע מיט אירע באַזונדערע מנהגים.

אין בית־המדרש זענען געווען אַ סך ספרים: חומשים, תנ״כן, שאלות־ותשובות און דער עיקר ש״סן, גמראָס מיט פּרושים, איבער וועלכע יונגע לערנערס זענען געזעסן און זיך געפּילפּלט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

נאָר טומלדיק און לעבעדיק איז אין בית־המדרש געווען — שבת. יידן זענען געקומען אויסגעפּוצטע אין שענסטן און בעסטן, אין זיידנס און אַטלאָס, יונגע אין זיידענע געהאַקטע קאַפּאָטעס, אַרומגענומען מיט זיידענע גאַרטלען.

שבת נאָכן עסן האָבן מגידים געהאַלטן דרשות, געמוסרט און געלערנט דעם עולם צו זיין גוט און פרום...

געוויינטלעך זענען יידן שבת נאָכן עסן אַריינגעקומען אין בית־המדרש, כדי צו לערנען; ווער אַ בלאַט גמרא, ווער אַ פּרשה חומש מיט רש״י, אַנדערע תנ״ך אָדער גלאַט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. אַפילו די גאָר פראָסטע האָבן געקוקט אין עברי־טייטש פון חומש. אַ ייד האָט געוווסט, אַז שבת איז געגעבן געוואָרן פאַר הייליקע ענינים.

געווען אַ ייד ר׳ שמואל יחזקאל (שמיל כאַסקל) וואָס האָט געהאַט אַ שיינעם מנהג; יעדן שבת נאָכן עסן און דרעמל איז ער געקומען אין שטאָטישן בית־המדרש, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטענדיקן אָרט — אויף דער דרומדיקער זייט, כדי צו האָבן וואָס מער ליכט און וואַרטן אויף זיינע תלמידים, וואָס זענען באַלד אָנגעקומען — כדי צו לערנען מיט זיי אַ בלעטל גמרא. איין תלמיד זיינעם ר׳ נטע׳לע געדענק איך. דאָס איז געווען אַ קליין, דאַר יידל, נאָר שטאַרק פרום און פלייסיק. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צום לערנען. ווען סהאָט זיך אים אַמאָל צעבראָכן די ברילן, האָט ער געהאַלטן אין גלעזל אין האַנט און אַזוי אַרום געלערנט. ר׳ שמואל יחזקאל האָט שווער געהאָרעוועט דורכצולערנען אַ בלעטל גמרא מיט זיין עולם. זיין נו, נו, האָט מען געהערט איבערן גאַנצן בית־המדרש. דאָך, נאָך לאַנגע יאָרן לערנען האָבן זיי באַוויזן דורכצוגיין גאַנץ ש״ס. זייער פרייד איז געווען אין לשער, אַ קלייניקייט — אויסלערנען ש״ס? זיי האָבן זיך געפילט דערהויבענע מיוחסים ביים סיום הש״ס.

✶ ✶

געווען אַ ייד ר׳ מאָטל, אַ גרויסער למדן. האָט ער געזאָגט, אַז מ׳ מעג דאָ טראָגן אום שבת אָן אַן ערוב, ווייל דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט טעלעפאָן־דראָטן. ער האָט אויפגעוויזן מיט פאַרשיידענע מפרשים, אַז דער רב וואָס האָט דאָס געאַסרט איז נישט גערעכט. ער האָט אַליין געטראָגן אום שבת, כדי צו ווייזן, אַז מ׳מעג. אַ מלחמת־מצווה געווען...

✶ ✶

געווען ר׳ זכריה זילבערבערג, אַ הויכער, אַ דאַרער, אַן ערנסטער איז ער שטענדיק געווען פאַרטאָן אין פרומקייט. די טעכטער זיינע זענען געווען פונקט אַזוי פרום ווי ער. אַ קפדן, האָט ער גערעדט הייזעריק און שטענדיק זיך געהיצט. אויף אַלע אסיפות פלעגט ער מיט זיין הייזעריקן קול האַלטן אין איין שרייען: מ׳טאָר נישט, מ׳טאָר נישט! ער האָט גאָר נישט געקענט פאַרשטיין ווי קענען עס יידן נישט מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות?

✶ ✶

געווען ר׳ סנדר פראַנט (מיין פאָטער). אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים, הויך און ברייט, מיט אַ שיינעם קול. אַ בעל־קורא אין שטאָטישן בית־המדרש. פרום און גאָר ערלעך; ווען ס׳איז געווען אַ דין־תורה צווישן יידן ביים רב וועגן געלט־ענינים, האָט מען דאָס געלט איינגעלייגט ביי ר׳ סנדרן, ער זאָל עס האַלטן ביז נאָכן פּסק־דין. ר׳ סנדר האָט דאָס געלט איינגעוויקלט אין אַ טיכל און עס

באַהאַלטן נישט־געציילט, ווי גלייבט מען עס נישט קיין ייד, אַז ער זאָגט דעם אמת? ביז מען האָט אים צעוויסן געטאָן וועמען ער דאַרף דאָס געלט געבן. בחורווייז האָט ער געלערנט ביים „שפת אמת" (דער אַלטער גערער רבי) אין ישיבה, אָבער ער איז צו קיין רבין קיינמאָל נישט געפאָרן. „גאָט איז נאָענט צו יעדן ייד וואָס וויל עס נאָר" פלעגט ער זאָגן. אַ זעלטענע געשטאַלט געווען...

✶ ✶

געווען ר' שמעון מילגראַם (מיינער אַ שוואָגער), וואָס מ'האָט גערופן שימעלע חסיד. אַ מאָל האָט ער געלערנט ביים אָסטראָווצער רבין אין ישיבה. זיינע עלטערן מיט אַלע שוועסטער און ברודער זענען געפאָרן קיין אַמעריקע, נאָר ער האָט נישט געוואָלט פאָרן. וויפל מאָל די משפחה האָט ביי אים געבעטן ער זאָל קומען, כדי צו זיין צוזאַמען, האָט ער נישט געוואָלט הערן דערפון. אַלץ צוליב דעם וואָס „אַמעריקע איז נישט פרום" ווי ער פלעגט טענהן. ווען איינער אַ ייד, אַן אָרעמאַן, אַ טאַטע פון טעכטער, האָט אים דער־ציילט, אַז זיין עלטסטע טאָכטער איז שוין אַן עלטער מיידל און מ'דאַרף אַ ביסל נדן, כדי זי חתונה צו מאַכן, האָט שימעלע — כאָטש זיין פרנסה איז געווען, אַרומפאָרן איבער יאַרידים און קוים פאַר־דינט פרנסה — אים אָפּגעגעבן ביזן לעצטן גראָשן. ביז דער ייד האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער. ס'איז ביי אים געווען אַ הייליקער סוד, וואָס קיינער האָט נישט געקענט דערוויסן. אַ ווונדערלעכער ייד געווען...

✶ ✶

געווען ר' משה'ל שוחט. א שיינער ייד און זייער אַ פרומער. אַ בעל־שחרית די ימים־נוראים אין שטאָטישן בית־המדרש. ר' משה פלעגט ביים גאַנצן דאַווענען וויינען מיט אַזאַ געבראָכן האַרץ, אַז דער גאַנצער עולם מתפללים האָט מיטגעוויינט. ער האָט געוויינט אפילו ווען ער האָט געזונגען. אַזוי האָט ער געוויינט זינגענדיק און געזונגען וויינענדיק...

דער צווייטער שוחט ר' יחזקאל (כאַסקל וויַיצמאַן) איז געווען דער בעל־מוסף. ווען ער האָט געזאָגט „כל נדרי" פאַרן עמוד, איז אַ ציטער דורכגעגאַנגען איבער די ביינער. ער האָט געדאַוונט מיט אַזאַ ברען, אַז מ'האָט בפירוש געקענט זען די „מלאכים יחפזון". ביי „נעילה" האָט ער — האַלטנדיק די הענט אין דער הייך — אַ געשריי געגעבן „פתח לנו שערי", אַז מ'האָט ממש געקענט זען ווי אַלע טויערן עפענען זיך גלייך צום כסא־הכבוד...

✶ ✶

געווען ר' יחיאל וויינבערג. געשטאַמט פון אַ שיינער משפחה, אַ זון פון ר'משה (מאשקע) וויינבערג, א שם־דבר אין שטאָט; אַ חשובער מענטש, אַ בורר ביי דין־תורה'ס. ער איז אויך געווען אַ קאַנדידאַט צום פוילישן סענאַט אויף דער ליסטע פון „אגודת ישראל". אַ שיינער, אַ הויכער מיט אַ גוטן אויסזען, גערעדט אַ פליסיקן פויליש, געהאַט אַ שאַרפע צונג, אַ קלוגן קאָפּ מיט אַ סך הומאָר. דער זון ר' יחיאל איז אויסערלעך געווען ענלעך צום טאַטן „ברא כרעא דאבוה" אַ שטילער, אַן איידעלער, פלעגט באַגריסן יעדער מענטש — אפילו אַ קינד. אַ למדן וואָס איז געזעסן יומם־ולילה און געלערנט. ער האָט אויך אַריינגעצויגן יונגע בחורים אין לערנען. איך געדענק: אַמאָל איז ער געקומען צו מיין פאָטער און אים דערציילט: היות ער גייט שאַפן אַ קרייז תלמידים צו לערנען „יורה־דעה" וויל ער, אז איך זאָל לערנען ביי אים. פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער האָט תיכף מסכים געווען און איך בין געוואָרן איינער פון זיינע תלמידים. מיר זענען געווען דריי: אברהם צעלינסקי, זלמן פריימאַן און איך. געלערנט האָבן מיר אין דעם שטיבל פון אַלטן פעפער, וואָס מ'האָט גערופן „דאָס קליינע בית־המדרש". ער האָט מיט אונדז געלערנט „הלכות תערובות" מיטן „יורה־דעה" א"א סוגיות. געלערנט מיט אַ ניגון און מיט אַ סך שכל און טעם.

✶ ✶

געווען ר' בונים־בעריש אַבראַמאָוויטש, אַ הויכער, אַ דאַרער אין ברילן און אַ שטאַרק באַוועגלעכער; ער איז נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן. אַ חוץ זיין וועלטלעכן וויסן, איז ער געווען אַ גרויסער למדן. ער האָט טיילמאָל פאַרטרעטן דעם רב, ביי דין־תורה'ס און שאלות.

פון זיינע צוויי זין, איז פנחס קודם געווען אַ סתם־ציוניסט, דערנאָך איז ער געוואָרן אַן אַקטיוויסט אין דער רעוויזיאָניס־טישער אָרגאַניזאַציע. אַרומגעפאָרן איבער די אַרומיקע שטעטלעך צו אָרגאַניזירן דעם „הצה"ר" און „בית"ר". געווען אַ גאַנץ פעאיקער, געהאַט גוטע און לאָגישע אַרגומענטן, נאָר אַ נער־וועזער. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן קענען גאָר אַנדערש טראַכטן.

דער צווייטער זון יידל, איז געווען גאָר אנדערש. אַ רואיק־פאַרטראַכטער, אַ שטילער, האָט ער זיך נישט געמישט אין פּאָ־ליטיק. אמת, ער האָט געהערט צו דער רעוו. פּאַרטיי, אָבער נישט פאַרנומען קיין שום אַמט, געווען גלייכגילטיק. דער פאָטער האָט זיך בכלל נישט געמישט אין זיינע זינס ענינים.

✶ ✶

געווען ר' טביה בריקס, אַן איש־תם, זייער אַ באַשיידענער, אַ רויקער, אַ שטילער. ערלעך געאַרבעט מפרנס צו זיין די משפחה. ער איז געווען אַ וואָרכאַצקער חסיד און אַ בעל־קורא און בעל־תפילה אין זיין שטיבל. געהאַט עטלעכע זין און טעכטער וואָס ער האָט געגעבן אַ טראַדיציאָנאַל יידישע דערציונג. איינער פון זיינע זין, איז דער באַקאַנטער יידישער שרייבער — ירחמיאל בריקס. דער מחבר פון „אַ קאַץ אין געטאָ", „אויף קידוש השם" א"א ביכער אויף דער חורבן טעמע.

✶ ✶

געווען ר' משה דוד קאַגאַן. אַ שיינער ייד מיט אַ הדרת־פנים; הויך, שלאַנק מיט אַ שיינעם חיתוך־הדיבור און זייער פרום. ער איז געווען דער מוהל פון שטעטל. מ'האָט געזאָגט, אז ער האָט אַ גרינגע האַנט. שטענדיק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער און געוואָלט זיי דורכפירן. איין פּלאַן זיינער למשל, איז געווען ווי אַזוי אַרויסקריגן פון דער ערד טייערע מעטאַלן און ווערן אַ מיליאָנער. האָט ער געזוכט און געגראָבן, ביז ער איז געוואָרן אַ קדוש. דאָס הייליקסטע אין דער ערד...

געווען ר' געצל ראָזענבערג (יאַגאָדנער). אַ גאָר באַשיידענער ייד, א שוויגער, זיך נישט געשטופּט און זיך נישט געמישט אין ערגעץ. שטענדיק געזעסן ביי זיך אין שטוב. ער האָט אָבער פאַרשפּרייט אַלע נייעסן אין שטאָט. געווען דער צושטעלער פון אַלע יידישע צייטונגען אין שטאָט.

זיין זון מענדל, איז געווען גאָר דער היפך; אויפגעקלערט און באַלעזן, באַרעדעוודיק און טומלדיק. געווען דער פירער ביי דעם „החלוץ". שטענדיק געפירט וויכוחים מיט פּאָליטישע קעג־נער און זיי געוואָלט איבערצייגן מיט זאַכלעכע אַרגומענטן, אַז נאָר זיין אידעע איז די ריכטיקסטע.



יידל קאַגאַן

געווען ר׳ נתן קאַגאַן, אַ בכבודיקער, געלאַסענער און שטילער ייד. גערעדט אַז מ׳האָט אים קוים געהערט. זיין זון יידעלע האָט געקענט זייער שיין זינגען און שפּילן אויף פידל. ווי ס,זינגט זיך „יידל מיטן פידל״. מ׳האָט געוווּסט אפילו וועגן אים אין וואַרשע, צוליב זיין וווּנדערלעכן פידל־שפּיל. איז ער דאָך אָבער געווען אַ ייד און געהייסן קאַגאַן, האָט ער גאָר נישט געקאָנט דערגרייכן, כאָטש ער איז געווען יונג, שיין און טאַלאַנטירט...

זיין איידעם, ר׳ מאיר שער איז געווען אַ ייד אַ הדרת־פּנים, מיט אַ גרויסער געדיכטער באָרד, אַ געלאַסענער מענטש; גערעדט שטיל, רויק מיט טעם. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשהלעך און משלים, דווקא מעשיות און משלים שיינע און באַלערנדיקע. ער איז קיין מאָל נישט מיד געוואָרן דערציילנדיק און מענטשן זענען נישט מיד געוואָרן הערנדיק זיינע דברי־חכמה.

* * *

געווען ר׳ אהרן לעמבערגער, „דער בלינדער אהרן״ האָט מען אים גערופן. ער איז טאַקע געווען אין גאַנצן בלינד. ער איז אויך געווען פּאַראַליזירט אויף איין זייט, אויך נישט באַוועגט מיט איין האַנט און געהונקען אויף אַ פוס. אַ שווערער קאַליקע, פון דעסט־וועגן איז ער געווען אַ גאָר שטאַרקער ייד. זיין דירה איז געווען נישט ווייט פון בית המדרש, איז ער יעדן טאָג געקומען דאָרט גאַנץ־פרי און געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט. צום סוף איז ער אַליין אַ היים געגאַנגען, ווי ער וואָלט אַלץ געזען...

ר׳ אהרן איז שטענדיק געזעסן אַליין אין ווינקל לעבן פענצטער. שטענדיק אויפן זעלבן אָרט ביי דער גרויסער ספרים־שאַנק און שטענדיק האָט ער עפּעס געזאָגט אויסנווייניק — תהילים אָדער אַנדערע תפילות.

ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע שטים ביים רעדן און נאָך מער צום שרייען. ווייסע־חברהניקעס האָבן אים אָנגעטאָן צרות, אָפּגעטאָן שפּיצלעך; זיי האָבן למשל צוגעבונדן אַן עק פון זיין קאַפּאָטע צום פוס פון אַ דערלעבן שטייענדיקן טיש און ער האָט זיך נישט געקענט באַוועגן . פלעגט ר׳ אהרן שרייען און זיך בייזערן מיט זיין געזונט קול, ווי אַ געבונדענער לייב. נאָר מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, איז ער שוין ווידער געזעסן אויף זיין אָרט און שטיל געמורמלט אַ תפילה, ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געשען.

ר׳ אהרן האָט געהאַט דריי זין. דער עלסטער פּנחס איז געווען הויך געוואַקסן מיט אַ בלאַס, איידל פּנים. מסתמא פון פאַסטן האַלבע טעג תעניתים, האָט ער שוין יאָ געגעסן, איז עס געווען דער רוב ברויט מיט זאַלץ, ווי ס׳שטייט „פּת במלח תאכל״ און פון זיצן האַלבע נעכט אין בית המדרש און לערנען. ער איז געווען זייער פרום און אַ נוח לבריות, געענטפערט מיט שטילע, געלאַסענע רייד. אַ למדן און אַ מזג טוב.

דער מיטלסטער — לוי האָט אויך געלערנט אין בית המדרש. אַ פרומער און זייער אַ ביישן. האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון מענטשן, זיך אין ערגעץ נישט געמישט, נאָר געווען פאַרטיפט אין זיך. ר׳האָט זיך באַמיט מ׳זאָל אים נישט באַמערקן. די גאַנצע וועלט איז ביי אים געווען דער בית המדרש.

דער יונגסטער נח, מיטלוווּקסיקער, ברייט ביייניק, אַן אמתער גיבור. ער איז שוין געווען מער מאָדערנע, אויפגעקלערט; ער האָט ליב געהאַט צו דיסקוטירן מכח פּאָליטיק, זיך מישן אין פאַר־טייישע ענינים און געווען אַ ביסל לינק געשטימט. ר׳ אהרן — זייער פאָטער, האָט זיך מיט זיי נישט געגרויסט. צי מחמת ענווות אָדער מחמת עין הרע? ער האָט וועגן זיי נישט גערעדט. אַ פיינע שטילע משפּחה.

* * *

געווען ר׳ דודל באַך. אַ פאָלקס־טיפּ ווי פון שלום־עליכמס אַ נאָוועלע. קליין, דאַר און באַוועגלעך און שטענדיק גרייט צו העלפן אַ ייד אין אַן עת־צרה, מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. אומעטום האָט ער זיך געמישט, געשטופּט און געשריגן. שטענדיק געהאַט טענות צו קהל; פאַרוואָס מען גרינדעט נישט קיין געזעלשאַפטן ווי „הכנסת אורחים״, „ביקור חולים״, „גמילת חסד־קאַסע״ א״א. האָט ער דערפאַר אַלץ אַליין געטאָן, זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם; געגאַנגען איבער יידישע הייזער געזאַמלט געלט און זאַכן פאַר אָרעמעלייט, אַליין דאָס געלט צוטיילט לויט זיין איינזען. קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו קאָנטראָלירן. מען האָט געוווּסט, אַז יענעמס געלט איז ביי אים הייליק: צולייגן אייגנס, דאָס יאָ, אָבער אָנרירן יענעמס — חס וחלילה! אַזוי האָט געלעבט אַ פּשוטער ייד...

* * *

געווען ר׳ יעקב מינץ, אַ בעל־בתיש גוטמוטיקער מענטש, שטענדיק מיט אַ שמייכל און מיט אַ גוט וואָרט. זיך נישט געמישט און נישט געשריגן, זיך נישט באַקלאָגט אויף קיינעם. זיך גע־האַלטן ציכטיק־ריין, שטענדיק אונטערגעזונגען אַ זמרל. מען האָט אים ליב געהאַט, אפילו דאָס יונגוואַרג. האָט געקלעבט אַרום אַרום אים, אפשר איז עס געווען דערפאַר וואָס ער האָט נאָר געהאַט געראָטענע טעכטער? ער האָט נישט געקענט עפענען דאָס מויל, נאָר אַ קליין ביסל (אַ פעלער אַזאַ), אָבער ער האָט דערציילט שיינע מעשהלעך און וויצן. ער האָט געהאַט אפשר אַ טוץ טעכטער, אָבער ער האָט נישט געזאָרגט, געווען זיכער, אַז „ווער ס׳גיט לעבן און קינדער, וועט געבן פאַר זיי״...

* * *

געווען ר׳ יחזקאל כמעלניצקי, אַ געלאַסענער, אַ רואיקער, ערנסטער מענטש אפילו בעתן וויצלען זיך. האָט זיך אָפּגעהיטן, געווען פיין אָנגעטאָן, געקענט אַ ביסל לערנען און ליב געהאַט דעם „עמוד״ ביי וועלכן ער האָט געדאַוונט מיט אַ נישט שלעכטער שטים. געהערט צו די „אַלגעמיינע ציוניסטן״, געווען אַ ערך־מיטגליד אין „קרן היסוד״ און „קרן קיימת״, זיך אַנגאַזשירט אין קהלשע ענינים, ליב געהאַט צו גיין אויף אַסיפות, ווו מ׳האָט אים גערן אויפגענומען.

ער האָט געדאַוונט אין שטאָטישן בית־המדרש מיטן לעצטן מנין. דעמאָלט האָבן געדאַוונט יידן משכילים, וואָס זענען נישט געווען שטאַרק אָפּגעהיטן למשל: געכאַפּט אַ גלעזל טיי פאַרן דאַווענען... דעם זון זיינעם האָט ער דווקא געוואָלט מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר, נאָר היות אין דעם אַנטיסעמיטישן פוילן איז עס שווער געווען צודערגרייכן, האָט ער אים אַוועקגעשיקט לערנען קיין פּאַריז אין דער „סאָרבאָנע״. מ׳קען זיך פאָרשטעלן די פרייד פון די עלטערן, ווען ער איז געקומען אַ היים קיין סקאַרזשיסק מיט דעם דיפּלאָם פון אַ ד״ר מעדיצין...

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ אליעזר גאָלדבראַך, שטענדיק אַ פאַרנומענער און פאַריאָגטער מיטן עול פּרנסה. אַ פאַרטראַכטער און פאַרשלאָסענער אין זיך איז ער געלאָפן מיט קליינע טריטלעך, מען האָט געקענט זען, אַז דער ייד מיטן איידעלן פּנים, טראָגט אַ שווערע משא אויף זיך, מ׳האָט אפילו געקענט טרעפן זיינע נישט־אַרויסגעזאָגטע מחשבות, למשל: ווו נעמט מען אויף פּרנסה? אָדער, פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין לייַ־קאַסע? ס׳זענען דאָך פאַראַן ב״ה אין שטאָט גבירים וואָס קענען עס באַווייזן. אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער איינמאָל געהאַט אַן איינפאַל: ער האָט אָנגעשריבן אין די יידישע רעדאַקציעס אַן „אויסגעטראַכטן״ באַריכט פון אַ פאַרזאַמלונג: אַלע יידישע גבירים פון שטאָט זענען זיך צונויפגעקומען און באַשלאָסן צו גרינדן אַ „לייַ־קאַסע״, כדי צו זאָרגן אַז אָרעמע יידן זאָלן באַקומען געוויסע סומעס אָן פּראָצענט. ער האָט צוגעטיילט אַ רשימה מיט נעמען און וויפל יעדער האָט אַריינגעטראָגן פאַר דער קאַסע. זיך אונטערגעשריבן אַ ביסל אַנדערש (בראָכגאָלד במקום גאָלדבראָך) און אָפּגעשיקט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַלע האָבן באַלד געוווסט ווער דער שרייבער איז, אָבער קיינער האָט צו אים קיין טענות נישט געהאַט. דווקא די גבירים וועמענס נעמען ער האָט אויסגערעכנט, זענען געווען צופרידן, זאָלן זייערע באַקאַנטע — אין אַנדערע שטעט — מיינען, אַז דער באַריכט איז געווען אַן אמתער. אַזוי האָט אַן ערלעכער גוט־מיינענדיקער ייד געוואָלט ווירקן אויף די קאַרגע גבירים און ווייך מאַכן זייערע האַרטע הערצער. אַ מאָדנע טרוימער...

✶ ✶ ✶

געווען יידן ציוניסטן וואָס זייער גרעסטער חלום איז געווען — ארץ ישראל. ר׳ משה גאָלדבערג אַ חשובער ייד, שטענדיק אין אַ ענגגעהאַקטע קאַפּאָטע מיט אַ וועסט אויף וועלכער ס׳האָט זיך געבאַמבלט אַ גאָלדענע קייט, איז געווען אַ רייכער ייד, געהאַט אַ הויז מיט אַ געשעפט אין מיטן שטאָט. שטענדיק האָט ער געהאַט טענות צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, הלמאי ס׳איז אַזוי שווער צו באַקומען אַ וויזע קיין א״י פאַרן מיטלשטאַנד? לסוף האָט ער געזען, אַז קיינער וועט גאָר נישט טאָן פאַר אים, האָט ער פאַרקויפט דאָס הויז מיטן געשעפט, געפאָרן קיין ארץ ישראל און געקויפט אַ משק אין עפולה...

געווען ר׳ הערשל וואָלפאָוויטש. אַ ייד מיט זעלטענע פעיקייטן. ער איז נישט געגאַנגען אין מיטלשול, נישט אין קיין הויכשול, זיכער נישט אין אוניווערסיטעט. דאָך האָט ער געהאַט אַ נאַטירלעכע נייגונג צו אינזשענעריע און אַרכיטעקטור. ווען מ׳האָט אין שטאָט באַשלאָסן צו בויען אַ מאָדערנע מקוה, האָט אָט דער ייד געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן פאַר דעם.

ר׳ האָט געהאַט צוויי זין: יצחק־מענדל איז געווען ענלעך צום טאַטן, הן אויסערלעך אין אויסזען, הן מיט זיינע אינזשענעריש־טעכנישע פעיקייטן. ווי אַ יונג ייִנגל האָט ער אַמאָל קאָמבינירט אַ קליין וועגעלע אויף פיר רעדער מיט אַ רודער. ווען מ׳האָט באַוועגט מיטן רודער, האָבן זיך אַלע רעדער געדרייט און דאָס וועגעלע איז געפאָרן אָן פערד...

דער צווייטער זון — נאָטע, איז געווען פונקט דער היפך; אַ שטילער, אַ רויקער, אַסך געלייענט, געטראַכט און געלעבט מיטן בוך. איין מאָל איז אַ ייד געקומען אויפמאָנען אַ וועקסל ביי זיין פאָטער. האָט אים ר׳ הערשל געהייסן קומען אַ צווייט מאָל. דער ייד האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט דווקא איצט אויפצומאָנען דעם חוב. איז נאָטע צוגעגאַנגען צום ייד און אים געזאָגט בזה הלשון „איר זענט פונקט ווי דער פּאָליציאַנט זשאַווער, ביי דעם פראַנצויזישן שרייבער וויקטאָר הוגאָ״ און איז אַוועק... ער האָט ממש געלעבט מיט דעם בוך. אַלע דריי זין זענען אויך געווען גוטע ציוניסטן.

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ חיים־נתן רינגערמאַכער. דער חזן אין שטאָטישן בית המדרש. באמת איז ער געווען אַ גוטער בעל־תפילה אין די שבתים און יום־טובים. אַ פאַרנעמער ייד מיט אַ הדרת פּנים, רייןשיין צוזאַמענגעשטעלט, געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריטלעך און שטענדיק עפּעס אונטערגעזונגען. ער האָט אַליין מחבר געווען די נגונים וואָס ער האָט געזונגען פרייטיק־צונאַכטס צו קבלת־שבת. ער האָט געזונגען מיט האַרץ און טעם. געווען אַ גאָר פריינדלעכער מענטש, יעדער האָט אים ליב געהאַט.

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ מאיר קאָפּלס. אַ פּשוטער ייד וואָס האָט בדוחק מפרנס געווען די משפחה. צווישן זיינע עטלעכע קינדער איז איינער געווען גאָר אַ באַזונדערער, אַן אומרואיק־צעלאָזענער, וואָס די עלטערן האָבן בכלל נישט געקענט צוימען. שטענדיק איז ער געלאָפן ווי אַ ווינט, די בעקלעך רויט, די אייגעלעך שאַרף־שפּיזיק, שוואַרץ ווי קויל. אַ קינד אַ ברען. קוים האָט אַ פאָטער געוואָלט שטראָפן זיין קינד, האָט ער אים געזאָגט „מיינסט כ׳וועל דיך לאָזן וואַקסן ווי נאָטעלע?״ און ער איז טאַקע געוואַקסן האַלב־ווילד, שטאַרק, מיט אַן אייזערנעם ווילן. ווען ס׳איז געקומען יענער טרויעריקער טאָג, ווען מ׳האָט אַלע יידן פון סקאַרזשיסק אַרויסגעטריבן אויפן מאַרק־פּלאַץ, כדי צו מאַכן די לעצטע סעלעקציע, אַ טייל צו שיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף שווערע אַרבעט און די איבעריקע געשטויסן אין וואַגאָנעס, אָפּצושיקן קיין טרעבלינקע אין די גאַז־קאַמערן. האָט אַ נאַצי נאָטעלען אַרויסגעצויגן פון זיין משפּחה, כדי אים צו שיקן אויף אַרבעט. נאָר נאָטעלע האָט זיך שאַרף קעגנגעשטעלט און דערקלערט, אַז „ער וועט זיך נישט שיידן מיט זיינע עלטערן, וואָס זענען שוואַכע מענטשן און זיי וועלן דאַרפן זיין הילף״. מעגלעך, אַז ער אַליין וואָלט זיך געקענט ראַטעווען, האָט ער אָבער באַשלאָסן זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע עלטערן, אויף אַזאַ אופן מקיים צו זיין דעם לעצטן כיבוד־אב. קען מען דערשאַצן די נשמה פון אַ יידיש ייִנגל?

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ אהרן בינשטאָק, אַ ייד מיט הדרת־פּנים, אַ הויכער און ברייטער, אַ טומלדיקער און באַוועגלעכער, אָפּט געפאָכעט מיט די הענט און געשריגן, געקלאַפּט מיטן שטעקן אויפן טיש, מ׳זאָל אים הערן. אומעטום האָט ער זיך געשטופּט און אין אַלעם זיך געמישט, אפילו דעמאָלט ווען מ׳האָט אים נישט געבעטן. מיט כוח האָט ער געוואָלט אַרויפצווינגען אויף אַנדערע זיינע מיינונגען און זיין ווילן. ווי שטאַרק ענערגיש ער איז געווען איז ער אויך געווען גוטמוטיק־צוגעלאָזן, זיך נישט געבייזערט, שטענדיק מיט אַ וויץ. דאָס וויכטיקסטע, ער האָט ליב געהאַט

צו טאָן אַ טובה. האָט ער זיך דערוווּסט, אַז עמיץ נייטיקט זיך אין עפּעס, האָט ער יענעם געצווּוּנגען מיט געוואַלט — עס צו נעמען. יעדער זאַך האָט ער געטאָן מיט שטורם, מיט אינערלעכער גערעכטער אמונה...

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ מאיר כמעלניקע, אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ מיטל־ווּקסיקער, אַ בלאָנדער, תמיד האָט ער זיך געוויצלט.

זומער האָט ער אין געוויינלעכע טעג געטראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט שטעק־לעטשלעך און שטענדיקער גוטער שטימונג, אַ שמייכלדיקער, אָן זאָרג.

ער איז געווען אַ חברה־קדישא מאַן. האָט די שטאָט דערציילט: ווען ער דאַרף מאַכן תכריכים, רופט ער צו זיין יונגן זון — לייבל, הייסט אים שטיין גלייך און מעסט אויף אים די מלבושים... ער איז געווען באַליבט צוליב זיין זאָרגלאָזיקייט, פריילעכקייט און צוגעלאָזקייט צו מענטשן.

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ שמואל מוזיקאַנט. דאָס שטעטל האָט אים גערופן „שמיל שטאָקא״ (פאַרוואָס?) אַ פּשוטער ייד, אַ שטילער אַ באַשיידענער און זייער אַן ערלעכער. געדאַווענט דריי מאָל יעדן טאָג, גערעדט שטיל און געלאַסן מיט אַ ווייכן קול. שטענדיק איז ער געווען פאַרנומען מיט זוכן פרנסה פאַר ווייב און קינדער, אָבער זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט, געווען צופרידן מיט זיין גורל...

ר׳ שמואל איז געווען אַ „פאַבריקאַנט״ פון געוועדזלטע הערינג, זיי גערייכערט און פאַרקויפט אין די יידישע געוועלבלעך.

געשטאַנען איז דער „בנין״ וואָס ער האָט אַליין אויפגעשטעלט אויף אַ פרעמדן שטח פון זיינס אַ שטיקל קרוב ר׳ נחום יאַנקעלעוויטש. אויך אַ שטילער ערלעכער און פרומער ייד, וואָס האָט אַ רחמנותדיק יידיש האַרץ צו לאָזן אויף זיין שטח אויפבויען אַ פאַבריק.

גוטע ערלעכע פאָלקסמענטשן געווען!

✶ ✶ ✶

געווען ר׳ חיים־מאיר אַלטמאַן, גערופן ר׳ „כאַמייער״. אַ גרויסער, ברייט־ביינִיקער ייד מיט גאָר גרויסע לאַנגע הענט. ווען ער האָט גערעדט האָט ער געפאָכעט מיט זיי און ס׳האָט אויסגעזען ווי ער שאָקלט אַ לולב...

ער האָט גערעדט שנעל, מיט האַלב פאַרשלונגענע ווערטער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער לערנט אַ בלאַט גמרא „פאַר זיך״.

דער ייד איז געווען אַ למדן, שטענדיק געזעסן על התורה ועל העבודה. דערצו איז ער געווען אויסערגעוויינלעך פרום. נאָר זיין ווייב איז נאָך געווען פרומער פון אים — האָט מען אין שטעטל דערציילט...

ר׳ חיים־מאיר האָט געהאַט איין זון — מלך. אַ הויכער, פרומער יונגערמאַן, אַ שטילער און באַשיידענער. זיך אין ערגעץ נישט געמישט. נאָך שטענדיק געזעסן און געלערנט איינער אַליין.

זיין ווייב האָט געהייסן מלכה. ער מלך — זי מלכה. ווי עס זינגט זיך אין דעם פאָלקסליד „אַמאָל איז געווען אַ מלך, דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה״.

גוטע, ערלעכע טייערע יידן געווען...

געווען אַמאָל אַ שטעטל

בנימין וואָלאָווסקי / מעלבורן

אין דער געגנט פון קיעלץ, אויף דעם באַן־שליאַך וואַרשע־קראָקע, האָט זיך געפונען אַ קליינער יידישער יישוב — בזשין. ס׳האָבן דאָרט געוווינט עטלעכע יידישע משפחות, וואָס האָבן געהאַט פרנסה פון די רייזנדיקע וואָס זענען דורכגעפאָרן אויף דעם וועג מיט פערד און וואָגן און האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט, כדי ממשיך צו זיין זייער ווייטערדיקע נסיעה.

צוויי קילאָמעטער פון דאָרט, האָט זיך שפּעטער פאָרמירט דאָס שטעטל סקאַרזשיסק. יידן האָבן זיך דאָרט באַזעצט און געשאַפן אַ קהילה. ביי מיין פאָטער זענען געווען אין לעדער געבונדענע ביכער, ווו אויף דער ערשטער זייט זענען געווען אויסגעכתובעט די נעמען פון די ערשטע צוועלף משפחות וואָס האָבן דאָרט געוווינט. צווישן זיי אויך מיין פאָטערס משפחה.

מאַטעריעל האָבן יידן אין סקאַרזשיסק געלעבט נישקשה, ווייל די צענטראַלע סטאַנציע וואָס האָט דורכגעלאָזט באַנען אויף אַלע פיר זייטן פון פוילן, האָט באַשעפטיקט אַ סך אַרבעטער און באַאַמטע מיט אַ גוטן געהאַלט, וואָס האָבן געגעבן פרנסה די שטעטלדיקע יידן. אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען אַקטיוו; יידן האָבן געמסחרט און געאַרבעט, אָפט געפאָרן צום רבין און צוריקגעקומען מיט גוטע ברכות און גייסטיקט אָפּגעפרישט מיט האָפענונגען...

דאָס ערשטע בית־מדרש וואָס איז געווען אין שטעטל, איז געווען געבויט פון האָלץ. ווי לאַנג איך געדענק עס, איז עס געווען אַלט צום איינפאַל.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז שוין סקאַרזשיסק געווען אַ גרעסערער יידישער יישוב. די צייט איז דעמאָלט געווען אַ שלעכטע, יידן האָבן נישט געהאַט קיין פרנסה; האָט מען געשאַפן אינסטיטוציעס, כדי צו העלפן די נויט־באַדערפטיקע: נותן־לחם, ביקור־חולים, לינת־הצדק, חברה־קדישה א״א. אין אַלע האָט מיין פאָטער מיטגעאַרבעט. די טיפוס־עפּידעמיע האָט געטראָפן אַ סך הייזער, איז מען דאָרט געבליבן נעכטיקן און אכטונג געגעבן אויף די קראַנקע און זייערע משפחות.

אין די באַדינגונגען איז אויך מיין פאָטער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. די דאָקטוירים האָבן פאַרזאָגט, אים נישט צו געבן קיין קאַלט וואַסער צום טרינקען. נאָר די היץ האָט אים שרעקלעך געברענט, איז דווקא ווען ס׳האָט געהאַלטן ביים קריזיס, איז ער אַראָפּ פון בעט און אויסגעטרונקען אַ פולע קוואָרט קאַלט וואַסער. אין שטוב איז געוואָרן אַ שרעק, אַ מהומה, נאָר... דעם פאָטער איז בעסער געוואָרן און ער איז געזונט געוואָרן. מסתמא אינעם זכות פון זיין ביקור־חולים...

ווען דער טיפוס האָט געפאַנעוועט מיטן גאַנצן כח, האָבן יידן געזוכט עצות, צו פאַרטרייבן די מגיפה; מען האָט געזאָגט תהילים, געגעבן צדקה, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. ביז יידן זענען געפאַלן אויף אַן אויסגעפרוווטע רפואה: חתונה מאַכן אַ יתומה! אין שטאָט איז געווען אַ הויכע, פלעגמאַטישע „אַלטע מויד״, וואָס האָט געלעבט פון רוימען אין בעלי־בתישע הייזער ווי זי האָט באַקומען אָפּצועסן. איצט איז זי אויפגעריכט געוואָרן; שטאָט האָט באַשלאָסן זי חתונה צו מאַכן. א זיווג האָט מען באַלד געפונען, שטאָט האָט געגעבן דרשה־געשאַנק, און אַ אייגענע דירה. די חופה איז פאָרגעקומען אויפן בית־עולם און זעט אַ נס: די מגיפה

האָט זיך אָפּגעשטעלט ... ווער ווייסט צי די משוגענע פייגע וואָלט בכלל חתונה געהאַט, ווען נישט די גרויסע מצווה פון הכנסת־כלה, דערצו נאָך אַ יתומה ...

די לאַגע אין שטאָט האָט זיך געבעסערט. די גרויסע צאָל האַנטווערקער האָבן זיך אָרגאַניזירט לטובת זייער לאַגע און געשאַפן אַ קלוב, ווו די מיטגלידער האָבן פאַרברענגט, געשפּילט שאַך און דאָמינאָ און פּאָליטיקירט. זיי האָבן געשאַפן אויך די אייגענע „קליינהענדלער און האַנטווערקער־באַנק" מיט איטשע ראָזנצוויג פאַר אַ דירעקטאָר, הערשל וואָלאָווסקי — קאַסירער און פּינטשע אַבראַמאָוויטש — בוכהאַלטער.

איטשע ראָזנצוויג איז געווען אַ גאָר באַגאַבטער מענטש. אַ גוטער רעדנער און אַ מאַסן־אָרגאַניזאַטאָר מיט אַ זייער שאַרפן מוח. ער איז אויך געווען דער טאָן־געבער ביי דער „פּועלי־ציון" אין סוכעדניוו — אַ שטעטל לעבן סקאַרזשיסק — וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ פּועלי־ציון צענטער אין דער געגנט, ווו אפילו דעם רבס זון — מיט אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אַ יידיש היטל — איז געווען אַ חבר אין דער באַוועגונג. איטשע איז געווען זייער „רבי" מיט אים האָבן זיי זיך באַראַטן, ער האָט זיי געגעבן פּאָליטישע און ליטעראַרישע לעקציעס און זיי געלערנט.

ביי איטשען אין שטוב זענען שטענדיק געווען מענטשן. דער עיקר יוגנט פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען. ביי אים אין שטוב האָט מען זיך געקאָנט אָנוואַרעמען גייסטיק און ליטעראַריש. ער האָט אָרגאַניזירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס ער האָט אַליין רעזשיסירט. נישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך זיין פרוי מינדל האָט מיטגעשפּילט אין טעאַטער. בכלל איז זי געווען אַ מוסטערהאַפטע פרוי און אַ חבר אין זיין לעבן; זי האָט אויפגענומען האַרציק צוגעפאָרענע געסט, רעדנערס פון וואַרשע א"א.

ווי אַ יוגנטלעכער בין איך אָפט אַריינגעקומען צו אים אין שטוב און גענאָסן פון דער אָנגענעמער אַטמאָספער. כ'האָב אים געהאָלפן ביים מאָלן דעקאָראַציעס. טעאַטער פּלאַקאַטן א"א אַרבעטן.

בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע איז איטשע געווען אין „האַסאַג"־קאָנצ. לאַגער. אויך דאָרט האָט ער נישט פאַרלוירן דעם מוט. שפּאַצירנדיק צווישן די באַראַקן מיט קליינע גרופּעס מענטשן, האָט ער אויפגעקלערט און משפּיע געווען צו זעלבסטדערהאַלטונג.

צו אונדזער צער איז דער פעיקער און סימפּאַטישער איטשע ראָזנצוויג אומגעקומען עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייונג, נישט ווייט פון טשענסטאָכאָווער „האַסאַג"־לאַגער לאָמיר מיט כבוד דערמאָנען זיין אָנדענק.

זעליק וויינריב

אַ ייד אַ סוחר, געפירט אַ פיין משפחה־לעבן. די קינדער געגעבן די בעסטע דערציונג, אפילו מיט אוניווערסיטעט בילדונג. אין אַמאָליקע יאָרן, אַז עמיץ איז דורכגעגאַנגען דורך די אָפענע פענצטער פון זיין הויז און געהערט די קלאַוויר־קלאַנגען פון דאָרט. האָט ער זיך מיט אַ הנאה אָפּגעשטעלט און געגאַנגען זיין ווייטערדיקן וועג.

ער אַליין — זעליק, האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער האָט זיך געהאַט זיין קרייז, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פרומע און פאָרגעשריטענע מענטשן. אין דער פרייער צייט האָט מען געשפּילט אין קאָרטן און געשיט מיט וויצן. זיין זון מאָטעק האָט שטודירט אין פראַנקרייך מעדיצין, אָבער אין פּוילן האָט ער נישט געטאָרט פּראַקטיצירן. האָט זיך זעליק געחכמעט „מיין מאָטעק איז אַ זעלטענער פאַרדינער, ער פאַרדינט זעלטן אַ גראָשן".

ווען איינעם אַ פרומען ייד, וואָס איז אַריינגעקומען צו אים און איז לאַ־עלנו געווען אַ שטיקל ליגנער. האָט ער געזאָגט: „דער איז אַ רעדאַקטאָר פון דריי צייטונגען; שקר־פּאָראַנני, שקר־פּאָלודניאָווי און שקר־וויעטשאָראָווי ..."

נאָך ראש־השנה און יום־כיפור האָט זעליק גענומען דעם טלית און געגאַנגען צום דאַווענען. אַ גאַנצן טאָג אָן איבעררייס האָט ער וואַרעם געדאַוונט אין „שטיבל" ביי דעם עלעגאַנטן האַנטווערקער־טוער אברהמטשע הילעראַוויטש. בעלי־תפילה זענען דאָרט געווען גאָר גוטע וואָס האָבן געדאַוונט פרייוויליק־אומזיסט; דאָס געלט איז ביי זיי נישט געווען וויכטיק: ר' יחיאל גאָלדבלום, מיט זיינע רויקע גענג און געשמאַקן אָנטאָן, וואָס האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ מיט זיינע קלוגע אויגן, האָט געהאַט אַ זיסע חזנישע שטימע, זיין דאַווענען פאַרן עמוד איז געווען איין גרויסער קאָנצערט. ס'איז געווען אַ נחת אים צו הערן. דער צווייטער בעל־תפילה איז געווען דער אָנגעזעענער האַנטווערקער־סוחר יחזקאל כמעלניצקי. ער האָט געדאַוונט אין אַ ווייס קיטל. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע שטימע און געדאַוונט מיט אַ סך כח. זיין זון בעניעק — אַ דאָקטער, האָט אים באַגלייט און געהאָלפן אין משך פון גאַנצן דאַווענען ...

מיין זיידן דעם אַלטן איציק, האָבן כמעט אַלע יידן אין סקאַרזשיסק געקענט. ער האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט אַ דאַווענען בציבור אין שטאָטישן בית־המדרש. אַ גוטמוטיקער, אַ פריילעכער, איז ער שטענדיק געווען זויבער אָנגעטאָן, אַ גאַנצע וואָך אין אַ שוואַרץ־טוכענער קאַפּאָטע, אַ יידיש היטל מיט אַ שוואַרץ זיידן בענדל אויפן דאַשעק און שבת אין אַ זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ ברייטן גאַרטל.

שבת, נאָכן עסן און דרעמל, זענען יידן געקומען אין בית־המדרש דאַווענען מנחה. נאָך דערווייל האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אויוון און געשמועסט פּאָליטיק, פאַרגעסנדיק, אַז ס'איז שעת מנחה. האָט מיין זיידע געגעבן אַ הויכן קלאַפּ אין שולחן און אָנגעהויבן „אשרי יושבי ביתך... יידן זענען געלאָפן צום כיור, גיך געוואַשן די הענט און אונטערגעכאַפּט די מנחה פון מיין זיידן, וואָס האָט געהאַט אַ חזקה אויף וואָס ער האָט געהיטן.

מיין מוטער — ליבע־רחל, איז געשטאָרבן אין 1920, אין עלטער פון 36 יאָר. זי האָט געלאָזן קליינע קינדער. די עלטסטע שוועסטער אַ 12 יעריק מיידל האָט געמוזט איבערנעמען צו פירן די גאַנצע ווירטשאַפט אין שטוב. דער זיידע איז אָפט געקומען צו אונדז. אָן קרעכצן, מיט אַ גוטן שמייכל איז ער אַריין, כדי לייכטער צו מאַכן די געדרוקטע אַטמאָספערע ביי אונדז.

צום כאַראַקטער פון מיין זיידן: מיין עלטערער ברודער אברהם איז שוין געווען אַ בית־מדרש־בחור און אַ בעל־קורא אין שטיבל ווו מיר האָבן געדאַוונט. טרעפט אַ מעשה און דער טאַטע פאַרקלאָגט זיך פאַרן זיידן, אַז „אברהם גייט אַרום מיט מיידלעך און פירט זיך מיט זיי געאָרעמט ... האָט אים דער זיידע געענטפערט: ווען אין דיינע צייטן וואָלט געווען אַזאַ מאָדע, וואָלסטו אויך נישט געווען אַנדערש". דער זיידע האָט זיכער פאַרקערפּערט אין זיך טראַדיציע און פּראָגרעס ...

די צייט איז געלאָפן, אין שטוב האָט זיך אַלץ נאָרמאַליזירט. דער פאָטער האָט זיך ווידער פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרן און סקאַרזשיסק האָט געדאַרפט אויפנעמען אַ פרישן רב. ס'זענען געווען אָן אַכט קאַנדידאַטן. ס'האָט זיך געמאַכט צדדים און מחלוקתן. אין טאָג פאַר די וואַלן איז גערופן געוואָרן אַ דרינגנדיקע זיצונג פון דעם האַנטווערקער קלוב — ביי מיין פאָטער אין שטוב — און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די האַנטווערקער, וואָס האָבן דאָ געהאַט אַ גרויסן כח,

זאָלן שטימען פאַר דער קאַנדידאַטור פון ר׳ מדרכילע ראַבינאָוויטש, פאַר אַ סקאַרזשיסקער רב. צו מאָרגנס איז דער לאָקאַל פון קלוב געוואָרן אָפּן און די מיטגלידער האָבן געטרונקען לחיים לכבוד דעם נצחון...

ווען יחיאל וויינבערג איז געווען ראש הקהל און יעקל לאַנדאו סעקרעטאַר. ד״ה כמעט אין אַלע צוזאַמענשטעלן פון דער קהילה. האָט מען באַשלאָסן צו בויען די קהלה־בנינים; אַ בית־מדרש און אַ מקווה. מיין פאָטער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם בוי־קאָמיטעט. נאָכן פאַרענדיקן די בנינים איז אין בית מדרש געהאָנגען אַ שילד מיט די נעמען פון דעם בוי־קאָמיטעט.

מיין פאָטער איז געווען אַן אומרויקער מענטש אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט געהאַט אַן אינערלעכן דראַנג שטענדיק עפּעס צו שאַפן און מחדש צו זיין. פּערזענלעך איז ער געווען אַ האַרציק־גוטמוטיקער מענטש, האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין גמלת־חסד, אַ מענטש וואָס האָט זיך געניייטיקט, כאָטש ער האָט שפּעטער געהאַט פאַרדרוס דערפון. דער פאָטער האָט איבערגעלעבט די 2טע וועלט־מלחמה אין די לאַגערן צוזאַמען מיט מיר. ער איז געווען אַ פאָלקס־מענטש מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן כלל.

געשטאָרבן אין לאָדזש — תנצב״ה.

שלום לערמאַן ז״ל

עס זענען געווען יידן, וועגן וועלכע מען קען נישט פאַרגעסן, צוליב זייער פשוטיקייט און ערליכקייט! די יידן האָבן נישט אָנגעוואָרפן צו זיך כבוד און רעספּעקט! אָבער אַלע אַרומיקע האָבן זיי געשעצט און רעספּעקטירט וואָס זיי האָבן טאַקע פאַרדינט!

שלום לערמאַן, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אָט די קאַטעגאָריע יידן. געוווינט האָט ער אויף 3־טער מאַי גאַס, אין סקאַרזשיסקאַ, אין אַ זער באַקוועמער וווינונג, מיט זיין פרוי רעילע און קינדער. גענוג געווען אַ בליק צו טאָן אויף זיינע זין און טעכטער, און גלייך איז געקומען אויפן געדאַנק דאָס שפּראַך־וואָרט, אַז, „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע״. טראָץ דעם, וואָס די קינדער זיינע זענען שטענדיק געווען גוט און זויבער אָנגעטוען, האָט ער אויך זיי געגעבן, אַ יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. און זיין מי, איז נישט געגאַנגען פאַרלוירן! עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיין אין זייער געזעלשאַפט. שלום לערמאַן האָט קיינמאָל נישט אָנגעוואָרפן אַ שטאַרקע האַנד אויף זיינע קינדער, ווייל מיט די גוטע אייגנשאַפטן און האַלטונג, זענען זיי ווי געבוירן געוואָרן, און אַזוי זענען זיי אויסגעוואַקסן.

שלום לערמאַן, ווען איר האָט אים באַגריסט אין גאַס, אָדער אין שטוב, איז שטענדיק געווען גוט און זויבער געקליידעט, קיינמאָל, איז ער נישט געווען אין איילעניש, אַלעס איז ביי אים אַרויסגעקומען אין די ריכטיקע צייט, און מיט נישט געפּלאַנטע אָרדענונג זיין זויבערע שוואַרצע קאַפּאָטע, און שוואַרצע באָרד, זענען געווען צוגעפּאַסט צו זיין פּערזאָן. געדאַווענט האָט ער אין דעם „חברה־תהילים״־שטיבל, צוליב זיין פשוטקייט, האָט ער זיך, ספּעציעל, נישט פאַרנומען מיט לאָקאַלע פּאָליטיק, אָבער, געווען אַ אונטערשטיצער פון די גרופּע מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדען, די גאַנצע פאַרמלחמהדיקע צייט אין סקאַרזשיסקאָ. אַ משפחה האָט ער געהאַט אין סקאַרזשיסקאָ גאָר אַ גרויסע, און אַלע זענען זיי געקומען צו אים פרעגן עצות און באַראַטן זיך מיט אים וועגן אַלעם, וואָס האָט זיי געדריקט.

ווען נאָך די צווייטע וועלט קריג, ער איז מיט מזל, געבליבןביים לעבן, טראָץ די ליידן, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע לאַגערן, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע לעבן געבליבענע טעכטער, עמיגרירט קיין אַמעריקע, און זיי, די טעכטער זיינע, האָבן אים צוגעטיילט דעם גרעסטן כבוד, וואָס אַ טאַטע קען זיך, נאָר פאָרשטעלן, אין אַ פאַנטאַזיע, אויף אים איז ריכטיק געזאָגט געוואָרן דער פסוק „אל תשליכינה לעת זקנה״ דאָס איז איינס, פון די גרעסטע פאַרדינטע דערגרייכונגען, וואָס אַ מענטש ווי שלום לערמאַן האָט מיט זיין פשוטקייט און ערלעכקייט כשר געוווּנען.

איטשע ראָזנצווייג

איטשע ראָזנצווייג איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער טוער אין סקאַרזשיסקאָ פון די יידישע בעל־מלאכות. זיין בעסטע צייט האָט ער געווידמעט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און געהאָלפן די בעל־מלאכות אין זייער עקזיסטענץ.

ער אַליין איז געווען אַ דאַמען־שניידער. געהאַט אַ פרוי מיט 3 קינדער. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900. ביי אים איז



איטשע ראָזנצווייג

געווען אַן אָפענע שטוב. ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט לערנען און לייענען אַ גוט בוך — האָט ער עס געקענט טאָן ביי איטשע ראָזנצווייג. פלעגט קומען אַ ליטעראַט אין שטאָט מיט אַ פאָרלעזונג — איז דער טרעף־פּונקט געווען ביי איטשע ראָזנצווייג אין שטוב. אין שטאָט זענען געקומען זרובבל, מאַסטבוים א.א.

איטשע ראָזנצווייג איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין שטאָט. האָט אָנטייל גענומען אין די וואַלן צום שטאָט־ראַט, צו דער יידישער קהלה א.א.וו. אַליין האָט ער געהערט צו די לינקע פועלי־ציון. פלעגט דורכפירן פאַרשיידענע אַקציעס פאַר דער פּאַרטיי. פלעגט איינאָרדנען פאָרלעזונגען פאַר די בעל־מלאכות, זיי זאָלן ווערן פּאָליטיש רייף. אַליין פלעגט ער האַלטן פּאָליטישע רעפעראַטן פאַר די וואַלן אין בית המדרש.

אין סקאַרזשיסק איז קיין סך יידישע אַרבעטער נישט געווען. דער גרעסטער טייל האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל. דאַקעגן די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז אין אירע הונדערט פּראָצענט געווען אַן אַרבעטער מאַסע, האָט געאַרבעט אין די אייזן און אין

די אַמוניציע פאַבריק. די יידישע באַפעלקערונג אין סקאַרזשיסק איז געווען אַ קליינע. אַזוי אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן צווישן די יידן איז נישט געווען אַזוי אַנטוויקלט. איז ראָזנצווייג געווען דער, וועלכער האָט געזאָרגט, אַז ס׳זאָלן פאָרקומען פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס. ער האָט געזאָרגט, אַז ס׳זאָלן קומען פון וואַרשע מאַסטבוים, זרובבל, אויך ס׳זאָלן פאָרקומען יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. געווען ביי אונדז יאָנאַס טורקאָוו א.וו.

געווען איז אין סקאַרזשיסק אַ גרויסער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין די צוואַנציקער יאָרן. צו דעם פאַריין האָבן געהערט אַלע פאַכן: שניידערס, שוסטערס, קאַמאַשן־שטעפער, סטאָלערס, זאָקן־מאַכער א.א. די פירער פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין יענער צייט זענען געווען די ברידער לערמאַן, חיים זלאָטאָוויטש און משה צוקער. פון פאַך זענען זיי געווען שניידערס.

דער פאַריין איז געווען טעטיק אינעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין סקאַרזשיסק. צו דעם פּראָפ. פאַריין האָבן געהערט אָנהענגער פון אַלע פּאַרטייען. די מערהייט איז אָבער געווען אונטער דער השפּעה פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ביים פאַריין איז געווען אַ דראַמאַטישע סטודיע, וואָס פלעגט דורכפירן פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען אין קינאָ־זאַל. צו די פאָרשטעלונגען פלעגט קומען די גאַנצע יוגנט. דער פאַריין האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק, ווו די יוגנט האָט גענומען ביכער. די מיטגלידער פון פאַריין זענען געווען זייער טעטיק. אַ סך פון זיי האָבן פיל יאָרן פאַרבראַכט אין די פּוילישע טורמעס.

משה צוקער האָט געדראָט צו גיין זיצן אין טורמע, האָט אים דער דאַמאָלסטיקער בירגער־מייסטער פּרופסור באָפּאָווסקי, וועלכער האָט געהערט צו דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי פּ.פּ.ס. דערמעגלעכט ער זאָל אַוועקפאָרן אומלעגאַל קיין פּאַריז. געשען איז עס אַזוי:

אין יענער צייט זענען די מערהייט מיטגלידער פון מאַגיסטראַט געווען פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. צוקער איז געווען אַ גוטער פריינט פונעם בירגערמייסטער. און ער האָט געשאַפן געלט פאַר צוקערן וואָס האָט אים דערמעגלעכט דאָס אַרויספאָרן, ער זאָל נישט דאַרפן גיין זיצן אין טורמע.

די פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי אין סקאַרזשיסק איז געווען אַ יידן־פריינטלעכע. דער בירגערמייסטער איז געווען אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער טוער. פלעגט העלפן די אָרעמע מאַסן אין זייער נויט ווינטער פלעגט ער זיי געבן יעדן חודש אומזיסט קוילן, נאַפט, קאַרטאָפל און מעל, וואָס ער פלעגט באַקומען פון אַרבעטסלאָזן־פאָנד ביים שטאָט־ראַט. ער פלעגט בעטן, אַז די, וואָס זענען אַרבעטס־פעיק זאָלן פאַר דעם אָפּאַרבעטן געוויסע טעג ביי עפנטלעכע אַרבעטן. די, וועלכע האָבן נישט געקענט אַרבעטן — האָבן נישט געאַרבעט. אַזוי אַרום האָט ער זייער פיל געהאָלפן די אָרעמע מענטשן.

די פּ.פּ.ס. אונטער דער אָנפירונג פון באָפּאָווסקי האָט איינגעאָרדנט אַן עקסטערנען־קורס צו מאַכן מאַטורע. אינעם קורס האָבן זיך באַטייליקט אַ סך יידישע יוגנטלעכע. דער שטייער פאַרן מאַגיסטראַט איז געווען אַ מינימאַלער, כדי אויסצוהאַלטן די סאַניטאַציע און עלעקטריציטעט אין שול. די לערער פון די גימנאַזיעס, וועלכע זענען געווען אונטער דער השפּעה פון דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי, האָבן געלערנט אומזיסט אויף די אָוונט־קורסן.

דער גרעסטער טייל חברים פון פּאָרפעסיאָנעלן פאַריין אין סקאַרזשיסק האָט געהערט צו דער באַקלייד־אינדוסטריע, אין די גרויסע פאַבריקן האָבן יידן נישט געטאָרט זיין באַשעפטיקט. די אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן זענען געווען פּאָליאַקן. אפילו אין די יאָרן ווען ס׳האָט עקזיסטירט די פאַבריק פון מענדל פעלדמאַן, זענען די אַרבעטער דאָרט געווען פּאָליאַקן. דער אַרבעטס־לייטער איז געווען אַ ייד, הערשל וואָלפאָוויטש. זיינע זין זענען געווען טאָקערס אין דער פאַבריק פון מענדל פעלדמאַן. די גאַנצע אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ יידישע, אויך די בוכהאַלטערן. צום פּראָפעסיאָנעלן פאַריין האָבן זיי נישט געהערט.

די גרעסטע אַמוניציע־פאַבריק איז געווען יודן־ריין. כ׳האָב געהאַט אַ חבר יידל קוגאַן, וועלכער האָט געענדיקט קאָנסערוואַטאָריום אין ראַדאָם. ער האָט זיך באַמיט אַריינצוגיין אַרבעטן אינעם אָרקעסטער פון דער פאַבריק, האָט מען בשום אופן אים נישט געוואָלט אָננעמען.

די אַלע, וועלכע האָבן געהערט צום פּראָפעסיאָנעלן פאַריין האָבן געאַרבעט אַלס געזעלן ביי פאַרשיידענע מייסטערס, בעל־מלאכות. דער פּראָפ. פאַריין האָט זייער פיל געליטן פון שיקאַנעס, ווייל די געזעלשאַפטלעכע טוער זענען אין זייער מערהייט געווען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט זיי די פּאָליציי נאָכשפּיאָנירט. אָפט פלעגט מען מאַכן רעוויזיעס. האָט מען געפונען וועלכעס עס איז בלעטל — איז דאָס שוין געווען אַ חשד פון קאָמוניסטישע טעטיקייט. אפילו מאַרקס ביכער האָט מען נישט געטאָרט לייענען. די פּאָליציי פלעגט נאָכקוקן ווער ס׳קומט אַריין אַהין. אַ סך האָבן דעריבער געמוזט פאַרלאָזן פּוילן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז מען וועט זיי איינזעצן אומשולדיק אין די טורמעס. צווישן די, וועלכע האָבן פאַרלאָזט פּוילן זענען געווען: גאָלדע פינקעלשטיין, שרה לערמאַן, אברהם ראָזנבערג, פישל בינשטאָק. זיי זענען אַוועק קיין רוסלאַנד אומלעגאַל. קיין פּאַריז זענען אַוועק: אסתר־רבקה וואָלפאָוויטש אָבאָדזיענקאָ, לערמאַן און חיים זלאָטאָוויטש.

אברהם ראָזנבערג, אַ טעטיקער קאָמוניסט, אַ מיטגליד אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, איז אַוועק אין יאָר 1936 קיין רוסלאַנד. נאָך אַ שטיקל צייט איז געקומען צו זיינע עלטערן אַ בריוו, — דורך וועלכע וועגן ווייס איך נישט, — אַז מען האָט אים איינגעזעצט אין טורמע, ער גייט נאַקעט און באָרוועס ווינטער אין די גרעסטע פרעסט. מער האָט מען פון אים נישט געהערט.

נאָך דער מלחמה זענען געקומען פון רוסלאַנד צוריק: גאָלדע פינקעלשטיין (לעבט היינט אין בראַזיל) און שרהלע לערמאַן, וועלכע לעבט היינט אין פראַנקרייך. זיי זענען געבליבן פון די אַלע, וועלכע זענען אַוועק.

— עס איז שווער צו רעדן וועגן סקאַרזשיסק און נישט דערמאָנען געוויסע יידישע טיפּן.

געווען אין שטאָט אַ שוחט, געהייסן יחזקאל ווייצמאַן, איינער פון די בעסטע בעל־תפילות אין שטאָט, אַן אַלעקסאַנדער חסיד, געדאַוונט אין אַלעקסאַנדער שטיבל. פון אַלע שטיבלעך פלעגט מען קומען הערן, ווי יחזקאל דאַוונט מוסף. געווען זייער אַן אַנשטענדיקער מענטש, מיט הדרת פנים. ער איז געווען מער ווי אַ שוחט, אויך אַ בעל־תפילה אין די ימים־נוראים אין אַלעקסאַנדער שטיבל.

געווען אין סקאַרזשיסק אנדערע פערזענלעכקייטן ווי: משהקע וויינבערג, דער איידעם פון משה וויינבערג. אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער טוער פון אגודת ישראל, ער איז אויך געווען אַ קאַנדידאַט צום פּוילישן סענאַט מטעם אגודת ישראל.

געווען געצל יאַגאָדנער, — אַזוי האָט מען אים גערופן — כאָטש זיין פאַמיליע איז געווען ראָזנבערג, געהאַט האָט ער 3

זין און 3 טעכטער. זיך באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן זאָקן. שווער געהאָרעוועט. געווען שטאַרק רעליגיעז, אָפּגעהיטן מצוות.

געווען שמואל־יוסף ראָזנצווייג, דער שוואָגער פון מענדל פעלדמאַן ווען די פאַבריק איז געווען טעטיק איז שמואל־יוסף געווען דאָרט מאַגאַזינער. געהאַט האָט ער 6—7 קינדער. אַלע האָבן געלערנט אין די שולן, אינטעליגענטע קינדער. וואָס איז געווען דער סוף פון דער משפחה — ווייס איך נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז איין זון געפינט זיך אין ישראל און אַ טאָכטער — אין אַמעריקע.

געווען איז אַ רעליגיעזע פערזענלעכקייט בינם־בעריש אַבראַמאָוויטש, אויך אַ שוואָגער פון מענדל פעלדמאַן. געווען קאַסירער אין זיין פאַבריק, ווען זי איז געווען טעטיק. חוץ דעם האָט ער זיך פאַרנומען מיט דברי תורה. דער ייד איז געווען אַ גאון הוראה און אין די ענינים פון כשר און טריפה.

ציוניסטישע פערזענלעכקייטן

דער סטאָלער שמואל פרידמאַן האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער ציוניסטישער טעטיקייט. האָט נישט געשפּאָרט קיין צייט און געלט. יעדער מינוט, שטענדיק געווען גרייט צו געבן זיין הילף. צו דער גרויסער סאַטיספאַקציע זענען זיין פרוי מיט די קינדער געבליבן לעבן. זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין. צו וועלכן זייער מאַן און פאָטער האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבן און דערצו נישט זוכה געווען. זי איז נפטר געוואָרן דאָ אין לאַנד.

אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט איז געווען לייזער בערקאָוויטש. אַ רעליגיעזער ייד, אַן אינטעליגענטער, געקענט גוט די פוילישע שפּראַך. ווער ס׳האָט געדאַרפט שרייבן אַ ביטע צו רעגירונגס־אַמטן, אין געריכט אַריין א.א.וו. — איז מען געקומען צו לייזער בערקאָוויטש. ער איז געווען דאָזאָר אין דער יידישער קהלה. נישט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי. געדאַוונט אין אַמשענאָווער שטיבל. געווען טעטיק אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט אין די ראַמען פון דער יידישער קהלה.

געהאַט האָט ער 4 טעכטער און 2 זין. איין זון זיינער איז געווען אַ גענ־יאַלער פידלער. איז אַרויסגעפאָרן פון סקאַרזשיסק קיין וואַרשע, אָדער לובלין, גענוי געדענק איך נישט.

די עלטסטע טאָכטער פון לייזער בערקאָוויטש איז געוואָרן יונג אַן אלמנה. געהאַט האָט זי 4 טעכטער מיט איין זון. האָט שווער געהאָרעוועט איר גאַנצן לעבן, אין איר קאָלאָניאַל געוועלב און אַלע אירע קינדער געלערנט. שפּעטער זענען צוויי פון אירע קינדער אַוועק קיין וואַרשע. איין טאָכטער, גאָלדע פינקלשטיין, האָט געאַרבעט ביי משה ביטער אַלס בוכהאַלטערין. זי איז געווען אויך טעטיק ביי ציוניסטישער אַרבעט די לעצטע יאָרן.

דער יינגסטער זון, מלך פינקעלשטיין, איז געווען טעטיק אין „החלוץ הצעיר״.

פון דער משפחה בערקאָוויטש געפינט זיך דאָ אין לאַנד 2 אייניקלעך און איין אייניקל אין אַמעריקע. איין טאָכטער פון לייזער בערקאָוויטש געפינט זיך אין מושב „חרות״. איר מאַן הייסט איטשע־פישל גרינער, היינט גורן. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון די רעכטע „פועלי ציון״. געווען אַ חבר אין פאַרטיי ראַט פון „פועלי־ציון״ רעכטע אין פוילן. פלעגט אַרויסטרעטן מיט פאָרלעזונגען. האָט אַ סך צייט געווידמעט צו העלפן דער הכשרה. אַליין האָט ער ביי זיך געגרינדעט די הכשרה קיבוץ בורוכוב און אַ דאַנק זיין הילף האָט דער קיבוץ עקזיסטירט.

אין יאָר 1932 בין איך בייגעווען אויף אַ באַנקעט אין סאָכעדניוו, ווען ער מיט זיין פרוי זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין לאַנד האָט ער געגרינדעט אַ קבוצה מענטשן, וואָס זענען צוזאַמען אַוועק אויף התישבות אין דעם מושב „חרות״, נעבן תל מונד.

וואָס כ׳געדענק

חיים שיפּמאַן

איך שיפּמאַן, דער זון פון ישראל שיפּמאַן און לאה מאַלץ, פון סקאַרזשיסקאָ קאַמיעננע. מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ מכולת. אויך איך האָב געהאַט אַ מכולת אין סקאַרזשיסקאָ.

כ׳האָב געהאַט 3 זין: אברהם, ישראל, מענדל און אויך אַ טאָכטער אסתר. מיין פרוי האָט געהייסן מינדל, שטאַמט פון סקאַרזשיסק. חתונה געהאַט האָב איך אין יאָר 1922. מיין מכולת איז געווען אָנטקעגנאיבער דימאַנטס פלאַץ. די לעצטע יאָרן האָט ער געבויט אַ ניי הויז. די גאַס האָט געהייסן „טשעטשיעגאַ מאַיאַ״.

ווי איך געדענק זענען אין דער יידישער קהלה געווען פאָלגנדיקע דאָזאָרס: משה זיגעלמאַן, משה כהן, אייזיק בערקאָוויטש, יעקב פרידמאַן. די גאַס, אויף וועלכער די קהלה איז געווען, געדענק איך נישט. שטאָט־חזן איז געווען חיים נתן רינגערמאַכער, ער איז אויך געווען מלמד.

שלום־מאיר ראַבינאָוויטש איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1926. דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1925/6. בעריש ראַבינאָוויטש איז געווען רב צייטווייליק. געווען איז ער מענדל פעלדמאַנס אַ שוואָגער. איין רב איז געווען פון סטאַשאָוו און דער צווייטער — פעלדמאַנס אַן איידעם. דעם סטאַשאָווער רב האָט אונטערשטיצט דאָס סטאַשאָווער שטיבל. זיי האָבן אפילו צוגעצויגן צו זיך נאָך מענטשן, האָבן געקויפט שטימען. פעלדמאַן האָט געהאַט אין שטאָט פאַרצווייגטע משפחה. כדי צו זיין זיכער, אַז זיין איידעם וועט ווערן רב, האָט ער געגעבן 2 טויזנט זלאָטעס מען זאָל מאַכן אַ גמילת־חסדים־קאַסע, מען זאָל געבן הלוואות אָן פּראָצענט. זיין איידעם איז טאַקע געוואָרן רב. געהייסן האָט ער מרדכי מאָרגנשטערן.

אין דער צייט פאַר די וואַלן האָט יעדער איינער געוואָלט מער אויסנעמען. אַזוי האָט דער סטאַשאָווער קאַנדידאַט געבענטשט ראש־חודש, געזונגען און געטאַנצט, כדי צוציען קהל. ס׳פלעגן קומען פרויען. אויף שבת פלעגן די פרויען מאַכן קוגלען. אין גרויס איילעניש האָט איין פרוי אַנשטאַט שמן אַריינגעטאָן אין קוגל ריצנאייל. נאָך דעם איז געווען אַ לויפעניש אין שטעטל.

ס׳איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג — צוויי פּאַרטייען. די סטאַשאָווער האָבן געהאַט זייער שוחט; זייער רב איז געווען מאיר טאָפּאָל, אַ גרויסער למדן, האָט געפּסקנט שאלות, געפירט דין־תורות.

יעקל לאַנדוי האָט געהאַנדלט אין שטוב מיט גאַלאַנטעריע, און איז געווען סעקרעטאַר פון דער קהילה.

דאָס לעבן אין סקאַרזשיסק

יעקב משה אייזענבערג

זינט איך געדענק איז אין שטאָט געווען אַ קולטורעלע יוגנט. ס׳איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין מיט אַ שיינע ביבליאָטעק, וואָס איטשע ראָזענצווייג האָט געפירט. ס׳איז געווען אַ דראַמאַטישע טרופּע, וואָס לייביש לעווינס ברודער פון פּאַריז האָט אָנגעפירט. ער איז געקומען אין דער צייט פון דער מלחמה אין 1916, און האָט אויסגעפירט פּיעסן צוזאַמען מיט וועלוול קורצבאַרד, יקותיאל הורוויטש און שמואל פרידמאַנס טאָכטער. זיי האָבן געשפּילט דעם „דיבוק״ פון ש. אנסקי א״א.

ס׳איז אויך געווען אַ „באָראָכאָוו־גרופּע״ בראש מיט אַלעקס לאַנדע, וואָס איז מיט זיין גאַנצער חסידיש־אַריסטאָקראַטישער משפחה געקומען פון קראָקע ווי האָלץ־סוחרים און געוווינט אויף דער פאַבריטשנער גאַס.

די ביבליאָטעק האָט עקסיסטירט ביז 1920 און איז זיך ביסלעכווייז צעפאַלן. סקאַרזשיסק האָט נישט געהאַט קיין מזל, אַז קולטור־אינסטיטוציעס זאָלן זיך לאַנג האַלטן. פון דער ביבליאָטעק איז געוואָרן אַ תל, עטלעכע הונדערט ביכער האָט מען פאַרקויפט קיין סוכעדניעוו און דאָס קולטור הויז אין שטאָט איז חרוב געוואָרן. די אָנגעזעענסטע משפחה אין שטאָט איז געווען פון מענדל פעלדמאַן, זייער רייכע מענטשן; זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע אייזן־פאַבריק און אַן אָפן הויז פאַר אָרעמעלייט. איך געדענק, ווען ער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיטן שפּעטערדיקן רב ר׳ מרדכילע, האָט די שטאָט געקאָכט מיט די גרויסע אָרעם־סעודות וואָס ער האָט געמאַכט; גאַנצע אַכט טעג האָט מען געגרייט טישן פאַר אָרעמעלייט, אין שטאָט איז געווען פריילעך מיט געסט — רבנים און גבירים. אין שטאָט איז געווען אַן אַלטער־אָרעמער מענטש — געצל, האָט ער אַלע שבת געגעסן ביי ר׳ מענדלס טיש. דער געצל איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ שוסטער און מענדל דאַמאָלט אַן אָרעמער יתום, האָט אים געצל געמאַכט אַ פּאָר שטיוועלעך אָן געלט. האָט עס מענדל קיין מאָל נישט פאַרגעסן . . .

אין יענער צייט איז אויסגעבראָכן דער רבנות־קאַמף אין שטאָט. די מעשה איז געווען אַזוי; דער אַלטער רב ר׳ שלום, אַן איידעלער מענטש און גרויסער למדן, איז נפטר געוואָרן און שטאָט האָט געדאַרפט אַ נייעם רב. ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט געוואָלט, אַז זיין איידעם ר׳ מרדכילע זאָל ווערן שטאָטישער רב, אָבער סזענען געווען סטאַשיוּוער חסידים וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט. דער קלוגער ר׳ מענדל האָט געפונען אַן עצה; ער האָט גערופן די פירער פון די בעל־מלאכות אין שטאָט און האָט זיי צוגעזאָגט — אויב זיין איידעם וועט ווערן רב אין שטאָט, וועט ער זיי מאַכן אַ באַנק אין סקאַרזשיסק. אַזוי איז טאַקע געווען. ר׳ מענדל האָט געזיגט, ר׳ מרדכעלע איז געוואָרן רב און מען האָט געשאַפן אַ „האַנטווערקער־באַנק״ וואָס איז שטאַרק נייטיק געווען און האָט אַ סך געהאָלפן די האַנטווערקער אין שטאָט. סקאַרזשיסק איז געווען אַ שטאָט וואָס דער רוב יידן זענען געווען בעלי־מלאכה, מען האָט אַ סך געאַרבעט, פון דעסטוועגן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט אויף שבת... ליידער האָט זיך די באַנק אויך לאַנג נישט געהאַלטן. ווי געזאָגט — אַזאַ מזל האָט סקאַרזשיסק געהאַט.

אַזוי האָט מען געלעבט מיט קליינע און גרעסערע דאגות, ביז דער מלחמה.

מיין פאָטער דער אוהב ישראל

הערשל פּאַליסעצקי

מיין פאָטער אברהם האָט אַראָפּגעבראַכט קיין סקאַרזשיסק ר׳ מענדל פעלדמאַן, ווען ער האָט אָרגאַניזירט אַ תלמוד־תורה אין זיינע הייזער. אין אַ קורצע צייט אַרום האָבן זיך געשאַפן רייסענישן צווישן די פּראָגרעסיווע, וועלכע האָבן געגרינדעט אַ „ציש״אָ״־שול אין שטעטל און די רעליגיעזע יידן און ווען די פּוילישע רעגירונג האָט געעפנט אַ רעגירונגס־פאָלקסשול, האָבן זיך די תלמוד־תורה און די וועלטלעכע שול אויפגעלייזט.

מיין פאָטער האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גרויסן למדן אין שטאָט. ער איז געווען זייער רעליגיעז, אָבער אַ סימפּאַטיקער פונעם ציוניזם. די דאָזיקע סימפּאַטיע האָט געצויגן איר יניקה פון זיין פיעטעט פאַר אונדזער עבר, פון זיין טיפן טרויער אויף גלות השכינה. ער האָט געוואָלט דערהויבן דעם פּשוטן פאָלקסמענטש פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט, האָט ער טאַקע געזען אין דער שטרעבונג פון דער יוגנט צו בויען אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל די שפּראָצן פון יידישער אויסגעלייטערקייט און ווירדע.

אברהם פּאָלאָסיעצקי איז געבוירן געוואָרן אין לאָמאַז, לעבן ביאַלע־פּאָדלאַסק. ביז זיין חתונה, אין עלטער פון 21 יאָר, האָט ער געלערנט אין דער ישיבה אין איישישאָק, ווו ער האָט באַקומען סמיכות און רבנות. קיין רב איז ער אָבער נישט געוואָרן, מעגלעך צוליב דעם, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין זכות אבות, זיין טאַטע און זיין זיידע זענען נישט געווען קיין רבנים.

מיין פאָטער האָט געהאַט פינף קינדער — דריי זין און צוויי טעכטער. איין טאָכטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1943. אין סקאַרזשיסק האָט מען אים געהאַלטן אַלס בעל־סדרן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין שטאָט. אַלע דין־תורות, וואָס זענען פאַרגעקומען אין שטאָט וועגן געלט־ענינים זענען פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטוב. ווען מען האָט געוואָלט מאַכן אַ פיקטיווע חתונה, כדי אַ חלוץ און אַ חלוצה זאָלן קענען עולה זיין אויף איין סערטיפיקאַט, האָט מען דאָס דורכגעפירט ביי אונדז. ווען אין ראַדאָם האָט דער רבינאָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן אַזאַ פיקטיוון אַקט, האָט מען געשיקט צו מיין פאָטער און ער האָט דאָס דערליידיקט, געגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט דורכגעפירט חופה וקדושין.

אין אָפּוועזנהייט פונעם רב, ר׳ מרדכי מאָרגנשטערן, האָט ער געפּסקנט שאלות. שבת־תשובה און שבת הגדול, ווען דער רב האָט געדאַרפט צוגרייטן די דרושה, פלעגט ער קומען צו אונדז אין שטוב און ערשט ווען מיין פאָטער האָט געגעבן זיין הסכמה, האָט ער געדרשנט אין בית־מדרש... מיין פאָטער האָט אויך געהאָלפן אין פאַרשידענע געביטן פונעם רבנות אין שטאָט.

צו ערשט איז מיין פאָטער געווען דער פּריוואַטער מלמד פון מענדל פעלדמאַנס קינדער. געצאָלט האָט ער אים דעם זעלבן געהאַלט, ווי זיין בוכהאַלטער אין דער פאַבריק און אויך געגעבן אַ דירה און באַהייצונג.

כאָטש שטרענג פרום, איז ער געווען אַן אויטאָדידאַקט אין די געביטן פון וועלטלעכן וויסן. ער האָט געקענט פיזיק און מאַטעמאַטיק און ווען פעלדמאַנס טעכטער האָבן זיך געגרייט צו די עקזאַ־

מינס פון די דאָזיקע קעגנשטאַנדן האָט ער זיי צוגעגרייט. די טעכטער זענען נישט געגאַנגען אין שול נאָר זיך געלערנט פּריוואַט אין שטוב. ער האָט אויך געקענט גוט די פּוילישע שפּראַך.

אַ ספּעציעלע סימפּאַטיע האָט ער געהאַט פאַרן אַרבעטס־און פאָלקס־מענטש. ער איז געווען פאַראינטערעסירט צו געבן זיי וויסן און דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט דערגרייכן אַ גאַנצע וואָך, האָט ער מיט זיי געלערנט אין בית־המדרש, פרייטאָג אויף דער נאַכט ווינטער און שבת נאָך מיטאָג זומער. די בעלי־מלאכות זענען געקומען מאַסנווייז צו הערן דעם שיעור פון משנה און פון דעם פּרק פון דער וואָך.

אין סקאַרזשיסק איז מיין פאָטער געבליבן ביזן טרויעריקן סוף. שמחת תורה תש״ב (1942) האָט מען אים אַוועקגעפירט, גלייך מיט אַלע יידן קיין טרעמבלינקע. עס זענען אויך אומגעקומען מיינע צוויי ברידער. געראַטעוועט האָט זיך מיין יינגסטע שוועסטער, חוה, וועלכע האָט זיך געפונען אינעם לאַגער „האַסאַג״ פונעם 13טן יאָר פון איר לעבן. זי לעבט איצט אין רמת־גן.

מיין פאָטער ר׳ יחזקאל דוד שוחט

שרה אורבאַך

מיט אַ צעוויטיקט האַרץ און טיפן יראת־הכבוד, וויל איך עטוואָס שרייבן וועגן מיין פאָטער יחזקאל דוד ווייצמאַן ז״ל, דער שוחט פון סקאַרזשיסק.

אין סקאַרזשיסק האָבן מיר געוווינט אויף לימאַנאָווסקי־גאַס, נישט ווייט פון בית המדרש. ווען ס׳זענען דאָרט אָנגעקומען אַ סך אָרעמעלייט, האָט מען זיי געהייסן גיין צו יחזקאל שוחט און דאָרט וועלן זיי שוין אַלץ באַקומען. זענען טאַקע יעדן טאָג געקומען אָרעמע מענטשן און געבעטן עסן און נדבות. מיין פאָטער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם פאַקט: אַמאָל האָט מען זיך געזעצט עסן מיטאָג, פאַרשטייט זיך, אַז ס׳זענען אויך געווען עטלעכע אָרעמעלייט. איז געקומען נאָך איינער און געבעטן עסן, איך בין שוין געווען זייער אומגעדולדיק, האָב איך אים געזאָגט, אַז ס׳איז שוין נישטאָ. און ער איז אַוועקגעגאַנגען. ווען מיין פאָטער האָט עס דערהערט איז ער געווען זייער אומצופרידן און האָט מיך געהייסן תכף אים צוריקרופן. „ווייל — האָט ער מיר געזאָגט — אַ מענטש וואָס קומט בעטן עסן, איז מסתמא גוט הונגעריק און אויב דו האָסט נישט, גיב אים אַוועק דיין עסן״ איך האָב געמוזט גיך לויפן, כדי אים צוריקברענגען און געבן עסן. כ׳האָב געוווּסט, אַז מיין פאָטער וואָלט נישט טועם געווען ביים מיטאָג, ווען כ׳זאָל עס נישט געווען טאָן.

מיין פאָטער איז געווען אַן אַלעכסאַנדער חסיד און אַ גוטער בעל תפילה, ער האָט געדאַוונט מיט אַ סך געפיל און האַרץ. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. מיין מאַמע חיה־גיטל ע״ה האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעזאָגט פון אַ סך וויכטיקע זאַכן, ווייל דער פאָטער האָט שטענדיק נאָר געטראַכט ווי צו העלפן נויטבאַדערפטיקע. ביי דעם זענען מיר נישט געווען רייך, ווייל מיר האָבן געלעבט פון דעם באַגרענעצטן לוין פון אַ שוחט און דאָס איז געווען זייער ווייניק. מיין מוטער האָט שטענדיק געזאָגט דעם פאָטער, אַז „די דריי טעכטער וואָס ער האָט חתונה געמאַכט, איז עס געווען על פי נס״. אויסער זיי, זענען אין שטוב געבליבן נאָך צוויי מיידלעך; יהודית ע״ה און איך. אויסער אונדז — צו מיין ווייטאָג און צער — זענען אַלע אומגעקומען. מיין מוטער איז געשטאָרבן באַלד נאָכן אָנהייב פון דער מלחמה. זי איז קראַנק געוואָרן פון עגמת־נפש נאָך „מאַדאַם״ פּריסטאָרס „שחיטה־גזירה״; די עלטסטע שוועסטער פייגע־גאָלדע, וואָס האָט חתונה געהאַט פון קאַליש מיט מאיר טראובע און געהאַט מיט אים צוויי קינדער יוסי און ריילע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון שידלאָווצע קיין טרעמבלינקע, צוזאַמען מיט מיין שוועגערן פערעלע ווייצמאַן (פון דערהיים ראָזנבערג מיט איר זון יוסף־וואָלף.) די צווייטע שוועסטער דינה־לאה האָט חתונה געהאַט מיט משה ראָזנבלאַט און געוווינט אין בעלכאַטאָוו, איז פאַרשיקט געוואָרן מיט איר מאַן און קינד. די דריטע, אסתר־בילע מיט איר מאַן און קינד, איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן. אויך מיין יונגסטע שוועסטער רבקה־יהודית איז מיטן ערשטן טראַנספּאָרט געוואָרן אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן לעבן. אַלע זענען אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס על קידוש השם. יהי זכרם ברוך! נאָר איך אַליין האָב איבערגעלעבט אין לאַגער „האַסאַג״ אין סקאַרזשיסק, שפּעטער אין לייפּציק.

כ׳קער זיך צוריק צו מיין טייערן פאָטער: בשעת דער מלחמה איז ער געווען שטאַרק אַקטיוו. שטענדיק האָט ער נאָר געזוכט וועמען עס נויטיקט זיך אין הילף און געהאָלפן בסתר מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך. ער האָט געהאַט דעם כוח משפּיע צו זיין אויף אַנדערע מענטשן, זיי זאָלן אויך העלפן. ס׳האָט מיר דערציילט יחזקאל כמעלניצקי, אַ פאַקט פון וועלכן ער איז געווען אַן עד ראיה: מען האָט דעם טאַטן פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אויף אַ זיצונג פון הילף־קאָמיטעט. מען האָט געדאַרפט אַ גרויסע סומע געלט אויף העלפן אָרעמע יידן. באַלד אויף דער ערשטער זיצונג האָט מיין פאָטער געעפנט אַ רשימה, אויף וועלכער ער האָט דעם ערשטן אַרויפגעשטעלט זיין נאָמען און דעם סכום וואָס ער איז מנדב. אַלע וואָס זענען געווען אויף דער זיצונג האָבן זיך פאַרשעמט, (ביז איצט האָבן זיי טאַקע געאַרבעט, אָבער זיך אַליין ווייניק באַטייליקט). איז טאַקע באַלד די רשימה אויסגעוואַקסן מיט אַ סך נעמען און געלט.

אין יענער צייט איז דער סקאַרזשיסקער רב ר׳ מרדכי׳לע אַוועק פון שטאָט און מיין פאָטער איז געוואָרן זיין ממלא־מקום. ער האָט מסדר קדושין געווען, געכשרט אויוונס אויף פּסח א״א נויטיקע פונקציעס. דעם שכר וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער באַלד אָפּגעגעבן אויף פאַרשיידענע צדקה־צוועקן. אַלעמענס צרות זענען געווען זיינע אייגענע, יעדנס טרערן האָבן נאַס געמאַכט זיינע אייגענע אויגן. ווען מ׳האָט די פּלאָצקער יידן געטריבן קיין סקאַרזשיסק, האָט ער באַלד צוזאַמענגערופן מענטשן און געלאָפן צו דער באַן־סטאַנציע מיט עסן און טרינקען פאַר די פּליטים אין די וואַגאָנעס אַריין. שפּעטער האָט ער געזאָרגט, אַז מ׳זאָל זיי טיילווייז איינאָרדענען אין דירות. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו די יידן אין שטאָט, אַז יעדער זאָל געבן וויפל ער קען פאַר די פּלאָצקער פּליטים, אפילו ווען איינער האָט נאָר צוויי קליידער זאָל ער אָפּגעבן איינס. אָנגעהויבן האָט ער פון זיך; אַרויסגעטראָגן פון שטוב: קישנס, דעקעס, קליידער, שיך. מיין שוועסטער רבקה האָט אַ סך געהאָלפן אין דער אַקציע. ווען כ׳האָב געזען, אַז ער האַלט כסדר אין אַרויסטראָגן מער און מער, האָב איך אים מיט זאָרג געזאָגט „ליבער טאַטישע, דו טראָגסט דאָך אַלץ אַרויס פון שטוב!״ וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גוטע אויגן, גענומען מיין האַנט אין זיינער און געענפערט: „קינד מיינס, האָב נישט קיין מורא. ס׳וועט נאָך גענוג בלייבן״. אַזוי איז עס טאַקע געווען; ווען מ״האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון סקאַרזשיסק איז נאָך זייער אַ סך איבערגעבליבן אין דער דירה פאַר די דייטשן י״ש.

מיין פאָטער איז געשטאָרבן פאַר דער „אויסזידלונג”. דאָס איז געשען י"ד סיון 1942. ער האָט אָרגאַניזירט אַ שפּיטאָל אין דער אַלטער מקווה, ווייל עס זענען געווען אַ סך יידן וואָס זענען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. ער האָט אַ סך צייט און כוחות אָפּגעגעבן פאַר דעם. די קראַנקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז פאַר זיי ווי אַ געטרייער טאַטע. צום סוף האָט ער זיך אַליין אָנגעשטעקט מיט טיפוס און פון דעם געשטאָרבן. די גאַנצע צייט פון זיין קראַנק זיין, זענען די אלכסנדער חסידים געווען ביי זיין בעט, געזאָגט תהילים און מתפלל געווען, ביז דער לעצטער מינוט. זיי האָבן פּונקט געדאַוונט מנחה ווען זיין נשמה איז נסתלק געוואָרן...

תהי נשמתו צרורה בצרור החיים!

טעאַטער אין שטעטל

מינדל ראָזנצווייג

אין סקאַרזשיסק איז געקומען אַ יידישע וואַנדער־טרופּע און האָט געשפּילט „קוני לעמל”.

פּרעזעס פונעם קאָמיטעט איז געווען גוטשע וויינבערג. קאַסיר — קלאַרמאַן.

איך האָב זיך אונטערגענומען דאָס אָרגאַניזירן די פאָרשטעלונגען, כדי צונויפצורופן אַ פאַרזאַמלונג. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דער רב פון שטעטל וועט אַרויפלייגן אַ חרם אויף די עלטערן, וועמענס קינדער ס'וועלן גיין אין טעאַטער. מיין מאַמע האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען, כ'זאָל נישט גיין אין טעאַטער. ס'האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרץ. אָבער ווי זאָל איך נישט גיין, אַז איך אַליין האָב עס אָרגאַניזירט? דער מאַמען האָב איך געזאָגט, אַז כ'וועל נישט גיין.

איך מיט שמואל פעלדמאַנען האָבן פאַרקויפט די בילעטן. דאָס טעאַטער איז געווען אויף סטאַשיצאַ גאַס, עק לימאַנאָווסקי. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך געזאָגט צו שמואלן, אַז ער זאָל שטיין אין קאַסע, ווייל ס'קאָן קומען מיין פאָטער מיט אַ שטעקן און מיר אָנקלאַפּן די ביינער. ס'גייט נישט אין די קלעפּ, נאָר די בושה. כ'בין שוין דעמאָלסט געגאַנגען מיט איטשע ראָזנצווייג. געווען איז דאַן אַ פראָסט. כ'האָב געהייסן אַוועקשטעלן אַ פּאָליציאַנט, און אַז ס'וועט קומען אַ ייד מיט אַ באָרד, זאָל מען אים נישט אַריינלאָזן אין טעאַטער. איך אַליין בין אַריין אין סוכה. דער אָוונט איז דורך מיט גרויס דערפאָלג.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מיר מיין חתן, איטשע ראָזנצווייג, אָפּגעפירט אַ היים. אויפן וועג האָב איך געקלערט, וואָס כ'זאָל טאָן. כ'בין אַריינגעקומען אין שטוב, מיינע ברידער זענען געלעגן אין מיין בעט. כ'הער ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: „וואָס זאָגסטו?” דער טאַטע האָט געענטפערט: „סאיז דאָך דיין טאָכטער”? אבי איך האַלט שוין אַזוי. כ'האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן שלאָפבאַנק. די מאַמע האָט מיר צוגעדעקט. אַ מאַמע — איז פאָרט אַ מאַמע.

אַ צווייט מאָל איז געקומען אסתר־רחל קאַמינסקאַ שפּילן טעאַטער. די פאָרשטעלונג האָט געהייסן „דער מאַמעס טרערן”. זיי האָבן געדאַרפט אַ פּאָקאָיווקע צו דער פאָרשטעלונג, האָב איך זיך געמאָלדן. די ראָל איז געווען נישט קיין גרויסע. כ'האָב געהאַט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, אַריינגיין און אַראָפּנעמען פון טיש.

שפּעטער האָבן מיר אין דער שטאָט אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק. געזאַמלט געלט, געקויפט ביכער. די ביבליאָטעק איז געווען ביים אַלטן גאָלדשטיין.

מיין מאַן איז געווען דער פירער פון די לינקע „פּועלי ציון”.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ טעאַטער. די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „קעניג ליר” פון שעקספּיר. איך האָב געשפּילט די ראָל פון דער קעניגן. די צווייטע פאָרשטעלונג איז געווען „מיטן שטראָם”, דאַן „גאָט, מענטש און טייוול”. אין דער פאָרשטעלונג האָבן געשפּילט: מיין מאַן, איך א.א. מיר האָבן געשפּילט קולטורעלע פאָרשטעלונגען.

מיר האָבן געדונגען אַ שטוב, וווּ מאיר זלאָטי האָט געוווינט און פאַרוואַנדלט אין אַ קולטור־הויז, דאָרט פלעגן מיר שפּילן. אויך האָבן מיר דאָרט אָרגאַניזירט פאַרווייִלונגען און טענץ.

עס פלעגן אויך קומען רעפערענטן, ווי צ.ב. זרובבל אין יאָר 1921 — דאָס ערשטע מאָל. דערנאָך איז ער געקומען אין יאָר 1932.

נאָך דעם האָט מיין מאַן אָרגאַניזירט דעם פאַריין פון בעלי־מלאכות. אָנגעשטעלטער (אין דעם פאַריין איז געווען אפאלון אַ קאָמוניסט). דער פאַריין האָט זיך גוט אַנטוויקלט.

דאָס טעאַטער שפּילן איז ווייטער אָנגעגאַנגען. געשפּילט האָט מען „שווער צו זיין אַ ייד” שלום עליכמס; „דער ישיבה־בחור”; „7 געהאָנגענע”.

ווען דער אַלטער רב איז געשטאָרבן זענען געקומען קאַנדידאַטן פון אַלע זייטן, אַפילו געזאַמלט געלט: צו 5 און 10 זלאָטעס. די לעצטע וואָך האָט פעלדמאַן אַריינגערופן מיין מאַן און אים געזאָגט: „איטשעלע, אַזוי ווי דו האָסט אַן איינפלוס אויף די אַרבעטער, פאַרלאַנג איך, אַז דו זאָלסט זען, אַז מיין איידעם זאָל דורכגיין אַלס רב”. אויף דעם האָט מיין מאַן געענטפערט: „איך דאַרף נישט קיין רב. אויב איר ווילט דווקא, אַז אייער איידעם זאָל זיין רב, לייגט איין אין באַנק פון די האַנטווערקער און סוחרים 2 טויזנט זלאָטעס”. ער אָט איינגעלייגט. מיין מאַן איז אַריין אין בית־מדרש, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און פעלדמאַנס איידעם איז אַדורך, געוואָרן רב.

שפּעטער האָט מען אָפּגענומען די 2000 זלאָטעס און מען האָט אַליין געמאַכט אַ באַנק ביי עלי טאָקאַזש. מיין מאַן איז געוואָרן דירעקטאָר לויט דער רעקאָמענדאַציע פון די ראַדאָמער באַנק און יחיאל מאָשקעס איז געווען פּרעזעס, משה זילבערמאַן — וויצע־פּרעזעס. מען האָט געגעבן הלוואות צו 100 און 50 זלאָטעס. אָרעמע לייט האָבן נישט באַדאַרפט קיין זשיראַנטן. דאָס געלט האָט מען נישט אומגעקערט און די באַנק האָט זיך ליקווידירט.

ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ חלוצישע באַוועגונג. מען האָט אומלעגאַל אַוועקגעשיקט חלוצים קיין ארץ ישראל, ווו ס'זענען דאַן געווען די ענגלענדער. צווישן די חלוצים זענען געווען: רבקה, מיכאַלקעס אַן איניקל, הערשל פּאָלאַסעצקי א.א. די חלוצים זענען דורך אַ הכשרה. געלט האָט מען געזאַמלט דורך אַ לאָטעריע. די וואָס האָבן געווינען, פלעגן צוריק אָפּגעבן דאָס געווינס. וואָס מען האָט ווייטער געפעלט. אויך אין סקאַרזשיסק איז געווען אַ הכשרה. די חלוצים האָבן געאַרבעט ביי האַקן האָלץ און ביי פאַרשיידענע אַנדערע אַרבעטן. געוווינט האָבן זיי אין אַ שטיבל אונטערן דאַך, ביי ה. ב. פעלדמאַן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך געלעבט אין יעלעניאַ־גוראַ און נידערשלעזיען. דאָרט פלעגט מען שאַפן געלט אויף אַוועקצושיקן מענטשן אין דער הגנה. אין יאָר 1948 האָט איך געקריגן אַן אויסצייכענונג פאַר מיין טעטיקייט.

אין סקאַרזשיסק, אַ חוץ דער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיין מאַן האָט געפירט זענען געווען: „ביתר", „פועלי המזרחי", ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, „בונד" (זייער ווייניק).

2—3 מאָנאַטן פאַרן קריג איז געקומען צו אונדז זרובבל. מיין מאַן האָט מורא געהאַט פאַר די רעוויזיוניסטן, זיי זאָלן נישט דעמאָלירן דעם לאָקאַל, האָט ער געהייסן זרובבלן צוואָרטן אויפן וואַקזאַל. אין דער קאָסע בין איך געשטאַנען מיט בערלען. פלוצים איז עמעץ געקומען צו לויפן און אויסגעשריען, אַז מען שלאָגט זרובבלען. זרובבל איז געשלאָפן ביי אינדז און מיין מאַן האָט אים אָפּגעפירט קיין וואַרשע. אין וואַרשע האָט מען אים געזאָלט געבן אַ סערטיפיקאַט פון די רעכטע און לינקע פועלי ציון.

צו די קאָנגרעס־וואַלן זענען געקומען צבי און בערל לאָקער פ. ענגלאַנד קיין וואַרשע. מיין מאַן איז אויך דאָרט געווען איינגעלאַ. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין אסתר־רחל קאַמינסקיס טעאַטער. מיין מאַן האָט געהאַלטן אַ רעדע. געווען איז דאָס שוין נאָענט פאַ. קריג.

זרובבל, נישט נאָר וואָס ער איז געווען אַ חבר פון דער פאַרטיי, איז ער אויך געווען אַן אינטימער חבר. שטענדיק, ווען ער פלעגט קומען — פלעגט מען אים מאַכן באַנקעטן.

נאָך דער מלחמה איז זרובבל געקומען קיין וואָלבזשיך מיט א רעפעראַט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווער ס׳לעבט פון די חברים. מען האָט אים געזאָגט, אַז איך לעב. ער האָט געשיקט נאָך מיר קיין יעלעניאַ־גוראַ. כ׳בין געקומען. די פרייד איז געווען זייער גרויס. ער האָט מיר געפרעגט פאַרוואָס כ׳האָב זיך נישט פאַרשריבן אין דער הגנה. וואָס הייסט? איך? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז כ׳קאָן גוט שלאָגן.

פראַגע: וואָס איז געווען די טעטיקייט פון „וויצאָ" אין סקאַרזשיסק?

— דאָס איז נישט געווען קיין דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע. מיין מאַן האָט זיי גערופן גאַווהדיקע ווייבער. ס׳זענען נישט געווען קיין סך מיטגלידערינס. צווישן די מיטגלידערינס איז געווען ווינאָגראַדאָווס פרוי, עטל, געוווינט אויף דער סטאַשוצע. לייטערין איז געווען מיין שוועגערין פייגעלע ראָזענצווייג. לאַנג האָט זיך די אָרגאַניזאַציע נישט געהאַלטן. זייער ציל איז געווען שאַפן געלט פאַר ארץ ישראל.

געווען איז אַ יידישע פריוואַטע באַנק „פאָלקס באַנק". בוכהאַלטער איז געווען חמיצקי אורבאַך; דירעקטאָר — שעכטער. די באַנק האָט אַרויסגעגעבן הלוואות יידן און יידן האָבן זיך מיט דעם געהאָלפן. די לייטערס פון דער באַנק זענען געווען: שמואל בריקס, ווײַנריב — רייכע מענטשן. זיי זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַנק, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל צייט.

האָט דער מאַגיסטראַט געגעבן עפּעס הילף פאַר דער קולטורעלער טעטיקייט פון די יידן?

— ניין, קיין שום הילף.ביים מאַגיסטראַט האָט מען געמוזט אַרויסנעמען אַ דערלויבעניש צו פאַרקויפן בילעטן.

פראַגע: ווי האָבן די קריסטן זיך פאַרקוקט אויף דער קולטורעלער טעטיקייט פון די יידן אין סקאַרזשיסק?

— קריסטן פלעגן קומען זען אונדזערע פאָרשטעלונגען.

מיטגעשפּילט מיט אונדז האָבן: יידל לאַנדאו, זעליג דער סטודענט, מיין ברודער פנחס, רבקה; מאַרגאָליס, רוזשע פרידמאַן.

מיין פעטער מאיר שער (שיאר)

יוסף בריקס

די משפחה שער האָט געוווינט אין אַ נידעריק, קליין הייזל פון צוויי צימערן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דעם הויז פון זייער פעטער, דעם גרויסן גביר אין קעלצער געגנט ר׳ מענדל פעלדמאַן. אין די פענצטער פון זייער הייזל האָבן אַריינגעקוקט די גרויסע עפּלביימער פון פעלדמאַנס סאָד.

לויטן אויסערלעכן אויסזען פון מיין פעטערס הויז, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָרט וווינען גבירים. אָבער די וואָס האָבן נענטער געקענט די משפחה, האָבן געוווּסט, אַז אמת, ס׳איז טאַקע אַ בכבודיקע חסידישע משפחה, אָבער זייער ווייט פון נגידישאַפט. אדרבא, זיי האָבן געלעבט זייער באַשיידן.

דער פעטער מאיר איז געווען אַ פּאָפּולערער מענטש אין סקאַרזשיסק אַן איידעם פון ר׳ נתן קאָגאַן, אַ חסידישער ייד און אַ שיינער תלמיד־חכם, אַ ייד אַ פיקח מיט אַ שיינעם הומאָר, איז ער געווען פון די חשובסטע פאָרשטייערס אין דער קהילה. ער האָט אויך געשמט ווי אַ פּראַקטישער מענטש וואָס פאַרשטייט אין עסקים מיט חשבונות און אָריענטירט זיך אין גרויסע געשעפטלעכע פּלאָנטערס. דערפאַר, ווי נאָר ס׳איז געווען אַ סיכסוך צווישן יורשים, אַ קאָנפליקט צווישן שותפים, אָדער סתם אַן אַנגעווייטיקטער ענין אָדער אַן עוולה, האָט מען זיך תמיד געוואָנדען צו מיין פעטער. אין סקאַרזשיסק האָט מען געהאַלטן, אַז ר׳ מאיר האָט אַ געוואַלדיקן כוח־הסברה. ער האָט געקאָנט איבערציינגן אַ ייד וואָס האָט פאַרשפּילט אַ בוררות, אַז ער איז טאַקע נישט גערעכט. ר׳ מאירס רייד האָבן געווירקט און דער ייד האָט זיך באַרואיקט.

מיין פעטער האָט געהאַט דריי זין; ירחמיאל, אברהם און מענדל. פאַרשטייט זיך, אַז מיט פרנסה איז נישט געווען אַזוי פויגלדיק, ווייל נאָר צוויי טעג אין וואָך זענען געווען מאַרק־טעג — דינסטיק און פרייטיק — אין וועלכע ער האָט אַביסל געלייזט אין זיין אייזן־קראָם אויפן מאַרק. איז עס טאַקע געווען אַ שווערער ענין אויסצוהאַלטן אַזאַ היפשע משפחה. אָבער מיין פעטער איז שטענדיק געווען פריילעך און געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ...

דער פעטער איז געווען זייער אַן אָפּגעהיטענער ייד, דריי מאָל יעדן טאָג איז ער געגאַנגען — צוזאַמען מיט זיינע זין — אין בית המדרש אַריין צום דאַווענען. שבת, האָט ער געדאַווענט — צוזאַמען מיט מיין פאָטער — אין דעם וואָנכאָצקער חסידים־שטיבל. אין די שבתים, איידער מען איז געגאַנגען צום דאַווענען, איז כמעט דאָס גאַנצע וואָנכאָצקער שטיבל געקומען טרינקען טיי ביים פעטער ר׳ מאיר. די מומע חנטשע־איטה האָט פרייטיק פאַר ליכט־צינדן צוגעגרייט אויפן אויוון עטלעכע טעפּ הייסע וואַסער, כדי די חסידים זאָלן האָבן גענוג טיי אום שבת צום טרינקען. דער וואָנכאָצקער רבי ר׳ יוסעלע האָט געוווינט אין ראָדעם און דאָרט געפּראַוועט חסידות, איז מיין פעטער צו אים יעדעס יאָר געפאָרן מיט אַ פדיון, כאָטש ער איז נישט געווען קיין גביר...

מיין מומע איז געווען אַ זייער גוטע און געטרייע מאַמע צו אירע קינדער און דאָס זעלבע צו פרעמדע. איך געדענק, ווען

די דייטשן זענען אין 1939 אַריין אין סקאַרזשיסק, האָב איך מיטן פעטערס צוויי זין באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן אַוועק קיין רוסלאַנד. איז עס געווען פון די טראַגישטע איבערלעבונגען ביי מיין פעטער און מומע. דאָס געוויין איז ממש געווען עד לב השמים. די מומע האָט געחלשט און זיך נישט געקענט אָפרייסן פון אירע צוויי זין, ביים געזעגענען זיך מיט זיי...

איך מיט מיינע קוזינען האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זיך געראַטעוועט און געפונען זיך היינט אין ישראל.

צו אונדזער ווייטיק און צער, איז דער פעטער מאיר, די מומע חנטשע איטה און זייער יונגסטער זון מענדל אומגעקומען על קידוש השם, דורך די דייטששע רוצחים...

כבוד זייער הייליקן זכרון...

דעם אָנדענק פון שטעטל

יוסף בריקס

דער טרעגער משה לייב

סקאַרזשיסק איז געלעגן צווישן דער גרויסער באַן־סטאַציע און דעם טייך קאַמיענגאַ. יידן האָבן דאָ געלעבט מיט זייערע שכנים — פּאָליאַקן אין פריינדלעכן קאָנטאַקט אין מסחר און מלאכה. יידן האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען און גרויס־מאַכן די שטאָט. נאָר די נעכטיקע „גוטע שכנים" האָבן באַלד נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן געוואָרן די אָנווייזערס אויף יידן. פון קליין ביז גרויס האָבן זיך באַלד גענומען צו זייער פאַרברעכערישער טעטיקייט.

אין סקאַרזשיסק האָבן געוווינט עטלעכע הונדערט יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און מלאכה. דער גרעסטער טייל זענען געווען שטילע האָרעפּאַשנע מענטשן. אין שטאָט איז געווען אַן אַנטוויקלטע יידישע יוגנט מיט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס; אַרבעטער־פאַראיינען, קולטור־אינסטיטוציעס, ספּאָרט־קלובן, אַ כאָר (דיריגענט: יעקל ווינער) און כמעט אַלע פּאַרטייען. אַזוי האָט אַ שטעטל געלעבט רואיק און מיט האָפענונג.

ער פלעגט שטיין ביי אַ גרויסן מאַגאַזין, פאַרגאַרטלט מיט אַ גראָבן שטריק, וואָס האָט עדות געזאָגט אַז ער איז אַ טרעגער. גערופן האָט מען משה טרייב, כאָטש זיין נאָמען איז געווען משה־לייב. פאַרמאָגט האָט ער אַ וואָגן מיט צוויי רעדער נאָר דאָס פערד איז ער אַליין געווען. געוווינט האָט ער אין אַן אָרעם שטובל אָן אַ פּאָדלאָגע. געהאַט אַ ווייב מיט צוויי טעכטער, נאָך גאָר יונגע מיידלעך. זיין ווייב האָט אויך אים געהאָלפן אין דער פּרנסה, גע־רוימט ביי רייכע באַלעבאַטים און געוואַשן ביי זיי וועש.

איז ער געשטאַנען, משה־לייב אין גאַס און געוואָרפן פאַר־צווייפלטע בליקן. ס׳איז שוין געווען צוויי אַ זייגער און ער האָט נאָך גאָר נישט פאַרדינט. האָט ער גייציק געקוקט, אפשר וועט עמיצער דאָך אים באַמערקן און אים אַ רוף טאָן עפּעס אַוועקצופירן. געבענקט האָט ער נאָך אַ שווערע משה. א, וואָלט ער איצט דערמיט געפלויגן, ווי דאָס בעסטע פערד. נאָר קיינער האָט אים נישט באַמערקט, כאָטש די גאַס האָט גערויעט מיט מענטשן. פּלוצלינג האָט ער דערזעען מרדכי, דעם האַלבן טרעגער און האַלבן בדחן טראָגנדיק אַ שווערן־קאָסטן, באַפאַלט אים אַ שרעקליכע קינה און עס רייסט זיך פון אים אַרויס אַ טיפער קרעכץ — אַזאַ קאַסטן, אַזאַ קאַסטן. אָט אַ מזל פון אַ ייד!

פאַרביי האָבן זיך געטראָגן מענטשן און געאיילט, נישט וואַרפנדיק אויף משה־לייבן אַפילו קיין בליק. אין דער היים האָבן געוואַרט אַ ווייב מיט צוויי טעכטער אויף ברויט. איז ער געשטאַנען אַ דערהיצטער אין אויפגערעגט, געהויבן דאָס היטל און געריבן דעם שטערן און ער האָט געוואָלט אויסשרייען צו דער גאַנצער וועלט — גזלנים! וואַרפט כאָטש אַ בליק אויף מיר, צו בין איך דען נישט קיין מענטש?

שטאָט־ליצים

ווי אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך האָט אויך סקאַרזשיסק געהאַט אירע שטאָט־משוגאים. איינער איז געווען חיים יענקל וואָס האָט איבערן שטעטל געקרייט ווי אַ האָן, געדינט ווי אַן אַטראַקציע פאַר דער שטיפערישער יוגנט און פריילעך געמאַכט דאָס שטעטל.

ווען אָבער די יידן זענען אין געטאָ פאַרזינקען געוואָרן אין טרויער, ווען ס׳איז שוין נישט געווען קיין איין פאַמיליע פון וועמען די היטלער רצחים זאָלן נישט האָבן וועמען דער־מאָרדעט האָט נאָך חיים יענקל אַלץ געקרייעט און פאַרזיכערט אַז מען וועט דעם המן (היטלערן) אויך איבערלעבן, די לאַגע איז אָבער פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ ערגער. יעדן טאָג נייע גזרות. הונגער, קרענק. האָט אויך אויף חיים יענקלס פּנים זיך פאַרצויגן דער טרויער און אַז ווער האָט אים אַ בעט געטאָן — חיים יענקל גיב אַ קריי! האָט ער געשוויגן. אָבער אַז נאָך אַסך בעטן איז ער דאָך מסכים געווען צו געבן אַ קריי, האָט זיך נאָר אויף אַ מינוט זיין פּנים צעשמייכלט, אָבער גלייך געוואָרן אומעטיק, ווייל דאָס איז נישט מער געווען יענער קריי פון אַמאָל, נאָר עפּעס ווי אַ קדיש פון אַ יתום נאָך אַ פאַרשטאָרבענער מאַמען.

אין שטאָט האָט חוץ חיים יענקל זיך געפונען נאָך אַזוי־נער, גערופן האָט מען אים יענקל קאָסטעק, וואָס האָט געלעבט מיט דער איינרעדעניש אַז די גאַנצע שטאָט, די גאַסן, הייזער און פאַבריקן זענען זיינע און אויב חיים יענקל האָט זיך געטראָפן מיט יענקל קאָסטעק און אים געפרעגט — נו, קאָסטעק ווו זענען דיינע מאַיאָנטקעס? האָט אים יענקל קאָסטעק געענטפערט, אַז דאָס אַרבעטן זיינע פאַבריקן פאַר די דייטשן איבערשטונדן, צו ליפערן וואָס מער פּראָדוקציע, אָבער ער דער „היטלמאַכער (געמיינט היטלער) נוצט אויס דאָס געווער קעגן אים קאָסטעקן און זיינע ברודער און צום סוף האָט ער טרויעריק געזאָגט, אַז די וועלט איז אַ פאַלשע און אַלע האָבן אים באַראַבעוועט, צוגענומען ביי אים זיין גאַנצן פאַרמעגן. אויף דעם האָט דער צווייטער חיים יענקל זיך אויך צעלאַכט און געזאָגט:

— משוגענער קאָסטעק, דו ביסט געווען משוגע און וועסט שטאַרבן אַ משוגענער. אוןביידע האָבן לאַנג זיך געאַמפּערט ביז יעדער איז אַוועק זיין וועג.

אין שמחהס תורה פון 42 יאָר ווען די דייטשן האָבן זיך גענומען צו ליקווידירן דעם געטאָ, האָט — זעט אויס דער צעדרייטער חיים יענקל דערפילט אַן אויך אויף אים לויערט דער טויט, איז ער

אַריינגעקראָכן אין אויוון פון זעליקס בעקעריי זיך דאָרט צו באַהאַלטן, אָבער די פּאָליאַקן האָבן צומאַרגנס אים פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט שוין אַ טויטן.

דער טרויעריקער אָנהייב

צוויי טעג נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשע מערדערס אין שטעטל, האָט זיך באַוויזן די ערשטע מעלדונג, אַז יידן מוזן אָפּגעבן אַלע ראַדיאָס אין משך פון 24 שעה. ווער עס וועט נישט פאָלגן דעם באַפעל, וועט געשאָסן ווערן אָן אַ משפט. שפּעטער האָט זיך אַ שאָט געטאָן פאַרשידענע פאַרבאָטן אויף יידן; נישט אַרויסגעבן קיין יידישע דרוק־זאַכן, נישט לייענען קיין צייטונגען, נישט הערן קיין ראַדיאָ אא״וו.

ס׳זענען געווען צוויי סאָרטן יידן; אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן: די ערשטע — ס׳רוב בעסער סיטואירטע יידן — האָבן געטענהט, אַז מען מיינט נישט זיי, נאָר די אָרעמע יידן. אַנדערע זענען אפילו געגאַנגען באַטראַכטן די דייטשע כוחות וואָס זענען געשטאַנען אויפן נייעם מאַרק און פריי געשמועסט מיט זיי. „נאַרישע יידן, פאַר וועמען באַהאַלט איר זיך?, זיי טוען קיינעם שלעכטס נישט. אַ קולטורעל פאָלק. איז דען מעגלעך זיי זאָלן מאָרדן? ס׳איז נאָר פּראָפּאַגאַנדע. זיי זענען נאָך בעסער ווי די רוסן, וואָס קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן און שיקן אַוועק קיין סיביר אין אַרבעט־לאַגערן. בעסער דאָ איבערצולעבן די מלחמה״ האָבן זיי געזאָגט.

נאָר די אַנטוויקלטע יידישע יוגנט האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום גוטס קען מען פון די דייטשן נישט דערוואַרטן, אַז עס רוקן זיך אָן סכנות, האָבן זיי פאַרלאָזן די היימען, טאַטע־מאַמע און געשווּאַרצט די גרענעץ קיין ראַטן־פאַרבאַנד, מיט דער האָפענונג איבערצולעבן און אפשר נקמה נעמען פאַר די פּיין און לייד.

די וואָס זענען געבליבן ביי די דייטשן, זענען טאַקע דער גרעסטער טייל שוידערלעך אומגעקומען. נאָר געציילטע וואָס האָבן דורכגעמאַכט פאַרשידענע טויט־לאַגערן האָבן זיך געראַטעוועט מיט נסים, ווען זיי זענען שוין געווען מוזלמענער.

די דייטשע מאָרד־מאַשין האָט געאַרבעט פּרעציז און פּלאַנמעסיק; צוערשט האָבן זיי צוגענומען די געזונטע און שטאַרקע אויף שווערער פיזישער אַרבעט ביי דער מלחמה פּראָדוקציע. דאָרט האָבן זיי געאַרבעט 16 שעה אַ טאָג, ביז זיי זענען אויסגעמאַטערט און קראַנק געוואָרן, האָט מען זיי ליקווידירט.

געטאָ און לאַגערס

די ערשטע טעג

אליעזר לעווין

גלייך אין די ערשטע טעג מלחמה האָבן די דייטשן באַשאָסן די גרויסע באַן־סטאַנציע סקאַרזשיסק—קאַמיענגאַ, ווי אויך אַנדערע ערטער פון דער שטאָט. זענען טייל יידן אַנטלאָפן קיין שידלאָוויעץ און אין אַנדערע ערטער צו קרובים. די ערשטע קרבנות פון דער באָמבאַרדירונג זענען געווען פּנחס וועסטער און יעקב נחום מאַריסעס זון. ווי די דייטשן זענען נאָר אַריין אין דער שטאָט האָבן זיי גלייך גענומען כאַפּן יידן אויף דער אַרבעט, צו רייניקן די גרוזעס פון דער באַן־סטאַנציע, אָנלאָדן קוילן אין די וואַגאָנען אָדער מען האָט זיי פאַרשלעפּט צו דער אַרבעט קיין רייעוו ווי עס זענען דאָרט ביי דעם טייכל טעגלעך געפאַלן צענדליקער קרבנות פון סאַדיסטישע פּייניקונגען פון די ס.ס.־לייט.

אין סקאַרזשיסק ווי אין אַנדערע ערטער האָבן די דייטשן גלייך געשאַפן אַ יודן־ראַט, איר פּרעזעס איז געוואָרן הערש בער פעלדמאַן, וויצע פּרעזעס דיקערמאַן, מיטגלידער זענען געווען אפרים שאַרפשטיין, אייזיק ווייצנהענדלער און חיים ליבערמאַן. די ערשטע אויפגאַבע פון יודן־ראַט איז געווען צו ווערבירן יונגע יידן אין דער יידישער פּאָליציי, וועלכע זענען אויסגעשולט געוואָרן דורך פּוילישע זשאַנדאַמעריע־לייט אויף דעם הויף פון מאַגיסטראַט. דער ערשטער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי איז געוואָרן הערשל ווינאָגראַד. נאָך אים איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט מאיר בריקס. דער לעצטער קאָמענדאַנט ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ איז געווען סאַנקעוויטש. צו די פּאָליציי־לייט האָבן געהערט: איטשע גרינצייט, אַלטער כץ, ירחמיאל פעלדמאַן, מענדל וואָלאָווסקי, אישראַליק אייזמאַן, הירש לייב שוך, ירחמיאל רוחלעס, מאיר וואגנייסקי, שלומה געלדבאַרד, שמשון אייזמאַן.

אין 1940 איז געקומען די פאַראָרדענונג אַז יידן מוזן טראָגן אויף דער האַנד אַ לענטע מיט אַ מגן דוד. די ברייט פון דער לענטע האָט געמוזט זיין 10 סענטימעטער. די אויפגאַבע פון יודן־ראַט איז געווען צוצושטעלן די דייטשן אומזיסט יידן צו דער אַרבעט, וויפל זיי האָבן נאָר געפאָדערט. די פאַרמעגלעכע יידן האָבן זיך אויסגעקויפט פון דער אַרבעט פאַר געלד, ווייל ביי דער אַרבעט פלעגט מען אָפט באַקומען קלעפּ. דאָס געלד האָט דער יידן־ראַט אָפּגעגעבן די אָרעמע וועלכע זענען אויף זייער אָרט געגאַנגען צו דער אַרבעט, צו קענען פאַר דעם געלד קויפן ברויט. דער יודן־ראַט האָט נישט זעלטן געמוזט אויך צושטעלן געלט־קאָנטריבוציעס פאַר די דייטשן. דאָס געלט איז גענומען געוואָרן ביי די פאַרמעגליכע סוחרים. שפּעטער האָבן די דייטשן אויך גענומען פאָדערן געוויסע קוואַנטומס פון גאָלד און געדראָט אויב זיי וועלן עס נישט באַקומען וועלן זיי די יידן עוואַקואירן פון דער שטאָט, זיי האָבן אויך גענומען פאָדערן גוטע מעבל וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין געוויסע יידישער הייזער דערמיט אָנצופילן די שיינע וווינונגען וואָס זיי האָבן רעקוויזירט ביי די פּאָליאַקן. אויב יידן האָבן נישט פאַרמאָגט גענוג שיינע מעבל זענען זיי געוואָרן געצוווּנגען דאָס צו ברענגען פון קעלץ.

טאָג טעגלעך האָט דער פּרעזעס פון יודן־ראַט זיך געמוזט צושטעלן אין ביוראָ פון שעף פון דער געסטאַפּאָ פּינקטלעך 10 אַ זייגער אין דער פרי ווו ער האָט באַקומען אַ רשימה פון נייע פאָדערונגען וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט די יידן זאָלן זיי צושטעלן. עס איז געווען אַ פאַל ווען דער שעף פון געסטאַפּאָ האָט פון פעלדמאַנען פאַרלאַנגט אַ גרויסן קוואַנטום פון לעדער, ווייל לעדער האָט זיך געפונען אין שכניסדיקן שטעטל שידלאָוויעץ ווי עס האָבן זיך געפונען יידישע גאַרבאַרניעס. האָט דער שעף פון געסטאַפּאָ גענומען פעלדמאַנען קיין שידלאָוויעץ



אַ זיצונג פון סקאַרזשיסקער יודן־ראַט

צו דער גאַרבאַרניע פון פישל אייזנבערג ווי ער האָט קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע לעדער צוזאַמען מיט די מאַשינען און עס געברענגט קיין סקאַרזשיסק. ווי ער האָט די מאַשינען פאַרקויפט צו אַ פּאָליאַק. דאָס האָט ער זעט אויס געטאָן אויף אייגענער האַנט און פאַר אייגענעם נוצן, נישט ווויסנדיק אַז די לעדער איז שוין פון פריער קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער צענטראַלער „געסטאַפּאָ“ אין ראַדאָם נאָך אין אַ רויען צושטאַנד. האָבן זיי טאַקע דערפאַר געטוישט דעם שעף אויף אַ צווייטן נאָר די שטראָף האָבן באַדאַרפט טראָגן די יידן, האָבן זיי דערפאַר אַרעסטירט פעלדמאַנען, צוקערמאַן און יענקל לאַנדע, נאָר שאַפּירשטיין האָט אין דער לעצטער מינוט זיך געכאַפּט וואָס דאָס שמעקט און זיך באַהאַלטן ביי אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער. האָבן די דייטשן גענומען זיין פרוי אַלס „זאַקלאַדניטשקע“ כאָטש זי איז געווען שוין אין די הויכע חדשים. זי האָט טאַקע אין קעלצער טורמע געבוירן איר קינד, פון דאָרטן האָט מען זי אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ ווי זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון ערשטן יודן־ראַט, נאָר איר קינד האָט מען צוריקגעשיקט קיין סקאַרזשיסק און איבערגעגעבן צו דער פרוי פייגע קוכאַן, ברוך טאַרלעס טאָכטער, ווי עס האָט זיך געפונען ביז דער אויסזידלונג און שפּעטער מיט אַלע יידן אַוועק אויף דעם לעצטן וועג...

נאָך דער געשיכטע האָט זיך געשאַפן אַ צווייטער יידן־ראַט וועמענס פּרעזעס עס איז געוואָרן דוד נוגל, וויצע פּרעזעס חיים ליבערמאַן און מיטגלידער: יחזקל כמיעלניצער און זעליק וויינרייך. דער נייער שעף פון דער געסטאַפּאָ האָט אָבער נישט געוואָלט — ווי ער האָט געזאָגט — האָבן קיין באַציאונגען מיט די „שמוציקע יודען“ און געפאָדערט פאַר אַ פּרעזעס אַ יידן מיט העכערע בילדונג. האָט מען קעגן זיין ווילן באַשטימט פאַר פּרעזעס דעם צאָן־אַרצט דר. מאַלינגער. דער נייער שעף פון דער געסטאַפּאָ האָט פאַר זיך רעקווירירט אַ הערלעכע ווילע, צוגענומען ביי אַ פּראָפעסאָר זיין גאַנץ מעבל און דעם רעמאָנט אין דער ווילע געמאַכט אויפן חשבון פון יודן־ראַט. דר. מאַלינגער האָט אַלס צאָן־אַרצט נישט געהאַט קיין אַנונג פון די אַלע זאַכן האָט ער געבעטן מען זאָל מיך אליעזר לעווינען צוקאָפּטירן אַלס פאַכמאַן איך זאָל אויסמעבלירן און טאַפּעצירן דעם שעפס ווילע. דער שעף האָט מיט אונדז נישט געוואָלט בכלל רעדן און באַפוילן מיר זאָלן טוען אַלץ וואָס זיין פרוי וועט פון אונדז פאַרלאַנגען. איך האָב געמוזט מסכים זיין און באַקומענדיק אַ פּאַכ־שיין בין איך אָפּט געפאָרן קיין קעלץ אָדער ראַדאָם ווי כ׳האָב איינגעשאַפן די מעבל לויט דעם געשמאַק פון דעם שעפס פרוי.

אין דער צייט זענען די יידן פון סקאַרזשיסק אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, וואָס האָט אַרומגענומען די דריטע מיי גאַס פון וויטוויצקי ביז צו דער פּאָסט, פון אונטער דער פאַבריטשנע גאַס אויף איין זייט און די לימאַנאָווסקע גאַס ביז פּילסודסקעגאָ. אויך אין דעם געסל פון שלמה בעקער און ד״ר קאָגאַן זענען קאָנצענטרירט געוואָרן די סקאַרזשיסקער יידן צוזאַמען מיט די אַהער־געטריבענע יידן פון פּלאָצק.

דער אָנהייב

יעקב פראנט

אין סעפּטעמבער 1939, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן פּוילן, האָבן זיי באַלד באָמבאַדירט די באַן־סטאַנציע אין סקאַרזשיסק. די שטאָט איז געבליבן גאַנץ. אויך די גרויסע און איינציקע געווער־פאַבריק אין פּוילן איז געבליבן גאַנץ. דאָרט זענען געווען אַ סך דייטשע שפּיאָנען אין די פאַבריק איז אָן איין שאָס פאַרנומען געוואָרן.

די פאַבריק האָט איבערגענומען די טרויעריק באַרימטע דייטשע פירמע „האַסאַג“, וווּהין מ׳האָט פאַרשלעפּט יידן פון גאַנץ פּוילן, שפּעטער אויך פון אייראָפּע. מ׳האָט זיי געצוווּנגען אויס־צואַרבעטן געווער, וואָס מ׳האָט געשיקט אויף די פראָנטן. יידן האָבן געמוזט טאָן די שווערסטע, שמוציקסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן, קיין עסן און מלבושים האָט מען נישט געגעבן. ווי נאָר מ׳איז קראַנק און געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויפן „ווערק צע“, דאָרט זיי געשאָסן און פאַר־ברענט.

דאָס „ווערק צע“ איז געווען אַן אָפּטייל אין פאַבריק ווו מ׳האָט אויסגעאַרבעט פּולווער פאַר דעם געווער. דער פּולווער מאַטעריאַל האָט גיך פאַרברענט די לונגען. מען האָט געאַרבעט אַ קורצע צייט ביז מ׳האָט זיי פאַרברענט.

די יידן אין סקאַרזשיסק האָט מען באַלד אין 1940 אַריינ־געקוועטשט אין אַ געטאָ. מ׳האָט געמוזט טראָגן ווייסע אָרעם־בענדער מיט אַ בלויען מגן דוד אין וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן „יודע“. אַזאַ קין־צייכן האָט געמיינט, אַז זייער לעבן איז הפקר, יעדער מעג זיך דערלויבן לגבי זיי וואָס ער וויל נאָר, דערפאַר וואָס ער איז אַ יודע...

אָפט האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט. אַ ייד איז נישט געווען זיכער, נישט אין דרויסן און אויך נישט אין שטוב. אומעטום זענען געשטאַנען דייטשן ווי היצלעס און געוואַרט, כדי זיי צו כאַפּן. אויב זיי האָבן געדאַרפט לאַנג וואַרטן, זענען זיי באַ־פאַלן די הייזער און אַרויסגעשלעפּט פון די שטיבער, געכאַפּט מענער, אפילו קינדער און זיי געשלאָגן מכות־רצח. זעלטן האָט זיך אַ ייד געקענט באַהאַלטן; זיי האָבן געריסן ווענט און שענק, געזוכט אין קעלערס און אויף בוידעמס. האָבן זיי ערגעץ געפונען אַ ייד, איז אָך און וויי געווען צו זיין לעבן.

די „יודענראַטן“ האָבן זיך — לויט מיין מיינונג — באמת באַמיט, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך געווען לייכטער צו מאַכן דאָס לעבן פון יידן אין געטאָ. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט יידישע הערצער און געוואָלט בעסער מאַכן און דערמוטיקן די דערשלאָ־גענע און צעבראָכענע יידן. נאָר איבער זיי איז שטענדיק געהאַנגען די האַק פון דער „געסטאַפּאָ“, איז זייער מי געווען זייער באַ־גרענעצט.

ס׳זענען אָבער אויך געווען אַ זעלכע וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט־חנפענען זיך צו די דייטשן און מיט אָנטאָן צרות יידן וועלן זיי נושא־חן זיין; מאַכן אַ קאַריערע און דערהאַלטן זייער לעבן. געווען איינער אַזאַ: מיר וועלן זיין נאָמען נישט דערמאָנען, נאָר ה. ד. פ. — סקאַרזשיסקער וועלן סיי ווי וויסן וועמען איך מיין. אוי, ווייסן זיי עס — ביז היינט....

דער „יודענראַט“ האָט אויך געשאַפן אַן אייגענע פּאָליציי, וואָס האָט זיי געדאַרפט העלפן אין דער „אַרבעט“. אַ סך האָבן געוואָלט גיין אין דער פּאָליציי, כדי אפשר וועלן זיי קענען אויס־היטן זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, פרויען און קינדער פון דעם ביטערן יידישן גורל. איז עס זיי געלונגען,

אַזוי האָט עס געדויערט ביז שמיני־עצרת. אַ טאָג פאַר שמחת־תורה איז עס געשען. יענעם טאָג האָט מען טראַנספּאָרטירט דאָס רעשט יידן קיין טרעמבלינקע אין די גאַז־קאַמערן...

אַזוי איז פאַרשוואונדן די הייליקע יידישע קהלה, סקאַרזשיסק...

דאָס האַרץ פּלאַצט, דער מענטש וויל שרייען, וויינען, קלאָגן, רייסן אויף זיך די קליידער; נאָר מען איז מאַכטלאָז. שוין אויסגעוויינט אַלע טרערן. פאַר וואָס האָט די גאַנצע וועלט געשוויגן, פאַר וואָס האָסטו גרויסער גאָט דערלאָזט דערצו? פאַר וואָס, פאַר וואָס? — — —

זאָל מיר דערלויבט זיין מיט צער און פאַרהייליקונג דערמאָנען מיינע נאָענטע און טייערע קדושים:

מיינע שוועסטער: שרהלע, בלימעלע, רייזעלע, הינדעלע מיט זייערע מענער און קינדער.

מיין ברודער אברהמטשע מיט זיין פרוי און קינדער.

מיין פרוי חנה מיט אונדזער פינפיעריקן זונעלע — הערשעלע, מיין פאָטער פסח פּראַנט, אַלע מיינע ליבע און הייליקע!

יזכור... יתגדל ויתקדש...

די ערשטע טעג

ירחמיאל בריקס

(פון אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „אנטלויפערס")

באַלד ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, האָט יעדער ייד וואָס איז געווען איינגעמאָלדן אין אַ שטאָט אָדער שטעטל, געמוזט אַרבעטן אומזיסט צוויי טעג אין וואָך פאַר די דייטשן. אַזוי איז געווען איבער גאַנץ פּוילן. די יידישע גמינע האָט געמוזט צושטעלן די יידן צו דער אַרבעט, האָט זי צו זיי אַרויסגעשיקט אויפפאָדערונגען. די אָרעמע האָבן זיך צוגעשטעלט און די רייכע האָבן זיך אויסגעקויפט פאַר געלט אָדער האָבן צוגעשטעלט אַנדערע אויף זייער אָרט; אַזעלכע וואָס האָבן זיך גענויטיקט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט. די דייטשן וואָס זענען געווען די אויפזעערס ביי דער אַרבעט, זענען געווען די ריכטיקע אויסגעשטודירטע סאַדיסטן און מערדער, האָבן געפּייניקט און דערמאָרדעט די יידן ביי דער אַרבעט. אין אונדזער שטעטל סקאַרזשיסק, איז עס נאָך אַזוי ווייט נישט דערגאַנגען. איך האָב מיך נישט איינגעמאָלדן אין מאַגיסטראַט (כ׳בין געווען אומלעגאַל, פאַר איינמעלדן האָט מען אויך געדאַרפט באַצאָלן לאַפּוועקע אַ שיינע מטבעה), ווייל כ׳האָב נישט געהאַלטן ביים בלייבן אין שטעטל, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט אַרבעטן ביי די דייטשן, נאָך דערצו בחינם.

מיין פאָטער׳ס ברודער, ירחמיאל, איז געווען אַ קאַמאַשןשטעפער. ער האָט יעדע וואָך באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון דער יידישער גמינע צו גיין אַרבעטן אויף צוויי טעג. האָט ער מיך געפרעגט, צי איך וויל גיין אַרבעטן פאַר אים און ער וועט מיר באַצאָלן וויפל כ׳וויל. איך האָב מסכים געווען, ווייל איך האָב זיך גענייטיקט אין געלט. כ׳האָב פון אים פאַרלאַנגט דעם מינימום לוין.

די אַרבעט איז געווען, צו פאַרשיטן די טיפע גריבער וואָס די דייטשישע באָמבעס האָבן געמאַכט. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט אַ יונגער פּאָליאַק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן צווישן יידן אין שטעטל, ער האָט זיך אויסגעלעבט צווישן יידן און געלעבט פון יידן. אַן אײדעלער שגץ און יידנפריינד. באַלד אינדערפרי האָט ער אונדז אונטערגעשריבן די אַרבעט־צעטלען, אַז מיר האָבן אָפּגעאַרבעט דעם טאָג. ביי אים האָב איך געאַרבעט עטלעכע טעג, מיר האָבן געשמועסט, איך האָב אים מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן, מיר האָבן זיך באַפריינדט. איין טאָג זאָגט ער צו מיר: „בריקסיו, לייג אַוועק דעם רידל, זיץ דאָ מיט מיר, איך מאַך דיך פאַר אַן אויפזעער אונטער מיר. לאָמיר רעדן, ס׳איז אַזוי גוט צו שמועסן מיט דיר". איך בין אַ ביסל געזעסן מיט אים אויף אַ ברעט אונטערגעשפּאַרט מיט אַלטע ציגל, לעבן אַ וואַנט פון אַ צעבאָמבאַרדירט הויז און מיר האָבן גערעדט פּאָליטיק. פון צייט צו צייט האָב איך זיך געכאַפּט פאַר די לאָפּאַטע, סיי אויס מורא קוים קומט אונטער אַ דייטש, סיי כדי צו העלפן די גרופּע יידן וואָס אַרבעט דאָ. האָט ער מיך צוגערופן און געזאָגט: „דאָ דאַרפסטו נישט אַרבעטן, איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַן אויפזעער. זיץ דאָ, לאָמיר שמועסן. דערצייל מיר עפּעס פון דער גרויסער שטאָט לאָדזש". איך האָב אים געפאָלגט און אַזוי געטאָן.

ווי מיר זיצן און שמועסן איז פּלוצים אונגעקומען אַ פּאָליאַק, אַ חזר־קיילער, מיט אַ שטעקן און גענומען שלאָגן די יידישע אַרבעטער שרייענדיק: „איך בין פון אַ צינד־אַן אייער אויפזעער!" מיר זענען אַלע געוואָרן איבעררעאַשט און מורא באַקומען. דער חזר־קיילער האָט געשלאָגן די יידן וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער גרוב מיט אַ סאַדיסטישער אכזריות; מיטן שטעקן איבער די קעפּ, פּנימער און ווי ער האָט נאָר געטראָפן. היות, איך בין געווען אָן אַ רידל און דאָס אַרבעט־צעטל פון היינט איז שוין געווען אונטערגעשריבן, האָב איך זיך פאָרזיכטיק אַוועקגעשאַרט און מער בין איך צו דער דאָזיקער אַרבעט נישט געגאַנגען.

די יידישע גמינע איז אויך געצוואונגען געוואָרן צו צושטעלן יידישע אַרבעטער אין דער אַמוניציע־פאַבריק, וואָס איז אין סקאַרזשיסק געווען די גרעסטע אין פּוילן. אַמאָל האָבן די פּאָליאַקן נישט צוגעלאָזט קיין יידן. די גאַנצע קריגס־אינדוסטריע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דייטשן, די פּאָליאַקן האָבן נאָר געטאָן די שוואַרצע און פיזישע אַרבעטן. פאַר די דייטשן האָט די פּוילישע רעגירונג ספּעציעל אויפגעבויט גאַנצע קוואַרטאַלן פון געמויערטע הייזער מיט די מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן; ספּעציעלע קוואַרטאַלן פאַר טעכניקערס, ביוראַליסטן און אינזשיניערן. פאַר די פּאָליאַקן איז אויך געווען אַ באַזונדערע קאָלאָניע וואָס האָט געהייסן „קאָלאָניאַ ראַבאָטניטשאַ" (אַרבעטער ק.) דאָס זענען געווען הילצערנע שאָפּעס אָן באַקוועמלעכקייטן. דאָרט איז שטענדיק די אומגאַנג־שפּראַך געווען פּויליש, נאָר ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, האָבן די באַאַמטע מיט זייערע ווייבער און קינדער פּלוצים גענומען רעדן דייטש מיט אַ נאַטירלעכן אַקצענט... בעת דער מלחמה האָבן די דייטשן נישט באָמבאַרדירט די פאַבריק, נאָר האָבן זי איבערגענומען אין גאַנצן אומבאַשעדיקט און זי באַלד געלאָזן אין באַוועגונג. די פאַבריק האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד.

היות מיין שוואָגער יחיאל האָט זיך גענויטיקט אין געלט, איז ער געגאַנגען אין דער יידישער גמינע נאָך אַרבעט. האָבן זיי אים געשיקט אין דער „וויטוואָרניע" (אַמוניציע פאַבריק). אין אָוונט, ווען

ער איז אַהיימגעקומען איז ער געווען מוראדיק צעשלאָגן. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געאַרבעט ביי אַ דייטשישן מייסטער אַ דאָקטער און ער האָט אַ גאַנצן טאָג געפּייניקט די יידישע אַרבעטער. זיין גרעסטע הנאה איז געווען צו שלאָגן די יידן איבער דער נאָז און אויערן מיט אַ שטעקעלע וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט די יידן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „ד״ר מערדער״. די מאַמע האָט די ערשטע געזאָגט יחיאל, דו וועסט מער נישט גיין צו דער אַרבעט, וויפל מיר וועלן האָבן וועלן מיר אַלע עסן!״ אַלע האָבן מיר מסכים געווען און יחיאל איז שוין מער צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין לאָדזש, וואָס איז געוואָרן איינגעגלידערט אין „נייעם רייך״, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין „פּראָטעקטאָראַט״, האָט ער געמוזט שוואַרצן די גרענעץ...

כאָטש די יידישע גמינע האָט צוגעשטעלט אַרבעטער אויף פאַרשיידענע ערטער, האָבן די דייטשן טאָג־טעגלעך געכאַפּט יידן פון די גאַסן און שטיבער צו דער אַרבעט. היות ווי איך האָב געהאַט אַ באַפרייונג־שיין פון געפאַנגען־לאַגער מיט א האַקנקרייץ סטעמפּל, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט צו פאָרן אין אַ שטאָט אויף די רוסישע געביטן אין פוילן, האָב איך אין מיין נאַיווקייט געמיינט; אויב כ׳וועל דאָס וויזן די דייטשן, וועלן זיי מיך נישט כאַפּן צו דער אַרבעט. איין אין דער פרי, האָט שטיל איין איד דעם צווייטן איבערגעגעבן, אַז די דייטשן כאַפּן אויף אַרבעט. יידן האָבן זיך באַהאַלטן. איך בין דעמאָלט געווען ביי מיינס אַ מומע, וואָס האָט געוווינט אין פעטער מענדעלס הייזער, ווו עס זענען איינגעשטאַנען דייטשישע זעלנער, האָט מיר די מומע געזאָגט „זיי דאָ ביז דאָס כאַפּן וועט אַריבער, דאָ אַהער וועלן זיי נישט קומען. ווייל ס׳קען זיי אפילו נישט איינפאַלן, אַז ווו עס שטייען־איין דייטשישע זעלנער וועלן יידן נישט וווינען״: איך האָב איר געענטפערט: פון די שוידערלעכע איבערלעבונגען אין לאַגער, בין איך אַזוי נערוועז, אַז כ׳קען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, ס׳טרייבט מיך, ס׳יאָגט מיך! כ׳האָב אַ באַפרייונג שיין פון לאַגער מיט אַ האַקנקרייץ, מיט דעם וועלן זיי מיך נישט כאַפּן״, איך בין אַרויסגעגאַנגען. ווען כ׳בין נאָך געווען אויפן הויף, איז אָנגעקומען אַ דייטש מיט אַ פינפיאָריק פוליש ייִנגעלע. איינסטינקטיוו האָב איך אַ ציטער געטאָן, נאָר כ׳האָב זיך באַלד באַהערשט. דעם אָפיציר איז אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז איך בין אַ ייד (די דייטשן האָבן נישט געקענט אונטערשיידן אַ ייד פון אַ פּאָליאַק, האָט ער מיטגענומען דאָס שגצל) נאָר דאָס שגצל האָט אָנגעוויזן אויף מיר מיטן פינגער „יודע!״. דאָס איז מסתמא געווען דאָס איינציקע וואָרט וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט. דער אָפיציר האָט מיך געכאַפּט און געפרעגט: „האָסטו נישט קיין אַנגסט?״ איך האָב אים געענטפערט: „ניין״. ער האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן גאַס, צו דער גרופּע שוין געכאַפּטע יידן, וואָס זענען געהיטן געוואָרן פון צוויי זעלנער מיט ביקסן. דאָ איז אויך געווען מיין גמרא־מלמד, דער ליטוואַק ר׳ אברהם פּאַליסעצקי וואָס דער פעטער מענדל האָט אַראָפּגעברענגט פון ליטע, ספּעציעל פאַר זיינע קינדער און ער האָט געוווינט אין איינעם פון זיינע הייזער. דערזעענדיק דאָ דעם איידעלן תלמיד־חכם, וואָס האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ, האָט מיך אַ שניט געטאָן אין האַרצן. איך האָב אַרויסגענומען מיין באַפרייונג־שיין, צוגעגאַנגען צום אָפיציר און אים געוואָלט זאָגן, אַז ער זאָל מיך באַפרייען, ווייל כ׳דאַרף באַלד אַוועקפאָרן. אָבער ער האָט צוגעכאַפּט דעם דאָקומענט, אפילו אים נישט געלייענט און אים אַריינגעשטעקט אין מאַנקעט פון זיין שינעל אַרבל און מיך נישט געלאָזט רעדן. ער האָט אָנגעזאָגט אַ זעלנער, אַז ער זאָל מיך גוט היטן, איבערגעציילט די געכאַפּטע יידן און איז אַוועקגעגאַנגען. דער זעלנער האָט מיך געפרעגט דאָס זעלבע. צו איך האָב נישט קיין מורא? ווען כהאָב אים גלייכגילטיק געענטפערט „ניין״ האָט ער מיך געהייסן אַראָפּגיין פון טראָטואַר און האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון אָרעם און זי געהאַלטן קעגן מיר אויסגעשטרעקט צום שיסן. נאָר איך האָב געקוקט אויף דעם דאָזיקן בילד רואיק און אָן שרעק, ווייל כ׳האָב נאָך אַלץ געגלייבט, אַז די דייטשן זענען אַ קולטורעל פאָלק און נישט אַלע קענען זיין רשעים. דערווייל איז צוגעקומען מיין שוועסטער לאה און מיר דערלאַנגט צוויי קעזקיכלעך וואָס זי האָט ערגעץ געקויפט, האָט עס מיך אַ ביסל אויפגעפרישט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע עסן יענעם טאָג. מען האָט אונדז געפירט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַלע אויפן טראָטואַר, נאָר איך איינער אויפן שאָסיי און אַ זעלנער מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס אונטער מיר. אַלע יידישע מאַנסלייט האָבן זיך באַהאַלטן, נאָר די פרויען זענען געווען אין גאַס (דעמאָלט האָבן נאָך די דייטשן עטוואָס געשוינט די פרויען) און זיך צוגעקוקט צו מיר מיט שרעק און רחמנות. מיר זענען צוגעקומען צו דער באַנראַמפּע ווו ס׳איז געלעגן קוילן. דאָ האָט אונדז איבערגענומען אַן אָפיציר און געהייסן מאַרשירן מיט אים. מיר זענען צוגעקומען צו עטלעכע זעלנער און זיי האָבן אונדז צוגעפירט צו אַ באַרג „בריקעטן״ (ציגל פון קוילן־שטויב), יעדער בריקעט, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט צוגעגרייט פאַר די לאָקאָמאָטיוון אין אַ נויטפאַל, האָט געוווגן 15 קילאָ. מיט זיי האָבן מיר געדאַרפט אָנלאָדן אַ וואַגאָן וואָס איז געשטאַנען ווייט און דאָס טויער פון וואַגאָן איז געווען הויך, אַזוי אַז עטלעכע יידן האָבן אַראָפּגענומען די בריקעטן פון דער קופּע און דערלאַנגט צו די וואָס האָבן געטראָגן צו דעם וואַגאָן, געדאַרפט איינלייגן די בריקעטן גלייך ווי ציגל אין אַ געמויערטע וואַנד. איך האָב אַזוי אויסגעקאָמבינירט, אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען, כדי איך זאָל אים קענען אַרויסהעלפן. איך האָב זיך באַמיט צו אַרבעטן פאַר ביידע. אַ זעלנער איז אָפּט אַריינגעקראָכן אין וואַגאָן און געשלאָגן מיטן פאָקלאַד פון דער ביקס שרייענדיק, „אַרבעטן! שנעלער, שנעלער!״

נישט ווייט פון אונדז האָבן פּאָליאַקן אויך אָנגעלאָדן אַ וואַגאָן מיט קוילן. זיי האָבן דאָ געאַרבעט פאַר געצאָלט, האָבן געמאַכט א שעה מיטאָג, זייער וואַגאָן איז געשטאַנען נאָענט צום באַרג קוילן, ביים וואַגאָן איז געווען אַ פלאַטפאָרם גלייך מיט דער פּאָדלאָגע, האָבן זיי נישט געדאַרפט טראָגן און הויך אויפהייבן די שטיקער קוילן. זיי זענען געווען קוואַליפיצירט אין דער אַרבעט דערצו האָבן זיי געמעגט אַהיימנעמען קוילן וויפל זיי האָבן געקענט דערטראָגן. צווישן זיי איז געווען איינער וואָס איז געגאַנגען מיט מיר אין שול, דאָרט האָט ער מיך און אַנדערע תלמידים געשלאָגן און אָנגעטאָן צרות! איצט האָט ער זיך געגרייצט מיט אונדז געזידלט און חוזק געמאַכט.

איך האָב געיאָגט, געאַרבעט פאַר ביידע איבער מיינע כוחות. ס׳האַרץ האָט מיר געשניטן הערנדיק ווי דער רבי אָטעמט שווער. דער זעלנער האָט אונטערגעטריבן מיטן פאָקלאַד „שנעלער אַרבעטן, שנעלער יודען, שנעלער!״ איך האָב דאָס שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, האָב איך מיך צעשריגן אויף אים מיט אַלעמיינע כוחות. „הערן וואַכמייסטער, וואַרום שלאָגן זי מיך? זי זעען איך אַרבעט מיט אַלע מיינע קרעפטן! זי זענען אויך אַרבעטער, יאָ? וואַרום שלאָגן זי איין אַרבעטער?״ איך האָב דאָס אַרויסגעשריגן נישט נאָר מיט האַרץ, נאָר מיט אַלע רמ״ח אברים. איך האָב אין גאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג, דאָס האָט מיך מער אָפּגעשוואַכט ווי די קאַטאָרזשנע אַרבעט. דער זעלנער האָט גאָר נישט געענטפערט און איך האָב באַמערקט ווי ער איז פאַרשוווּנדן און שוין מער נישט צוריקגעקומען.

ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן האָט מען אונדז דערלויבט אַהיים־

צוגיין. אײן אָפיציר האָט געזאָגט. אַלע פּאָליאַקן און אַלע יודן מעגן אַהײמנעמען קוילן וויפל זיי ווילן. די פּאָליאַקן האָבן טאַקע גענומען וויפל זיי האָבן געקענט טראָגן, נאָר מיר יידן זענען געווען אַזוי מיד און דערשעפּט, אַז מען האָט געדאַנקט גאָט וואָס מ'קען שוין אַהײמגיין.

איך האָב זיך קוים אַהײמגעשלעפּט אַ וואַקלדיקער און זיך באַלד געלייגט אין בעט אַריין. צו מאָרגנס האָב איך נישט געקענט אויפשטיין, ס'האָט מיר וויי געטאָן יעדער אבר. מען האָט אײנגעריבן מיט אַלקאָהאָל דעם גאַנצן קערפּער, דאָס האָט מיר עטוואָס לייכטער געמאַכט, נאָר איך בין נאָך געלעגן דריי טעג אין בעט. דאָס איז פאַר מיר געווען די אמתע לעקציע, אַז איך דאַרף זיך אויסהיטן פון יעדער אַרבעט אונטער דעם אויפזיכט פון דייטשן. איך האָב געטראַכט; היות דער אָפיציר האָט מיר צוגענומען די באַפרייונג־שיין מיט וועלכע איך האָב געמעגט לעגאַל פאָרן אין די רוסישע געביטן, איז אַ סימן, אַז איך טאָר נישט פאָרן קיין רוסלאַנד. איך וועל פאָרן קיין לאָדזש, ווו איך האָב אָפּגעלעבט און אָפּגעמוטשעט זיך פון פערצן יאָר אָן. דאָרט ביז איך אין דער היים, דאָרט קען מען מיך, מען ווייסט ווער איך בין. אפשר וועט דאָס העלפן איבערצולעבן די מלחמה.

✶

ס'איז שוין געווען חנוכה. מיין פאָטער ווי יעדער ייד האָט מורא געהאַט צו צינדן די חנוכה־ליכט אין חנוכה־לעמפּל און ווי דער שטייגער איז אַרויסצושטעלן אין פענצטער, זיי זאָלן אַרויסלייכטן פון יידישע הייזער. האָט ער געצונדן די ליכטלען אויף אַ ברעטל אין אַ ווינקל אויף אַ נידעריק בענקעלע, כדי נישט אויפצורייצן די דייטשן און פּאָליאַקן. ער האָט אויסגעזונגען די ברכות מיטן אַלטן טראַדיציאָנעלן ניגון, אָבער מיט אַ געבראָכן קול וואָס האָט אַרויסגערופן טרויעריקייט. מען האָט דערציילט, אַז דער ראַדאָשיצער רבי האָט געהייסן, אַז ביים צינדן חנוכה־ליכט זאָל מען אָנצינדן אַ ליכטל און עס באַלד אויסלעשן, דערביי אין זינען האָבן: אַזוי זאָל היטלער ימ"ש פאַרלאָשן ווערן. מיין פאָטער האָט אויך אַזוי געטאָן. נאָר אין שטוב איז טרויעריק, מען פילט גאָר נישט, אַז ס'איז חנוכה, די מאַמע מאַכט נישט קיין לאַטקעס, זי לאָזט נישטאויס קיין גענדזן־פעטס אָנצוגרייטן שמאַלץ אויף פסח, מען עסט נישט קיין גריוון, מען שפּילט נישט אין קוויטלעך, די קינדער שפּילן נישט אין קיין דריידלעך ווי יעדער יאָר. דער טאַטע גיט נאָר חנוכה־געלט די צוויי אייניקלעך — מאָניקלען און רוזשוקעלן — אסתרס קינדער. ער דערציילט זיי וואָסער יום טוב חנוכה איז און וועגן נס פון קריגעלע בוימל. די קינדער פאַרשטיין עס נישט גענוי, מאַכט ער אַ פאַרגלייך מיט די צרות פון די היינטיקע יידן. דאָס פאַרשטיין זיי יאָ, ווייל זיי בענקען נאָך זייער היים אין לאָדזש, ווו זיי האָבן נישט געהונגערט און נישט געליטן פון די דייטשן, פאַר דער מלחמה. דער זיידע זאָגט זיי, אַז גאָט וועט העלפן, די מלחמה וועט זיך ענדיקן, יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, ווייל משיח וועט באַלד קומען. די קינדערשע הערצלעך ווערן דערפרייט, סיי פון חנוכה־געלט און סיי פון זיידנס האָפערדיקע מעשהלעך...

✶

ווען כ'בין אַהײמגעפאָרן קיין פּוילן מיטן געדאַנק אפשר צו טרעפן אַ געראַטעוועטן פון מיין משפּחה. קומענדיק קיין סקאַרזשיסק, האָב איך דאָרט געטראָפן אונדזער הויז, אָבער אַך און וויי, ליידיק און וויסט. קיינער פון מיין משפּחה איז נישט געבליבן לעבן. די פּאָליאַקן זענען געוואָר געוואָרן, אַז יידן קומען אַהיים, האָבן זיי אונדז גענומען טעראָריזירן און שיקאַנירן.

דער אָנהייב פון חורבן

בנימין וואָלאָווסקי

אין 1939 נאָך די קריג־אָפּעראַציעס, ווען דאָס לעבן האָט זיך גענומען אַ ביסל איינשטעלן, האָבן די דייטשן געשאַפן אַ „יודנראַט" מיט ז. וויינריב אַלס פאָרזיצער. דעמאָלט איז ער שוין נישט געווען דער שטענדיקער „וויצלער". נאָר מיט ערנסטקייט האָט ער שטענדיק געטראַכט וועגן דער יידישער לאַגע. ער האָט זיך באַמיט נישט נאָכצוקומען די דייטשע פאָדערונגען, וואָס וואָלט געמיינט פאַרראַטן די יידישע אינטערעסן. זיין ראָל איז געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און שווערע, האָט זי טאַקע לאַנג נישט געדויערט; ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אים צו אַרעסטירן, נאָר ער איז אַנטלאָפן און זיך אַ געוויסע צייט באַהאַלטן אין די שכנישע שטעטלעך. ווען ס'איז אים נמאס געוואָרן דאָס כסדרדיקע לעבן אין פּחד, איז ער צוריקגעקומען קיין סקאַרזשיסק. דאָ האָבן די דייטשן אים אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין קאָנצ. לאַגער „דאַכאַו". דאָרט איז ער אומגעקומען. כבוד זיין אָנדענק!

פּיניע אַלבערט, ז. וויינריבס איידעם, איז געקומען פון קיעלץ, ווו מ'האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון דער „גאָלדענער יוגנט". אין קעלץ איז ער געווען אַ האָלץ־סוחר, דאָ האָט ער מיטגעאַרבעט אין שווערס הורט־געשעפטן. אין אָוונט האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן בילאַרד און שפּעטער רויק גיין אַהיים.

אין דער אָקופּאַציע איז ער געווען אַ מיטגליד אין יודנראַט, און אַרבעט־לייטער. ער האָט געהאַט גרויסע זאָרגן, ווייל ער איז נישט געווען אומשטאַנד צוצושטעלן גענוג יידן צו דער אַרבעט ביי די דייטשן. אין סקאַרזשיסק איז געווען אַ סך אַרבעט־פּלעצער; די באַן, די אַמוניציע־פאַבריק א"א און יידן זענען געווען ווייניק. האָבן די דייטשן נקמה גענומען און געפּייניקט די עטלעכע יידן וואָס זענען יאָ געקומען צו דער אַרבעט. האָבן די יידן נאָך מער אויסגעמיטן צו גיין אַרבעטן ביי די דייטשן. דעמאָלט האָט אַלבערט אָרגאַניזירט אַ גרופּע און אַליין געגאַנגען בראש פון איר צו דער ערגסטער אַרבעט. די דייטשן האָבן געזען, אַז דער איז דער פאַקטישער אַרבעט־פירער און אים געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קליינער צאָל אַרבעטנדיקע יידן. זיי האָבן אים געפּייניקט; אַמאָל אים געהאַלטן הינטער אַ קאַלטן פרישניץ אַ לענגערע צייט. נאָר ער האָט נישט מוותר געווען אויף דער אַרבעט, ביז... אים איז געלונגען איינצוברעכן די דייטשן און האָט געמאַכט מיט זיי אַן אָפּמאַך בעסער צו האַנדלען מיט די וואָס קומען אַרבעטן צו זיי...

אין יאָר 1940 איז צו אונדז אין שטוב געקומען איינער וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ קריסט פון ראָדעם און דערציילט, אַז אויף דער באַן־סטאַנציע האָט מען אַרעסטירט אַ ראָדעמער יידיש מיידל אנא און ס'איז מעגלעך זי אַרויסצונעמען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ ייד און דאָס מיידל איז זיינס אַ שוועסטער. איך מיט פּיניען האָבן דאָס מיידל געזוכט און אויסגעפונען, אַז זי זיצט אין דער פּוילישער פּאָליציי און איר גורל איז אין די הענט פון דער דייטשער זשאַנדאַמעריע. נאָך לאַנגע באַמיונגען, האָט די זשאַנדאַמעריע מסכים געווען זי אַרויסצולאָזן, ווען מיר ביידע האָבן גאַראַנטירט, אַז דאָס מיידל וועט זיך צושטעלן צום געריכט אין ראָדעם. זי איז געוואָרן באַשולדיקט 1) אין פאָרן מיט דער באַן אָן אַ דערלויבעניש, 2) נישט טראָגן אויפן אָרעם די יידן־לענטע, 3) שמוגלען נישט דערלויבטע אַרטיקלען

זייענדיק אין אַרעסט ביי דער פוילישער פּאָליציי, איז דאָס מיידל (די דייטש וְהאָבן דווקא געוואָלט זי רופן חנה, נישט אַנאַ), געוואָרן פאַרגוואַלדיקט דורך איינעם אַ פוילישן חזר און זיך געפילט שטאַרק צעבראָכן, האָט זי פּיניע אהיימגענומען צו זיך, כדי זי זאָל זיך אַ ביסל אויסרוען און קומען צו זיך. דערנאָך איז זי לעגאַל צוריקגעפאָרן קיין ראָדעם.

✶

אין די ערשטע טעג פון די נאַצישער אָקופּאַציע, האָב איך איבערגעזעצט אַ שמועס פון אונדזערס אַ שכן אַ פּאָליאַק מיט אַ דייטש. ביים סוף פון שמועס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער זעלבער דייטש האָט זיך פאַרנומען מיט מיר, בעת מיין זיין אין דרעזדען (דייטשלאַנד) אין 1930. זיין אונטערשריפט איז געווען אויף מיין אויסלענדישן פּאַס איצט איז ער דאָ געווען דער זשאַנדאַמעריע־קאָמענדאַנט.

אין יענע טעג האָבן דייטשע זעלנער גערויבט ביי יידן (מאַניעק ערליכמאַן איז געווען אַ קרבן פון אַזאַ רויב־אָנפאַל). זענען מיר — אפשר צוליב „קאַנטשאַפּט" — אַרויף אין דער זשאַנדאַמעריע און דערציילט די געשיכטע. נאָך אַביסל זוכן, האָבן מיר געפונען די רויבער. די יידן האָבן צוריקבאַקומען די צוגערויבטע זאַכן און די רויבער זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט אין ראָדעם, ווו זיי האָבן באַקומען צו דריי יאָר תפיסה. שפּעטער זענען די זשאַנדאַמעריע אַוועק קיין טשעכאָסלאָוואַקיע.

אין יענער צייט בין איך געווען אין קאָנטאַקט מיט אַ פוילישן אָפיציר יענשו פּשעזדזיצקי, דער קאָמענדאַנט פון דער פּ.פּ.ס.ישער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע און האָב מיטגעאַרבעט מיט זיי. אַ חוץ מיר, האָט צו דער גרופּע געהערט דער ייד, ד״ר זונדל קאַהאַן. זיין אויפגאַבע איז געווען, איבערצוגעבן די ראַדיאָ־נייעסן פון דער גרופּע אין לאַנד און אויסלאַנד. אין 1941 האָבן די דייטשן געפונען די געהיימע ראַדיאָס, נאָר די פאַראַנטוואָרטלעכע האָבן זיי נישט געקענט אויסגעפונען. האָבן זיי אַרעסטירט אַ 170 פוילישע אַקאַדעמישע יוגנט און זיי דערשאָסן אויפן וועג וואָס פירט קיין בליזשען און דאָרט זיי באַגראָבן. נאָך דער מלחמה בין איך דאָרט געווען און געזען נישט מער ווי צוויי בערגלעך ערד און אויף די שפּיצן ליגן עטלעכע שטיינער...

ד״ר זונדל קאַהאַן איז אין סקאַרזשיסק געווען אַ פּאָפּולערער געזעלשאַפטלעכער טוער. דער עיקר אין די קרייזן פון דער פּ.פּ.ס. האָט ער אַ סך צייט און מי אָפּגעגעבן פאַר די אַרבעטער־מאַסן.

פאַר די אויסזידלונג אין שטאָט, איז ער מיט דער משפחה אויסבאַהאַלטן געוואָרן — אויף אַרישע דאָקומענטן — אין וואַרשע און סביבה, דורך די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.פּ.ס. איינער פון די וואָס האָבן אים אויסבאַהאַלטן — ביערוט, איז נאָך דער מלחמה געוואָרן פוילישער פּרעזידענט...

נאָך דער מלחמה איז די משפחה צוריקגעקומען קיין סקאַרזשיסק און אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר די איבערגעבליבענע יידן. דער „דזשוינט" האָט אים באַשטימט פאַר דעם הויפּט־דאָקטער פאַר די יידישע שפּיטעלער און סענאַטאָריעס אין אָטוואָצק און שלעזיע, ווו ער האָט אינטענסיוו געאַרבעט פאַר און מיט יידן, ביז די פוילישע רעגירונג האָט ליקווידירט אַלע יידישע אינסטיטוציעס.

אָנהייב 1952 איז דער ד״ר קאַהאַן געשטאָרבן. אויפן פאַרלאַנג פון זיין פרוי, האָט מען אים מקבר געווען אויפן סקאַרזשיסקער יידישן בעת־עולם. מיט זיין טויט איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק פון יידישן לעבן אין סקאַרזשיסק.

יהי זכרו ברוך!

אין „האַסאַג" בין איך געקומען זעקס וואָכן פאַר דער אויסזידלונג. מען האָט מיך — דעם ערשטן ייד — צוגעטיילט אַרבעטן אין „קאָנסום". שפּעטער, נאָך דער אויסזידלונג, האָבן שוין דאָרט געאַרבעט אַ 10 יידן אין די וואַרשטאַטן און ביי טראַנספּאָרט. דאָ, אין קאָנסום האָבן די יידן נישט געהאַט קיין שלעכטע באַדינגונגען. קיינער פון די אַרבעטער האָט נישט געהונגערט. מיר האָבן אַפילו מיטגענומען שפּייז־אַרטיקלען אין לאַגער אַריין. דער דירעקטאָר — קרעסער מיט זיין ווייב, זענען געווען אָנשטענדיקע מענטשן, ביידע האָבן טיילווייז געזאָרגט פאַר אונדז. נישט איין מאָל האָט קרעסער אונדז געראַטעוועט פון געפערלעכע סיטואַציעס, פאַר וועלכע זיי האָבן גאָר נישט פאַרלאַנגט. מען מוז מודה זיין, אַז אונטער זייער השפעה, האָבן אויך די אוקראַינישע ווערקשוץ אין קאָנסום געהאַט צו אונדז די זעלבע גוטע באַציונג. איינמאָל האָט אונדזערס אַ ייד — קלמן צימעראַנט — אַפילו נישט דערלאָזן אַן אוקראַינישן ווערקשוץ שלאָגן אַ ייד, ווען ער האָט געזען, אַז דער אוקראַינער אַרבעט אין „קאָנסום"...

1944 זענען אַלע יידן פון סקאַרזשיסקער „האַסאַג" עוואַקוּאירט געוואָרן קיין בוכענוואַלד און פון דאָרט קיין שליובן ביי הערצבערג, אין דער אַמוניציע פאַבריק. אַ געוויסע טייל יידן האָבן דאָרט אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש; פאַרקלענערנדיק די מאָס פון פראָך־פולווער, איידער זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט די „פּאַנצערפאַוסטן". איין מאָל האָבן די נאַציס מיך געכאַפּט ביי אַזאַ סאַבאָטאַזש, פאַר וועלכן ס׳איז בדרך־כלל געקומען אויפצוהענגען... מ׳האָט תכף אָפּגעשטעלט די פּראָדוקציע און צוויי וואָכן האָט געדויערט דאָס קאָנטראָלירן און זוכן סמנים פון סאַבאָטאַזשאַקטן אין דער פּאַרטיקער פּראָדוקציע. נאָך דעם, האָט מיך די „געשטאַפּאָ" אַרעסטירט און אַוועקגעפירט קיין טאַרגאָוו ביי דער עלבאַ, ווו איך האָב איבערגעלעבט אַ גאָר שווערע צייט מיט אַ סך צרות. דער יידישער קאַפּאָ פעלד און דער פאָראַרבעטער גאָלד, ביידע פון לאָדזש, האָבן זיך פאַר מיר געמיט און לייכטער געמאַכט. אין טאַרגאָוו איז פאָרגעקומען מיין משפט, דער גורל איז צו מיר געווען מזלדיק און מ׳האָט מיך צוריקגעשיקט קיין שליובען ווו אַלע האָבן מיך אויפגענומען ווי דעם גרעסטן ווונדער, ווי איך וואָלט צוריקגעקומען פון יענער וועלט...

אין אַפּריל 1945 האָט מען אונדז ווידער עוואַקוּאירט. נאָך צוויי וואָכן פאָרן, זענען מיר אָנגעקומען קיין טערעזינשטאַט. דאָרט זענען מיר באַפרייט געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן ענטגילטיק פאַרשפּילט די מלחמה.

צוזאַמען מיט מיין פּאָטער הערש־פּסח וואָלאָווסקי ז״ל, זענען מיר אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק. ווו מיר האָבן געטראָפן מיין שוועסטער רייזעלע, אַ שוואַכע און קראַנקע פון די לאַגערן און מיין יונגסטער ברודער אליעזר מיט זיין ווייב עטל, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין דייטשלאַנד אויף אַרישע דאָקומענטן.

מיין ברודער אברהם מיט זיין משפחה זכרונם לברכה, מיין ברודער מענדל ז״ל, מיין ברודער יעקל ז״ל — וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן אויף דער אַרישער זייט, זענען מער נישט צוריקגעקומען. זיי צוזאַמען מיט מיליאָנען יידן, האָבן אומגעברענגט די דייטשישע רוצחים, ימח שמם! י׳ ינקום דמם...

דער פינצטערער שמיני עצרת 1942

ה. מ. וואַרדע

אומעטיק און פֿאַרחושכט איז פֿאַר מיר און מיין יונגערער ברודער שלמהלע הי״ד אויסגעפֿאַלן דער ערשטער טאָג סוכות פֿון דעם יאָר 1942. זייענדיק ביי דער אַרבעט אין די סטאַכאַנאָוויצער זאַקלאַדן זענען צו אונדז דערגאַנגען די קלאַנגען וועגן דעם אומגליק פֿון סקאַרזשיסקער אויסזידלונג. דאָס האָט געהייסן אַז מיר האָבן שוין נישט צו וועמען און וווּ אַהין אַהיים צופֿאָרן. מיר האָבן אָבער מער נישט געקענט זיך באַהערשן, אונדז האָט געצויגן אַהין, כאָטש דאָס באַדייט אַ זיכערער טויט. דאָך גייען מיר אין אָוונט צו דער באַן און פֿאָרן אַהיים.

פֿון סקאַרזשיסקער וואָקזאַל ביז אונדזער פֿאַבריטשנע גאַס איז אַ לאַנגער וועג. ס׳איז שפּעט ביי נאַכט. ווי מוראדיק קלינגען אָפּ אונדזערע טריט איבער די אָפּגעשטאָרבענע גאַסן. ווי קען מען אָבער אַזוי שפּרייזן מען זאָל נישט הערן אונדזערע טריט? מיר האַלטן אויך גרייט אונדזערע באַשיינונגען צום ליגעטימירן זיך, אַז מיר קומען פֿון דער אַרבעט. אָבער ווער ווייסט דאָס נישט וואָס פֿאַראַ ווערט האָבן אַזעלכע פּאַפּירלעך פֿאַר אַ דייטשישע מענטשן־חיה.

אָט זענען מיר שוין ענדלעך ביי אונדזער שטוב. די שויבן זענען אויסגעהאַקט, פֿאַרהאָנגען מיט קאָלדרעס. אַ שוואַכער שיין פֿון אַ נאַפּטלעמפּל איז פֿאַר אונדז דער סימן אַז די מאַמע איז אין דער היים. עס דויערט אָבער אַ געוויסע צייט ביז זי גלייבט אַז דאָס זענען טאַקע מיר. זי ווייסט דאָך אַז מיר פֿאָרן נישט אין יום־טוב. אין שטוב דערוויסן מיר זיך וואָס די אוקריינישע און פּוילישע באַנדיטן האָבן שוין אָפּגעטאָן, וויסנדיק אַז יידיש לעבן איז איצט הפקר.

איך דעצידיר דאָך צו בלייבן אין די יום־טוב טעג אין דער היים מיט באַצאָלן שוחד אַ פֿאָלקס־דייטשן גרופּע־פֿירער געלונגט מיר דאָס.

איך טרעף אין געטאָ — אַ מהומה. מען האָט דאָ אַריינגעטריבן די שארית הפּליטה פֿון שידלאָוויעץ און יעדער ווייסט אַז אונדזער גורל איז געחתמעט. גאָר פֿרי וועקט מיך די מאַמע מיט אַ נייעס אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט פֿון די דייטשן. זי וויל איך זאָל גייען זען צו דאָס איז אמת. אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער בין איך שוין אויף דער סטאַטשיצע גאַס ביי דער גרענעץ פֿון געטאָ. אַ גראָבער דייטש פֿאַרשטעלט מיר דעם וועג. איך ווייז אים מיין אַרבעטסשיין אַז איך פֿאָר צו דער אַרבעט, נאָר ער זאָגט מיר אַז כ׳געפֿין זיך אין די פֿאַסטקע צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל.

אויפֿן וועג צוריק זע איך אַז אַלע יידן ווייסן שוין וועגן דעם בראָך. פֿון אַלע זייטן שטראָמען יידן צו שאול פּעפּערס פּלאַץ, ווי די יידישע פּאָליציי האַלט די אָרדענונג. אָט גייט יעדער גוט אָנ־געטאָן, מען האָפֿט אפשר גייט מען נישט צום טויט, וועט דאָך אַ גוטער בגד זיין נוצלעך. ווער קען דאָס גלויבן מען זאָל אַ גאַנצע שטאָט גיין אומברענגען?

ווי אויף חוזק איז גראָד אַ שיינער זומער טאָג. אויך מיר נעמען דאָס נויטיקסטע און גייען אַרויס אויפֿן פּלאַץ, וואָס איז אַ פּאָר טריט פֿון אונדזער וווינונג. דער גאַנצער פּלאַץ איז שוין אַרומ־גערינגלט פֿון דייטשן און ליטווינער. מיט פּרצופֿים וואָס מען האָט ביז איצט נישט באַגעגנט, און דאָס וואַרפֿט אַן נאָך אַ גרעסערע שרעק...

מיט שטעקנס שטעלן זיי איין אַלעמען אין פֿינפֿטלעך ווען יידן שטראָמען נאָך אַהער פֿון אַלע זייטן, ווי פֿון אַ שריפֿה, וויסנדיק אַז ווער עס וועט בלייבן אין די שטובן וועט דערשאָסן ווערן. די אָפּטע שיסערייען וואָס מען הערט זאָגן עדות אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע דראָונג. צווישן די דייטשן און לעטן דרייען זיך אַרום די פּוילישע פּאָליציי מיט באַגנעטן און ביקסן און העלפֿן אין דער טייוולאָנישער אַרבעט.

דאָס ערשטע הייבט זיך אָן דאָס באַרויבן די אומגליקלעכע. אַ דייטש שטייענדיק אויף אַ טישל פֿאָדערט פֿון אַלעמען אַוועקצוגעבן מעסערס און ענליכע מכשירים דראָענדיק מיט טויט ווער עס וועט דאָס נישט טאָן. אין דער צייט גייען די אוקראַינער און לעטן דורך די רייען און נעמען צו ביי די יידן אַלץ וואָס האָט אַ ווערט. אָט שטייט קעגן איבער מיר מנחם גאָנצטשאַרסקי און מען ציט פֿון אים אַראָפּ די שטיוול. ער בלייבט באָרוועס.

איך פּרוביר געבן מיינע אַרבעטס־באַשטעטיקונגען צום פּאָ־ליציי־קאָמענדאַנט מאיר בריקס, אפשר קען ער מיך אַ דאַנק זיי אַרויסקריגן פֿון קלעם. ער קומט אָבער צוריק — עס גייט נישט.

ביז איצט האָט מען נאָך געקענט גלייבן אַז מען וועט נאָך לעבן נאָר דאָס בילד פֿון די אָנגעקומענע אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע און האַלב־טויטע יידן פֿון דער וויטוואָרניע, וועלכע זענען אָנ־געשלאָסן געוואָרן צו אונדזערע רייען האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער דאָזיקער האָפֿענונג.

ענדלעך אַרום 11 אַזייגער האָבן די דייטשישע מייסטערס פֿון דער געווער־פֿאַבריק אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער אונדזערע רייען און אַרויסגענומען די אַרבעטפֿעיקע יידן צו זייערע אָפּטיילונגען. צוקומענדיק צו מיר האָב איך זיי געוויזן מיינע אַרבעטס־פּאַפּירן און געבעטן זיי זאָלן מיך לאָזן מיטנעמען מיין מוטער הי״ד. איך האָב אָבער נישט באַוויזן צוזאָגן אַ פּאָר ווערטער ווי זיי האָבן מיך אַ שלעפּ געטאָן ביים קאָלנער און מיך צוגעשטופּט צו אַן אַרבעטס־גרופּע, דאָ האָב איך געזען שטיין מיין שכנה אַלטע ווייסבראָט. ליידער האָט דער טראַגישער גורל אויך זי נישט אויסגעמיטן און ווען זי האָט די ליטווישע וועכטער געבעטן זיי זאָלן איר דערלויבן זיך געזעגענען מיט איר מוטער האָבן זיי איר שוין נישט דערלויבט זיך צוריקקערן צו איר גרופּע.

צוועלף אַזייגער האָט מען אונדז אַוועקגעפֿירט צו דער געווער־פֿאַבריק. דער גאַנצער וועג איז געווען פֿאַרזייעט מיט דערשאָסענע יידן. ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט האָט מען די איבריקע סקאַרזשיסקער יידן די גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנען און ערשט צומאָרגנס שמחת תורה האָט מען זיי אַוועק־געפֿירט אויף דעם לעצטן וועג.

אַזוי איז אומגעקומען אונדזער יידיש סקאַרזשיסק.

דער אומקום

יעקב משה אייזבערג

די 2־טע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן פרייטיק דעם ערשטן סעפּטעמבער. פּונקט יענעם שבת האָט מיין עלטערער זון יוסף געהאַט זיין בר־מצוה. מיר האָבן צוגעגרייט אַ קידוש און זיך געגרייט גיין צום דאַווענען. פּלוצים איז געוואָרן אַן אַלאַרם. איך האָב געכאַפּט די מאַסקע און געלאָפן אויף דעם אָרט וואָס איז מיר באַשטימט געוואָרן. נאָכן אַלאַרם איז די שמחה שוין געווען אַ צעשטערטע. באַלד צומאָרגנס האָב איך מיין פרוי מיט די קינדער אַוועקגעשיקט קיין שידלאָווצע און איך בין נאָך געבליבן אין שטאָט ביז מיטוואָך. דערנאָך בין איך צוזאַמען מיט ד"ר כהן אויך אַוועק קיין שידלאָווצע.

זייענדיק דאָרט האָבן מיר געהערט, אַז דאָס לעבן אין סקאַרזשיסק האָט זיך אַביסל נאָרמאַליזירט, ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ „יידנראַט" מיט ד"ר מאַלינגער (פּרעזעס), דוד נאַגעל, יעקב לאַנדאו, אייזיק ווייצהענדלער, וואָס האָבן געדאַרפט צושטעלן יידן צו שווערער אַרבעט, ביי וועלכער זיי האָבן געקראָגן געשלאָגן א"א רדיפות. נאָר דאָס לעבן אין דער פרעמד איז געווען שווער, זענען מיר צוריקגעקומען.

איין מאָל האָט דער „ראַט" געשיקט נאָך מיר, אַז איך זאָל מאַכן אַ פאַר שטיוול פאַר דעם ווערקשוץ־לייטער קראַוזע. איך מיט ד"ר מאַלינגער און דוד נאַגעל זענען באַלד אַרויסגעפאָרן אין „האסאג", כדי צו נעמען אַ מאָס. אויף ווייַנאַכט זענען די שעוורא־שטיוול פאַרטיק געוואָרן און מיר זענען ווידער געפאָרן אין „האסאג" אין אַ שליטן. ס'איז געווען אָוונט, אַ פראָסט האָט געברענט און מיר האָבן דעם גאַנצן וועג נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, מחמת שרעק, אַז די שטיוול זאָלן פאַסן. יעדער פון אונדז האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל נאָך זען זיין משפחה. ווען מיר זענען געקומען צו דער וואַכטע און געבעטן מ'זאָל מעלדן דעם ווערקשוץ־לייטער, אַז מיר זענען געקומען. זאָגט ער אונדז, אַז מיר זאָלן דאָ לאָזן די שטיוול, ווייל קראַוזע קען אונדז איצט נישט אויפנעמען. בלית־ברירה זענען מיר אַהיימגעפאָרן. דאָס איז געווען פרייטיק, זונטיק אין דער פרי קומט אַ ייִנגל פון „ראַט" מעלדן, אַז מען רופט מיך. מיין פּנים איז געוואָרן ווייס, איך האָב אין גאַנצן געציטערט פאַר שרעק. נאָר מען מוז גיין. כ'קום אין „יודענראַט" זאָגט מיר דוד נאַגעל, אַז ס'איז געקומען אַ וואַכמאַן מיט דער פאָדערונג, אַז מיר זאָלן תכף קומען און מיר פאָרן שוין אין „האסאג". ווי מיר זענען דאָרט אָנגעקומען, זע איך, אַז דער ווערקשוץ־לייטער טראָגט די שטיוול, איז מיר געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. ער גייט צו צו מיר, גיט מיר די האַנט און זאָגט: „אַזאַ פאַר שטיוול האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט". פון דעם טאָג אָן האָט מען מיך מער נישט געשלאָגן, איך האָב געאַרבעט אין לאַגערישן שוסטער וואַרשטאַט ווי אַ מייסטער און קראַוזע האָט מיר אַ סך געהאָלפן.

צוליב דעם וואָס איך האָב נושא־חן געווען ווי א שוסטער האָבן מיר אויסגעמיטן די אויסזידלונג און געראַטעוועט מיין לעבן. ליידער נישט דאָס לעבן פון אַנדערע...

די אויסזידלונג איז געווען שבת און זונטיק בין איך מיט אַ וואַכמאַן געווען אין שטאָט. וואָס כ'האָב דאָרט געזען, איז נישט מעגלעך צו דערציילן. אין דער שול אויף מענדל פעלדמאַנס הויף איז די משפחה קאַנער און מיין שוועגערן ליבע מיט איר מאַן און קינדער — געלעגן דערשאָסענע, אַלע יידישע געשעפטן זענען געווען אָפן און גויים האָבן פון דאָרט געטראָגן גאַנצע פעק. אין בית־המדרש — צו וועלכן כ'האָב אויף מיינע אַקסלען געטראָגן ברעטער ביים בויען — זענען געשטאַנען פערד און ספרי־תורות און ספרים האָבן זיך געוואַלגערט הינטער זייערע פיס. מיין האַרץ האָט געפּלאַצט פון ווייטיק און בושה...

איך מיטן וואַבמאַן קומען צו ליבעמאַנס געשעפט, שטייט דאָרט דוד נאַגעל און ער זאָגט מיר שטיל „דערבאַרם זיך, ראַטעווע מיך!" וואָס האָב איך געקענט העלפן? אַזוי איז ער נעבעך אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אונדזערע ברידער און שוועסטער.

איך מיט מיין משפחה זענען געווען אין „האַסאַג". מיינע צוויי עלטערע קינדער האָבן געאַרבעט מיט מיר, ס'האָבן דאָרט געאַרבעט נאָך יידן: אהרן בינשטאָק, וועלוול קירצבארד, אברהם גוטמאַן און איין יונגערמאַן פון סוכעדניוו. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט ביז 1944, ווען מען האָט ליקווידירט דעם לאַגער. מיך מיט דריי קינדער האָט מען געשיקט קיין בוכענוואַלד, מיין פרוי מיט איין קינד קיין לייפּציק און שפּעטער קיין אוישוויץ. אַזוי האָב איך פאַרלוירן מיין פרוי און א קינד. אויך מיין איינציקע שוועסטער מיט איר מאַן און דריי קינדער זענען אומגעקומען ה' ינקום דמם.

גאָט צו דאַנקען וואָס מיר איז געלונגען צו ראַטעווען דריי קינדער: דער עלסטער איז דעמאָלט אַלט געווען 16 יאָר, דער צווייטער 15 און דער קלענסטער אַ קינד פון 5 יאָר. איצט האָב איך שוין פון זיי אַכט אייניקלעך זאָלן געזונט זיין.

דאָס איז בלויז אַ טייל פון דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין דער צייט פון דער טראַגישער, אכזריותדיקער מלחמה.

זכרונות וועגן חורבן

ירחמיאל וואָלפּאָוויטש

באַלד דעם 1טן טאָג פון דער מלחמה, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, פרייטיק אין אָוונט. האָבן די דייטשישע סאָלדאַטן וואָס זענען אַריין קיין לאָדזש אויפן פרייהייט־פּלאַץ, אכזריותדיק געשלאָגן יידן וואָס זענען געגאַנגען צום דאַווענען אין זיידענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך. מיט קלעפּ האָט מען זיי אַראָפּגעטריבן פון טראָטואַר, זיי זאָלן ניש שטערן די דורכגייענדיקע סאָלדאַטן וואָס זענען אָנגעקומען קיין לאָדזש. יידן זענען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין די טויערן, כדי אויסצומיידן די מערדערס.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי די דייטשן האָבן אַרויפגעצויגן דעם האַקנקרייץ־פאָן אויפן מאַגיסטראַט. דעם זעלבן טאָג האָבן זיי אויפגעריסן דעם קאָשטשושקאָ־דענקמאָל און דערנאָך געכאַפּט יידן און פּאָליאַקן אָפּצורייניקן דעם פּלאַץ. אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער שבת מיט די דייטשן. מיר האָבן זיך נאָר געוווּנדערט ווי שנעל די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט פאַרזיכערט — דורכן מויל פון פאַרטיידיקונג־מיניסטער רידז־שמיגלי, אַז „מיר וועלן קיין קנעפּל נישט אָפּגעבן" נאָר די ווירקלעכקייט איז געווען גאָר אַ טרויעריקע.

באַלד דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער געיעג נאָך אַ ביסל באַשפּייזונג, וואָס מ'האָט נישט געקענט באַקומען אַפילו פאַר געלט; נאָר אויסטוישן אויף גאָלד, מלבושים א"א אַרטיקלען, דער

הויף אין לאָדזש האָט געהאַט אַ סטרוזש, וועלכער האָט אָנגעוויזן די דייטשן אין וועלכע דירות עס געפֿונען זיך יידישע מענער, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט און געצוווּנגען גיין צו דער אַרבעט.

דעמאָלט האָבן מיר — איך מיט מיין פרוי און טאָכטער, זיך אַרויסגעכאַפּט פון לאָדזש און געקומען צו מיינע עלטערן קיין סקאַרזשיסק, איבערלאָזנדיק אין לאָדזש מיין גאַנץ פאַרמעגן און דאָס וואָס מיר האָבן מיטגענומען האָבן די דייטשן און פּאָליאַקן צוגענומען אויפן וועג.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין מיין געבורט־שטעטל, האָפנדיק דאָ צו געפונען אַ געוויסע מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. דאָ איז שוין געווען אַ יודנראַט און יידישע פּאָליציי, אַפילו אַן אַרבעט־ביוראָ. האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערער געראַנגל מיט, דאגות־פרנסה און ווי אַזוי נישט געכאַפּט ווערן צו געצוווּנגענע אַרבעט.

אין צווישנצייט איז מיר געלונגען נאָך אַ מאָל אַריינצופאָרן קיין לאָדזש און כ׳האָב געברענגט מיט זיך אַ ביסל זאַכן און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אויסהאַלטן מיין משפּחה. באַלד אָבער איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יעדער ייד וואָס וועט פאָרן מיט דער באַן, אָדער וועט פאַרלאָזן דאָס געטאָ וועט געשאָסן ווערן, האָבן מיר שוין מער נישט איינגעשטעלט צו פאָרן, כאָטש כ׳האָב נאָך געהאַט אַ סך געלאָזן אין מיין דירה אין לאָדזש.

דער ערשטער אַרבעט־אָרט וווּהין איך בין געשיקט געוואָרן, איז געווען אויסלאָדן קוילן אויפן סקאַרזשיסקער באַנהויף. צוויי מענטשן זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ 30־טאָניקן וואַגאָן מיט קוילן. אַ דייטשער אויפזעער האָט אַכטונג געגעבן מיר זאָלן פלייסיק אַרבעטן מיט דער הילף פון קלעפּ איבערן קאָפּ און אַלע טיילן פון גוף.

אויסבאַהאַלטן זיך איז געווען שווער, ווייל דאָס אָרט איז געווען קליין, אויסער דעם האָט מען געהאַפּט, אפשר וועט געלונגען עפּעס צו ברענגען פון דער אַרבעט אַ היים; האָלץ, קוילן. אָדער עפּעס קויפן ביי אַ גוי פון עסנוואַרג וואָס איז דעמאָלט געווען אוממעגלעך צו באַקומען. האָבן זיך טאַקע אַ סך יונגע מענטשן אַליין צוגעשטעלט צו דער אַרבעט.

זאָל דאָ מיט ליוב דערמאָנט ווערן איינער אַ יידישער פאָלקס־מענטש משה קאַשעראַווסקי, וואָס האָט אין יענע שווערע באַדינגונגען באַוויזן צו בלייבן אַ מענטש, העלפן און מוטיקן אַנדערע. מיר זענען געשיקט געוואָרן צו האַקן האָלץ ביי דער ס.ס., קיין גרויסער קענער פון דער מלאכה בין איך קיינמאָל נישט געווען. דערצו דאַרף מען דאָ האַקן גאַנצע גראָבע ביימער. אַלע מאָל קומט אַרויס אַן ס.ס.־מאַן מיט אַ הינט גרעסער פון אים צו זען ווי די קנעכט אַרבעטן. כ׳בין געווען אין אַ שרעקלעך פאַרצווייפלטן מצב. זאָגט צו מיר משה, אַז „ער וועט שפּאַלטן די קלעצער פאַר מיר און איך זאָל טאָן אַנדערע אַרבעטן״. כ׳וועל דעם פאַקט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי ער האָט דעמאָלט געראַטעוועט מיין לעבן פון די דייטשע רוצחים. אַ שאָד נאָר, וואָס משה איז נישט געבליבן לעבן. זאָלן די פּאָר ווערטער זיין לזכרון נאָך אים און זיינע מעשים. יהיה זכרו ברוך!

אַזוי בין איך כמעט יעדן טאָג צוגעטיילט געוואָרן צו אַנדערע אַרבעטן. כ׳האָב אויך געאַרבעט אין „האַסאַג״. אַלץ איז געווען פיינלעך און דערנידעריקנדיק. ביז דעם טרויעריקן שמיני־עצרת 1942 ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז חרוב געוואָרן...

זכרונות פון געטאָ און לאַגער

משה קרים

טרויעריק ווערט מיר ווען איך דערמאָן זיך דאָס יאָר 1939. ווען די היטלעריסטישע וואָלקנס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער אייראָפּע. נאָך מער טרויעריק ווערט ווען איך טראַכט וועגן דעם 1טן סעפּטעמבער 39, ווען די פאַשיסטישע פליערס זענען געפלויגן איבער אונדזער שטעטל — סקאַרזשיסק. דעמאָלט האָב איך געמוזט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזן מיין היים. זייענדיק אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון אונדזערעס, האָב איך געוואַרט ביז דער שטורעם וועט אַריבער און איך וועל זיך אומקערן אַהיים. אָבער דאָס איז שוין מער נישט געווען די זעלביקע היים. אַ גאַנצן טאָג האָט מען נישט געקענט אַרויסגיין אין גאַס, מ״האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשן; זיי וועלן כאַפּן אויף אַרבעט, שלאָגן א״א. פינף פאַרנאַכט האָט מען שוין געמוזט פאַרמאַכן די לאָדנס, כדי די ליכט זאָל נישט דורכלייכטן. איך זיץ אין שטוב, קוק אויף מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער. אַלע ציטערן מיר און וואַרטן, אַז די היטלעריסטישע בעסטיעס וועלן אויסברעכן די טיר און שלאָגן הארגענען ביז טויט. איך קען נישט פאַרגעסן אַ בילד, וואָס איז געבליבן אין זכרון פון ראש השנה; מיט אַ ווילדער רציחה זענען זיי אַריין אין שטוב, געהאַרגעט, געשלאָגן, געוואָרפן צו דער ערד און לסוף אַרויסגעטריבן צו דער אַרבעט — אין איין העמד, באָרוועס...

אַזוי האָבן מיר געלעבט ביז מערץ 1941. דעמאָלט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ׳גייט שאַפן אַ געטאָ אין שטעטל. מענטשן לויפן אַרום אָן קאָפּ; — זאָל מען אַנטלויפן און בלייבן לעבן, אָדער בלייבן דאָ און אומקומען? נאָר לײדער אין נישטאָ וווּהין צו לויפן, אַלע וועגן זענען פאַרמאַכט.

מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזער היים און אַריין אין פינצטערן געטאָ. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע טראַגעדיע; דער הונגער איז געווען שוידערלעך, קראַנקהייטן פאַרשפּרייטן זיך, די מערדערס שלאָגן און הרגענען אויף פאַרשיידענע אופנים. די צאָל קרבנות פון דייטשע מערדערס און פון הונגער — וואַקסן. שוואַרצע וואָלקנס האָבן פאַרדעקט דאָס שטיקל הימל פון געטאָ.

אין אַ נאַכט פון סעפּטעמבער 1942, הערן, מיר, אַז די ס.ס. און די פוילישע פּאָליציי, האָבן אַרומגערינגלט דעם געטאָ. מיר זענען שוין מער נישט געשלאָפן, ענדלעך האָבן מיר דערלעבט דעם פּרימאָרגן און געהערט ווי די יידישע פּאָליציי רופט אויס, אַז במשך פון אַ פערטל שעה דאַרפן זיך אַלע יידן פאַרזאַמלען אויף אַ געוויסן פּלאַץ. קומענדיק אויף דעם אָרט, האָבן מיר געזען, ווי ס.ס. לייט און אוקראַינער שטייען מיט שטעקנס אין די הענט און וואַרטן אויף זייערע קרבנות. ווי די ווילדע חיות האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די אומגליקלעכע מענטשן און זיי געשלאָגן מכות־רצח. פּלוצלונג עפענען זיי אַ שיסעריי און מענטשן פאַלן ווי פליגן. דער גאַנצער וועג אין געווען רויט פון יידיש בלוט.

אויף אַ באַשטימטן אָרט האָבן זיי געשאַפן אַ אַרבעט־לאַגער (געמיינט „האַסאַג״) פאַר די מענטשן. ווידער זענען מיר אין פחד; ווער ווייסט וואָס דאָרט וועט זיין! וואָס וועט זיין אונדזער צוקונפט?. אָפּזייענדיק דאָרט אַ צוויי וואָכן, האָט מען דורכגעפירט אַ רעוויזיע, אַלץ צוגענומען און באַקומען שרעקלעכע קלעפּ. דערנאָך איז דאָס לעבן געוואָרן כמעט נאָרמאַל... ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שטענדיקער קאַמף פאַרן לעבן, אָדער רעזיגנירן און אומקומען. גייענדיק צו דער אַרבעט און אויף דער אַרבעט גופא, האָט מען געדאַרפט

אַ סך כוחות אויסצוהאַלטן די מוראדיקע קלעפּ פון די דייטשן און פוילישע אָנפירערס אין לאַגער — אויסצוהאַלטן די סאַדיסטישע באַהאַנדלונג פון אונדזערע שומרים, די יידישע קאַפּאָ־פּאָליציי...

ס'איז ווינטער, קאַלט, מיר האָבן נישט וואָס אָנצוטאָן, די באַראַקעז זענען נישט געהייצט. יעדן טאָג זענען מענטשן געפרוירן געוואָרן, געשוואָלן געוואָרן פון קעלט, פון הונגער. דאָס שפּיטאָל איז איבערפולט, אומעטום אומגליק און פּיין. דער לאַגער־שעף איז אַרומגעגאַנגען און געזוכט ווער ס'האָט נאָך געלט אָדער גאָלדענע ציין, וואָס ער האָט מיט אַ האַמער אַרויסגעקלאַפּט.

כמעט יעדן טאָג האָט מען פון לאַגער־שפּיטאָל אַרויסגעפירט אַ 12—15 מענטשן כדי אויסצופילן דעם קאָנטינגענט, האָט דער שעף געזאָגט, אַז די מענטשן זענען שוין נישט פעיק צו דער אַרבעט און צום היילן און ער האָט געפאָדערט אַנדערע. ער האָט אויסגעקליבן יונגע, שיינע מיידלעך, זיי גענומען צו שענדען און דערנאָך צו דערשיסן. צייטנווייז, האָבן זיי סתם אויסגעקליבן עלטערע, שוואַכע מענטשן און זיי דערשאָסן. אַזוי איז אין לאַגער אומגעבראַכט געוואָרן אַרום 20,000 אומשולדיקע מענטשן, וואָס זייער איינציקער חטא איז געווען — צו זיין יידן...

אין חודש יולי 1944 איז פאָרגעקומען די עוואַקואַציע פון לאַגער. אומעטום רעדט מען וועגן קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן. נאַר צו אונדזער גליק דאַרפן נאָך די דייטשן אונדזערע כחות אין זייערע פאַבריקן וואָס עקזיסטירן נאָך. מ'האָט אַריינגעפּאַקט 90 מענטשן אין אַ וואַגאָן און אַזוי זענען מיר געפאָרן זעקס טעג אָן עסן און וואַסער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע לאַגע; דער טויט האָט געהערשט: מענטשן אויסגעמאַטערטע, פאַרחלושטע זענען געפאַלן פון די פיס און אַמאָל שוין נישט אויפגעשטאַנען. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד. דאָרט האָבן מיר דערלעבט אַ קליינע נקמה. צוויי יידן פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג האָבן אונדז געהאָלפן אומברענגען די יידישע קאַפּאָס פון סקאַרזשיסק. כן יאבדו!

דערנאָך האָט מען אונדז געשיקט קיין שלובען. אַ שטעטל 150 ק"ל. פון בערלין. דאָ איז געווען ווי אין אַלע לאַגערן; מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. דעם 24טן אַפּריל 1945 האָט מען אונדז געשיקט קיין טערעזיענשטאַט. דאָרט האָבן מיר נאָך געטראָפן אַ שיין איינגעריכט געטאָ. דאָרט זענען ס'רוב געווען מישלינגער און יידישע פרויען פון דייטשע מאמעס. דערפאַר האָט זיך דאָס געטאָ אַזוי לאַנג געהאַלטן. אין יענער צייט האָט מען דאָרט געגרייט אַ קרעמאַטאָריע מיט אַן אויוון וואָס האָט געדאַרפט פאַרברענען 2000 מענטשן אַ טאָג. נאָר דער נס איז געשען און זיי האָבן שוין נישט באַוויזן עס צו פאַרענדיקן. די רוסן זענען אָנגעקומען דעם 8טן מאַי 1945.

די ליקווידאַציע

אליעזר לעווין

אין די ימים־נוראים־טעג תש"ב 1942, זענען אָנגעקומען איוב־בשורות פון די שטעט און שטעטלעך אַרום סקאַרזשיסק. יום־כפור איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון אַ יידישן ישוב אין שידלאָוצע און פונעם שטעטל סוכעדנוווו. מיר האָבן געפילט אַז עס פאַרציט זיך אַלץ ענגער די פּעטליע אַרום אונזערע העלזער, אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאַרן; מיר האָבן געמיינט אַז אַ דאַנק די פלעצער, וווּ יידן האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, וועט מען אפשר צייטווייליק אויסמיידן דעם גירוש און אויך די דייטשע קאָמענדאַנטור האָט אונז געהאַלטן אין איין באַרויקן. ערב הושענא רבא נאָך מיטאָג זענען אָנגעקומען אויף פויערשע־פורלעך אַרום 1,500 שידלאָווצער יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די „ס. ס." אָדער געווען באַהאַלטן בשעת דער ליקווידאַציע אין די בונקערן. זיי זענען געווען נאַקעט און בלויז, ווייל די נאַציס האָב ן ביי זיי אַלץ צוגערויבט. מיט זייער אָנקום האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עס רוקט זיך אָן דער סוף פונעם סקאַרזשיסקער געטאָ.

עטלעכע וואָכן פאַר דער ליקווידאַציע פון די דאָזיקע צוויי שטעטלעך, האָט מען דורכגעפירט דאָרט „לאַפּוווקעס" — געכאַפּט מענער און פרויען און פון אַ קאָנצענטריר־פּלאַץ אַוועקגעפירט אויף מיליטערישע אויטאָס אינעם סקאַרזשיסקער לאַגער „האַסאַג" אויף אַרבעט אין די אַמוניצע־פאַבריק. עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן די פּיינען און ליידן וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען פון די דייטשן, פון די אוקראַינער און פון די יידישע אויפזער. פיר פאַרטאָג האָט מען זיי אַרויסגעיאָגט אויף אַפּעל, געציילט זיי אין משך פון אַ שעה און אָפּגעלאָזט אין די באַראַקן צו טרינקען קאַווע, כדי 5.30 זיך ווידער אויסשטעלן אין די רייען, יעדע גרופּע באַזונדער לויט איר אַרבעט־האַלע. זיי זענען ווידער געציילט געוואָרן דורך די גרופּן־פירער און דורך דער יידישער פּאָליציי בראש מיטן אכזריותדיקן לאַגער־קאָמענדאַנט אייזענבערג. די, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, האָט ער געשלאָגן איבער די קעפּ מיט זיין גומענער נייגאַיקע און געקאָפּעט מיט די שטיוול. קיין איין טאָג איז נישט אַוועק, עס זאָלן נישט זיין עטלעכע געהרגעטע. ביז צו דער ליקווידאַציע פון סקאַרזשיסקער געטאָ האָט מען די קרבנות געשיקט אין שטאָט אַריין און ר' יחיאל פעלדמאַן האָט זיי געבראַכט צו קבר ישראל און אפילו אַרויסגענומען ליילעכער פון זיין געוועלב אויף תכריכים.

צוויי טעג פאַר דער ליקווידאַציע אין סקאַרזשיסק האָט מען אויסגערופן אין „האַסאַג", אַז ווער עס וויל פאָרן אַ היים אָדער פילט זיך שוואַך און קען נישט אַרבעטן, זאָל זיך מעלדן און ער וועט באַפרייט ווערן. קיין בעלנים האָבן נישט געפעלט און ביי אַ טויזנט מאַן האָט מען צוגענומען די אַרבעטס־ביכלעך, אַראָפּגענומען פון זיי זייערע אייגענע מלבושים, אָנגעטון אין אַלטע לאַכעס און צעריסענע שיך און קאָנצענטרירט אין צוויי גרויסע באַראַקן אונטער אַ שטאַרקער וואַך. אינעם טאָג פון דער דעפּאָרטאַציע פון די סקאַרזשיסקער יידן האָט מען זיי אַוועקגעטריבן אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ און געשאָסן אין די מאַרשירנדיקע רייען. דער גאַנצער וועג (עס איז געווען אַ מרחק פון צוויי קילאָמעטער פון לאַגער אין שטאָט אַריין) איז געווען פאַרזייט מיט הרוגים. די וואָס זענען געבליבן ביים לעבן נאָך דער דאָזיקער בלוטיקער מאַסאַקרע האָט מען צוקאָפּטירט צו די סקאַרזשיסקער יידן.

ערב הושענא רבא איז געוואָרן קלאָר פאַר יעדן איינוווינער פונעם געטאָ אַז דאָס איז זיין לעצטע נאַכט. מען האָט זיך געטיילט מיט די דירות מיט די אָנגעקומענע שידלאָווצער יידן, אָנגעגרייט זיך אַ פּעקל מיט די סאַמע נויטיקסטע זאַכן און אָנגעטון אויף זיך וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אַ מענטשלעכע פעדער איז נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן די דאָזיקע לעצטע גרויליקע נאַכט. פיר אַ זייגער פאַרטאָג האָט די יידישע פּאָליציי אויפגעוועקט די געטאָ־איינוווינער (אויב זיי זענען בכלל געשלאָפן) און געמאָלדן אז אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה

דערף מען פאַרלאָזן די דירות, מיטנעמען מיט זיך נאָר דאָס נויטיקסטע און קאָנצענטרירן זיך אויף דעם גרויסן פּלאַץ אונטער שאול פּעפּערס הויז. ווער עס וועט זיך באַהאַלטן, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. 5 אַ זייגער פאַרטאָג זענען אַלע הייזער ליידיק געוואָרן און די געטאָ איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט געסטאַפּאָ־לייט, מיט ליטווינער און מיט פּוילישער פּאָליציי. אויפן קאָנ־צענטראַציע־פּלאַץ האָט מען אַלע מענטשן פאַרמירט צו פינף אין אַ ריי. די ליטווינער האָבן קאָנטראָלירט די רייען און האָבן אַראָפּגעצויגן פון יעדן איינעם וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, רינגלעך פון די פינגער, אויערינגלעך, אפילו אַ פּאָר שיינע שטיוול אָדער שיך. פון דער געטאָ האָט מען געהערט אַ כסדר־דיקע שיסעריי. דאָס האָט מען דערשאָסן קימפּעטאָרינס אין די בעטן און קראַנקע, וועלכע זענען געלעגן אין שפּיטאָל אין שול־הויף און די וועלכע מען האָט געפונען אין די באַהעלטענישן. די ערשטע קרבנות זענען געווען שמואל קאָנער מיט זיין פרוי און פיר קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער ביי מענדל פעלדמאַן אין הויז. אַ סך גויים האָבן געבראַכט אויפן אויסזידלונג־פּלאַץ די קינדער, וועלכע מען האָט זיי געגעבן אויסצובאַהאַלטן פאַר אַ גוטן לוין.


אַזוי זענען מיר געשטאַנען אויפן פּלאַץ ביז אַ זייגער ניין אין דער פרי, ביז עס זענען אָנגעקומען אין אַן אויטאָ די אָפיצירן פון צענטראַלער ראַדאָמער געסטאַפּאָ. מען האָט געבראַכט אַ טיש פון יחיאל פעלדמאַנס שטוב און עס זענען אויף אים אַרויף צוויי געסטאַפּאָ־לייט און געמאָלדן אַז עס וועט אונז נישט געשען קיין שום שלעכטס. מען וועט נאָר פאַרטיילן לויט דער עלטער. די יינגערע ווערן פאַרטיילט צו דער אַמוניציע־פאַבריק אין „האַסאַג״־לאַגער און די עלטערע וועט מען שיקן אויף לייכטערע אַרבעט.

מיר זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף אונזער גורל. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס דאָזיקע בילד. איך האָב זיך געפונען אין דער ריי מיט מיין פרוי און מיין פינף־יעריק קינד אויף דער האַנט און אַביסל אָפּגערוקט הינטער מיר זענען געשטאַנען די פני פון דער שטאָט — עס האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט ר׳ משהקע ווינבערג, יחיאל פעלדמאַן, פישל דאַנ־ציגער מיט זיין זון חיים־לייב און ירחמיאל פעלדמאַן.

ענדלעך זענען אָנגעקומען די פּוילישע מייסטערס פון דער אַמוניציע־פאַבריק אין דער באַגלייטונג פון געסטאַפּאָ און גע מאָלדן אַז די וועלכע וועלן ווערן אויסגעקליבן אין „האַסאַג״ זאָלן אָפּטרעטן אויף לינקס און אַלע אַנדערע זאָלן זיך נישט רירן פון אָרט. ווען עס איז געקומען די ריי אויף מיר, האָט דער מייסטער אָנגעוויזן דעם געסטאַפּאָ־באַגלייטער: „דאָס איסט איין נוצליכער יודע, וויר בראוכן איהם״. אויפן באַפעל: „יודע לינקס הערויס־״, האָב איך געזאָגט צום דייטשן: „מיין פראַו איסט אויך נוצליך״. איז אים דאָס פנים פאַרלאָפן מיט בלוט און ער האָט געשריגן אויף מיר מיט נישט קיין מענטשלעכן קול און געגעבן מיר מיט אַ גומענעם שטעקן איבערן קאָפּ, בלוט האָט אָנגעהויבן צו רינען אויפן פנים און אויף מיינע קליידער. זעענדיק מיך אין אַזאַ לאַגע, האָט מיין פרוי געזאָגט צו מיר: „גיי אין „האַסאַג״ אַריין און זאָלן מיר זיך טיילן מיט אונזער ירושה. איך נעם מיט זיך אונזער קליין קינד און דו וועסט זיין אַ פאָטער צו אונדזערע טעכטער אין לאַגער״ (אונדזערע עלטערע קינדער איז מיט צוויי חדשים פריער אַוועק אין „האַסאַג״). נאָך צוואַנציק יאָר בשותפותדיקן לעבן האָבן מיר זיך צעשיידט מיט אַ ביטער געוויין.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש אין „האַסאַג״ אַריין. דער גאַנצער וועג פונעם אויסזידלונגס־פּלאַץ ביז אין לאַגער אַריין איז געווען פאַרזייט מיט יידישע הרוגים פרויען און מענער, די וואָס מען האָט אָפּגענאַרט און צוגעזאָגט צו שיקן אַ היים.

אַלע אַנדערע יידן, וואָס זענען געבליבן אויפן קאָנצענ־טראַציע־פּלאַץ, האָט מען אַריינגעטריבן אין פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנעס און אַוועקגעשיקט קיין טרעמבלינקע. אַזוי זענען אומ־געקומען די יידן פון סקאַרזשיסק צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון די איינוווינער פון שידלאָווצער און סוכעדניאָווער געטאָ.



Generaldirektion der Ostbahn
33H Bfp 16 Bfsv
Krakau, den 16. Sept. 1942
Fahrplananordnung Nr 587
Nur für den Dienstgebrauch!

An
Bfe, Bauj der Strecken Sedziszow – Kielce – Skarzysko Kam. – Radom – Deblin – Lukow – Siedlce – Malkinia; Kielce – Tschenstochau; Bf Treblinka; Bf Kozienice;
Bm Sedziszow, Kielce, Tschenstochau, Skarzysko Kam., Radom, Deblin, Lukow, Siedlce, Malkinia;
Zl Tschenstochau, Siedlce; Zü Radom;
OBD, Ozl, Bap Warschau, Radom;

Gedob: Bü, Bü(Lok, B 41, Bfp 3, 14, 15, 16, 17, 22, 44; L 2, 3, 71, Vt 11, VZ 1 (3), Wg 1,
Ref 7, 9, 21, 21B, 30, 31, 32, 33, 34, 34B, 36, 37;

Es verkehren folgende Sonderzüge für Umsiedler aus dem Bezirk Radom:
1.) Leerzug Lp Nr 9220 nach Fahrplananordnung Nr 582 ist von Treblinka nicht nach Tschenstochau, sondern nach Sedziszow zu leiten:
Kielce an 6.41 am 20.9, ab 6.51 im Plan Dg 91266 B,
Sedziszow an 9.20
In Sedziszow ist der Wagenzug bis 21.9. abzustellen.
2.) P Kr 9228 (30.9) Sedziszow – Treblinka am 21./22. Sept.

Sedziszow	16.29	im Plan	Dg 91253 B
Kielce	18.56/19.55	" "	Dg 91255 B
Skarzysko Kam.	21.41/22.43	" "	Dg 91255 B
Radom	0.03/ 0.28	" "	Dg 91557 B
Deblin Gbf	2.30/ 3.10	" "	Dg 91257 B
Lukow	5.17/ 6.00	" "	Dg 95402 B
Siedlce	6.50/ 8.34	" "	Dg 91365 B
Treblinka	11.24/ (15.59)		

Wagenzug: 2 C + 50 G,
3.) Rückleitung des Leerzuges:
Lp Kr 9229 (30.11) von Treblinka nach Szydlowiec am 22./23.Sept.

Treblinka	(11.24)/15.59	im Plan	Dg 91368 B
Siedlce	17.56/18.42	" "	Dg 91445 B
Lukow	19.36/20.37	" "	Dg 91266 B
Deblin Gbf	22.34/23.36	" "	Dg 91266 B
Radom	1.34/ 1.50	" "	Dg 91266 B
Szydlowiec	3.08/21.30)		

3.) P Kr.9230 (30.9) von Szydlowiec nach Treblinka am 23./24. Sept.

Szydlowiec	(3.06)/21.30	im Plan	Dg 91249 B
Radom	22.29/ 0.13	" "	Dg 91555 B
Deblin Gbf	2.00/ 3.10	" "	Dg 91257 B
Lukow	5.17/ 6.00	" "	Dg 95402 B
Siedlce	6.58/ 8.34	" "	Dg 91365 B
Treblinka	11.24/(15.59)		

אַן אויספירלעכער פּלאַן פון די אויסזידלונגס־צוגן, וואָס האָט קור־סירט אינעם ראַדאָמער דיסטריקט אין דער לעצטער דעקאַדע פון חודש סעפּטעמבער 1942 און אַריינגענומען די באַן־סטאַציע סקאַרזשיסקאַ.

אַן איבערלעבונג אין סקאַרזשיסקער געטאָ

אין דער געגנט פון דער קאָלאָניע „אוזשענדניצע״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר די באַאַמטע פון דער געווער־פאַבריק, האָט זיך געפונען אַ גאָר שיינער בנין מיט אַ גרויסע שול פאַר די קינדער א״א איינריכטונגען. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, האָט די „געסטאַפּאָ״ רעקוויזירט דעם בנין און געמאַכט פון אים אַ פייניקונגס־אָרט מיט אינוויזיציע־קעלערן. דאָרט האָט מען געבראַנגט די פּוילישע אינטעליגענץ. דאָקטוירים,אַדוואָ־קאַטן, לערערס א״א אויף וועמען ס׳איז נאָר געפאַלן אַ חשד אין פּוילישן נאַציאָנאַליזם אָדער אין קעגנערשאַפט צו דער מאַכט. דאָרט האָט מען זיי געפּייניקט מיט שרעקלעכע אינקוויזיטאָרישע יסורים, דערנאָך זיי געשיקט אונטער שטאַרקער שמירה אין „ווערק צ״ צו שווערער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט און צום סוף זיי דערמאָרדעט און פאַרבערנט אין ספּעציעלע אויוונס.

דאָרט אין דעם הויז האָבן געאַרבעט אַ 30 יידן. נאָר זיי זענען געווען איזאָלירט פון אַלעמען, כדי זיי זאָלן נישט דערציילן וואָס דאָרט קומט פאָר און וואָס זיי טוען דאָרט. צוליב דער זעלבער סיבה האָבן די דייטשן נאָך אַ געוויסער צייט דערמאָרדעט די אַרבעטער און געברענגט אַנדערע. פלעגן טאַקע די אַרבעטער אַנטלויפן אין די נעכט, ווען זיי האָבן געפילט אַז זייער ריי דערנענטערט זיך... אָפט, באַזונדער אין דער פרי, אָדער ווען ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט פון יענער זייט, איז שווער געווען איבערצוטראָגן די שרעקלעכע ריחות פון פאַרברענטע קערפּערס. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן וועגן אַלעם געוווּסט, אָבער דערנענטערן זיך צו יענעם אָרט איז געווען געפערלעך...

אין יענער צייט וועגן וועלכע איך דערצייל — מערץ 1942, איז נאָך אין סקאַרזשיסק געווען אַ געטאָ און אַ יודנראַט. אַ געוויסן נאָכמיטאָג קומט אַ באַפעל פון דער געשטאַפּאָ, אַז מען זאָל גלייך שיקן דעם „פאַרטונקלונגס־מייסטער" ד״ה, דעם ראָלעטן־מאַכער. מסתמא, כדי צו פאַרהענגען די פענצטער מיט שוואַרצן מאַטעריאַל, מען זאָל נישט הערן און זען די געשרייען פון די געפּייניקטע. דער יודנראַט האָט באַשטימט מיך מיט נאָך צוויי יידן דאָס צו מאַכן.

ווען דער שליח פון יודנראַט איז געקומען מיר מעלדן וווּהין איך דאַרף גיין, איז מיר קאַלט און וואַרעם געוואָרן אין אַלע איברים, אויך מיין פרוי און קינדער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין; ווייל חוץ דעם וואָס פון געטאָ ביז דער שול איז געווען אַ מהלך פון דריי קילאָמעטער, איז מען נאָך דאָרט געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרשיידענע געפאַרן: דאָרט זענען געווען אומ־מענטשלעכע סאַדיסטן, זייער סימבאָל איז געווען אַ „טויטן־קאָפּ" אויף די היטלען און שליפּעס. פאַר דער מינדסטער נישט־געהאָרכ־זאַמקייט איז מען געשאָסן געוואָרן. קומענדיק אויף דעם אָרט, האָבן זיי באַלד מיט קלעפּ פון נאַהייקעס אָפּגעפירט די איבעריקע יידן אויף אַ געוויסער אַרבעט און מיך מיט נאָך אַ טאַפּעצירער — ראובן מאַלינאָווסקי, האָבן זיי אַראָפּגעפירט אונטן אין די אינקוויזיציע קאַמערן צו ווייזן די אַרבעט. גייענדיק אויף די שטיגן האָבן מיר געהערט דאָס קרעכצן פון די געפּייניקטע, וואָס זענען געלעגן אין פיינלעכע פּאָזעס, צוגעבונדן מיט שווערע קייטן אויף די העלדזער צו רינגען פון דער פּאָדלאָגע וואָס האָט אַראָפּגעשלעפּט די קעפּ. גייענדיק האָבן אונדז די דייטשן אָנגעזאָגט: „אויב איר וועט דערציילן וואָס איר האָט דאָ געזען, וועט אייער סוף זיין ווי זייערער. איר זאָלט נישט רעדן מיט זיי, נישט איבערוווּנקען זיך. מאַכט די פאַרטונקעלונג מיט שוואַרצע ראָלעטן".

אין מיטן דער אַרבעט רופט מיך אָפּ איינער פון דער געסטאַפּאָ אין אַ זייט און זאָגט מיר שטיל: „גיי שנעל אין שטאָט צום יודנראַט און ברענג מיר זעקס פּאָר הויכע וואָלענע זאָקן" דערביי קוקט ער אויפן זייגער און גיט צו „אין משך פון הונדערט מינוט זאָלסטו זיין צוריק מיט די זאָקן און זיך ווענדן צו מיר אויפן 2טן שטאָק נומ. 5. נאָר קיינער זאָל נישט באַמערקן וואָס דו האָסט מיר געברענגט". ער פירט מיך אַראָפּ צו דער וואַך און זאָגט אָן, אַז מען זאָל מיך אַדורכלאָזן, ווייל ספּעלט אויס טונקל פּאַפּיר מוז איך עס ברענגען.

איך בין אַרויס אָן שום דאָקומענטן, קוים כאַפּט מען מיך אויסערן געטאָ האָט יעדער פּאָליציי־מאַן געהאַט דאָס רעכט מיך צו שיסן, דער עיקר די שוצן־פּאָליציי. איך גיי אָפּ אַ 20 טריט הער אַן אויסגעשריי „שטיין בלייבן". דאָס האָט געשריגן אַ געסטאַפּאָ־מאַן. איך בלייב שטיין — פרעגט ער מיך „וואָס האָט מיין קאַמעראַד געשפּראָכן מיט דיר? איך פאַרליר זיך נישט, נאָר ענטפער דרייסט: „ער האָט מיך געשיקט אין יודנראַט זאָגן, אַז דער פּרעזעס זאָל דאָרט זיין אין דער שעה וואָס ער וועט קומען". ער האָט געגלייבט און דערלויבט צו גיין. איך בין געלאָפן, דער פחד האָט מיך געטראָגן אין דער לופטן. מיט די לעצטע כחות בין איך אָנגעקומען אין יודנראַט, פונקט איז דאָרט געווען אַ זיצונג. דער פּרעזעס, צאָן־דאָקטאָר מאַלינגער האָט איבערגעריסן די זיצונג און איבערגעגעבן דאָס בריוול צו חיים ליבערמאַן, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט און געבעטן, אַז יעדער באַטייליקטער זאָל לויפן צו אַ צווייטן סוחר, אויסזוכן די זאָקן און וואָס גיכער ברענגען, ס׳איז סכנה פאַרן לעבן פון דעם ייד אליעזר לעווין פאַר וועלכן מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל מיר האָבן אים געשיקט צו דער אַרבעט. ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט האָט מען מיר געברענגט דאָס פּעקעלע — ביי דער געלעגנהייט האָב איך געבעטן מען זאָל איבערגעבן ביי מיר אין שטוב, כדי זיי צו באַרויקן — און כ׳בין געלאָפן מיט מיין שליחות. מיט שרעק איך זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די צייט וואָס מ׳מעג גיין, בין איך געלאָפן מיט אַלע כחות. דערווייל איז געוואָרן טונקל, אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט. ווען כ׳בין געקומען צו דער וואַך האַלטנדיק שוואַרצע ראָלקע פּאַפּיר אין האַנט — האָט מען מיך אַריינגעלאָזט, אָבער פון אויפרעגונג האָב איך פאַרגעסן וווּהין איך דאַרף גיין און בין אַראָפּ אין די קעלערס. ווידער האָב איך געהערט די יאָמערלעכע געוויינען פון די געפּייניקטע. כ׳האָב זיך גיך צוריקגעצויגן און בין אַרויף אויפן 2טן שטאָק, קלאַפּ אָן אין צימער נומ. 5, קיינער ענטפערט נישט. איך בין פאַרצווייפלט — וואָס טוט מען ווייטער? פלוצים הער איך א סך קולות פון אַן אַנדער צימער (שפּעטער האָט זיך אויפגעקלערט, אַז דאָס איז געווען אַ געהיימע זיצונג פון דער הויפּט־קרייז קאָמאַנדע מיט די אָרטיקע געסטאַפּאָ). איך שטיי ביי דער טיר און האָב מורא צו עפענען — ווער ווייסט וואָס דאָרט קומט פאָר? וואָסער תירוץ זאָגט מען? די צייט ווערט שפּעט און איך דאַרף נאָך צוריקגיין אין שטאָט. כ׳זוך אַן עצה. פלוצים נעם איך זיך אָן מיט מוט — וואָס קומט פון פאַרצווייפלונג — איך קלאַפּ אָן און עפן די טיר. איך בלייב שטיין קעגן אַ צענדליק פּאָר פאַרגאַפטע אויגן וואָס ווילן מיך איינשלונגען. איך האַלט די ראָלקע פּאַפּיר אין האַנט און דערקלער, אַז איך זוך דעם מענטש וואָס האָט מיך געשיקט נאָך דעם פּאַפּיר. אַלע שווייגן, נאָר דער געסטאַפּאָ־מאַן שטעלט זיך אויף און מעלדעט: „יאַ ריכטיק, איך האָב אים געשיקט און כ׳מוז אים ווייזן וואָס ער האָט נאָך צו מאַכן". מיר גיין ביידע אַרויס, איך דערלאַנג אים דאָס פּעקעלע און ער קלאַפּט מיר אין פּלייצע „יאָ, האָסט עס גוט געמאַכט" און דערלאַנגט מיר צוויי פּעקלעך ציגאַרעטן מיט אַ שטיק שפּעק און פירט מיך צו דער וואַך. ווען כ׳בעט ביי אים אַ שיין אויפן וועג — ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך דער שפּער־שעה, ענטפערט ער „אויב מ׳וועט דיך פאַרהאַלטן, זאָל מען קלינגען צו מיר".

כ׳בין געגאַנגען מיט דער באַן־ליניע ווו מ׳גייט זעלטן און בין לסוף אָנגעקומען אין געטאָ. דאָרט איז אויך געווען אַ באַפעל, אַז די יידישע פּאָליציי זאָל מיך אָפּפירן אַ היים. דערזעענדיק מיך אין שטוב, זענען אַלע אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ געוויין, ווייל אַלע זענען געווען זיכער, אַז מיט מיר איז עפּעס שרעקלעכס געשען.

דאָס איז נאָך איינער פון די נסים וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט אין וועלכע כ׳האָב געפילט גאָטס השגחה וואָס דויערט איבער מיר און באַשיצט מיך...

אַ סדר־נאַכט אין לאַגער „האַסאַג"

די אַמוניציע אונטערנעמונג „האַסאַג" (ר"ת פון „הוגאָ שניידער געווערקע א.ג.), אַ ריזיקער אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט זיך געצויגן אויף עטלעכע קילאָמעטער, איז געווען פאַרטיילט אויף דריי אָפּטיילונגען: ווערק „אַ", ווערק „בע" און ווערק „צע". דער ערגסטער פון זיי איז געווען דער ווערק „צע", ווייל דאָרט האָט מען געאַרבעט ביים טראָטיל, דעם אויפרייס־שטאָף פאַר גראַנאַטן, אַ סם וואָס האָט אויפגעפרעסן דאָס האַרץ און נאָך ערגער ביי פּיקרין, אַן אויסלאָדונג מאַטעריאַל פאַר קוילן־ביקסן, פון וועלכע מען איז געוואָרן געל און פאַרצערט. אַכציק פּראָצענט



אליעזר לעווין

פון די וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי פּיקרין זענען אומגעקומען ביי דער דאָזיקער אַרבעט.

דער גורל האָט געוואָלט אַז אויך איך מיט מיין טאָכטער זאָלן אַריינפאַלן אין דעם דאָזיקן ווערק. מיר זענען אָבער איינגעאָרדנט געוואָרן ביי אַ בעסערע אַרבעט אַ דאַנק צוויי פּוילישע מייסטערס, מיינע געוועזענע קונים פון סקאַרזשיסק, וועלכע האָבן אונדז אונטערגעהאַלטן מיט ברויט און אַנדערע שפּייז פאַר וועלכע איך האָב אָפּגעגעבן אַ טייל פון מיין פאַרמעגן.

אינעם דאָזיקן ווערק האָבן זיך געפונען די רבנים פון אָטוואָצק און פאַלעניץ, אַ שוחט פון מעזריטש און עטלעכע מורה הוראות, וועלכע מ׳האָט איבערגעפירט פונעם לאַגער פּלאַשאָוו ביי קראָקע, צוזאַמען אַכט רבנים. איך האָב זיי געהאָלפן ווי נאָר איך האָב געקענט, געשטיצט מיט אַ צוגאָב־זופּ אויף מיטאָג. איך האָב געאַרבעט אין אַ אָפּטיילונג וואָס ס׳איז געווען באַשעפטיקט אויף די פעלדער אַרום דעם לאַגער און אין די אינספּעקטן אינעם לאַגער גופא. די דאָזיקע אַרבעטן זענען געווען איינע פון די בעסטע אין לאַגער, צווישן אַנדערע האָבן זיך דאָ געפונען עטלעכע סקאַרזשיסקער מיידלעך, וועלכע עס איז דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פונעם לאַגער. אין דרויסן האָבן זיי זיך געקענט איינשאַפן פאַר געלט שפּייז און זיך נישט גענויטיקט אין דער לאַגער הונגער־זופּ. אומקערנדיק זיך פון מיין אַרבעט אינעם באַראַק אַריין, האָב איך מיטגעבראַכט מיט זיך די קאַן מיט דער זופּ און פאַרטיילט צווישן די כלי־קודש. איינמאָל האָט געטראָפן אַן אַן „עס.עס"־מאַן באַגעגנט דעם מעזריטשער שוחט (וועלכער איז ניצל געוואָרן און לעבט היינט אין אַמעריקע) מיט אַ פּושקע זופּ. ער האָט אים געמוזט אַנטדעקן דעם סוד פון וואַנען ער האָט באַקומען די צוגאָב־פּאָרציע און אים אַוועקגעפירט צו מיר אין באַראַק. דער „עס.־עס."־מאַן האָט אויפגעפּנט אויף מיר אַ פּאָר רוצחישע אויגן און פאַרפּאָרן מיר מיט זיין פויסט אין פּנים אַריין. אַז כ׳האָב זיך באַגאָסן אינגאַנצן מיט בלוט. ער האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט דעם. אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און אָפּגעפירט מיך אינעם מאַגאַזין־לאַגער, געבראַכט פיר פּאָליאַקן, אַוועקגעלייגט מיך אויף אַ לאַנגער באַנק, געהייסן צוויי פון זיי צוהאַלטן מיך ביים קאָפּ און הענט און די אַנדערע ביי די פיס און געזעצט אין מיין קערפּער מיטן קאַנט פון אַ ברעט. „איך מוז אים די לונגען אונטערהאַקן!", האָט ער געשריגן. וויפיל ער האָט אין מיר אַריינגעהאַקט, ווייס איך נישט, ווייל נאָכן צווייטן זעץ בין איך געפאַלן אין חלושות. ער האָט געהייסן אַרויפגיסן אויף מיר אַן עמער וואַסער און באַפוילן צו פירן אין לאַגער־שפּיטאָל אַריין, ווו איך בין אָפּגעלעגן פיר וואָכן און געבליבן אויפן גאַנצן לעבן מיט אַ פעלער אין קרייץ.

אַ קורצע צייט פאַר פּסח האָבן די רבנים געשיקט צו מיר עטלעכע מענטשן און געבעטן צו העלפן זיי, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן עסן קיין חמץ אום פּסח. זיי זענען גרייט געווען איבערצוקומען די אַכט טעג מיט געקאָכט וואַסער, אויב זיי וועלן האָבן אַ פּאָר געבראָטענע קאַרטאָפל. איך האָב זיי נישט געגעבן קיין ענדגילטיקן ענטפער, ווייל אויף דער רגע האָב איך נישט געהאַט קיין שום עצה. די זאַך האָט מיך אָבער נישט געלאָזט צו רו און ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק איינצואָרדענען אַ סדר־נאַכט אין לאַגער פאַר די אַכט רבנים, אָבער אויף אַזאַ אופן איך זאָל נישט באַצאָלן קיין „רבי־געלט", ווי עס איז געווען דער פאַל מיטן מעזריטשער שוחט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז וועגן מיין פּלאַן דאַרף וויסן די לאַגער־פירערין פּרוי מאַרקאָוויטש, ווייל אָן איר הסכמה קומט נישט אין באַטראַכט די מינדסטע טעטיקייט. איר גענויגט איז געווען אומעטום און אויף מיר האָט זי געהאַט אַ בייז האַרץ נאָך פון פאַר דער מלחמה צוליב מיינע געשעפט־ענינים מיט איר מאַן. איך האָב אויך געדאַרפט געפינען אין לאַגער געלט מיטלען כדי איינצושאַפן ווייץ־מעל אויף צו באַקן מצות, הירזש אויף צו קאָכן און בוראַקעס אויף באָרשט, וואָס דאַרף דינען אויך פאַר ארבע כוסות.

עס איז מיר אָפּטמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף די פעלדער פונעם דאָרף מלאָדזאַווי, וואָס האָבן געהערט צום „האַסאַג"־לאַגער. דעם פּלאַץ האָט מען גערופן אויף פּויליש „אָגרוד" (גאָרטן). מיר זענען געווען דאָ באַשעפטיקט אונטער דער אויפזיכט פון אַ פּוילישן פאָראַרבעטער, וועלכן מיר פלעגן געבן אַ געהעריקע מתנת־יד און בזכות זה האָט ער געלאָזט די דאָרפישע צו פאַרקויפן אונדז פאַר פינפפאַכיקע פרייזן ברויט און קאַשע. מיר האָבן דאָ מער געגעסן ווי געאַרבעט און שפּעטער פאַרדינט ביי די פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַגער. איך האָב ביי זיי געקויפט טרוסקאַווקעס און געבראַכט זיי אַלס מתנה פאַר דער טעכטערל פון דער פרוי מאַרקאָוויטש, וועלכע האָט זיך מיט איר געפונען אין לאַגער און דערנאָך געברענגט וואַלד־שוואָמען און די ערשטע אוגורקעלעך פון פעלד. אויף אַזאַ אופן האָב איך מיט איר שלום געמאַכט און ווען כ׳האָב געזען אַז כ׳האָב זי „איינגעביסן", בין איך צוגעטרעטן אויסצופירן מיין פּלאַן.

עס איז מיר געלונגען צו שאַפן געלט ביי מענטשן, וועמענס רעליגיעזע געפילן זענען מיר געווען באַקאַנט. איך האָב זיך געוואָנדן צו מיינע באַקאַנטע צוויי פּוילישע מייסטערס און זיי האָבן

מיר געבראַכט פינף קילאָ ווייצן־מעל, עטלעכע קילאָ הירש און בוראַקעס. איך האָב זיך געוואָנדן צו דער פרוי מאַרקאָוויטש מיט אַ ביטע זי זאָל דערלויבן איינאָרדנען אַ סדר־נאַכט פאַר די רבנים, וועלכע געפינען זיך אין לאַגער און זי האָט באַפוילן פּעפּערן, דעם שעף פון דער יידישער לאַגער־פּאָליציי, ער זאָל אונדז נישט שטערן ביי נאַכט, ווען אַלע וועלן שוין שלאָפן, צו באַקן מצות אין די גרויסע אויוונס, וואָס האָבן געוואַרעמט די באַראַקן.

אין די אוממענטשלעכע לאַגער־באַדינגונגען איז דאָס באַקן די מצות געווען זער אַ שווערע און קאָמפּליצירטע אונטערנעמונג. מיר האָבן גענומען עטלעכע פלעשער, גוט זיי אויסגעוואַשן און זיי האָבן אונדז געדינט פאַר וואַלגערהעלצער.

פון שמידס אָפּטיילונג האָבן מיר געבראַכט דריי ריינע בלעכן און געוואַלגערט אויף זיי דעם טייג. אין יעדן פלעצל האָבן מיר געמאַכט אַ לעכל, אַדורכגעפירט דורך די לעכלעך אַ דראָט, אַריינגעלאָזט אינעם אויוון און געהאַלטן אַזוי לאַנג ביז די מצה איז אויסגעבאַקן געוואָרן. דאָס צוגרייטן די מצות האָט געדויערט דריי נעכט. אַ טאָג פאַר פסח האָט די פרוי פּוטערמאַן, וועלכע האָט מיט מיר געאַרבעט, אויסגעשאַרט צוויי קאַנען, פון וועלכע מען האָט געטיילט די מיטאָג־זופּ. איינע האָט געדינט אויף צו קאָכן דעם הירש און די צווייטע פאַר די בוראַקעס, עס זאָל זיין אָנשטאָט אַרבע כוסות און פאַרטרינקען דעם געקאָכטן הירש.

דריי טעג פאַר פסח האָב איך זיך געוואָנדן צו פּעפּערן ער זאָל מיר דערלויבן איינצואָרדענען דעם סדר אין איינעם פון די לעצטע באַראַקן, וואָס איז כמעט ווי נישט געווען באַוווינט און ער זאָל באַפעלן די יידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע וועלן אין דער דאָזיקער נאַכט האַלטן וואַך, זיי זאָלן אונדז וואָרענען, אויב עס וועט זיך אין לאַגער באַווייזן די געסטאַפּאָ.

ערב פסח, קומענדיק פון דער אַרבעט און נישט באַוויזנדיק אַרומצווואַשן זיך, איז געקומען אין באַראַק אַ לאַגער־פּאָליציאַנט און באַפוילן מיר תיכף צו גיין צו דער לאַגער־קאָמענדאַנטין. איך האָב זיך שטאַרק איבערגעשראָקן — ווער ווייסט צי מיין גאַנצע אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט?... ווען איך האָב זיך געשטעלט פאַר דער פרוי מאַרקאָוויטש אינעם צימער פון דער הייזקע, וווּ זי האָט געוווינט, האָט זי מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק פון אויבן ביז אַראָפּ. זי איז געזעסן אויף אַ באַקוועמן שטול, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אין דער האַנט אַ סיגאַרעטל און אָנגעהויבן מיך אויסצופאָרשן מיט אַ שטרענגער שטימע: „איר קליין לעווינדל, איך וויל וויסן ווי אַזוי איר האָט אַריינבאַקומען אין לאַגער די אַלע פּראָדוקטן!" איך בין געשטאַנען פאַר איר ווי פאַר דעם שעף פון דער געסטאַפּאָ און איבערגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט. ענדלעך האָט זיך אויף איר פּרצוף באַוויזן אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע: „איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגן צי איר האָט נישט געמאַכט פון דעם אַ פּריוואַט געשעפט און איצט זע איך, אַז איר האָט געהאַנדלט לויטן יידישן געוויסן. איך וועל זיך באַמיען, אַז אַלץ זאָל אַדורכגיין בשלום און איך בין אייך גרייט מיטצוהעלפן". איך האָב זי געבעטן זי זאָל באַפרייען צוויי רבנים, וואָס האָבן געדאַרפט אַרבעטן אין דער סדר־נאַכט און זי האָט דאָס גלייך דערליידיקט. אין דער לעצטער מינוט האָט זי מיר צוגעשיקט זעכציק אייער. ווער עס איז געווען אין ווערק „צע", דער קען באַגרייפן, וואָס עס האָט באַדייט אַזאַ מתנה. אויך שמואל מאַקסעל, דער מאַן פון פעלאַ שלאַק ז״ל פון סקאַרזשיסק, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער קאַטלעריי און געהאַנדלט מיט פּאָליאַקן האָט פאַר אונדז געשאַפן 90 אייער.

צען אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן דער סדר. עס זענען שוין פון פריער געווען צוגעגרייט אין באַראַק צוויי טישן, באַדעקטע מיט וויס פּאַפּיר און דאָס זעלבע אויף די מצות, אָנשטאָט מצה־טאַשן. ביי די ברענענדיקע ליכט האָבן געשימערט אין ווייסקייט די מיט זאַמד אויסגערייניקטע פּושקעלעך פון קאָנסערווירטן מילך, די כוסות, אין וועלכע מען האָט אָנגעגאָסן נישט צו דער פול באָרשטש אַנשטאַט וויין, כדי עס זאָל סטייען צום געקאָכטן הירזש. עס האָבן זיי אָבער פול געמאַכט די טרערן פון די פאַרזאַמלטע... יעדער איינער פון די רבנים האָט אַרויסגענומען אַ פאַרשריבענעם לאַנגן בלעטל, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען די פּסוקים פון דער הגדה. אַ מין הייליקע שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו פרעגן די פיר קשיות. דאָס האָט, ווייזט אויס, גאָט אַליין נישט געפונען קיין ענטפער נישט נאָר אויף די קשיות פון דער הגדה, נאָר אויף אַלע פראַגן, וואָס יעדער האָט געטראָגן אין זיין אָנגעווייטיקטן האַרצן, פראַגן, וואָס האָבן ביז היינט קיין ענטפער נישט באַקומען... עס האָבן געצאַנקט די ליכט, פּונקט ווען עס האָבן געצאַנקט די נשמות פון די טויזנטער פאַרפּייניקטע יידן אינעם גרויזאַמען „האָסאַג"־לאַגער און אַ שטילער געוויין האָט באַגלייט יעדע ברכה און פּסוק פון דער הגדה.

געענדיקט מיטן זאָגן די הגדה, איז מען אַריבערגעגאַנגען צום צווייטן טיש, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַכט פּושקעלעך מיט געקאָכטן הירזש, פאַרגאָסן מיטן רויטן באָרשט און אַ שיסל מיט געקאָכטע אייער. מרור האָט נישט געפעלט. ער האָט זיך געפונען בשפע אינעם גאַנצן לאַגער...

אָפּגעפּראַוועט בחיפזון די „סעודה", איז אין מיטן בענטשן געקומען צו לויפן אַ יידישער פּאָליציאַנט און געמאָלדן אַז די געסטאַפּאָ־לייט געפינען זיך ביים לאַגער־טויער. מיר האָבן אויסגעלאָשן די ליכט, אָפּגערייניקט די טישן, אַרויף אויף די פּריטשעס און זיך געמאַכט שלאָפן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די פסח־נאַכט פון יאָר תש״ג־1943 אין לאַגער „האָסאַג".

די פאַבריקן פון טויט

דער לאַגער אין ווערק „אַ" איז געשטאַנען האַרט ביים וועג אין שטאָט אַריין. דורך די דראָטן האָט מען געקענט זען פאָרן פורלעך, אויטאָבוסן... מענטשן גיין אויפן טראָטואַר... דאָס האָט פאַרשטאַרקט די בענקשאַפט נאָך דער פריי אָבער גלייכצייטיק אַביסל באַרואיקט. ס'האָט געהייסן, אַז מען האָט נאָך קאָנטאַקט, זאָל זיין דורכן בלויזן אויג, מיט דער פרייער וועלט. מ'האָט זיך אין איר געפונען און זי געזען, בלויז די דראָטן־צוימען האָבן דיך פון איר אָפּגעגרענצט. דערפאַר אָבער איז דער ווערק צע געווען איינגעשלאָסן אין דער טיף פון אַן אָפּגעזונדערטן וואַלד. נישט ווייט פון לאַגער א זענען געווען פאַרשידענע געשעפטן און די „האַסאַג"־בעקעריי פלעגט אָפט געלונגען זיך צוצוכאַפּן מיט אַ פּאָליציאַנט עפּעס קויפן און אַריינשמוגלען אין לאַגער. די פאַבריק אַליין איז געווען גרעסער און עס האָבן דאָרט געאַרבעט מער ציוויל־אַרבעטער. ווען מען האָט גענומען אַוועקשיקן די פּוילישע יונגע מענטשן קיין דייטשלאַנד, האָבן זיך אַ סך יונגע פּאָליאַקן פון הויכע אַריסטאָקראַטישע הייזער פאַרשריבן ווי אַרבעטער פון דער פאַבריק. די מערסטע פון זיי האָבן געהאַט פּראָטעקציע אין אָנגעקומען אין ווערק אַ, ווי די אַרבעט איז געווען אַ לייכטערע און אַ ריינערע. זיי האָבן זיך מיטגעברענגט פון די היימען דאָס בעסטע עסן און ביים מיטאָג נישט געגעסן די פאַבריקס־זופּ. זענען געווען יידן, וואָס האָבן פאַר זיי געמאַכט אָדער צוגעהאָלפן ביי אַן אַרבעט און דערפאַר פון זיי באַקומען זייער זופּ־פּאָרציע און אַמאָל אויך אַ שטיקל ברויט. אַזוי אַרום האָבן זיך אַ סך אַ דאַנק דעם געקענט לענגער האַלטן אויף די פיס. אין ווערק צע איז עס אָבער געווען אַ זעלטענע דערשיינונג.

היות אין ווערק אַ האָבן זיך געפונען מער אינטעליגענץ, וואָס האָבן געהאַט ברייטערע קאַנטשאַפטן און באַציאונגען, איז אַמאָל אויך געלונגען דורך איינעם פון זיי, פאַר אַ הויכן אָפּצאָל נאַטירלעך, אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט וועמען אַ פאַרוואָרפענע משפּחה ערגעצוו אָדער מיט אַ קריסט, ביי וועמען מ'האָט באַהאַלטן דאָס פאַרמעגן און ער האָט פון אים עפּעס געברענגט. אויך דאָ האָבן פּאַסירט פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס, רויבערייען; אָבער דאָך האָט עס געוויסע מענטשן דערהאַלטן ביים לעבן.

אין ווערק אַ זענען אויך די אַרבעטער געווען אַביסל מילדער ווי די פּוילישע אַרבעטער פון צע, ווו די פּאָליאַקן האָבן אַליין דערשלאָגן הונדערטער יידן. דער פּוילישער עלעמענט פון ווערק אַ איז נאָך מערסטנטיילס אַליין געווען „גרין" אין דער אַרבעט און זיך בלויז געזוכט צו „דעקן". דערפאַר זענען זיי געווען צוריקגעהאַלטענער. טייל האָבן געברענגט ברויט צו פאַרקויפן אָדער אָנגענומען אַ בריוול אַוועקצושיקן אויף אַן „אַרישן" נאָמען.

חשובער פריינט ש. אברבנאל

אַנטשולדיקט פאַרן שפּעטן ענטפערן. גראָד האָט מיך אייער בריוו געטראָפן ביי אַ שווערער אַרבעט, וואָס לאָזט נישט כאַפּן דעם אָטעם. פאַרשטייט זיך, אַז מיר איז פּשוט נישט מעגלעך — ביים בעסטן ווילן — צו שרייבן עפּעס, ספּעציעל פאַרן יזכור־בוך. אָבער איר קענט בפירוש נעמען פון מיינע ביכער, וועגן סקאַרזשיסקא וואָס איר האַלט פאַר נויטיק.

אנטשולדיקט פאַר דער פאַרשפּעטיקונג און די בעסטע וואונטשן

אייער

מרדכי שטריגלר

מרדכי שטריגלער

אַנדערע זענען דערביי געכאַפּט געוואָרן און געשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער פּאָליאַק נאָוואַק פון סקאַרזשיסקאָ איז אַפילו עפנטלעך געהאָנגען געוואָרן פאַר ברענגען ברויט אין פאַבריק אַריין צו פאַרקויפן יידן...

אַזוי ווי אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן מיט דעם שרעקלעכן הונגער־טויט, האָט מען פון זיך אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע, בכדי צו באַקומען אַ ברויט; מ'האָט אויך אויגענוצט אַלע ווייטסטע מעגלעכקייטן, ווו מ'קען נאָר אַמאָל נאָך עפּעס אַרויסבאַקומען מיט תחנונים־בריוו, צוזאָגן אויף שפּעטער פרייע צייטן... און די פּאָליאַקן ווייטער האָבן גערייצט די הויכע פּרייזן און זיי האָבן דערפאַר ריזיקירט מיט זייער שמוגל פון ברויט און בריוולעך. אָט אַזוי האָט די סיטואַציע אויסגעזען ביז מיין קומען, אין יוני 1943.

נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 1941 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אויסצובויען דעם ווערק צע און אים פאַרוואַנדלען אין אַ פאַבריק פון גרויסן מאָסשטאַב. צו די אויפבוי־אַרבעט האָט מען באַנוצט די יידן פון סקאַרזשיסקאָ. איינער פון די ערשטע יידן, זאַיאָנץ, אַ לאָדזשער, האָט אָנגעפירט מיט די בוי־אַרבעטן ביז דער לעצטער מינוט. אין דעצעמבער 1941 האָט מען געברענגט די ערשטע טראַנספּאָרטן פון געכאַפּטע יידן, וועלכע די קהלות האָבן צוגעשטעלט. די יידן האָבן געאַרבעט אין דער א. ג. וואַלד־קאָמאַנדאָ. זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסשניידן די אַלטע ביימער פון סקאַרזשיסקער געדיכטן וואַלד און צוגרייטן פּלאַץ פאַר די נייע פאַבריקס־האַלעס און פאַר דעם „יודנלאַגער". די ערשטע פאַר הונדערט יידן זענען דערווייל געשלאָפן אין אַ גרויסן באַראַק פון דער פאַבריק. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 20 דעקאָ ברויט טעגלעך און דריי־פערטל ליטער וואַסער־זופּ. פונעם שמוץ האָבן זיך געמאַכט לייז, וועלכע האָבן די מענטשן ממש לעבעדיקערהייט אויפגעגעסן. די פאַבריקס־לייטונג האָט זיך נישט געזאָרגט פאַר די מינדסטע באַדערפענישן פון די יידן. פאַר איר איז גענוג געווען, זיי זאָלן אויספירן זייער אַרבעט און ווייטער זאָל מיט זיי געשען וואָס עס וויל. די אינערלעכע אַרבעט איז געלעגן אין יידישע הענט; ער זענען בלויז געווען צוויי זשאַנדאַרמען פון דער שטאָטישער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג, וואָס האָבן געוואַכט איבער די יידן. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ווערקשוץ פון דייטשע, אוקראַינישע און פּוילישע וואַכמענער. אַלס לייטער פון די באַן־אַרבעטן איז געווען צו יענער צייט דער אינזשיניער שמיץ פון לייפּציק. ער האָט אויך אָנגעפירט מיטן אויסבויען אַ נייע באַן־ליניע פון ווערק אַ אין צע ווי אויך מיטן אויפשטעלן באַראַקן פאַר זיינס אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג אין דער פאַבריק.

דער דייטשער אַרבעטס־אַמט אין אָסטראָווצע האָט — ווי שוין דערמאָנט — זיך פאַרנומען מיטן צושטעלן יידישע שקלאַפן־אַרבעטער פאַר אַלע פאַבריקן אין „צענטראַלן אינדוסטריע געביט". פון דאָרט־אויס זענען די יידישע קאָנטיגענטן פאַרטיילט געוואָרן אין די פאַרשיידענע אַמוניציע־צענטערן. דער שטעל־פאַרטרעטער פון דעם אינספּעקטאָר אין דאָרטיקן אַרבעטס־אַמט זייפמאַן, וועלכער האָט שוין געוווסט וואָס עס ווערט געפּלאַנט מיט די יידן, האָט אַגיטירט פאַר די געטאָ־מענטשן, מ'זאָל זיך פאַרשרייבן פרייוויליק אין די לאַגערן, זאָל אַפילו זיין צו דער שווערסטער אַרבעט! (דאָס איז אַן אייגנאַרטיקע מעטאָדע פון דייטשן,

וואָס איך האָב בלויז פון איר געהערט אין יענע געגנטן אין אַלע אַנדערע געביטן האָט מען קיינמאָל יידן נישט געפרעגט און נישט געזאָגט פריער, וואָס זיי זאָלן טאָן...)

„אויב עס וויל נאָך ווער אַמאָל לעבן בלייבן — האָט ער שטיל צוגעגעבן — וועלן עס זיין בלויז די יידן פון די געווער־פאַבריקן... דאָס וועלן בכלל זיין די לעצטע יידן...” (לויט אינזש. יעקב קורץ פון וואַרשע, געבערענגט פון סטאַשעוו. געשטאָרבן נאָך דער באַפרייאונג אין בוכענוואַלד).

אין די יידישע געטאָס איז געקומען אַן אויסניכטערונג. ביז איצט האָט זיך יעדער אויסבאַהאַלטן, מען זאָל אים נישט כאַפּן צו דער אַרבעט און אַפילו זיך אויסגעבויט טיפע בונקערס. די פּאָליטישע סיטואַציע האָט אָבער באַוויזן, אַז די מלחמה וועט זיך לאַנג פאַרציען און די געשעענישן אין אַלע שטעטלעך האָבן באַוויזן, אַז די געטאָס וועלן לאַנג נישט אָנהאַלטן. דערפאַר האָט מען, אָנשטאָט זיך צו באַנוצן מיט גוט־אויסגעבויטע קעלערס, גענומען פאַרשטיין, אַז ס'איז נאָר דאָ איין אויסוועג זיך צו ראַטעווען: אַרויס פון געטאָ! און עס האָבן זיך גענומען מעלדן מער פרייוויליקע ווי עס איז געווען די פאָדערונג. דער יודנראַט איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן זיי און אַרבעטס־אַמט; האָבן טאַקע די קהלס־לייט אין דעם געזען אַ קוואַל פון הכנסה. מ'האָט גענומען איבערליציטירן די באַגרענעצטע קליינע צאָל אַרבעטס־פלעצער פאַר אַלץ העכער און העכערע פרייזן. ס'האָבן גענומען פליסן ריזיקע סומעס געלט פון געטאָ אין די טאַשן פון די „מאַכער” ביים יודנראַט און די באַאַמטע פון אָסטראָווצער אַרבעטס־אַמט. מ'האָט פשוט געמוזט אָפּשטעקן דעם אינספּעקטאָר גרעסערע סומען גאָלד, ער זאָל אויסזוכן פרישע פלעצער, ווו מ'זאָל קענען איינאָרדענען די יידן פון געטאָס...

אין די לעצטע צייטן האָבן טייל פאַרמעגלעכע יידן איינגעזען, אַז זייערע פּאַלאַצן שטייען אויפן וואַסער און אַז זייערע געלטער וועלן סייווי פאַרלוירן גיין, זענען זיי געקומען אין יודנראַט אַריין, געבערענגט גרעסערע סומעס געלט און געבעטן, מ'זאָל דאָס געלט נישט צעטיילן צווישן נויט־באַדערפטיקע, ווייל דערמיט וועט מען סיי־ווי קיינעם נישט ראַטעווען! בעסער זאָל מען פאַר דעם געלט באַוועגן דעם אַרבעטס־אַמט, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען איבערצוצייגן די דייטשע פאַבריקן, אַז עס איז פאַר זיי וויכטיק אויפצונעמען די יידן צו דער אַרבעט. דאָס קען זיכער ראַטעווען אויף אַ שטיקל צייט. שפּענדונג אין אַזאַ פאָרעם זענען מיר באַקאַנט פון עטלעכע געטאָ־שטעטלעך.

יעדער האָט אָבער פאַר זיין געלט געזוכט דאָס בעסטע פונעם ערגסטן. עס זענען געוואָרן פאַבריקן ווי די „הערמאַן־גערינג־ווערקע”. למשל, אין סטאַראַכאָוויצע, ווו די יידן האָבן די ערשטע צייטן געוווינט אין שטאָט אין מענטשלעך־איינגעאָרדנטע הייזער; אין דער צייט, ווען אין סקאַרזשיסקאָ, האָבן שוין מענטשן קראַפּירט פון הונגער און שמוץ. האָט עס דערפאַר יעדן בעסער „געצויגן” אַהין, קיין פּיאָנטקאַ, בליזשין איידער קיין סקאַרזשיסקאָ, ווו דאָס לעבן האָט סיי־ווי קיין ווערט נישט געהאַט. און דערפאַר איז פאַרשטענדלעך וואָס קיין סקאַרזשיסקאָ האָט מען אין יענער צייט נאָך געמוזט זוכן פרייוויליקע. דער אַרבעטס־אַמט האָט נישט שטענדיק אָבער דערלויבט צו כאַפּן מענטשן, ווייל שוין בלויז צוליב געשעפט האָבן זיי געוואָלט, אַז די שקלאַפן־שטראָמען זאָלן גיין אויסשליסלעך דורך זייער האַנט... און יידן האָבן ביז דער לעצטער מינוט געזוכט אַ בעסערן אויסוואַל:

„פאַרן זעלבן געלט — האָבן זיי געטראַכט — קען מען דאָך כאָטש לעבן ווי אַ שטיקל מענטש. עס זענען אָבער געווען אַסך, וואָס האָבן אויף קיין אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם געטאָ, ווו מ'האָט די לעצטע צייט געפירט אַ זאָרגלאָזן לעבן, ווי הפקרדיק־פאַרמשפּט צום טויט... (זע מיין בוך: די מגילה פון אַ געטאָ” — חורבן זאַמאָשטש.) „וואָס ס'וויל מיט מיר געשען — האָבן אַנדערע רעזיגנירטערהייט צוגעגעבן — זאָל מיט מיר געשען דאָ אויפן אָרט... אויף מיין אייגענעם בעט...”

— כ'וויל נישט דערשאָסן ווערן מיט פאַרלייזיקטע שמאַטעס אויף זיך אין אַ וואַלד ערגעץ...” האָבן אַנדערע פּעסימיסטן צוגעגעבן... ס'זענען אָבער אויך געווען איבערגעגעבענע קאַנדידאַטן, וואָס האָבן זיך געריסן אין די פאַבריק.

בכדי צו אילוסטרירן מיט עפּעס די לאַגע אין יענער צייט פאַר מיין קומען אין ווערק צע, וועל איך דאָ איבערגעבן די מינדלעכע דערציילונגען פון מיין פאַרשטאָרבענעם פריינט אינזש. יעקב קורץ פון וואַרשע, איינער פון די העלדן אין מיין וויטערדיק בוך. ער האָט געזאָלט אָנשרייבן די פאָר־געשיכטע פון ווערק אַ און צע, קענענדיק אויסגעצייכנט יעדן ווינקל און פּאַסירעניש. ער איז אָבער געשטאָרבן באַלד נאָך דער באַפרייאונג אין בוכענוואַלד — פון יאָרנלאַנגער דערשעפּונג. דערמאָן איך זיך בלויז עטלעכע פּונקטן פון זיינע דערציילונגען און זאָל דאָס זיין אַ מצבה נאָך אָט־דער אומגעווענלעך־אינטערעסאַנטער יידישער פּערזענלעכקייט...

קורץ האָט מיר דערציילט:

...ווי אין אַלע שטעטלעך אַרום, האָט זיך אויך ביי אונדז אין סטאַשעוו גענומען רודערן. מ'האָט גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דעם אומאויסמיידלעכן יידישן גורל. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַריינצובאַקומען קיין סטאַראַכאָוויצע. חוץ דעם וואָס אין יודנראַט איז שוין געלעגן אַ גרויסע סומע פאַר דעם צוועק, האָבן מיר, אַ גרופּע פון 280 רעפלעקטאַנטן, איינגעצאָלט צו 100 זלאָטעס פון אַ קאָפּ, בכדי פאַר דעם געלט עפּעס אויפצוטאָן אין דער ריכטונג. נאָכן ביילייגן די סומע האָט מען אונדז אין אָסטראָווצע פאַרזיכערט, אַז מיר ווערן אַוועקגעשיקט אַהין. אויפן צווייטן טאָג, נאָך דער אינטערווענץ, זענען פאַרפאָרן צו אונדז אין געטאָ 3 גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט דער גרויסער אויפשריפט: „האַסאַג”! קיינער פון אונדז האָט נישט געוווסט אויף קלאָר, וואָס דאָס באַדייט און נישט געכאַפּט זיך, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג. מ'האָט אונדז פאַרלאָדן מיט די פּעק אין די אויטאָס און אונדז אַוועקגעפירט אין דער אַפּטער ריכטונג. ערשט אין אַפּט האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מיר ווערן געפירט קיין סקאַרזשיסקאָ. אַ שרעק איז אונדז באַפאַלן: ווער ווייסט, אויב מיר ווערן נישט געפירט אין ווערק צע אַריין!? ס'איז אָבער שוין גאָרנישט געווען צו ענדערן...

...אין סקאַרזשיסקאָ האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער פאַבריקס־געביידע, ווו מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער גורל. קעגן פאַרנאַכט־צו איז אַריינגעקומען דער שטאַנדאַרטפירער און גענעראַל־דירעקטאָר דאָלסקי מיט אַ שטאָלץ און ציניש שמייכעלע. אים האָט באַגלייט דער ווערקשוצלייטער קראַאוזע און אַ 20—30 מאַן פון דער אָפיצירס־אָפּטיילונג „ס. א. — שטורם 102”, וואָס איז געווען קאַזערנירט נעבן דער פאַבריק. מיט אַ מינע פון אַ קריגס־זיגער האָט דאָלסקי אַרויסגעברומט:

— נו, אַלזאָ... ענדלעך זענט איר דאָ!...

דאַן האָט ער אַרויסגעצויגן זיין אָפיצירן־ברוינינג און דערקלערט:

— אין פאַרלויף פון דריי מינוט האָט יעדער אָפּצוגעבן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט: גאָלד, געלט, דאָלאַרן, זייגערס... איך ווייס,

אַז איר האָט עס געווּנג! נאָך דריי מינוט טרעטן מיר צו צום אינדיווידועלן רעווידירן... און דאַן — — — ווי ווערט דאַן דעם יעניקן זיין, ביי וועמען עס וועט געפונען ווערן דאָס מינדסטע... מיינט נישט, אַז דער טויט איז שוין דאָס ערגסטע... מיט אַ טעאַטראַלער מינע האָט ער געהאַלטן דעם אויסגעשטרעקטן רע־וואָלווער אין דער האַנט און אַרויסגעגאַנגען, קוקנדיק אויפן זייגער. ס׳האָט דאַן גענומען אַ וואָרט קראַאוזע, די אַנדערע עפּאָ־לירטע שישקעס... פון זייערע שנעלע שרייאיקע רייד האָט מען בלויז איינס געקענט אַרויסשיילן: געלט... גאָלד... דאָלאַרן... דאָלאַרן!!! און נאָך עפּעס האָט זיך אַלע מאָל איבערגעחזרט: מ׳וועט אייך דערשיסן ווי די הינט!

...אַ גאַנצן קאַסטן מיט גאָלד און וואַלוטע האָט מען דאַן צוזאַמענגענומען, אין פאַרלויף פון מינוטן, בלויז ביי די סטאַ־שעווער 280 מאַן... מענטשן האָבן געוואָרפן דאָס געלט ווי משוגעים, זיי האָבן אַוועקגעשליידערט דאָס שטיקל גאָלד ווי עפּעס אַ שטיק סם, אַ גלאַנציקע סכנה... און דער בלויזער אָנבליק פון די מונדירטע מלאכי־חבלה האָט עס געמאַכט פאַרשטענדלעך... ביי אַנדערע איז עס געקומען פון אַ בליץ־שנעלער איבער־גערעכנטקייט: מען דאַרף זיי אָנזעטיקן... זאָלן זיי האָבן וואָס מער אין קויש... ס׳וועט זיי אפשר זיך שוין נישט גלוסטן צו זוכן ביי יעדן באַזונדער — און דאָס טיף־פאַרשטעקטע וועט אַזוי אַרום בלייבן... נאָך דעם איז אָבער געקומען אַ רעוויזיע אויף שעהן. מ׳האָט געמאַכט „שטיך־פּראָבן" אין די פעקלעך, ווו מען האָט נאָך געפונען פאַרשידענע זאַכן צום רעקווירירן. ווען די רעוויזיע האָט זיך געענדיקט, האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער האַלע אַריין. אין דרויסן האָט אונדז ערשט די איינפאַכע ווערקשטאָט גענומען אין דער אַרבעט אַריין. עטלעכע שעה האָבן אַלע געמוזט מיטמאַכן שטראָף־איבונגען פון לויפשריט, פאַלן, אויפשטיין, ווידער לויפן און ווידער פאַלן... ביי וועמען זיי האָבן געזען אַ בעסערן אנצוג אָדער שטיוול, האָט מען אים אַראָפּגעצויגן און געלאָזט גיין האַלבנאַקעט און באָרוויס. ענדלעך זענען מיר אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ צווייטער פאַבריקס־האַלע, אַנטקעגנאיבער. דורך די פענצטער האָט מען געקענט זען ווי מ׳פירט אין באַלויכטענעם דרויסן פּאַרטיעס מיט יידן. עס קומען אָן גרופּעס פון טויזנטער מענער און פרויען, וועלכע מ׳טרייבט אַריין נאַקעט אין די האַלעס... נאָך אַ שעה פירט מען אַ טייל אַרויס און מען טרייבט אַריין אַנדערע...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז בלויז אַ געווענטלעכע, נאָרמאַלע „פילצונג" (זוכונג), אויף וועלכער זיי האָבן צעזאַמענגעטריבן די יידן פון אַלע דריי ווערקן צוזאַמען... מיר זענען דאָרט ווי ס׳איז איבערגעקומען די נאַכט. די ווערקשטאָט איז אין פאַרלויף פון דער נאַכט אַלע מאָל אַריינגעפאַלן און זיך אויסגעקליבן קרבנות ביי וועמען אַלצדינג צוצורויבן. פון מערדער־לעכע שלעגערייען איז שוין אָפּגערעדט... אינדערפרי איז דאלסקי ווידער געקומען מיט זיינע נעכטיקע באַגלייטער און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס נעכטיקע באַרויבונגס־שפּיל. ענדלעך האָט דאַלסקי אַ באַפעל געגעבן: אָפּפירן מיר 200 מאַן אויף דער וואַרענדאַ!... ביז דער לעצטער מינוט האָבן מיר נישט געוווּסט, אַז דאָס ווערן מיר געפירט אויפן ווערק צע...

די דערציילונג איז בלויז אַ שילדערונג פון אַלטעגלעך געשעענעם און איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער פון 1942. דאָס שפּיגלט מיט זיך אָפּ דעם אַרויסריס פון די לעצטע יידן אין פאַרשידענע געטאָס, אין יענעם קרייז און פון די „האַסאַגישע" אַריינקום־אומשטענדן. אַזוי אַרום זענען זיי אַריין אין פּיסק פון דער גרויסער טויט־מאַשין.

די דייטשן האָבן פון ערגעצווו געברענגט צו שלעפּן עטלעכע הונדערט יידן מיט פּעק און בעטגעוואַנט און זיי געטריבן דורך יענעם וועגל, טיפער אין וואַלד אַריין. די ערשטע שאָסן האָבן מיט זייער אָפּהילך אָנגעזאָגט אַלע אַרומיקע — ווי אַ פּראָקלאַ־מאַציע פון הפקרות און רעכטלאָזיקייט — אַז דאָרט הייבט זיך אָן עפּעס שרעקלעכס... קיינער האָט אָבער נישט געקענט וויסן, וואָס עס ווערט אייגנטלעך אויסגעפּלאַנירט. נישט ווייט איז גע־שטאַנען די גרויסע אַמוניציע־פאַבריק און ס׳האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז דאָס גייט מען דאָ אויפשטעלן אירס אָן אָפּטיילונג; מען האָט אָבער נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שייכות אָט די באַפּעקלט און דערשראָקענע יידן האָבן דערצו...

אַ נייגעריק פויערל האָט זיך אַפילו געמאַכט אַמאָל תמעוואַטע און מכלומרשט־הינקענדיק זיך געפּרוווט דערנענטערן אַהין. אַ באַוואָפנטער אוקראַאינער איז אים אָבער אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ מינע פון אַ וואָלף: קום־קום! וועט נאָך איינער מיט זיי מיט־גיין... האָט דאָס פויערל שוין מער נישט געהינקט, נאָר ווי מיט פליגל אַוועקגעפלויגן, קוקנדיק פון דערווייטנס, אויב מ׳האָט אים נישט אַמאָל נאָכגעשאָסן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען ווידער געזען פירן אַהין אַ צווייטע גרופּע, געדיכט באַוואַכט פוןביידע זייטן. ווידער האָבן זיך געהערט שאָסן און ווידער האָט זיי דער וואַלד פאַרשלונגען מיט זיין אומגעזעטיקטן הונגער אין דער גרינער, צעפּלאָשעטער באָרד אַריין...

מ׳האָט געוווּסט, אַז דאָרטן בויט מען עפּעס. די אוקראַאינישע וואַכלייט זענען אַלעמאָל געקומען, וואָס אַ טאָג אַלץ־אָפטער, אין שטעטל אַריין צו־גאַסט. זיי האָבן פלוצים באַקומען געלט, גאָלד... זיי האָבן געשכורט און — גאָרנישט ווי זייער טבע — זיך מיטן געלט געוואָרפן; גלייך ווי זיי וואָלטן געהאַט אָן אומאויסשעפּלעכן קוואַל דערפון... טאַקע דאָס ברייט־צעוואָרפענע געלט זייערס האָט געשראָקן און ווי געבריט אין די הענט... עמעץ האָט אַפילו געפּרוווט זיך מאַכן אַ הלצהלע: — אודאי שוין אַ פּאָר יידליקעס וויניקער אויף אונדזער וועלטל... עטלעכע פּאָר שפּיזנאַויגן האָבן אָבער דערשטיקט די לעצטע ווערטער פון זיין חכמה ביי אים אין האַלדז...

האָט אַמאָל געטראָפן: אַ פויערל אַזאַ, וועלכער האָט נעכטן זיך פריילעך געוויצלט, האָט אויפן צווייטן טאָג דערהאַלטן אַ קליין גאָרנישט זאָגנדיק קוויטעלע אַז ער זאָל מאָרגן אינדערפרי זיין ביי דער געהיימער פּאָליציי... מער איז ער פון דאָרט נישט צוריקגעקומען... דאָס ווייב זיינס — אַ כוואַט פון אַ פויערטע! — האָט אַלע פיר שוואַלבן אירע צוזאַמענגענומען און איז אַוועק צו דער פּאָליציי. זי האָט די האָר פון קאָפּ זיך געריסן און ווי דער שטייגער זיך אַלעמען ממש צו די פיס געוואָרפן: אַ טאַטע... האָט זי געיאָמערט... פיר קינדער!... מ׳האָט זי גראָד רואיק אויסגעהערט; עפּעס אַ ציוויל־מאַן, מיט אַ געלער בלייפעדער אונטערן אויער, האָט דער־נאָך לאַנג געזוכט צווישן די אויסגעסדרטע קאָרטן אין אַ קעסטלע און צום צענטן מאָל ביי איר איבערגעפרעגט דעם נאָמען: ווי? מיערניק?... און רעזיגנירט געשאָקלט מיטן קאָפּ: נישטאָ ביי אונדז אַזעלכער... ווערנדיק דרייסטער פון דער אַרויסגעוויזענער העפלעכקייט, איז זי צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז איינער האָט ענדלעך עפּעס אַרויסגעפונען — מיערניק מיעטשיס־לאַוו... יאָ, אַרויסגערופן געוואָרן מאָנטיק... אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ צוגעגנבעטן ראָווער... ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומשולדיק און איז צוריקגעשיקט געוואָרן אַהיים... וואָס? ער איז נישט אַהיימגעקומען מער? אומדערהערט. יאָ, זאָל זי צוגיין

צו יענעם ביים טישל. ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע פאַלן... און שוין באַברעט זיך יענער ווייטער אין זיינע פאַפּירן... דערמיט האָט זי פון אים אַלץ אָפּגעהערט.

...ווען אַזעלכע פאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט, האָבן אַזאַ פאַרשווונדענעם באַקאַנטע מיט באַדויער נאָכגעקלערט: אָט איז ער דאָך נאָך נעכטן געזעסן צוזאַמען מיט אונדז און זיך געוויצלט!... וואָסזשע איז עס מיט אים פּלוצים געשען? בלויז קלוגע פּויערים האָבן שטיל אַריינגעבורטשעט אין די וואָנסעס אַז „ס׳איז שוין רעכט"... און אַז „ס׳איז היינט נישט קיין צייט זיך צו חכמהנען..." איז אַלץ געוואָרן שווייגנדיק... מיט שווייגן האָט מען די חברה־לייט פאַרקויפט דעם בראָנפן, ביי זיי גענומען דאָס איבערגעצאָלטע געלט און מיט האַלבע ווערטער אויסגעדונגען די גאָלדענע האַנטזייגערס, וואָס זיי האָבן מיט זיך געברענגט...

מ׳האָט זיך אָבער דאָך שנעל דערוווסט, אַז דאָרט טיף אין וואַלד ווערן אויפגעשטעלט באַראַקן און עס ווערט געפּלאַנט אַ באַן־ליניע פון דער אַמוניציע־פאַבריק ביז צו יענעם אָרט אין וואַלד. פונדערווייטנס האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן העל־גרינע בערגלעך מיט צוגעשפּיצטע קעפּלעך, אָפּגערוקט איינס פון צווייטן אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט איינס דעם צווייטן אָנצוקוקן... ווען מ׳איז געגאַנגען איבערן בערגיקן שטיקל וואַלד אַקעגנאיבער, האָט מען דאָרט געקענט זען אָפּגעריסענע מענטשן מיט אַ פאַרחושכטן אויסזען, וואָס האָבן זיך געמאַכט פייער פון געטרוקנטע צווייגלעך. זייער קאָפּ איז געווען אַרומגעהילט מיט ווייסן רויך, וואָס האָט זיך אַוועקגעריסן אין די ווייטקייטן און אָנגעזאָגט, אַז דאָרט איז פאַרלייגט געוואָרן אַ נייער מין תפיסה פאַר געמאַטערטע לעבנס.

פאַרן טויער פון לאַגער האַלטן וואַך די עלטסטעביימער פון וואַלד. פעסטע און חשובע מיט צעשויבערט־גרינע צווייגן־קודלעס, צו וועלכע אַ גערטנער־שער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט, זענען זיי אַזוי, אין זייער וואַלדיקער ביחידות צוגעוווינט אַלץ צו זען, צו הערן און צו פאַרשוויגן. אינמיטן וואַלד זענען פאַרצויגן שטעכיקע דראָטן פון דריי מעטער די הייך אין דער פאָרם פון אַ גרויסן פיר־עק, וועלכע צוימען אָפּ דאָס שטיקל פּלאַץ פאַר דער בלויער פרייקייט פון דער וועלט. נעבן די דראָטן זענען פאַרפלאַנצט יונגעביימלעך, וואָס פאַרדעקן מיט זייערע פאַרגרינטע צווייגלעך די דראָטן פאַר אַ פרעמד, פאַרבייגייענדיק אויג. צוויי מעטער פון די ערשטע דראָטן קומט אַ פיר־עק, וואָס פאַרטאָפּלט דעם כוח פון די שטעכיקע פרייהייטס־באַצווינגער... די דראָטן אַליין זענען געפלאָכטן אין פאָרם פון שאַך־קעסטלעך. אין דרויסן, פון דער וואַלד־זייט, זענען די לאַגער־גרענעצן געדיכט באַזעצט מיט קליינע ביימעלעך, וואָס זענען באַצירט מיט שוואַרצע, ווייניקע בערעלעך. זיי פאַרשטעלן חוצפּדיק־צולהכעיס מיט זייערע גרינע הענטלעך די לעצטע געקעסטלטע פענצטערלעך צום פרייעם דרויסן צו... וואָס ווייטער פון די דראָטן, אינערווייניק אַריין, ווערט די ערנוואַך פון די ביימער אַלץ שיטערער און שיטערער, ווי אַ קאָפּ וואָס הייבט אָן צו ווערן פּליכיק אינדערמיטן.

ביים שפּיץ פון וועגל עפנט זיך אַ קרומער דראָטענער טויער, דורך וועלכן מ׳פירט אַריין און אַרויס. איבער אים הענגט אין דער קרום אַ ווייסע גרויסע שילד, וואָס שרייט אַריבער צו אַלע מענטשן פון ווי־ווייט מיט וואָרענונג, פּחד־מעשיות און פאַרהילטקייט, וואָס זענען איינגעפּרעסט אין איין שוואַרץ וואָרט: יודנלאַגער...

ביי דער שוועל פון טויער איז אויסגעפּלאַסטערט אַ קליין שטיינערן בריקל. צוויי שטיינער־שפּיצן וואַקסן אַרויף פוןביידע זייטן, ווי פאַרפוילטע פּניאַקעס אין אַ ציינלאָז מויל, און ווען דער טויער צעענפט זיך מיט אַ גריל און וויל פאַרברייטערן די געעפנטקייט, כאַפּן זיי אים אָן פון ביידע זייטן ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט קורע זיין דערפאַר...

דאָ גייען יעדן טאָג אַדורך טויזנטער פיס און קנעטן אויס די ווייכע בלאָטיקע ערד מיט גראָבע שיך. אַמאָל טרעפט, אַז אַזאַ שוך נויגט זיך אָפּ אָן אַ זייט און שטעמפּלט זיך דאָרטן אַריין. שפּעטער קומט אַ זון און טרונקט אַרום זיינע שפּורן, האַרטעוועט אויס זיין פאָרם ווי אַ דענקמאָל פאַר ציטן, וואָס וועלן אַלץ פון דאַנעט אַוועקווישן... און אַמאָל טרעפט אויך, אַז אַ מענטש ווערט דאָ מיד און ציט זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג אין דער זייט — בלייבט זיין מטושטשע פאָרם גליווערן אין דער פעטער, בלאָטיקער מאַסע און דערציילט וועגן מידן כוח־אויסלאָז, יעדן טאָג מיט דער זעלער שטומער שפּראַך...

נישט ווייט פון טויער שטייט שטענדיק אַ מאַן מיט אַ שוואַרץ־רויט היטל און היט דעם טויער. אַמאָל איז עס אַ שפּרינגעוודיק־יונגער חברה־מאַן, וואָס קען נישט איינשטיין אויף איין אָרט און לויפט אַרום מיט די אויגן אין אַלע זייטן; און אַמאָל איז עס אַ גרוילעכער קאָפּ וואָס דרעמלט שטייענדיקערהייט. בלויז ווען עס טראָגט אָן עפּעס אַ גרינעם מונדיר, שפּרינגט ער אויף אינסטיקטיוו און רייסט אויף מיט ציטעריקע הענט דעם טויער...

אין די וועלדער אַרום איז פאַרבאָטן אַ ציוויל־מענטש פאַרבייצוגיין. בלויז אַרבעטער פון דער פאַבריק איילן דאָ שנעל פאַרביי, קוקנדיק מיט זייטיק־נייגעריקע בליקן אין יענער ריכטונג.

אַמאָל בלויז, ווען פון לאַגער אַרויס פאָרט אַ גרויסע, הויך־אָנגעלאָדענע פור, צוגעדעקט מיט פּאַפּירן און שמאַטעס, קוקן גלייכגילטיקע אויגן איר נאָך פון דערווייטנס... מען ווייסט, אַז דאָ פירט מען שוין ווייטער אַ באַרג מיט טויטע צוזאַמען מיטן מיסט אין וואַלד אַריין... קיינער נעמט זיך אָבער דערמיט נישט איבער. דער, וואָס טרייבט אָן מיט די פערד, איז האַרט־פאַרשוויגן, אַזויווי דאָ וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען און דער, וואָס דרימלט ביים טויער, מאַכט בלויז אַן אומצעפרידענע מינע דערפון, וואָס ער מוז ווייטער זיך גראָבלען מיט די שליסלען ביים טויער, וועלכער האָט זיך ליב אָפּט אַראָפּצולאָזן אויף די פּאָר שטיינער און עקשנותדיק זיך צוהאַלטן אין זיי. אַזוי אַז מ׳האָט אים מיט געוואַלד געמוזט צושלעפּן צו דער שליסל־קלאַפּע... ווייטער גאָרנישט.

ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו זען אין דעם עפּעס אויסטערלישס. בלויז ווען אַ מחנה האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט, האָט איבער דער לופט געשוועבט אַ נישט־דערזעענע פאַרוווּנדערונג. דער וואַלד פון אַרום האָט אויפגעכאַפּט יעדן קלאַפּ פון אַ טריט מיט פאַרוווּנדערונג אינעם עכאָ, אַזויווי עמעץ וואָלט זיך אַ שפּאַס געמאַכט: יודנלאַגער?...

✶ ✶
✶

נישט ווייט פון שאָסיי האָט זיך אָנגעהויבן דער שטח פון דער פאַבריק. אַהער זענען יעדן טאָג פאַרפאָרן מיליטערישע אויטאָס, אַריינגעפירט און אַרויסגעפירט פאַרשידענע מאַטעריאַלן. האַרט ביים טויער איז געשטאַנען שטרענגע וואַך וואָס האָט שטרענג רעווידירט יעדן פאַרבייגייער. די גאַנצע פאַבריק האָט געשטעקט אין וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף הונדערטער קילאָמעטער. אַרום האָבן זיך גענומען באַווייזן די ערשטע פאַרטיזאַנער און מ׳האָט זיך געקענט ריכטן, אַז זיי קענען אָנטאָן צרות דער פאַבריק. איז דערפאַר די פאַבריק שטרענג געהיטן געוואָרן. געדיכטע דראָטן־נעצן האָבן די פאַבריק אַרומגענומען ווי אַ

גאַרטל און הונדערטער אוקראַינער און זעלנער פון טאַטערישן לעגיאָן האָבן אַרומגעקרייזט טאָג און נאַכט און געהיטן די פאַבריקס־גרענעצן.

די מערהייט אַרבעטער זענען דאָ געווען פּאָליאַקן. זיי זענען יעדן טאָג אַהער געקומען און מיט פינצטער־צעקנייטשטע בליקן זיך אַריינגעגליטשט דורך דער וואַך. ביי באַגעגענען אַ דייטש האָט זיך זייער אַקסל אַ בויג געטאָן אונטערטעניק. בלויז זייער אויג האָט אַ פינקל געטאָן מיט חניפהדיקער ווייכקייט און האַרטער שנאה צוזאַמען. פון אַזאַ בליק האָט מען קיינמאָל נישט געקענט אַרויסלייענען אויף קלאָר, וואָס ער טראַכט, ווען ער חנפעט און דינט און פאַר וועמען ער האָט דאָס צוגעגרייט אַזויפיל שטילן, שטעכיקן גיפט... צו אַזעלכע קען מען גאַרנישט האָבן זיי טוען זייער אַרבעט מיט אַ פאַרביסענעם שווייגן. קענסט קיינמאָל נישט וויסן, אויב דאָס שווייגן נעמט זיך פון אָנגעשטרענגטקייט צו מאַכן די אַרבעט בשלימות, פון נישט וועלן פאַרלירן אַן איבריקע מינוט, אָדער זיי לייגן דערין אַריין און וואַרעמען טיף אין זיך אויס אַ פּלאַן פון גרויזאַמער נקמה... פאַר פינצטערע בליקן קען מען קיינעם נישט באַשטראָפן, בפרט ווען זיי זענען פאַרטאָן אין דער אינדוסטריע... מיט אַזעלכע דאַרף מען אָבער שטאַרק פאָרזיכטיק זיין, קוקן אין יעדן ווינקל מיט טויט אויגן...

ס׳איז אָבער דאָך בעסער, ווען זיי וועלן דאָ נישט זיין... דאָ אויף זייער היימיש שטיקל ערד קענען זיי נאָך צאָרנען, פילן זיי זיך נאָך זיכער, וויסנדיק אַז אַרום זיי געפינען זיך אַזויפיל חברים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פאַרנעפּלטע וואַלד־סודות און מיט פאַרשידענע בלעטלעך אַזעלכע פון העקטאָגראַף אַפּער, וואָס צינדן אָן בלוטן... דאָ איז זייער אויג ווי אַ צוויישאַרף פון אַ שווערד; אָט לעקט עס דיך מיט חניפדיקן מילד און אָט, ווען דו באַפעלסט אים אַ שטיקל שווערע אַרבעט, באַדעקט די זעלבע אונטערטעניקייט אַ קוים־מערקבאַר פאָספאָר־גלענצל וואָס זאָגט נישט קיין גוטס... אין דייטשלאַנד וואָלט אַזעלכער געווען אָפּגעריסן פון אַלע און זיין פאַרביסן שווייגן נישט געקענט אַרויספּלאַצן פאַר קיינעם, נישט געקענט זיך אָנשעפּן מיט נייע שנאהפלענער ערגעץ אין אַ באַגראָבענער כאַלופּע... דאָרט וועלן זיי זיין געצוימטע שקלאַפן... בפרט אַז דער פראָנט באַדאַרף נישט בלויז שיס־מאַטעריאַל נאָר אויך מענטשן, מענטשן! און דאָ דאַרף מען אַזויפיל אויגן היטן!...

האָבן אָנגעהויבן אָפּצוגיין געפּאַקטע צוגן מיט פּוילישע אַרבעטער קיין דייטשלאַנד... די פאַבריק האָט עס די ערשטע צייט נישט געשפּירט. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען פון אַלע זייטן האָט מען געפירט לאַנגע צוגן מיט אָנגעגאָסענעם טויט און מ׳האָט ווי פאַרגעסן פון דעם אָפּגעזונדערטן אָרט צו פאָדערן זיין גאַנצן צושטייער. דאָ זענען בלויז געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען. עס זענען געקומען פאַרשידענע אינזשיניערן, געצייכנט פּלענער און אָפּגעקליבן פרישע פּלעצער אויף באַראַקן. אין די נעכט זענען אָנגעקומען פּלאָמבירטע צוגן מיט אַזעלכע מאָדנע משונהדיקע מאַשינען, וועלכע די געטאָ־יידן האָבן אויסגעלאָדן אין די אָנגעצייכנטע ערטער און באַדעקט זיי מיט שווערע ברעזענטענע פּלאַנדעקעס. דערווייל אָבער האָט די פאַבריק געאַרבעט אָן פיבער און טיילן פון די אויסגעאָרבעטע גראַנאַטן האָט מען אָפּגעלייגט אין די ריזיקע, ניי־אויסגעבויטע באַראַקן, ווי מ׳וואָלט דאָ עפּעס געזאַמלט אויף אַנדערע צייטן. פון די פאַרמוחטע שטערנס ביי די פרישע מענער אין די געלע מונדירן האָט מען אָבער געקענט אַראָפּלייענען, אַז דאָ גרייט מען שטילערהייט צו אַ גרויסן שטורעם, וואָס וועט זיך פּלוצים אַ צעלאָז טאָן מיט אַ ווילדן כוח. דערווייל האָט מען אַלץ געהיטן. נישט געלאָזט קיין זייטיקן צוגיין נאָענט און אַפילו די אינזשיניערן האָבן מיט אומצוטרוי באַטראַכט איינער דעם צווייטן...

ס׳איז קלאָר געווען, אַז אָט־דאָס פאַרוואָרפענע אָרט וועט נאָך אָנהייבן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל. דערווייל זענען אָבער נאָך געשטאַנען פּוסטע פאַבריקס־האַלעס און לאַנגווייליק געגענעצט. די פּאָליאַקן זענען געוואָרן וואָס ווייניקער אויפן פאַבריקס־שטח. טייל זענען אַוועק מיט זייערע הילצערנע טלומעקלעך איבער ווייטע וועגן און אַנדערע האָבן אָנגעהויבן נעכטיקן אין די וועלדער... דערפאַר אָבער זענען געקומען פון אַלע זייטן מאַשינען... מאַשינען אָן מייסטערס, וואָס האָבן כסדר אומצופרידן געברומט צו די געקאָרבעטע, הילצערנע גופים וואָס זענען זיי געשטאַנען אויפן וועג...

בלויז איינמאָל, ווען אַ גרופּע אַרבעטער זענען אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָבן זיי געזען ווי דער הויכער אינזשיניער שמיץ האַלט אַ פרישע צייטונג מיט אַ מאַפּע און ער ווייזט עפּעס דעם פאַבריקס־דירעקטאָר ד״ר ראָסט. ער שמייכלט דערביי פאַרהוילן און רעדט אין אים אַריין מיט אַ פול מויל. אינמיטן רעדן האָט ער זיך אויסגעדרייט און אויסגעשפּיגן. דער ווינט האָט אַוועקגעכאַפּט זיין שפּיי צוזאַמען מיטן לעצטן זאַץ, וואָס ער האָט דערביי פאַרלוירן. בלויז פלינקע אויערן האָבן קוים אויפגעכאַפּט זיין טעמבער־שפּליטער, וואָס דער ווינט האָט אונטערגעהערט, אַוועקגעגנבעט און צוגעטראָגן שטיפעריש צו יעדנס אויער:

— איצט קומט אונדזער ריי...

די צוגעדעקטע מאַשינען זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. ווו נאָר אַ האַלע, האָט מען זי אָנגעשטאָפּט מיט מכשירים, וועלכע האָבן זיך צעברומט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן ירגזון... ס׳האָבן גענומען פאַרפעלן אַרבעטס־הענט. וואָס איז עס געשען מיט די קאַלט־אויסגערעכנטע דייטשן? נעכטן נאָך האָבן זיי געמיינט, אַז דאָ וועט נאָך זיין אַ לאַנגע צייט רואיק; האָבן זיי פאַרשלעפּט די אַרבעטס־כוחות אויף וויכטיקערע פּלעצער... און אָט פּלוצים האָבן זיך די מאַשינען צעברומט, גענומען קריצן מיט די רעדערדיקע ציין, פאַרוואָס קיינער ציט זיי נישט אָן, גיט זיי נישט אָנצופרעסן זיך מיט אייזן און דינאַמיט, ווי זיי דאַרפן עס צו האָבן...

אין אַלע זייטן פון אייראָפּע האָבן זיך די קאַנאָנען צעדונערט. אין די טונקל־פאַרמאַסקירטע קאַנצעלאַריעס האָט מען אויסגעוועבט פאַפּירענע פּרוכתן, וואָס זענען זיך צעפאַלן איבער אַלע עקן וועלט און זיך צעברילט: פייער!!! פון דרום ביז מערב; פונעם קאַלטן נאָרוועגן ביז די הייסע וויסטענישן פון טאָברוק. אויף די רוסישע פראָנטן האָט אַ קאַלטער פראָסט זיך גענומען שליידערן ווי אַ פאַרווונדערטע חיה אויף איר מיליאָנען־קעפּיקן אָנגרייפער. דער שונא האָט זיך דערשראָקן און געטאָן דעם ערשטן טריט אויף צוריק... פון יענער זייט האָט מען דערשפּירט, אַז מ׳האָט דער נצי־חיה געגעבן אַ ווייטיקדיקן שמיר איבער די נעגל — האָט עס געטאָן אַ שפּאַר אויף זיי מיט מענטשן־ימיקן עקשנות־אָנגריף... האָט עס אויפאַמאָל אויפגעזאָטן מיט פיבערדיקן געברויל פון אַלע זייטן: פייער! וואָס מער פייער... אָבער די צוגן שלעפּן זיך פון ווייט, זיי לויפן פאַרסאָפּעטע ווי דער טייוול אַליין וואָלט זיי געטריבן; שטענדיק דוכט זיך אָבער, אַז זיי זענען צו־שפּעט געקומען... מוז מען דעם וועג קורצער מאַכן... קורצער? מיט וועלכן כשוף? אָנשטאָט פון לייפּציק, פון קעלן אַם ריין מוז די פאַרדאַרבונג געברענגט ווערן פון ראַדעם און פון טשענסטאָכאָוו! דאָס וועט זיי נענטער און בעסער... זאָלן זשע אַלע קעסלען זיך ברוישן, זאָל עס זידן און ברענען וואָס שנעלער, וואָס שנעלער...

אָבער „פייער!" און אייזערנע משחיתים מוזן מענטשלעכע הענט גיסן, רייניקן, פּוצן... האָט אַלץ אויפּגעמאַל אויפגעקאָכט. טויזנטער שלעפעריקע הענט האָבן אין אַטראָפּירטן געאייל געגומען שטעלן איין באַראַק נאָכן צווייטן, אויסגראָבן אין וואַלד בונקער נאָך בונקער און ווידער שלעפּן איין משוגענע מאַשין נאָך דער צווייטער פון די מיט־גרינס־מאַסקירטע צוגן אַראָפּ...

אָבער דאָרט אין דער אומבאַשטימטער ווייט האָט מען זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער פּראָדוקציע. אַלעמאָל זענען געקומען צו פליען אַנדערע שליחים מיט האָריקע קראַגנס פאַרוואָרפן איבער די אָפיצירישע שינעלן. זיי זענען אַריין מיט פלאַם־בלויע פּנימער און פינצטער־בליקן און די אויגן און מיט היץ אַריינגעטריבן כוואַליעס גליענדיקע רייד אינעם פאַבריקס־דירעקטאָר אַריין... נישט איינמאָל האָט מען זייערע שרייענדיקע קולות געהערט זיך אָפּשלאָגן אין די ווענט פון די טויבלעכע האַלעס... זיי זענען עפּ"י רוב באַלד אויפגעזעסן אויף דעם וואַרטנדיקן אויטאָ און אַוועקגעפלויגן מיט אַ שדישן געאייל.

דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, ד"ר ראָסט, פלעגט נאָך אַזעלכע באַזוכן אַריינפאַלן אין די האַלעס געפּערלעך־אויפגערייצט. זיין גרויסער הונט איז געלאָפן פאָראויס און נאָך עפּעס גענישטערט מיט די אויגן און מיטן ווידל. ער האָט גלענצנדגוט פאַרשטאַנען דעם באַלעבאָס זיינעם, דער כלב! ער האָט באַקומען דעם זעלבן פאָרשערישן בליק און פונקט ווי זיין ברויטגעבער האָט ער געגישטערט נאָך פאַרשידענע עבֿרות... גלייך ווי ער, דער הונט פון וועלפישער ראַסע, וואָלט דאָ געווען וויצע־דירעקטאָר. זיין אויג האָט נאָך מיט אַ געניטער אויג פאַר ראָסטן דערשנאַפּט אַן אַרבעטער, וואָס האָט אויף אַ רגע געכאַפּט דעם אָטעם; מיט איין שפּרונג איז ער געווען אויף יענעמס קאָפּ און איינגעביסן זיך אין אַן אויער... ד"ר ראָסט איז דערביי געשטאַנען פונדערווייטנס און זיך צוגעקוקט פאַרפלויגן, ווי זיין הונט מאַכט אָרדענונג אין דער פאַבריק... ער האָט בלויז געוואָרט, ביז דער מייסטער פון דער האַלע איז צו אים צוגעקומען. דאַן האָט ער אַרויסגעשליידערט פון זיינע דינע ליפּן אַ קורצן זאַץ, אַ שטרענגע ציפער און אַפילו נישט דערהערט, וואָס יענער וויל אָפּווענדן... ער האָט בלויז אַ קרומען שמייכל געטאָן צו זיין הונט פון דערווייטנס ווי איינער זאָגט: מ'דאַרף גיין ווייטער, טייערער... די צייט שטייט נישט... דער הונט — דאָס איז טאַקע געווען דער איינציקער, וועמען די ביינערדיק־קרענגלעכע האַנט פון דער הויכע, שטרענגער גליוווער־מאַסע האָט געצערטלט און מיט זיינע קאַלט־בלייכע ליפּן באַשמייכלט...

נאָך זיין אַוועקגיין האָט די האַלע נאָך מער זיך צעקרעכצט און צעפיבערט...

...שווערע אויפגאַבן האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די אַקסל פון אָט־דעם דאַרן דירעקטאָר. די גאַנצע וועלט מוז פלאַמען און ער מוז דאָס פייער דערצו מיטשאַפן, וואָס מער באַשאַפן! ער האָט שוין אַלע מיטלען אויסגענוצט, בכדי די חושך־פאַרפלאַמטע אָפּיצירן־פּנימער צופרידנשטעלן ביי יענע אָבער שאָקלען זיך כסדר טויטע קעפּלעך אויף די היטלען מיט געבייזער, גלייך ווי ער וואָלט עס געווען דער שולדיקער אין דעם, וואָס „דאָרטן" האַלט אין איין פאַרפעלן ווייס־איך־וואָס־אַלץ... פון אַ פּראָדוקציע, וואָס האָבן באַטראָפן 5 טויזנט שווערע גראַנאַטן טעגלעך האָט ער זי דערהויבן ביז 20 טויזנט און פאַר זיי איז עס נאָך אַלץ ווייניק...

פון געהיימע צעטלעך אַרויס לייענען זיי פאַר אים וויפל מ'שיסט אויס אין איין שעה אויפן פראָנט אַזעלכע משחיתים, וועלכע ער פּראָדוצירט; אויפן מינדסטן מזרח־אָפּשניט... ער

דאַרף דאָס וויסן... וואָס ער קען נאָך טאָן אַלס פאַבריק־דירעקטאָר? מאַשינען פעלן נישט. מ'קען ברענגען וויפל ער וויל. זאָל מען האַקן די וועלדער! זאָל מען שניידן ברעטער און בויען, וואָס מער באַראַקן אויפשטעלן און גיסן גראַנאַטן! אונטערטרייבן זאָל ער! זאָל מען ברענגען נאָך פאַכלייט און — זאָל מען שלאָגן! ביען די פעל, אַבי ס'זאָל זיין מער אַרבעט... איז ער דייטשער אָפיציר אָדער נישט? ווייסט ער דען נישט, אַז דאָ גייט אַ געיעג מיט דער צייט? פאַרוואָסזשע בויט מען דאָ אַ באַראַק צוויי זאָג און זיין פאַבריק ליפערט בלויז קריגס־מאַטעריאַלן פאַר אַ האַלבע סעקונדע פון אַן אינטענסיוון פראָנט? ———

קיינער וויל נישט הערן זיינע טענות. יענע זענען געקומען דערצאָרנטע בלויז, בכדי אויסצוגיסן, אויסצושיטן זייערע פאַרוואָרפן, אָבער נישט בכדי אויסצוהערן זיינע חשבונות... און ער קען נישט אַנדערש, מיט זיין גאַנצער אכזריותדיקער אויסגערעכנטקייט קען ער מער נישט באַווייזן!

די אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן מיט נישט־קוואַליפיצירטע פוילישע כוחות. ס'האָט געדויערט, ביז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו גיסן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל ביי דער געהעריקער טעמפּעראַטור, ביז דאָס לאָך פאַרן צינדער איז ביי זיי גלאַט אַרויסגעקומען... און שפּעטער, ווען די פּראָדוקציע איז שוין אַוועק נאָרמאַל און ער האָט גענומען חלומען וועגן אַ נאָרמע־פאַרשטייגערונג, איז געקומען אַ באַפעל: 2 טויזנט „קוואַליפיצירטע" — פאַר לייפּציק!... מוז ער ווידער זוכן פרישע הענט, לויפן אין די רעגיסטראַציע־אַמטן, און אָפּשטיין שעהן ביי געזונדהייטס־קאָמיסיעס אויף יונגע פּויערים מיט טעמפּע פּנימער, וואָס וועלן מוזן אָנהייבן קנעלן פונדאָסניי... אָבער „זיי" ווילן דערפון נישט וויסן. זיי ווילן נישט פאַרשטיין, אַז צו אַ פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע מוז מען האָבן מענטשן; אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן איינפאַרלייבט זיין מיט דער מאַשין, זי קענען פאַרשטיין אויפן ווינק...

מוז ראָסט קלערן, די גאַנצע ראַפינירטקייט פון זיין מח אָנווענדן אויף איין עצה: מענטשן! ווי אַזוי באַוואָרנט מען, אַז מ'זאָל זיי פון אים נישט צונעמען, ווי אַזוי באַקומט מען זיי אין אַ געהעריקע צאָל, פאַר אַלע באַראַקן... פאַר אַלע האַלעס!?...

אַ באַזונדער קנאה טראָגט דער ד"ר ראָסט אויף זיין לייפּציקער חבר, דעם אינזשיניער שמיץ. יענער וויל דאָ פאַרלייגן אַ גאַנצע פאַבריק פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן. דערווייל האַלט ער אין איין שטעלן באַראַקן פאַר זיין אָפּטיילונג. ער אַליין טוט אַכטונג אויף דעם בוי און פירט אָן מיט דער אַרבעט. אין ראָסטס אָפּטיילונג טאָרן קיין יידן נישט צוגעלאָזט ווערן; דערפאַר אָבער פאַרשלינגט שמיץ אַלע יידן־טראַנספּאָרטן פאַר זיך. זיי שניידן אויס די וואַלד־שטיקער, שלעפּן די ברעטער און שטעלן אויף די ווענט. ער האָט זיי גענוג, שוין איבערגענוג... ביי אים ווערט אַלץ פּאַרטיק לויטן פּלאַן און לויט דער אָרדענונג. שוין בלויז דערפאַר איז אים מקנא צו זיין.

גאַנץ באַזונדער איז יענער דאָס פּונקט־אַקעגנזאַץ פון אים: אַ הויכער און דיקער מיט אַ פּול, זאַט פּנים, איז ער שטענדיק אויך פול מיט פריילעכן לעבן. דער ד"ר ראָסט, וועלכער זעט אויס ווי אַן אויסגעווייקטע מומיע פון אַ קלויסטער־קעלער אַרויס, קען נישט פאַרטראָגן דאָס פולע, דיקע געלעכטער פון דעם גבורהדיקן דרייסיק־יעריקן שמיץ... ווי קינסטלעך יענער מאַכט עס! יעדן דריטן טאָג פאָרט ער קיין בערלין אָדער לייפּציק און קומט צוריק מיט פרישע פּאַפּירן, באַשטעטיקט פון די העכסטע מאַכט. עפּעס אַרבעט ער איבער אַ פרישער דערפינדונג, דער שמיץ, וואָס דאַרף אַדורכצופירן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דער ביז־איצטיקער

קריגס־טעכניק. דער טיוול ווייסט אים, וואָס ער מאַכט דאָרט פאַר אַ נאָטיצן, שטריכן און פּאַסקעלעך אויף לענגלעכע שטיקלעך פּאַפּיר! ער מאַכט זיינע צייכענישן, ווו נאָר ער גייט און שטייט: ביים עסן, רויכערן און אַפילו ביים אָבסערווירן די באַוועגונג פון אַן אַרבעטנדיקן ייד... ס'איז אָבער גענוג, ער זאָל אַוועקפירן אַזאַ פּעקל נאָטיצן מיט זיך און ער זאָל צוריקקומען מיט די אַלערהעכסטע פולמאַכטן... נאָך יעדן מאָל, ווען ער קומט צוריק פון דייטשלאַנד, קומען אָן פון דאָרט אַזעלכע מאָדנע מאַשינען, וואָס ער אַליין זאָל האָבן אויסגעפּלאַנירט. ער אַליין שטעלט זיי דאַן צוזאַמען אין די נייע באַראַקן, וואָס די יידן שטעלן פאַר אים אויף און לאָזט פּראָדוצירן אַזעלכע קליינע שרייפלעך, וואָס מען פאַרפּאַקט זאָרגפעלטיק אין קעסטלעך און זיי ווערן באַהאַלטן אין די מאַגאַזינען...

אַ מענגע מיט מענטשן דאַרף אָט דער שמיץ פאַר זיינע אויסאַרבעטונגען. ער באַקומט זיי אָבער שטענדיק... יעדעס מאָל קומט ער בלויז צופאָרן אויף זיין מאָטאָציקלעט, אין וועלכן עס וויגט זיך זיין גרויסער, ברייטער גוף און פרעגט זיך: זענען דאָ גענוג מענטשן?... מיט די בלויע רייזע־ברילן פאַררוקט אויפן שטערן באַקוקט ער יעדעס שרייפעלע און טיילעכע באַזונדער און שמייכלט אין זיך אַריין צופרידן... און דאָס אפשר אַרט ראָסטן אַממייסטן: אַ מענטש זאָל קענען אַזוי זעלבסטצופרידן שמייכלען!... שוין בלויז דערפאַר אַליין איז ער ווערט, מען זאָל אים פיינט האָבן.

נאָך מער אָבער טוט עס ווי דעם קרענקלעכן ראָסט, ווען ער זעט שמיצן זיך אַריינדרייען צווישן די פרויען, וואָס אַרבעטן אויף זיין אָפּטיילונג און אויסטיילן זיי שמייכעלעך מיט זיינע דיקע, פולע ליפּן. אַ כעס נעמט אים אַרום אויף די נאַרישע גענדז. ווי זיי ווערן נתפעל, די אידיאָטישע ווייבער, פאַר אָט־דעם שמייכל! און שמיץ קען אַזוי אָפּשטיין שעהן, שמייכלען און שפּאַסן מיט די ווייבער און יענע טוען דערווייל גאָרנישט, נאָר רינגלען אים אַרום, שלינגען אים מיט די אויגן און כיכיקען היסטעריש ביי יעדן ריר, וואָס יענער מאַכט מיט די ליפּן...

אַלס מיט־אַקציאָנער צו דער פאַבריק קען דאָס ראָסט נישט פאַרשווייגן; האָט ער אַפילו געפּרווט אַמאָל אויפמערקזאַם מאַכן זיינע העכערע־פאָרגעזעצטע, אַז ער ליידט פון אַ געוואַלדיקן מענטשן־מאַנגל; בכדי צו קענען אַוועקשטעלן די פּראָדוקציע אויף די געהעריקער הויך, מוז ער האָבן העגט... וואָס מער העגט! ס'איז אַפילו זייער שווער זיי צו באַקומען. די היימאַט פאַרלאַנגט און פאַרלאַנגט אָן אויפהער און דער רעזערוואַר פון פוילישער יוגנט איז באַשרענקט... מען קען דאָס לאַנד נישט אויסליידיקן אויפאַמאָל; ס'איז פרעמדע ערד און מ'טאָר נישט צופיל אויפרייצן די פינצטערע פוילישע געמיטער... ער אָבער, ראָסט, וואָלט צו דעם געפונען אַן עצה... עס איז גענוג ראַציאָנעל צו פאַרטיילן די שוין־פאַראַנענע כוחות און די רעזולטאַטן וואָלטן געווען אינגאַנצן אַנדערע. אָט אַרבעטן, למשל, אין שמיצס אָפּטיילונגען אַזויפיל מענטשן, וועלכע וואָלטן געקענט טיילווייז אַריבערגעפירט ווערן אין דער גראַנאַטן אָפּטיילונג אָדער ביי דער פּיקרין... דאָ ברענט די אַרבעט און דאָרט — — —

אַ שטעכיק־קאַלטער בליק רייסט אים אָבער שטענדיק איבער און ער מוז פאַרשלינגען די לעצטע ווערטער אין זיך אַריין. דער הויכער, דאַרער אָבערסט פון דער „הערעסאבנאמעשטעלע" האָט אים אַפילו איינמאָל אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, ער זאָל אַביסל פאַרזיכטיקער זיין ביים רעדן וועגן שמיצן, ווייל... ערשט נאָכן אַנטגילטיקן זיג פון דער דייטשער שווערד וועט ער וויסן, ווער שמיץ איז געווען פאַר דער דייטשער קריגס־מאַשין... גאַנץ באַזונדער ווייסט ער דאָך, וועלכע ראָל שמיצס פאָטער שפּילט... האָט ראָסט געמוזט צוזען מיט טיפער קרענקונג, ווי אַזוי טויזנטער הענט גייען פאַרלוירן ביים סאָרטירן קליינע, מאָדנע שרייפלעך פון איין קאַסטן אין צווייטן אַריין; שמועסנדיק מער צווישן זיך ווי אַרבעטנדיק...

איז ער נישט איינמאָל געזעסן ביז טיף אין דער נאַכט, געחשבונט לאַנג און גענוי, וויפל אָט די רעטענישפולע טיילעכלעך קאָסטן שוין אָפּ דער אַקציען־געזעלשאַפט. די לאַנגע און אויספירלעכע חשבונות פלעגט ער אַחעקשיקן ווי אַן אָנצוהערעניש אין דער צענטראַלע אַריין... שטענדיק איז אָבער געקומען דער זעלבער ענטפער: מ'ווייסט!... און אַ באַמערקונג דערביי: פּראָדוצירן! וואָס מער פּראָדוצירן...

און וואָס מער ראָסט האָט געאַרבעט און אַרומגערודערט אין דער פאַבריק, אַלץ מער אומרואיקער איז ער געווען און נערוועזער. אומזיסט האָט אים זיין הויכע, דיקע פרוי געראָפן אין די נעכט; זיין מח איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט דער פאַבריק און זיינע גערייצטע פלענער אַרום איר... אַמאָל, נאָך לאַנגע שעהן אַרומרעכענען מיט דער בלייפעדער, איז ער שוין צוגעשטאַנען מיט אַ צוגעדריקטן שטערן ביי דער שויב פון גרויסן פענצטער, ביזן ווייסן פאַרטאָג...

★ ★ ★

באַ ראָסטן אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן געבוירן ווערן אַ פּלאַן. וואָס אַ טאָג איז ער ביי אים געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער: ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אויב עס וועט זיך לאָזן אַדורכפירן. ער האָט זיך גענומען אָפּרייסן אויף גאַנצע שעהן צו יענעם שטיקל וואַלד, ווו שמיצס באַראַק־אָפּטיילונג האָט געאַרבעט.

יידן, מיט אָפּגעברענטע ברוינע גופים; מיט דעם לעצטן שפּור פון יוגנטלעכער פרישקייט, האָבן געשלעפּט שווערע באַראַק־דעכער און זיי אָפּגעלייגט מיט אַן אָרדענונג אויף די באַשטימטע פּלעצער. אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט די דינע ווענט און מיט דער הילף פון הילצערנע האַמערס צוגעפּאַסט און צוזאַמענגעקלאַפּט איין וואַנט צום צווייטן. אַנדערע האַלב־נאַקעטע גופים זענען געשטאַנען אויף די פּראָוויזאָריש־פאַרלייגטע קלעצער איבער דעם שפּיץ פון באַראַק־סקעלעט און אַרויפגעצויגן מיט גראַנדיאָזער פלינקייט די שווערע דאַך־פּלאַטן איינעם נאָכן אַנדערן.

ראָסט איז דערביי געשטאַנען שעהן פונדערווייטנס און געטראַכט זיך די מחשבֿותן זיינע. זיין אויג האָט איינגעשלונגען יעדע באַוועגונג, יעדן טרייסל פון די מוסקול אויף די נאַקעטע הענט און זיין מח האָט גערעכנט... ער האָט באַוווּנדערט אָט־די לעצטע זין פון פאַרשאָלטענעם פאָלק. אָן צו באַקומען אַ גראָשן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, קוים אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ וואַסערדיקע זופּ איבערן טאָג... און דאָך שטעקט נאָך אין זיי יענער לעבנס־טריב און אַרבעטס־קראַפט פון יונגע, געזונטע מענער...

נישט איינמאָל האָט אים אַ כעס אַרומגענומען אויף יענער געהיימער קראַפט, וואָס באַשטימט גורלות. אָט שטייען פאַר אים מענטשן, וועלכע זענען באַשטימט צו פאַרניכטן; נישט קיין אונטערשייד, אויב זיי וועלן זיין געזונט און קרעפטיק אָדער שוואַך און קרענקלעך. איבער זייער גורל האָט מען שוין דאָרט, אין בערלין, פון לאַנג אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל: ט ו י ט!... וואָס־

זשע דאַרפֿן זיי נאָך די געזונטע מוסקולן זייערע, די רונדיק־געפּאָרמטע קערפּערס!? און ער, דער וועלכער געהערט צו דער זיגערישער, לעבנס־באַרעכטיקער ראַסע און קען באַפֿעלן איבערן לעבן און טויט פֿון טויזנטער — זיינע לונגען זענען נישט אין אָרדענונג... און אין זיין קערפּער טראָגן זיך אַרום צעשפּליטערטע ברעקלעך פֿון אַ פֿאַרוואָרצלטן טובערקולאָז... ער, וועלכער קען האָבן פּרויען וויפֿל ער זאָל נישט וועלן — קען נישט האָבן דעם כּוח פֿאַר זיין אייגענער פֿרוי און דאָ זעט ער פֿאַר זיך אַזויפֿיל יונגע מענער־גופים, אין וועלכע עס דרימלט נאָך הייס בלוט און כּוח...

אַ שרעקלעכער כּעס באַהערשט אים אויף דער זינלאָזער פֿאַרטיילונג פֿון דעם משונהדיקן לץ אין דער נאַטור־מאַסקע: העי, אויף וואָס דאַרפֿן זיי דען זייער גאַנצן יוגנט־פֿרישקייט, אָט די שקלאַפֿן!? אַז מאָרגן וועלן זיי סיי־ווי ליגן מיט אַדורכגעשאָסענע שאַרבנס אין אַ גרויסן מאַסן־גרוב... אַך, ווען ער קען צוגיין צו איינעם פֿון זיי און אים אַ באַפֿעל טאָן: שמוציקער יודע, דו איינער! גיב אַהער דיין יונגקייט און דיין שטאַרקייט!... ווי גוט דאָס וואָלט געווען... ער איז אויך בייז אויף דער גאַנצער מעדיצינישער בריהשאַפֿט וואָס האָט נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויסצוטראַכטן אַזאַ מאַשין, מיט וועלכער מען זאָל קענען איבערגיסן דאָס געזונט און די קראַפֿט פֿון איין מענטשלעכן קערפּער אין צווייטן אַריין. דאָס בעסטע אויף דער וועלט וואָלט געווען, ווען ער קען צוגיין צו אָט־אָ יענעם, זיך איינבייסן מיט די חלושדיקע ציין זיינע און אויסזויגן פֿון אים דעם גאַנצן מאַרך, דעם גאַנצן רויטן כּוח וואָס ליגט אין אים פֿאַרחתמעט אין די אָדערן און דערמיט באַקרעפֿטיקן דאָס אייגענע האַלב־אָפּגעשטאָרבענע בלוט — — —

ער איז אָבער דערצו מאַכטלאָז. דאָס רייצט אים נאָך מער און רופֿט אין אים אַרויס נקמה־געפֿילן... יאָ, נקמה אין די, וואָס האָבן נישט דאָס רעכט צו לעבן און האָבן דאָך די העזה צו טראָגן אין זייערע בלוטן דעם כּוח דערצו...

פֿון טאָג צו טאָג ווערט ראָסט געררייצטער.

* * *

דערנענטערט ער זיך אַמאָל, מיט טריט פֿון אַ שטילער קאַץ, צו אַזאַ גרופּע. ס׳פֿיבערט ביי אים אַלץ פֿון טונקעלע, אומקלאָרע באַגערן. ער באַמיט זיך אָבער צו באַהערשן. אויך דער כּעס, וואָס עגבערט שטיל, פֿאַרשאַפֿט אַ טיפֿע ווייטאָגדיקע הנאה און ס׳איז אַ שאָד, ער זאָל שנעל און אויפֿאַמאָל אַרויספּלאַצן... צוימט ער זיך און קומט צו מיט אַן אויסערלעכער מאַסקע פֿון גלייכגילטיקייט אַלץ נענטער און נענטער; בלויז זיין בליק פֿון אונטער די ברילן אַפֿער פֿינקלט גערייצט און דראָענדיק...

...ד״ר ראָסט!!! העמערט עס אין אַלעמענס קעפּ... פֿיבערדיקער באַוועגן זיך די קערפּערס, די קעפּ, די הענט ביי דער אַרבעט... ער אָבער שטעלט זיך אַנטקעגנאיבער און דער ערשטער בליק, וואָס גנבעט זיך אַרויף צו אים פֿון אַרבעטס־איינגעקנורעטקייט, כאַפּט אויף זיין שטום־פֿאַרבייגטן פֿינגער, וואָס רופֿט אים פֿון דער ריי אַרויס. שטענדיק איז עס דער שענסטער און קרעפֿטיקסטער...

— פֿון ווו ביסטו?... דאָס איז זיין ערשטע פֿראַגע, מיט זעגעדיקער סוכאָטע־שטים..., דער שמועס, וואָס ער פֿאַרוויקלט מיט יענעם, מוז פֿאַרפּלאָנטערן און פֿאַרשטאַמלען... ער וויל פֿון יענעם וויסן פּשוטע קלייניקייטן: וויפֿל טראַכט יענער אַזוי צו אַרבעטן אומזיסט פֿאַר די דייטשן? און וואָס וואָלט ער אַ שטייגער געטאָן, ווען ער לעבט איבער די מלחמה און ער האָט די געלעגנהייט איבער די דייטשן צו באַפֿעלן? ער וואָלט אויך וועלן וויסן, אויב אים, דעם ייד, איז נאָך אַלץ נישט נמאס געוואָרן צו לעבן אונטער דער טעגלעכער בייטש און הונגער? מיינט ער עס טאַקע ערנסט, מיטן וועלן איבערלעבן און שפּעטער צוריק אָנהייבן אַ ניי לעבן אויף דערפֿריי?...

ער האָט דערביי קאַלטבלוטיק אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער, אים אָנגעלאָדן, שמייכלענדיק דערביי מיט זיין האַלבירט פֿאַרוויאַנעט געלעכטערל זיין קרבן אין די אויגן אַריין... ״אָט זעסטו — האָט ער ווייטער געצויגן — אָט־די קליינע מאַשין, זי קען עס אַלע דיינע פּלענער צעשטערן, ענדערן...״

די בעסטע הנאה איז דאָס שפּילן זיך מיטן קרבן, איינזויגן זיך מיט דעם בליק אין דעם דערשראָקענעם פּנים און טרינקען ווי דעם בעסטן וויין די איומדיקע שרעק פֿון יענעמס אויגן אַרויס...

...די קויל האָט ער אַריינגעשאָסן אין קאָפּ אַריין ערשט דאַמאָלסט, ווען ער איז שוין זאַט געוואָרן מיט יענעמס דערשראָקענעם בליק און מיט זיינע טומלדיקע רייד... דער שאָס איז געקומען ווי אַן איבעררייס פֿון אַ נמאס־געוואָרענעם שפּיל. מיט די דאַרע פֿינגער האָט ער געמוזט אויסטאַפּן דאָס אָרט אַרום דער וווּנד; אַן אַריבערגעבויגענער איבער דער ברוינער קאַלוזשע וואָס האָט אַרויסגעטריפֿט פֿון דערשישונגס־לאָך, האָט ער זיך איינגעגעסן מיטן קורצזיכטיקן בליק אינעם פֿריש־טריפֿנדיקן בלוט...

ס׳איז אָבער געווען גענוג שמיצס אַן אינטערוועניץ ערגעצוווּ און ראָסט זאָל זיך מוזן צוימען. דאָס שיסן, אָפּט, די בעסטע פֿאַכלייט זיינע, האָט שמיץ אויפֿגענומען ווי אַ פּערזענלעכע שיקאַנע קעגן אים. אָט וויל ער וואָס שנעלער אויסבויען זיין פֿאַבריק און איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אויסצושמידן זיין עפּאָכע־מאַכנדיק געווער... אויב אָבער דער הער דאָקטאָר וועט אים דאָ שטערן...

מ׳האָט דעריבער אויפֿגעקלערט דעם הער דאָקטאָר, אַז דאָ גייט עס נישט אין די שמוציקע יידן, וועלכע ער קען זיך פֿאַר זיין פֿאַרגעניגן ווען שיסן וויפֿל זיין האַרץ גלוסט; עס האַנדלט זיך אָבער אין דער גרויסער זאַך, אין וועלכן די יידן זענען דאָ קליינע שרייפֿלעך פֿון דער מאַשין... אַנדערש איז מיט יענע יידן פֿון אַ געטאָ אָדער...

מוזנדיק רעזיגנירן פֿאַר די פֿאַרשידענע דריילעך פֿון שמיצן, האָט ער אים נאָך מער פֿיינט באַקומען. צווישן אייגענע האָט ער אויף אים געברומט: דער פֿאַרקויפֿטער יידנטויפֿל! דער... יידנפֿאַטער, קרויצדאָנערוועטער — — —

ווען שמיץ האָט זיך דערפֿון דערוווּסט, האָט ער בלויז ברייט געשמייכלט. דאָס זעלבע שמייכעלע האָט ער אויך אונטערגעטראָגן ראָסטן ביים שמועסן און ביים שפּאַצירן צוזאַמען... האָסט קיינמאָל נישט געקענט ביי יענעם וויסן, אויב ער באַפֿריידנט דיך דערמיט אָדער שטעכט ער דיך אַזוי מיט חוזק... און שמיץ האָט נאָר פֿאַרמאָגט איין שמייכל...

* * *

אין פֿאַרלויף פֿון אָבסערווירן האָט ראָסט געקענט פֿעסטשטעלן, אַז די יידן זענען דויערהאַפֿט און ווידערשטאַנדספֿעאיק קעגן די שווערסטע באַדינגונגען. מסתּמא זענען זיי ביסלעכווייז צוגעגרייט געוואָרן צו אַזעלכע לעבנס־אומשטענדן און זיי זענען דערפֿאַר אין זיי אַריינגעלעבט געוואָרן. ער האָט דערביי באַרעכנט מיט זיין בלייפֿעדער, אַז די ס.ס. באַגייט אַ גרויס פֿאַרברעכן לגבי דער קריגס־פּראָדוקציע. ער האָט געוווּסט פֿון די מיליאָנען אַרבעטס־פֿעאיקע מענער און פֿרויען, וועלכע מ׳האָט געפֿירט און מ׳וועט נאָך פֿירן אין די גאַז־קאַמערן אַריין צום דערשטיקן...

און אַ צאָרן האָט אים אַרומגעכאַפּט: דאָ, אין אַלע פאַבריקן האַקט מען זיך אָפּ די הענט פאַר אַ מענטש צו דער אַרבעט; מ׳קען נישט דערפירן צו דער געהעריקער נאָרמע־הויך און דאָ דערלויבן „זיי" זיך אויף אַזאַ לוקסוס פון פאַרניכטן מיליאָנען!

יאָ, ער, ראָסט, ציטערט אויך אויף ביים געדאַנק, אַז אין צוקינפטיקן באַזיגטן אייראָפּע זאָלן זיך נאָך אַרומדרייען אָט די חניפהדיקע מענטשעלעך מיט די יידן־נעז... זיי וועלן שוין דערשנאַפּן ווי אַזוי זיך אַרויפצוהייבן... נאָכן געלינגנסטן קריג קען מען נישט האַלטן אַזויפיל מיליאָנען מענטשן פאַרשפּאַרט... און ביים קלענסטן ביסל פרייעם אָטעם, ביי די מינדסטע לעבנסבאַדינגונגען וועלן זיי שוין אָנשלאָגן אומעטום...

אוודאי האַלט ער אויך פון פאַרניכטן ביזן לעצטן נפש... אָבער — מיט חשבון, מיינע הערן! מיט קאָפּ און קאַלקולאַציע...

מיט גרימצאָרן האָט ער דעמאָלסט געלייענט דעם צירקולאַר איבער די איינגעליפערטע יידן, וועלכע מוזן בלויז באַשעפטיקט ווערן ביי „שוואַרצער" אַרבעט; קיינמאָל אָבער טאָר אַ ייד נישט צוגעלאָזט ווערן צו אַ מאַשין... דער ד״ר ליסבעק, זיין לאַנדסמאַן און געסטאַפּאָ־אָפיציר פון קרייז, האָט אים דאָס אַפילו אויפגעקלערט: די יידן, וואָס לעבן נאָך אַפילו, זענען באַשטימט אַהין, ווו די וואָס זענען פאַר זיי אַוועק... „ביז דער לעצטער ייד וועט פאַרשווינדן פון אייראָפּע!" האָט דער פירער געזאָגט... מען טאָר זיי דעריבער באַלד נישט אַריינפירן אין אַזאַ אַרבעט, אין וועלכער זיי וועלן זיך איינלעבן און קוואַליפיצירן... זיי קענען נאָך נוצלעך ווערן ביי פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן און שפּעטער וועט אַ שאָד זיין צו פאַרניכטן... דער אויסראָטונגס־פּראָצעס מוז אויסגעפירט ווערן אַזוי, אַז מען זאָל זיין איבערצייגט אַז דערמיט פאַרניכטעט מען אומנויטיקע, אַרבעטס־אומפעאיקע עלעמענטן; ווי אַזוי זשע קען מען זיי אַריינציען אין דעם טייערסטן, וואָס גרויס דויטשלאַנד פאַרמאָגט: אין זיין קריגס־אינדוסטריע?... וויפל מייסטערט און דייטשע מענטשן וועלן שפּעטער קומען און פאַרטיידיקן; וועלן אָפּבעטן זייערע יידן...

ער אָבער, ראָסט, איז אין אַן אַנדער מיינונג. צומערשט פאַר אַלעמען איז ער טרוקענער געשעפטס־מאַן. ער קען שנעל באַרעכענען, וויפל קוילן אַזאַ מוסקולירטע יידן־האַנט קען פּראָדוצירן און וויפל גראַנאַטן... דאָס ביליקסטע איז אַזאַ יידן־מעכאַניזם, וואָס קען נישט פאַרלאַנגען קיין געלט, האָט „גענוג" וויפל עסן מען גיט אים און קענסט פון אים אַרויסטרייבן דעם לעצטן אָטעם, נישט דאַרפנדיק זאָרגן, אַז ער וועט דערפון קראַנק ווערן...

און טאָמער גייט עס אין זייער אויסראָטונג — טאָ זאָל מען זיך שוין דערמיט פאַרלאָזן אויף אים — דעם כעמיקער ראָסט!... אָבער פאַרוואָס זיי נישט פריער אויסנוצן? פאַרוואָס נישט — גראָד דערפאַר טאַקע — באַנוצן זיך מיט זייערע כוחות אויסצושמידן פריער מיליאָנען גראַנאַטן און באָמבעס פאַר די שלאַכט־פעלדער? צו וואָס נישט הפקרדיק איבערגיסן זייערע לעבנס אין אייזן, אין פלאַמען־צינדער? זיי וועלן סיי־ווי אַלע דאָ פאַלן — אָבער יעדער טאָג וועט זיין אַ קוואַל פון וואָגען צו ציען, צו שעפּן טרייב־קראַפט פאַר די פאַרעלטערטע מאַשינען...

דער ד״ר ראָסט האַלט, אַז צו אַ מאַסן־אויסראָטונג איז שטענדיק דאָ צייט. אי דאָס הילכט אָפּ נישט ווי עס געהערט צו זיין און אי דאָ שאָדנט מען זיך אַליין מיט פאַלשער אויסרעכנונג.

גאַנץ באַזונדער פּראָטעסטירט עס טיף אין אים קעגן אַזאַ פאַרשווענדערישקייט; קיינער נישט, אַזוי גוט ווי ער, קען דאָס גרויסע גליק פון אומברענגען אַ מענטש... ס׳איז דאָ פאַרגעניגן פון רייצן זיך גאַנצע שעהן מיטן קרבן, אַריינטרייבנדיק אים באַוווסטזיניק אינעם געדאַנק, אַז ער גייט שטאַרבן... ס׳איז גוט צוצוזען ווי יענעמס אויגן נעמען פינקלען צוערשט מיט האַס צו דעם, וואָס וויל אים אַרויסרייסן פונעם דאָ־זיין. פון די אויגן אַרויס קען מען ביי יענעם לייענען זיין געדאַנקענגאַנג, זיין שנעלן בליצזוכנדיקן אויסוועג פון דער גרויזאַמער סיטואַציע...

שפּעטער איז גוט צו אָבסערווירן די צווייטע פאַזע פון קרבנס געמיטס־צושטאַנד; די פאַרצווייפלונג... יענעמס אויגן ווערן דאַן גרעסער און אויפגעריסן... מ׳קען זען ווי יעדער אבר באַזונדער, יעדע האָר פון קאָפּ, פון די ברעמען רעאַגירן מיט רעזיגנאַציע און יאוש. די פאַרצווייפלונג קען מען דאַן אַרויסלייענען פון דעם מינדסטן קנייטשן אויף זיין בגד...

און דאַן קומט די דריטע פאַזע וואָס פאַרשאַפט איממייסטן פאַרגעניגן; די פאַזע, ווען אין קרבן צינדט זיך ווידער עפּעס אָן אויפסניי. אינעם באַוווסטזיין, אַז זיין לעבן ליגט ביי דיר אין די הענט — פּרובירט יענעמס פאַרצערטע פּסיכיק שאַפן יענעם לעצטן אויסוועג, וואָס קען נאָך געבן. זיינע אויגן ווערן דאַן איינגעצויגענער... פייכט־פאַרנעפּלט — ווערן זיי דאַן תחנונים־דיק, פול מיט שטום־בעטנדיקער הכנעה... אַלץ אין זיי איז קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט: דיך צו באַווירקן, אַריינטרעפן מיט זיין אומגליקלעכקייט צו דיין פּינטל וואָס לאָזט זיך אַמאָל באַאיינפלוסן... אין יענעם מאָמענט, בכדי נישט צו ווערן ווייך — מוזטו תיקף אַריינטרעטן אין צווייטן גליק פון מאָרד: ס׳איז די העכסטע צייט אַריינצושיסן יענעם די קויל...

אויך דעם צווייטן עטאַפּ פון מאָרד־גליק מוז מען אַריינציִען אין זיך לאַנגזאַם... מען דערשיסט נישט יענעם אויפאַמאָל, נאָר מ׳שיסט אים אַריין די קויל אין אַן אָרט, ווי עס ווייטיקט יענעם אַממיינסטן, אָבער טויט אים נישט מאָמענטאַל... ס׳איז וווּנדערבאַר צוצוקוקן, ווי אַזוי דאָס לעבן און דער טויט לאָזן זיך אַוועק אין ווילדן, כאַאָטישן געראַנגל... מיט הנאה ציסטו אין זיך אַריין אין אַן אָנגעווייטיקט אָרט און דו לעבסט ווידער איבער אַ הנאה וואָס איז שטאַרקער פאַר יעדער סעקסועלער באַפרידיקונג און אויפצאַפּל... און ווען דער האַלב־טויטער שוין קערפּער רעאַגירט אינסטינקטיוו נאָך דיין צווייטער קויל מיט אַ פרישן וואַרפן זיך אין קאָנוווּלסיע — לויפט דיר אַדורך אַ שכורער רויש איבער אַלע גלידער — — —

און צום לעצט קומט דאָס דריטע, קאַלטע גליק פון מאָרד. שוין האָסטו אַלע אויפרעגונגען און הנאה־אויפצאַפּלונגען הינטער זיך; דער קרבן איז טויט און די ביסט ניכטער. איצט שטייסטו זיך רואיק, באַטראַכסט די אָדער־געוועבן, די מיליאָנען קעמערלעך, הערעלעך און צעלן, וואָס האָבן געטריבן לעבנס־שטראָם אין אָט־די אַלע אברים אַריין... און אַ גליקלעכער שטאָלץ באַפאַלט דיך דאַן, וואָס דו, מיט דיין האַנט, האָסט געקענט אין געציילטע סעקונדן אָפּשטעלן אַזאַ לעבנס־מעכאַניזם אויף שטענדיק... אויף אייביק... און דער גרעסטער מייסטער קען שוין דאָ גאָר נישט איבעראַנדערשן — — —

יעדער מענטש, וועלכער קען דערמאָרדעט ווערן, איז אַן אָביעקט פון נישט דאָ־וועלטיקן פאַרגעניגן... און ראָסטן פאַרדריסט, וואָס אַזויפיל טויזנטער מענטשן פירט מען אַריין אין שטיק־קאַמערן אַריין; נישט עמעץ זעט זייער געראַנגל און אויגן־אויסדרוק און נישט עס הערט עמעץ זייערע פאַרשטיקטע גסיסה־קרעכצן — — —

אַ פאַרברעכן!... ברומט ער צו זיך — אַ זינלאָז, אומגעשיקט פאַרברעכן...

און ראָסט באַשליסט אָנצוהייבן אַן אַקציע פאַר יידן אין „האַסאַג" אַריין...

מיין לעבן אין לאַגער

חיה שפּירא

פרייטיק פאַרטאָג, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, האָט מען פלוצלונג געהערט אַ שטאַרקע באָמבאַדירונג און די מלחמה איז אויסגעבראָכן. כאָטש מען האָט געוווּסט פריער, נאָכן פּאַקט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך, האָט נאָך אַלץ געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז אפשר וועט אויסגעמיטן ווערן דער חורבן. די פּאַניק איז געווען גרויס.

אין ס ק אַ ר ז ש י ס ק איז געווען אַ גרויסע פאַרבינדונג־סטאַציע און אַ געווער־פאַבריק מיטן נאָמען „האסאג״. דער פּחד איז געווען, אַז די פאַבריק זאָל נישט אויפרייסן, איז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַנטלאָפן קיין שידלאָווצע אַ זייטיק שטעטל אָן מיליטערישע אָביעקטן. מיר זענען אויך געפאָרן. זייענדיק אין שידלאָווצע עטלעכע טעג, האָט זיך די לאַגע צוריק איינגעשטעלט, ווייל אין משך פון געציילטע טעג זענען די דייטשן שוין געווען אין סקאַרזשיסק.

די ערשטע וואָכן האָבן די דייטשן נישט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלע פיינטשאַפט צו יידן. זיי זענען געקומען אין די יידישע געשעפטן, געקויפט און באַצאָלט, געגעבן צו פאַרדינען. עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ ייד, שמואל שאַרליט: „זיי זענען דאָך פיינע דייטשן. זיי גיבן גוט צו פאַרדינען״. אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט זיין ווייב פון שטאָט און זי איז מער נישט צוריקגעקומען.

מיר האָבן געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געוועלב. די דייטשן פלעגן ביי אונדז טאָג־טעגלעך קומען און קויפן. די פאַרקויפערין איז געווען מיין שוועסטער פּערל, אַ שיין מיידל. איינמאָל אין אַן אָוונט קומט אַריין אַ דייטש און לאַדט זי איין אויף אַ שפּאַציר. זי האָט זיך פאַרויטלט און האָט אים אָפּגעזאָגט. דער דייטש ווערנדיק שטאַרק אין כעס, האָט ער דערציילט וואָס ס׳איז באַשטימט צו טאָן מיט די יידן אין פוילן. מיר האָבן עס נישט פאַרשטאַנען, ס׳האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אַזעלכעס איז מעגלעך.

אָבער מיט אַ צייט שפּעטער איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. דאָס נאַצישע גוטס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. וואָס ווייטער האָט מען אָנגעהויבן ערגער און שווערער מאַכן דאָס לעבן פון די יידן אין שטעטל. מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן יידן צו שווערע אַרבעט. מיינע ברידער, מענדל און הערצקע האָט מען געכאַפּט צו אַרבעטן ביי דער באַן. זיי פלעגן יעדן פאַרטאָג, ווינטער אין די גרעסטע פרעסט, אַרבעטן ביי אויסלאָדעווען קוילן.

מען האָט אָנגעהויבן קאָנפעסקירן געשעפטן, פאַרבאָטן יידן צו פאָרן מיט דער באַן. אַביסל ווייטער האָט מען אָנגעהויבן איינפירן אַ געטאָ. זיי האָבן געשאַפן אַ יודן־ראַט. די דייטשן האָבן אונדז פאַרשלאָסן אין אַ קליינעם טייל פון דער שטאָט, די 3־טן מאַי־גאַס און אַ טייל פון די סטאַשיצאַ־גאַס, און די געסלעך אַרום. די ענגשאַפט איז געוואָרן גרויס. מיר האָבן געוווינט אין אַ דירה פון צוויי צימערן, האָט מען אונדז אַריינגעזעצט נאָך אַ משפחה. פאַרלאָזן דאָס געטאָ האָט מען נישט געטאָרט. וועלכן ייד מען האָט געכאַפּט אויסערן געטאָ, האָט מען גלייך געשאָסן.

נאָך אַ קורצער צייט איז געוואָרן נאָך ענגער אין געטאָ. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פליטים, יידן פון פּ ל אָ צ ק. די פליטים זענען געקומען, ווי מען זאָגט, באָרוועסע און נאַקעטע, האָבן נישט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט געעפנט אַ קיך און אויסגעטיילט יעדן מיטאָגן.

די איבערלעבונגען און שרעק אין געטאָ האָבן זייער שלעכט געווירקט אויף מיין מאַמען, וועלכע איז תמיד געווען אַ שוואַכע, און האָט זיך פונאַנדערגעבראָכן. זי האָט זיך גענויטיקט אין אַ גרויסן דאָקטאָר. מען האָט געמוזט פאָרן קיין ר אַ ד אָ ם, 40 קילאָמעטער פון סקאַרזשיסק. ווייל דעמאָלט האָט מען נישט געטאָרט פאָרן מיט דער באַן אָן אַ פּאַס, האָבן מיר זיך געוואָנדן צום יודן־ראַט נאָך אַ פּאַסיר־שיין. מער ווי איין פּאַס האָט מען נישט באַקומען, נאָר פאַר מיין מאַמען. מיין מאַמע איז געווען צו שוואַך, האָב איך זי נישט געקענט לאָזן אַליין פאָרן. האָב איך באַשלאָסן מיטצופאָרן. איך בין געגאַנגען פאָרויס און מיין מאַמע מיטן פּאַס נאָך מיר, מען זאָל נישט וויסן, אַז איך האָב אַ שייכות צו איר. אויף דער באַן־סטאַציע, אַרויסגייענדיק צו דער באַן, פאַרהאַלט מיך אַ ס.ס.־מאַן און פאַרלאַנגט אַ פּאַס. איך האָב אים געענטפערט אויף פּויליש, אַז איך בין אַ פּוילישע און דאַרף נישט קיין פּאַס. איך בין געווען אַ בלאָנדע, האָט ער געגלויבט, אַז איך בין אַ קריסטין. איך האָב געהאַט אַ גרויסן נס, וואָס ער האָט נישט פאַרלאַנגט פון מיר קיין דאָקומענט, ווייל איך האָב קיין שום דאָקומענט נישט געהאַט. איך האָב נאָר מורא געהאַט, אַז מיין מאַמע, דאָס צוקוקנדיק, זאָל נישט קריגן קיין האַרץ־אַטאַק. איך בין געקומען קיין ראַדאָם, האָבן מיינע באַקאַנטע געשטוינט און געזאָגט, אַז איך בין ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. און זיי האָבן געבראַנגט פאַר מיר אַ פּאַס צו קענען פאָרן אַהיים.

די דייטשן פלעגן כאַפּן מיין פאָטער צו דער אַרבעט. ער האָט זיך צוגעקילט און באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג, און נאָך 10 טעג איז ער געשטאָרבן. ער איז אַלט געווען 58 יאָר. דער טויט פון טאַטן האָט אונדז אינגאַנצן דערשלאָגן.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז אין סקאַרזשיסק געווען אַ גרויסע געווער־פאַבריק מיט נאָמען „האסאג״. אין די פּוילישע צייטן האָט מען אין דער פאַבריק קיין יידן נישט אַריינגעלאָזט. אַרבעטן ביי די דייטשן מיט גוטן ווילן זענען יידן נישט געגאַנגען, דער פּחד איז געווען זייער גרויס אַריינצופאַלן צו זיי.

אָנהויב זומער 1942 האָבן די ס.ס.־לייט אָפּגעשלאָסן אַ טייל פון געטאָ און געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געכאַפּט מענטשן אין דער פאַבריק אַריין, צו אַרבעטן. צווישן די געכאַפּטע בין איך געווען מיט מיין שוועסטער מלכה. אין פאַבריק זענען געווען דריי מען האָט אונדז צוגעטיילט אַ באַראַק מיט פּריטשעס און דאָ בלייבט מען וווינען. צומאָרגנס קלייבט דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק אויס אַ קאָמענדאַנט. אַלע שטעלן זיך אויס אויפן פּלאַץ און מיר גייען צו דער אַרבעט. מען פירט אונדז אַריין אין אַן אָפּטיילונג פון קוילן (געווער). אין איין טייל האָבן געאַרבעט מענער און אין צווייטן טייל פרויען. די מענער האָבן געהאַט אַ פאָראַרבעטער, אַ פּאָלאַק, אַ מערדער. ער פלעגט צופאַלן צו די ייִנגלעך און זיי שלאָגן אָן אַ פאַרוואָס.

מיר האָבן געאַרבעט 7 טעג אין וואָך. 12 שעה אַ טאָג. זונטיק האָבן מיר געאַרבעט צוויי שעה ווייניקער. אויפזעערינס זענען געווען פּוילישע פרויען (שיקסעס). מיר זענען נישט געווען צוגעוווינט צו דער אַרבעט, און ווען זיי האָבן נאָר געזען די קלענסטע נישט פּינקטלעכקייט צי עפּעס אַ שמעלץ, האָבן זיי עס גלייך איבערגעגעבן דעם הויפּט־מייסטער און ער האָט אונדז שוין דערפאַר באַצאָלט. ער זאָגט אונדז, אַז מיר גייען לערנען טאַנץ־מוזיק, און אַלע אויסגעשטעלט, און געגעבן דעם יידישן קאָמענדאַנט אַ ראַפּניק און יעדע פון אונדז האָט באַקומען 25 שמיץ אין הינטן אַריין. דער מייסטער קוקט זיך צו מיט אַ סאַדיסטיש געלעכטער און ציילט די שמיץ.

איינמאָל האָט מען געפונען אַ קויל אַקאַלעדיקע אין מיינס אַ קעסטל קוילן וואָס איך האָב אָנגעקליבן. איז דער מייסטער צו מיר צוגעקומען און מיך אָנגעהויבן שלאָגן איבערן קאָפּ. איך בין פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. אָבער מ'האָט מיר געזאָגט אַז איך האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן, ווייל ס'איז געווען פאַקטן ביי וועמען מען האָט געפונען קוילן־שמעלץ, האָט מען גלייך דערשאָסן.

אַרבעט האָבן די דייטשן געגעבן אַ סך, אָבער עסן האָבן זיי געגעבן ווייניק, אַזוי אַז מיר האָבן געהונגערט. פאַר דער אויסזידלונג האָט מען פון דער היים אונדז צוגעשיקט עסן מיט באַקאַנטע גויים.

דעם 28־טן סעפּטעמבער 1942 איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון סקאַרזשיסק. 8 טעג פאַר דער אויסזידלונג האָבן די דייטשן דערלויבט אַהיים צו גיין זיך געזעגענען און דערלויבט מיטצונעמען פון דער היים כל־טוב. מען האָט געקענט פאַרבלייבן אין דער היים אַ פּאָר שעה. אינדערהיים איז שוין געווען אַ תוהו ובוהו. מען איז געשלאָפן אין די מלבושים. מען האָט זיך יעדן טאָג געריכט אויף דער אויסזידלונג. אַז מען גייט קיין טרעמבלינקע אין גאַז אַריין האָט מען זיך נישט געריכט און נישט פאָרגעשטעלט. מען האָט געוווסט, אַז קיין סך קען מען נישט מיטנעמען, האָט מען אויף זיך אָנגעטאָן עטלעכע קליידער.

אין שטוב האָב איך געטראָפן מיין שוועסטער פּערל ליגן אין בעט קראַנק אויף אַ טיפוס. זי האָט געוויינט פאַר מיר, פאַרוואָס איך האָב געלאָזט זיך כאַפּן. זי האָט זיך באַהאַלטן אין בית־כסא, האָט מען זי נישט געכאַפּט. אַזוי איז זי געבליבן מיט דער קראַנקער מאַמען און דער גאַנצער עול איז געפאַלן אויף איר.

איך מיט מיין שוועסטער מלכה האָבן מיטגענומען אַסך וואַליזקעס און פּעק, און אויך צירונג. די מאַמע האָט געוווסט, אַז מיטנעמען קיין סך מיט זיך וועט זי נישט קענען, און וואָס עס וועט בלייבן, וועלן די דייטשן אָדער די פּאָלאַקן צונעמען. און מיר אין לאַגער וועלן עס קענען אויסבייטן אויף עסן. ביי דער אויסזידלונג האָט מען מיין קראַנקע שוועסטער געשאָסן. אַזוי איז די קראַנקע מאַמע געגאַנגען מיט אַ צעבראָכן האַרץ אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ מיט מיינע ברידער. איך מיט מלכהן זענען צוריקגעפאָרן אין לאַגער אַריין, מיט אַ פולע דראָזשקע זאַכן.

לאַנג האָבן מיר זיך מיט די זאַכן נישט געפרייט. נאָך עטלעכע טעג לאָזן די דייטשן מעלדן, אַז דער לאַגער גייט אַריבער קיין טשענסטאָכאָוו האָב איך מיטגענומען מיט זיך אַלץ. זיי פירן אונדז אַריין אין אַ גרויסע סאַלע. עס קומט אַ באַפעל אַלץ לאָזן שטיין, אַלץ אָפּגעבן, ווען נישט — ווערט מען דערשאָסן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אַלץ איבערגעלאָזט. דערווייל האָבן די דייטשן אַלץ פאַרנומען און אונדז איבערגעלאָזט נאַקעט.

די לאַגע אונדזערע אין ווערק ב' איז געוואָרן ערגער. מיר זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. נאָך אַ יאָר צייט זיין אין ווערק ב', פירט מען אונדז איבער אין ווערק א'. דאָ האָט זיך די לאַגע מיינע פאַרבעסערט. עס האָבן דאָ געאַרבעט אַ סך פּאָלאַקן. מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי שיכטן. איין וואָך פון 7 אינדערפרי ביז 7 אָוונט, און די צווייטע וואָך פון 7 אָוונט ביז 7 אינדערפרי. אין דער וואָך וואָס מיר האָבן געאַרבעט ביינאַכט, האָבן מיר בייטאָג גענייט פאַר די פּוילישע אַרבעטערינס און פאַר דעם געלט האָבן מיר זיך געקויפט אַ ברויט.

איך האָב געהאַט אַ גרויסע פרייד. אין ווערק א' האָב איך געטראָפן מיין ברודער מענדל. ער האָט דערציילט, אַז קומענדיק אויפן אויסזידלונגס־פּלאַץ, האָבן די דייטשן אויסגעקליבן יונגע מענטשן און זיי געברענגט אין לאַגער אַריין, און די רעשט אַוועקגעשיקט. קיינער האָט נישט געוווסט ווו מען שיקט זיי. מענדל האָט אויך דערציילט וועגן דעם גורל פון מיין שוועסטער פּערל.

מיין ברודער האָט געאַרבעט ביי קוילן, ער האָט זייער גוט אויסגעזען. קומענדיק דאָס צווייטע מאָל אין באַראַק האָב איך שוין מענדלען נישט געטראָפן. דאָס איז געווען אין 10 טעג אַרום. איך האָב זיך געפרעגט אויף מענדלען און קיינער האָט מיר נישט געוואָלט זאָגן. דעמאָלט בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז מער נישטאָ. פון גרויסן הונגער און שמוץ איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. אַ סך זענען קראַנק געוואָרן, צווישן זיי מיין ברודער. פאַר פחד נישט דערשאָסן צו ווערן זענען זיי געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט היץ. אָבער אָן דאָקטוירים און מעדיצין און אָן עסן האָבן זיי לאַנג נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט, און די וואָס זענען געבליבן אין באַראַק, האָט מען גלייך געשאָסן. אַזוי זענען טויזנטער מענטשן אומגעקומען, און מען האָט געברענגט פרישע מענטשן פון פאַרשידענע געטאָס.

יעדן טאָג גייענדיק צו דער אַרבעט, פאַרן אַרויסגיין פון טויער, זענען מיר געציילט געוואָרן דורך דעם יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט קשעפּיצקי. מען האָט אונדז אַריינגעשטעלט אין רייען. ס'איז ווינטער, די בחורים גייען אָפּגעריסן, אויסגעמאַטערט, און זיי באַמיען זיך צו האַלטן מיט די לעצטע כוחות, כדי צו געפעלן דעם קאָמענדאַנט. אָבער פאַר קשעפּיצקין זענען זיי נישט שיין געגאַנגען. ער אַליין איז געווען אָנגעפרעסן, ער פלעגט מיט זיין שטיוול זיי קאָפּן, אַ סך זענען אומגעפאַלן און זיך נישט געקענט מער אויפשטעלן. די אַלע אויסוואורפן האָבן נישט געגלויבט, אַז זייער גורל וועט זיין דער זעלבער ווי פון אַלע יידן, אפשר נאָך ערגער. די מערהייט קאַפּאָס האָבן די דייטשן איבערגעפירט קיין בוכענוואַלד. זיי זענען אָנגעקומען מיט זייערע שטיוועלעך און פּאָליציי־היטעלעך און זיך געהאַלטן פאַר יחסנים. אין בוכענוואַלד איז די פירונג פון לאַגער געווען אין די הענט פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, דערזעענדיק די חברה מיט די היטעלעך, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען קאַפּאָס וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, און זיי אַלע געהרגעט אין די ערשטע טעג.

אין משך פון אַ יאָר צייט זענען איך און מיין שוועסטער געגאַנגען אָנגעטאָן אין איין קלייד. אַלץ איז אויף אונדז צעפאַלן געוואָרן. מיר זענען געגאַנגען כמעט באָרוועס. אין די מאַגאַזינען איז געווען פול מיט קליידער און שיך, געבליבענע פון די טויטלאַגערן. האָב איך זיך געוואָנדן צום לאַגער־עלטסטן, ער זאָל מיר געבן אַ פּאָר שיך. איך האָב אים געטראָפן זיצן אין ביוראָ אָנגעטאָן אין עלעגאַנטע שטיוועלעך. איך ווייס אַז פאַר זיינע „קוזינקעס" (אַ פילגש פון אַ קאַפּאָ) און פריינד האָט ער געטיילט מיט אַ ברייטער האַנד, פון שענסטן און בעסטן, אָבער פאַר אונדז האָט ער נישט געוואָלט געבן. פון זיין אָפּזאָג בין איך געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפלט, ווייל די וואָס גייען באָרוועס און אָפּגעריסן זענען די ערשטע ביי אַ סעלעקציע אויסגעקליבן צו ווערן צום דערשיסן.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין עצה און הילף פון קיינעם. האָבן מיר פאַרקויפט אַן איבערבעט וואָס איז נאָך געבליבן פון דער היים. דער גרעסטער תענוג מיינער איז געווען — ווען כ'בין אהיים געקומען פון דער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט, זיך צו לייגן שלאָפן הינטערן איבערבעט, כדי נישט געפרוירן צו ווערן. — מיר האָבן עס פאַרקויפט און מיין שוועסטער האָט אויסגעזוכט אַ שוסטער, וואָס האָט די הילצערנע טרעפּעס אַרומגעקלאַפּט מיט לעדער פון אַ פּאָר אַלטע שטיוול. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט צוויי פּאָר שיך, וואָס האָבן אונדז געראַטעוועט.

דער שוסטער איז ממש געווען פאַר אונדז אַ גוטער מלאך. ווען

מיר זענען אין די חדשים יאנואר־פעברואַר אין די גרעסטע פרעסט אין בערגן־בעלדזן געשטאַנען אויף די צייל־אַפּילן, האָב איך געטראַכט וועגן דעם שוסטער און אים געבענטשט. כ'האָב געבענטשט זיינע הענט וואָס האָבן אונדז געראַטעוועט פון טויט. די שיך האָבן אויסגעהאַלטן ביז דער באַפרייונג און אַ דאנק די שיך זענען מיר אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

די פּאַסטקע אויף באַהאַלטענע יידן אין געטאָ שידלאָווצע.

נאָך דער אויסזידלונג איז סקאַרזשיסק געוואָרן „יודנריין". עס זענען פאַרבליבן אַ ביסל יידן אויף פאַרשיידענע פּלאַצאָווקעס. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי געענדיקט די אַרבעט און מען האָט זיי אַריבערגעפירט קיין שידלאָביץ. דערווייל האָט מען זיך דערוווסט, אַז מענטשן באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער, ביי גויים און אין פאַרשיידענע באַהעלטענישן. אויך די דייטשן ווייסן וועגן דעם און זיי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי מען נעמט זיי אַריין צוריק אין זייערע מערדערישע הענט. זיי מאַכן 4 געטאָס: סאַנדאָמיעזש, ראַדאָם, אויאַזד און שידלאָוויץ און הענגען אויף מעלדונגען, אַז די אַלע יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס, קאָנען קומען אין די געטאָס. עס וועט זיי גאָרנישט געשען. זיי וועלן די רעשטלעך שוין לאָזן לעבן.

די יידן זענען אַרויס פון די באַהאַלטענע לעכער און געקומען אין געטאָ שידלאָוויץ.

די דייטשן האָבן אַוועקגעקוקט. עס זענען געקומען קריסטן אין געטאָ און אָנגעהויבן האַנדלען די יידן האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין נסים: אפשר וועט דער רבונו של עולם זיך דערבאַרעמען איבער די לעצטע יידן און לאָזן זיי לעבן. זיי נעמען זיך שאַפן אַ בעט, אַ טיש און גלויבן, אַז זיי בלייבן.

די מענטשן פון די לאַגערן זענען אויך געוויר געוואָרן וועגן די געטאָס, אַז מען לעבט פריי און מען האָט גענוג עסן. זיי הויבן אָן אַנטלויפן. מען האָט זיי אַלע געכאַפּט און צוריק געברענגט אין לאַגער, אַרויסגענומען די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט נאַכט־שיכט אויף איין פּלאַץ און אין די אויגן פון אַלעמען זיי דערשאָסן.

דעם 13־טן יאַנואַר אין יאָר 1943 איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון שידלאָווצר געטאָ.

אין יאָר 1944 גייט איבער דער סקאַרזשיסקער לאַגער האסאג קיין טשענסטאַכאָוו, ווייל די רוסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן, האָט מען אונדז אַהער געשיקט. דאָ ווערן מיר צוגעטיילט צו די זעלבע ארבעט. נאַכט און טאָג־שיכט פון 7 ביז 7. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. אין די נאַכט־שיכט פלעג איך פון מידקייט איינדרימלען ביי דער אַרבעט. דער מייסטער האָט מיך וואַך געמאַכט מיט קלעפּ. איך האָב געמוזט איבעררייסן די אַרבעט און לייגן טיכער וואַסער אויף מיין קאָפּ, אָפּצושטעלן דאָס בלוט.

דעם 15־טן יאַנואַר, אַ פּאָר שעה פאַרן אַריינקומען פון די רוסן, ווערן מיר אַרויסגעשיקט אויף אַ פּלאַץ. עס קומט אַ באַפעל איינשטעלן זיך אין 4־לעך. דער מייסטער שטעלט אויף רעכטס און לינקס. ער שניידט אָפּ איין טייל און שיקט זיי צוריק אין באַראַק און דער צווייטער טייל בלייבט און ווערט אָפּגעשלאָסן אַ גאַנצן טאָג אָן אַ טראָפּן וואַסער. 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג קומען צוויי ס.ס.־לייט און פירן אונדז צו די וואַגאָנעס. מיר ווייסן נישט, אַז די רוסן שטייען פאַר טשענסטאַכאָוו. מיר גייען אַריין אין די וואַגאָנעס, פאַר בהמות. איך בין זיכער, אַז מיר גייען אין אויוון אַריין. איך זיץ אַ מידע אויפן דיל, אָן עסן, און טראַכט: איצט איז מיין ענדע...

אין דעם מאָמענט קומט אַריין אַ זעלנער און ציילט אָפּ 5 מאַן צו פאַרלאָדן ברויט פאַרן טראַנספּאָרט. איך בין צווישן די 5 מאַן. איך זע די זעלנער רייסן די שליפעס. איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז זייער סוף איז געקומען.

איך זע אַ סך ברויט. איך כאַפּ זיך צו אַ ברויט, צערייס עס אויף שטיקער און עס וויפל איך קען. איך פאַרשטעק אַ ברויט אונטערן קלייד און עס געלינגט מיר צו ברענגען אין וואַגאָן פאַר מיין הונגעריקער שוועסטער. איך צעטייל דאָס ברויט פאַר אַלע מענטשן אין וואַגאָן, וואָס האָבן אַזוי ווי איך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן.

מיר ווערן פאַרלאָדעוועט און פאַרמאַכט אין וואַגאָנעס אָן באַקוועמלעכקייטן, מיט 10 דעקאָ ברויט, ס'איז ווינטער, יאַנואַר, אין אַ פראָסט פון 35 גראַד. מיר פאָרן צוויי וואָכן. יעדן טאָג קומט די וואַך ציילן וויפל עס איז דאָ פאַרפרוירענע.

דער צוג פאַרהאַלט זיך אין בוכענוואַלד. דאָ אין לאַגער באַקומען מיר צוגעטיילט דעם פאַסונעק און בלייבן דאָ אַ פּאָר שעה. עס קומען די העפטלינגע און באַדויערן אונדז. באַלד קומט אַ באַפעל איינשטייגן. דער צוג גייט ווייטער. מיר פאָרן ביז בערגען בעלזען.

דאָ גייען מיר דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע. זיי נעמען צו אונדזערע קליידער און מיר באַקומען פּאַשאַקעס. 10 אַזייגער אינאָוונט קומען מיר אָן אין גוטען לאַגער. מיין טראַנספּאָרט ציילט 500 מאַן. מיר ווערן פאַרטיילט אין צוויי טיילן אין צוויי בלאָקן. מיר שלאָפן אויף דער דיל, און פילן נישט קיין קעלט, מיר זענען איינגעפּרעסט פּונקט ווי הערינג.

דאָ הויבט זיך אָן אַ נייער גיהנום. מיר ווערן יעדן טאָג אַרויסגעטריבן אויף אַ צייל־אַפּעל. מיר שטייען פון 7 ביז 12 מיטאָג אויף איין פּלאַץ אין אַ פראָסט פון 35 גראַד. מיר קומען צוריק פאַרשטייפט אין די קאַלטע באַראַקן. אַלע וויינען. אָן עסן; אָן וואַרעמע קליידער. דער צער איז גרויס. מיר באַקומען אַ גאַנצן טאָג נישט קיין עסן. 4 נאָכמיטאָג באַקומען מיר דאָס שטיקל ברויט. די זופּ ווערט אויסגעטיילט 9 אינאָוונט.

די בלאָק-עלטסטע זענען יידן. אין אונדזער טראַנספּאָרט זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן נאָך געלט. זיי באַקומען צו דריי זופּן, און איך באַקום אָפט נישט קיין איינע. וואָס טוען די בלאָק-פירער, זיי טיילן יעדן טאָג אויס די זופּ 9 אינאָוונט. יעדן אָוונט הערט מען דעטאָנאַציעס, מוז מען פאַרלעשן די ליכט. אַ האַלבער בלאָק בלייבט אָן עסן. עס מאַכט זיך אַ רעש. ביטער איז די וואָס האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען די פּאָרציע עסן, עס העלפט נישט קיין רעדן, נישט קיין וויינען, אַזוי מאַכן זיי יעדן טאָג. איך זע נישט קיין אויסוועג צו קענען זיך ווייטער האַלטן, און דאָך וויל איך בלייבן לעבן. אין בערגען־בעלזען קען מען זיך נישט קיין סך העלפן. דאָס איז אַ פאַרניכטונגס־לאַגער, דאָ קען מען לאַנג נישט אויסהאַלטן. עס געלינגט מיר אַ פּאָר מאָל אַריינקריגן זיך אין קיך. דאָס איז אַביסל ווייט פון לאַגער. איך קום אַריין אין קיך — דאָ ווערט צוגעגרייט דער מיטאָג פאַרן לאַגער. איך זע אַ פולע שטוב מיט קאַליריבן. דאָס ערשטע וואָס איך טו הייב אָן צו עסן. עס קומט אַריין די קעראָווניצע און זאָגט וואָס צו מאַכן. זי זאָגט אויך: מען קען עסן וויפל מען וויל, אָבער נישט אַרויסטראָגן. זי זאָגט אויך: ווער עס וועט זיך אָנשטענדיק אויפפירן, וועט יעדן טאָג קומען אַרבעטן. איך טראַכט נאָר ווי אַזוי אַרויסצוטראָגן אַביסל עסן פאַר מיין שוועסטער וואָס הונגערט. פאַרן ענדיקן די אַרבעט פאַרבינד איך מיין קלייד מיט אַ שטריק אין דער טאַליע. איך קלער נישט וואָס וועט זיין. איך לייג אַריין שטיקער קאַליריבן פאַר מיין שוועסטער. אויפן וועג

אַהיים זע איך אַ שוידערלעך בילד: די דייטשן מאַכן אַ פּראָבע ווי לאַנג אַ מענטש קען אויסהאַלטן אויף דער קעלט. איך פאַרהאַלט זיך אַווילע און קוק זיך צו צו דעם בילד.

די מענער פאַלן ווי די פליגן. איך גיי פאַרביי אַ בלאָק און עס איז מיר אינטערעסאַנט וואָס דאָרט טוט זיך. איך קוק אַריין, איך זע אַ פולע שטוב מתים, איינער אויפן אַנדערן. זיי וואַרפן זיך נאָך. דאָס זענען די פאַרמאַטערטע וואָס שטייען אויף דער קעלט.

מיין טראַנספּאָרט איז געווען 6 וואָכן אין בערגען־בעלזען. מיר האָבן נאָך גוט אויסגעזען׳. עס קומט אַריין אין מיין בלאָק אַ מייסטער אין דער באַגלייטונג פון די לאַגער־עלטעסטע; אויסקלייבן אַ טראַנספּאָרט מענטשן אין אַ פאַבריק אַריין. מיר זענען אים געפעלן. ער פאַרשרייבט אונדז. צו מאָרגנס מאַרשירן מיר אַרויס פון טויער. מיר גלויבן נישט די אייגענע אויגן, אַז מען קען פון דאַנען אַרויס לעבעדיק.

די לאַגע זייערע אויפן פראָנט האָט זיך כסדר פאַרערגערט, האָבן זיי נישט געהאַט דעם קאָפּ צו דער אַרבעט. זיי האָבן אונדז אָפּגעשטעלט נעבן דאַכאו. דאָרט האָבן מיר באַקומען רעגולער די צוטיילונג. עס דויערט נישט לאַנג, באַקום איך ז׳אָרט אַ טיפוס. איך גיי אַדורך די קרענק אין אַזעלכע באַדינגונגען. די נאָרמע ברויט האָב איך נישט געקענט עסן. איך האָב געברענט פון היץ. איך האָב קיין טראָפּן וואַרעם וואַסער נישט געהאַט. אַזוי ליג איך 10 טעג און אויף דעם 11־טן טאָג גיי איך אַדורך דעם קריזיס.

איך ליג אויף מיין פריטשע, פאַרגלאָצט די אויגן און איך פיל, אז איך בין שווער ווי א צענטנער. איך קען זיך נישט רירן פון אָרט, איך קען נישט רעדן. מיין שוועסטער ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט מיר.

די מענטשן פון בלאָק רעדן צווישן זיך, אַז מיין שוועסטער ווייסט נישט, אַז איך בין שוין טויט. איך הער אַלץ וואָס זיי רעדן. איך אַליין קען נישט רעדן, איך קען זיך נישט רירן. יעדן טאָג מוז מען אַרויסגיין אויף אַ צייל־אַפּעל. מיין שוועסטער וועקט מיך, איך ליג ווי אַ טויטע. אַלע גייען אַרויס אויפן צייל־אַפּעל, איך בלייב אין בלאָק. די לאַגער־עלטסטע קומט יעדן טאָג אין דער באַגלייטונג פון די בלאָק־עלטסטע קאָנטראָלירן אויב עס איז ווער נישט פאַרבליבן אין בלאָק. איך הער ווי זי פרעגט די באַגלייטערין וואָס איך טו דאָ. זי זאָגט איר, אז איך בין טויט, מען וועט מיך נאָך דעם צייל־אַפּעל צונעמען. און אַזוי איז געווען. די בלאָק־עלטעסטע קומט אַריין מיט צוויי מענער און גייען מיך נעמען און מיך באַגראָבן. אָבער דאָ געשעט אַ נס. זיי נעמען מיך — זעץ איך זיך אַוועק, קוק זיך אַרום און בין צעמישט, אָבער איך לאָז זיך נישט נעמען. איך קען נאָך נישט רעדן. איך בלייב אין באַראַק און ביסלעכווייז הויב איך אָן צו רעדן און פילן זיך בעסער און איך בלייב לעבן.

די דייטשן פירן אונדז כסדר פון איין פלאַץ אויפן צווייטן. מיר שטעלן זיך אַפּ אין קאופערינג. איך בין שטאַרק אָפּגעשוואַכט נאָך אַ טיפוס, פון שמוץ, און פון הונגער — ווער איך פאַרשיט מיט פיל ווערעם. זיי עסן מיך, איך קען זיך נישט קיין עצה געבן. איך פיל, אַז כ׳וועל נישט אויסהאַלטן.

זייענדיק אַ וואָך אין לאַגער, הערט מען נאָך האַלבער נאַכט אַ שטאַרקן רעש פון וועגן און אויטאָמאָבילן. מיר גלויבן, אַז דאָס גרייטן זיי אונדז אויסצוהרגענען. מיר קענען שוין נישט שלאָפן, די אויפרעגונג איז גרויס. נישט ווייט פון אונדז איז געווען נאָך אַ לאַגער. מיר קוקן אַרויס פון די פענצטער, זעען מיר דער שכנות־דיקער לאַגער ברענט. מיר גלויבן, אַז דאָס זעלבע וועלן זיי מאַכן מיט אונדז. די דייטשן האָבן זיך געפירט אַזוי, אַז ווו זיי טרעטן אָפּ פאַרברענען זיי אַלץ.

עס איז אַ שיינע פרילינג־נאַכט. מיר פרוּוון עפענען די טירן און אַרויסגיין. עס קומט צו אַ מאַדיאר און זאָגט אונדז: אַז די סקלאַדעס פון ברויט זענען אָפּן און מען קען נעמען וואָס מען וויל. איך בין שטאַרק הונגעריק, איך קען כמעט נישט גיין. איך דערשלעפּ זיך און נעם אַ ברויט. נישט ווייט פון מיין בלאָק כאַפּט מיר אַ מאַן אַרויס דאָס ברויט. ער ווייס נישט, אַ ז די סקלאַדעס זענען אָפּן.

עס איז שוין 7 אינדערפרי. אַלע גייען אַרויס פון די באַראַקן. מען זעט נישט קיין דייטש. נישט ווייט פון לאַגער איז געווען אַ קאַנטינע פאַר דעם מיליטער. דאָס עסן וואָס איז געווען פאַר זיי צוגעגרייט, האָבן זיי שוין נישט באַוויזן אויפצועסן, און זיך אָפּגעטראָטן. די מאַנשאַפט פון קאַנטינע איז געקומען צום לאַגער און גערופן אונדז מיר זאָלן גיין עסן מיטאָג. אין מאָמענט האָבן מיר געמיינט, אַז זיי לאַכן, אָבער זיי איבערצייגן אונדז, אַז זיי מיינען דאָס גאַנץ ערנסט.

מיר קומען אַריין אין אַ שיינעם רעסטאָראַן מיט געדעקטע טישן און זיי שטעלן אַרויף גאַנצע טעלערס עסן. איך עס אָן אַ גרענעץ. איך גלויב נישט, אַז מאָרגן וועל איך ווידער האָבן אַזאַ יום טוב. איך פאַרשטיי ביזן היינטיקן טאָג נישט ווי אַזוי איך האָב געקענט אַזוי פיל עסן. זיי האָבן געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן קעסלען מיט עסן און זיי האָבן דערלאַנגט איינס נאָכן אַנדערן.

איך קום צוריק אין באַראַק, דערוויס איך זיך, אַז מיר זענען אויף דער אַמעריקאַנער זאָנע און מיר זענען פריי.

זיי האָבן אונדז גלייך אָפּגעפירט אין אַ סאַנאַטאָריום און אויסקורירט. ביסלעכווייז זענען מיר צוריקגעקומען צום נאָרמאַלן לעבן.

★

זייענדיק איין חודש אין סאַנאַטאָריום בין איך געקומען צום צום געזונט. מיר ווערן דאַן אָפּגעפירט קיין שטוטגאַרט, וווינען אין מיליטערישע קאַזאַרמעס 8 מאַן אין איין צימער. אויס געהאַלטן האָט אונדז די „אונרא". מיר באַקומען גוט עסן. איך באַקום צוריק אַ צורה פון אַ מענטש.

זייענדיק אין שטוטגאַרט ווערן מיר געוווּיר, אַז עס זענען פאַרהאַן דאָ פאָרשטייער פון סוכנות, וואָס פאַרשרייבן יידן, עולה צו זיין קיין ישראל. זיי האָבן אונדז שטאַרק צוגערעדט מיר זאָלן פאָרן. דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין יונגע כוחות. אויך זאָגן זיי אונדז, אַז 600.000 ברידער וואַרטן אויף אונדז.

פאַרלאָזנדיק מיין היים האָט מיין מוטער מיך געבעטן, אַז איך וועל איבערלעבן די מלחמה זאָל איך זיך פאַרבינדן מיט מיין חבר.

אגב, קורץ פאַרן קריג־אויסברוך איז מיין מאַן געקומען קיין פוילן מיך מיטנעמען קיין ארץ־ישראל. זייענדיק 2 וואָכן אין פוילן איז דער קריג אויסגעבראָכן און ווי אַן ענגלישער (פּאַ־לעסטינער) בירגער האָט ער געמוזט אַנטלויפן אין די רוסישע פאַרנומענע געביטן. נאָך איין יאָר צייט, זייענדיק אין רוסלאַנד, איז ער צוריק געפאָרן קיין ארץ־ישראל און נישט באַוויזן מיך מיטצונעמען.

זכרונות

יעקב פרישמאַן

ווען די 2טע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך קוים אַלט געווען 15 יאָר. ווען די היטלעריסטישע מאָרד־באַמבעס האָבן געזייט טויט און פאַרוויסטונג אין פוילן און סקאַרזשיסק — ווו כ'בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, געדענק איך דאָס ווי איצט און וועל עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן. אַזוי יונג האָב איך שוין צוגעזען די שוידערלעכע מלחמה־גרוילן. באַזונדער ווייטיקדיק איז מיר זיך צו דערמאָנען וואָס די נאַצעס האָבן געטאָן מיט די אומבאַשיצטע יידן...

אין אַזאַ יונגן עלטער האָט מיך די מלחמה אַרויסגעשטויסן פון מיין ליבער־וואַרעמער היים און אָפּגעריסן פון מיינע האַרציק־געטרייע עלטערן, פון משפחה חברים און באַקאַנטע. ס'שטייט מיר פאַר די אויגן די טרויעריקע פנימער פון מיינע געטרייע עלטערן און ווי מיין מאַמע ע"ה, האָט מיר מיטגעגעבן אַ קליין פעקעלע וועש, אַביסל צידה־לדרך און אַ ביסל געלט. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט הייסע טרערן, האָט זיך מיר געזאָגט די דאָזיקע ווערטער: „מיר זענען נישט יונג, מיר קענען נישט אַנטלויפן. דו ביסט יונג, אַנטלויף מיט דעם שטראָם אויף מזרח. ראַטעווע דיין לעבן!״ ווער זאָל זיך דעמאָלט ריכטן, אַז מיר זען זיך דאָס לעצטע מאָל?

נאָך מיינע איבערלעבונגען און פיין ביים געכאַפּט ווערן צו שווערער אַרבעט פון די דייטשישע מערדערס, ווען איך בין צעשטאָכן געוואָרן אויפן גאַנצן קערפּער בעתן רייניקן די גראָון און זומפּן אין שטאָט. האָב איך זיך צוזאַמענגערעדט מיט מיין חבר יחזקאל שערמאַן און באַלד צו מאָרגנס זענען מיר אַוועק דורך מאַלקין אויף מזרח. נאָך אַ סך ליידן און מאַטערניש זענען מיר אָנגעקומען אויף דער סאָוויעטישער זייט — קיין ביאַליסטאָק.

אין סאָוויעטישן „גן־עדן האָב איך גרויזאַם געליטן. אָן אַרבעט און אָן אַ דירה — ווי יעדער פּליט — זענען מיר דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום. האָבן די סאָוויעטן אויסגענוצט אונדזער שווערע לאַגע און געעפנט אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָס. אַזעלכע טויזנטער ווי איך האָבן זיי ווערבירט און אַוועקגעשיקט אויף שקלאַפן־אַרבעט אין די ווייטסטע געגנטן איבער סאָוויעטן רוסלאַנד.

איך בין אַריינגעפאַלן אויפן ווייטן אוראַל, קיין טשעלאַבינסק און צוגעטיילט געוואָרן צו אַ שטיינהאַקעריי־גרופּע. אין מיין עלטער האָב איך גאָר שווער און ביטער געהאָרעוועט, ביי אוממענטשלעכע תנאים; ווייניק עסן און שלעכטע דירה. פון דעסטוועגן, האָב איך שטענדיק געטראַכט און געבענקט נאָך מיין היים, עלטערן, משפחה און חברים. וויסנדיק, אַז זייער גורל איז נאָך ערגער פון מיינעם, האָב איך תמיד ווייטיקדיק געטראַכט: פאַרוואָס מיינע עלטערן זענען נישט מיט מיר, אַפילו אין די שווערע באַדינגונגען, די מחשבה האָט מיך געפּייניקט און קיין מאָל נישט געלאָזט פאַרגעסן אין זיי.

פון די שטיינערהאַקעריי האָט מען מיך איבערגעפירט אין דער „פ.ז.אָ.״ אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו לערנען יונגע אַרבעטער פאַכן. דאָרט האָב איך געאַרבעט ביי מויעריי ביז 1943.

הערנדיק די טרויעריקע ידיעות וועגן דעם גורל פון די פוילישע יידן, וואָס די דייטשן ברענגען אום אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ געוואַלטיקער ווילן נקמה צו נעמען אין די מערדערס. איך האָב באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער געשאַפענער דורך די סאָוויעטן א. ג. פוילישע וואַנדאַ וואַשילעווסקי־אַרמיי. אַזוי האָב איך געטאָן און בין צוגעטיילט געוואָרן אויף איבונגען קיין אופאַ. ווען דאָס לערנען די מיליטער־קונסט און די איבונגען האָבן זיך פאַרענדיקט, האָט מען מיך צוגעטיילט צו דער 1טער פּאַנצער־בריגאַדע און כ'האָב געקעמפט אויף דער פוילישער טעריטאָריע ביז מיר זענען דערגאַנגען צו בערלין. ביי בערלין בין איך פאַרווונדעט געוואָרן, געלעגן אין שפּיטאָל. נאָכן געזונט ווערן האָט מען מיך צוגעטיילט צו דער פוילישער גרענעץ־וואַך אויף דער פויליש־טשעכישער גרענעץ. דאָרט בין איך געווען ביז סוף 1947.

זייענדיק אין דינסט, האָב איך כסדר געטראַכט וועגן מיינע נאָענטע. כ'האָב געבעטן אורלויב אַ היים צו פאָרן אין אונדזער שטעטל סקאַרזשיסק, כדי אויסצוגעפינען דעם גורל פון מיינע עלטערן, משפחה און פריינד און זען דעם מצב פון די יידן אין שטעטל. נאָר די עלטסטע פון מיין אָפּטיילונג האָבן מיך כסדר אָפּגערעדט פון פאָרן אַ היים.

זעט אויס, אַז זיי האָבן שוין געוווּסט דעם גאַנצן אמת וועגן דעם אומקום פון פוילישן יידנטום. זיי האָבן אויך געוווּסט וועגן דער געפאַר — אין יענער צייט — פאַר אַ ייד צו פאָרן מיט די באַנען, צוליב דער מערדעריש־אַנטיסעמיטישער א. ק. וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצומאָרדן די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן אין פוילן, כדי נישט דערלאָזן אויפצובויען אין פוילן אַ יידישן יישוב.

נאָר סוף־כל־סוף האָט מען נישט געקענט מיך אָפּרעדן פון פאָרן אַ היים און כ'האָב באַקומען אַ 14 טאָגיקן אורלויב צו פאָרן קיין סקאַרזשיסק.

גייענדיק פון באַן אין שטעטל, האָב איך מיט נערוועזער האַרץ־קלאַפּעניש געטראַכט צו איך וועל טרעפן אין שטעטל כאָטש עמיצן פון די מיט וועמען מיין געדאַנק איז היינט? נאָר צו מיין גרויסער ווייטיק, זענען אַלע מיינע חלומות געווען אַ פּוסטער חלום, ווען כ'האָב זיך אָנגעטראָפן מיט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט; קיינער איז נישט געבליבן לעבן. די היטלעריסטישע רוצחים, מיט פוילישער הילף האָבן אַלעמען אומגעבראַכט... השם ינקום דמם!

אין מיין צעבראָכנקייט האָב איך מער דאָרט נישט געקענט בלייבן. כ'האָב פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע פוילישע ערד, וואָס האָט אַזוי פיל יידיש בלוט איינגעזאַפּט — אויף שטענדיק.

גבית עדות

(צוגעשטעלט פון „יד ושם״)

שלמה זילבערבלום

אין אַרבעטס־לאַגער סקאַרזשיסק

נישט ווייט פון זוואָלין, האָט זיך געפונען אַ גרויסער הויף. אַ מין גוט. דער „פּאָליטשנער הויף״ האָט מען אים גערופען. ווו ס'האָט זיך געפונען אַ פּלאַצװוקע, ווו ס'האָבן געאַרבעט אַ 100 יידן, מענער און פרויען. אין טאָג פון דער אויסזידלונג אין זוואָלין, איז דאָ פאָרגעקומען אַ סעלעקציע; די עלטערע מענטשן אָדער די וואָס האָבן געהאַט קליינע קינדער, האָט מען אויסגעקליבן און זיי אַוועקגעטריבן קיין גאָרבאַטקע, ווו זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די זוואָלינער 8000 יידן און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעמבלינקע.

אַזוי אַרום זענען דאָ געבליבן נאָר יוגנטלעכע, מענער און פרויען. געשלאָפן זענען מיר צוזאַמען אויף דער גאָלער ערד. אויף ביינאַכט האָט מען אונדז אָפּגעשלאָסן. די מענטשלעכע באַדער־פעניש האָבן מיר געמוזט טאָן אויפן אָרט. ס'איז ממש נישט געווען אויסצוהאַלטן.

קוים זון־אויפגאַנג, האָבן מיר געמוזט אויפשטיין און ארויס־גיין אויף דער פעלד־אַרבעט, ביז זון־אונטערגאַנג. ס'איז געווען די צייט פון קאָפּען קאַרטאָפל, האָבן מיר 15 שעה געמוזט ליגן אויס־געצויגן אויף דער ערד און אויפקלייבן דאָס וואָס די קאָפּערינס האָבן געמאַכט. אונטער אונדז איז דער פאַרוואַלטער געריטן אויף אַ פערד מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט און ווער ס'האָט נישט אַזוי שנעל געאַרבעט, האָט ער אָרנטלעך מכבד געווען...

ס'האָט געטראָפן אַזאַ פאַל: אַ יונג יידיש מיידל האָט זיך אויס־געלענקט אַ פוס און נישט געקענט אַרויסגיין צו דער ארבעט. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט טעלעפאָנירט צו דער פּאָליציי אין זוואָלין. באַלד איז געקומען דער זשאַנדאַרם פּעגאַ און האָט דאָס מיידל דערשאָסן. אַ פּיינלעכע שטימונג האָט אַלעמען אַרומגענומען און עטלעכע יידן זענען אַנטלאָפן.

אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז דעם 31טן נאָוועמבער 1941. אין יענעם טאָג זענען פאַר אונדזער שטאַל פאַרפאָרן צוויי גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט דעם לאַגער־פירער אינפּליק בראש און מ'האָט אונדז אַלעמען אַוועקגעפירט קיין סקאַרזשיסק. אַריינגעפירט אין דער נייער „קאָרבינעוווקע״, האָט מען באַפוילן אַלע מענער און פרויען זיך אויסטאָן נאַקעט און אָפּגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן: גאָלד, געלט, זייגערלעך, רינגעלעך א״א. ביי וועמען מען וועט עפּעס געפינען וועט דערשאָסן ווערן. אין זאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט 20 ווערק־שוצן מיט דעם אכזור באַטענשלאַגער בראש מיט קאַנטשיקעס אין די הענט און ביי וועמען מ'האָט עפּעס געפונען, האָט באַקומען אויפן אָרט 25 שמיץ. דאָס האָט איבערגעשראָקן אַנדערע און ווער ס'האָט עפּעס פאַרמאָגט, האָט עס אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד.

נאָך דעם „קבלת־פנים״, האָט מען אונדז געלאָזט ליגן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער גאָלער ערד. צו מאָרגנס האָט מען אונדז געשיקט אין באָד און דערנאָך אַוועקגעפירט פאַרן הויז פון דער „ביוראָ״. דאָ אַהער זענען באַלד געקומען מייסטערס אויסצוקלייבן זיך מענטשן צו דער אַרבעט.

מיין ערשטער מלאך־המות איז געווען דער מייסטער פּראַכער פון דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג. ער האָט אויסגעקליבן 20 מענטשן די שטאַרקסטע און געזונטסטע און מיך צווישן זיי. אַ שווערע און ביטערע אַרבעט איז דאָס געווען. אויב מ'קען זיך פאָרשטעלן דאָס גיהנום, מיט אַלע זיינע שרעקלעכקייטן, האָבן מיר עס געהאַט אין דער גראַנאַטן־פּרעסעריי; פון דריי זייטן פייערדיקע פלאַמען־צונגען און פון דער פערטער, די פּרעס־מאַשינען פון וועלכע ס'האָט געגאָסן מיט אייל און וואַסער. די מייסטערס זענען געווען פאַרברעכער־פּאָליאַקן, שלאָגן אַ ייד איז ביי זיי געווען אַ גרעסערער פאַרגניגן ווי טרינקען אַ פלעשל וואָדקאַ. געשלאָגן האָבן זיי נישט מיט די הוילע הענט, נאָר מיט לאַנגע פייער צוואַנגען. מען קען זיך פאָר־שטעלן וויפל יידן ס'זענען געפאַלן פון זייערע הענט; און איצט דרייען זיך די דאָזיקע פאַרברעכער אַרום פראַנק און פריי אין דעם „באַנייטן״ פוילן. ס'שטייט נאָך פאַר מיינע אויגן דאָס בילד, ווי דער מייסטער פּראַכער האָט אַרויפגעוואָרפן אונדזערס אַ נאָענטן פריינד אויף די גליענדיקע גראַנאַטן וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויפן זאַמד, כדי זיך אָפּצוקילן. אין עטלעכע שעה אַרום איז ער געשטאָרבן אין גרויסע יסורים. מעד זוי אַ דריי חדשים, האָט קיינער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם גיהנום. אָדער ער איז געשטאָרבן, אָדער מ'האָט אים אויסגעקליבן אין אַ סעלעקציע.

באַשפּייזט האָט מען אונדז מיט 20 דעקאַ ברויט און ½ ליטער זופּ, ביי 12 שעה ארבעט. צו אַלע צרות, האָבן מיר אַ סך געליטן פון אונדזערע „ברידער״ די „לאַגער־פּאָליציי״. זיי די „גראַנאַט־ניקעס״ האָבן געוווינט אין באַראַקן ווייט פון דער פאַבריק. דער באַ־ראַק־פירער איז געווען אַ יונגער שנעק פון טשענסטאַכאָוו — גנאַט. ער האָט אונדז אָנגעטאָן שרעקלעכע צרות; ווען ער איז געקומען אויף קאָנטראָל אין באַראַק און ס'איז אים עפּעס נישט געפעלן געוואָרן; האָט ער דעם גאַנצן באַראַק מענטשן אַרויסגעטריבן, ווינטער אין שניי און פראָסט אויף שטראָף־איבונגען — פאַלן! אויפשטיין! א״א. און דאָס נאָך 12 שעה גיהנומדיקע אַרבעט אין דער פאַבריק. אויב ס'האָט חלילה געטראָפן, אַז איינער פון אונדז האָט געקראָגן היץ, האָט דער זעלבער גנאָט אים אַריינגעזעצט אין דער „קראַנקן־שטוב״ און אין עטלעכע שעה אַרום איז דער קראַנ־קער דערשאָסן געוואָרן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ בלאָקאָווער אין אַ פרויען־באַראַק, האָט ער אויך די פרויען מערדערלעך געשלאָגן און געפּייניקט. אויך אָט דער נפש דרייט זיך איצט אַרום פריי אין פוילן.

אַ שרעקלעכע חיה־רעה איז געווען דער ווערקשוץ־לייטער באַטענשלאַגער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער סאַדיסט. איין מאָל ווען מיר זענען געשטאַנען ביי דעם טויער פון פאַבריק אַהיים צו גיין, איז אַרויסגעקומען באַטענשלאַגער, אַדורכגעגאַנגען די רייען און אַרויסגענומען די צוויי שענסטע פרויען. ער האָט זיי גענומען מיט זיך אַהיים און צו מאָרגנס האָט מען בײדע געפונען — דערשאָסענע.

אויך דער לאַגער־פירער אינפּליק, אַן אַלטער מענטש פון עטלעכע זעכציק יאָר, איז געווען אַ שרעק־געשפּענס אין לאַגער. ס'איז נישט דורך קיין טאָג, ר'זאָל עמיצן נישט דערשיסן מיט זיינע אייגענע הענט.

ווינטער 1943 איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע אין לאַגער. פון אַ פערד־שטאַל האָט די פאַרוואַלטונג איינגעאָרדנט אַ „שפּיטאָל״. מען האָט צוזאַמענגענומען אַלע קראַנקע און זיי אַריינגעלייגט אין שטאַל. אָן שום מעדיצינישער און קליניקשער הילף. אַ סך זענען געשטאָרבן ליגנדיק אויף די האַרטע ברעטער מיט דעם ביסל פאַרשטונקענעם שטרוי. אויף וועלכע יעדער קראַנקער — נישט קענענדיק אַראָפּגיין — האָט געטאָן זיין מענשלעכן געברויך. די אַנדערע האָט מען יעדע וואָך אַרויסגענומען און אין אַ לאַסט־אויטאָ זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד. דאָרט האָט מען זיי געצוווּנגען שפּרינגען אין גרוב און דאָרט זיי דערשאָסן. שפּעטער האָט מען צוריקגעברענגט אין לאַגער זייערע מלבושים.

די אויפזעערין אין שפּיטאָל איז געווען אַ געוויסע יידישע פרוי — לאָליאַ פינגער מיט איר מאַן. אים האָט מען פאַר זיינע „מעשים־טובים״ דערמאָרדעט אין בוכענוואַלד. דאָס דאָזיקע פאָרל האָט ניט צוגעלאָזט קיין טראָפּן וואַסער צו די קראַנקע. נאָר ווען

עמיצער איז געשטאָרבן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די גאָלדענע ציין און באַטאַפּט די קליידער פון מת, צי ער האָט נישט עפּעס איינ־גענייט. אַ געוויסער שמעון פעניגשטיין פון וואַרשע, האָט געברענגט פאַר זיינעם אַ חבר אַ ביסל זאַלץ. האָט אים די זעלבע לאַליאַ מער־דערלעך צעשלאָגן...

אין מאַי — יולי 1943 איז צו אונדז אין לאַגער געקומען צוויי גרופּעס מענטשן פון ק. ל. מיידאַנעק. זיי האָבן געטראָגן שמאַטעס, הילצערנע שיך און זייער שלעכט אויסגעזען. דאָס זענען געווען לעצט־פאַרבליבענע יידן פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. מ׳האָט זיי גערופן „קאַ־על־ניקעס״.

אויך די יידישע פאָליציי האָט זיך צו זיי שרעקלעך באַצויגן. מ׳האָט זיי געיאָגט און געפּלאָגט אויף טריט און שריט. באַלד אויף צו מאָרגנס פון זייער קומען, האָט מען אויסגעקליבן 50 מענער, וואָס האָבן שלעכט אויסגעזען, אָדער זענען געווען גאָר שלעכט אָנ־געטאָן. סאיז צוגעפאָרן אַן אויטאָ און האָט זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד, הינטערן ווערק „צע״. געהייסן זיי שפּרינגען אין גרוב און דערשאָסן.

נאָך דעם איז אָנגעקומען אַ נייער לאַגער־שעף — קילעמאַן. אַ קריפּל, אַ הויקער. ער איז געווען דער גרעסטער רוצח פון אַלע רוצחים. ס׳איז נישט געווען די וואָך, ער זאָל נישט דערמאַרדן עטלעכע מענטשן. דער דאָזיקער קריפּל האָט יעדע וואָך אַרויס־גענומען עטלעכע קראַנקע פון שפּיטאָל, כלומרשט זיך מיט זיי געוויצלט, אַרונטערגענומען זיי הינטער דער שאָפּע פון שפּיטאָל און דערשאָסן. די מתים אַריינגעוואָרפן אין קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם צוועק פאַר דעם שפּיטאָל.

נאָכן פאַרשיטן דעם גרוב האָט די ערד זיך נאָך־לאַנג געוואָרפן, אַזוי האָט מען אומגעברענגט געזונטע אומשולדיקע מענטשן אין דעם כלומרשטן אַרבעט־לאַגער...

אויך דער יידישער פאָליציי־שעף טעפּערמאַן האָט צוגעהאָלפן דעם מערדער. דער יידישער קאָמענדאַנט קזשעפּיצקי האָט זיך מיט אים פאַרהאַלטן ווי ברידער. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז זיינער אַ „שוואָגער״. ווייל קזשעפּיצקיס ווייב איז געווען גאָר אַ שיינע פרוי. די לעצטע צוויי האָבן באַצאָלט פאַר זייערע מעשים אין 1944, קומענדיק קיין בוכענוואַלד...

אַ סך מער פון אונדז אין ווערק „א״, האָבן געליטן די יידן פון ווערק „צע״. דאָרט האָט מען אָנגעפילט די גראַנאַטן מיט אויפ־רייס־שטאָף „טראַטיל״. די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט ביי דעם, זענען געוואָרן געל און ס׳איז זיי געווען ביטער אין מויל. מער ווי דריי חדשים האָט מען דאָרט נישט געקענט אויסהאַלטן. אַזוי אַרום זענען אומגעקומען טויזנטער יונגע לעבנס פון אונדזערע ברידער.

אויך די „ווערק־שוצן״ האָבן צוגעהאָלפן צום טויט פון די יידן אין לאַגער. אויסנוצנדיק יעדע געלעגנהייט צו שלאָגן מכות־רצח; נאָך דער אַרבעט אַדורכגייענדיק דעם הויפּט־טויער פון פאַבריק, איז יעדער געוואָרן באַזוכט. אוי און ווי איז געווען צו דעם ביי וועמען מ׳האָט געפונען ברויט אָדער עפּעס אַנדערש; מען האָט אים אַריינגענומען אין דער וואַך־שטוב און ר׳האָט באַקומען 25 שמיץ אויפן נאַקעטן קערפּער...

אין יאָר 1944, האָט זיך די לאַגע אַ ביסל געבעסערט. מ׳האָט געגעבן עטוואָס בעסער צו עסן און מ׳האָט געטיילט קליידער, וואָס מ׳האָט געברענגט פון מיידאַנעק. יעדער וואָס האָט באַקומען אַ מלבוש האָט דאָרט עפּעס געפונען. אָבער דאָס „גוטס״ האָט לאַנג נישט געדויערט. אין אויגוסט 1944 האָט מען דעם לאַגער ליקווידירט, צוליב דעם וואָס די רוסן האָבן זיך דערנענטערט. מ׳האָט געשמועסט, אַז זיי זענען שוין ביי דער ווייסל. אַ טייל מענטשן האָט מען געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו אין לאַגער, אַ טייל פרויען קיין לייפּציג און די איבעריקע קיין בוכענוואַלד. נאָר פאַרן אָפּשיקן די מענטשן, איז נאָך פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, אויף וועלכער מ׳האָט אויסגעקליבן: קראַנקע, עלטערע און די וואָס האָבן געהאַט אַ שלעכטן אויסזען, מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד און דערשאָסן.

אזוי זענען נאָך אין דער לעצטער רגע אומגעקומען טויזנטער יונגע לעבנס אין אַרבעט־לאַגער סקאַרזשיסק, דורך די דייטשע, אוקראַינישע און פּוילישע מערדערס.

מרדכי גאָלדוואסער

(געב. 1915.10.5 — אַפּאַטאָוו — קיעלץ.)

לאַגער־איבערלעבונגען

אין יולי 1941 איז אונטער דער שטאָט געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ. אַלע האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן די דירות. אַרום 5—6 טויזנט יידן האָבן געלעבט אין דעם אַרומגעצוימטן שטח. פון־צייט־צו־צייט זענען פאָרגעקומען אָבלאַוועס און מ׳האָט אַ סך מענטשן אַוועק־געפירט אויף אַרבעט אין פאַרשיידענע ערטער. עטלעכע וואָכן פאַר די ימים־נוראים האָט די דייטשע ווערמאַכט אַרומגערינגלט דעם געטאָ מיט האַרמאַטן און מאַשינגעווער און געעפנט אַ פייער. אַלעמען איז באַפאַלן אַ פּחד און ס׳איז געוואָרן אַ בהלה. יעדער האָט זיך באַהאַלטן ווו נאָר ער האָט געקענט. דעמאָלט האָבן זיי צונויפגענומען אַ טויזנט יוגנטלעכע — יינגלעך און מיידלעך — און מ׳האָט זיי צו 50—60 אַריינגעפּאַקט אין מאַשינען, אונטער אַ וואַך פון דייטשע באַנדיטן אָפּגעשיקט קיין סקאַרזשיסק אין דער אַמוניציע פאַבריק. די יללות און געוויינען פון די עלטערן זענען געווען הימל־שרייענדיק.

אָנקומענדיק קיין סקאַרזשיסק, האָט מען אונדז רעגיסטרירט און געפירט אין באָד. שפּעטער האָט מען פאַרטיילט אויף אַרבעט. דעמאָלט האָט מען מיך צעשיידט פון מיין שוועסטער, וועלכע איז צוגעטיילט געוואָרן צום טראָטיל־פּיקרין צעך ווערט „צע״. מיך האָט מען באַשטימט אין ווערק „בע״. פון דעמאָלט אָן האָב איך פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט מיין שוועסטער.

אוקראַינישע באַנדיטן האָבן אונדז געפירט פון באָד אין ווערק „א״ און „בע״, האָבן מיט קללות און קלעפּ אונדז געצוווּנגען צו לויפן מיטן גרעסטן אימפּעט. אַ סך זענען געפאַלן טויט פון די קלעפּ און געיעג. ווען מ׳האָט צוגעטיילט צו ארבעט, בין איך אריינגעפאַלן צום ערגסטן מייסטער — ליידיך, צו ארבעטן ביי די 2 צענטימעטערדיקע קוילן.

מען האָט אונדז געטריבן יעדן טאָג צו דער אַרבעט אויף 12 שעה אַ טאָג, באַקומעדיק 20 דעקאָ ברויט און אַ האַלבן ליטער זופּ. ווער עס האָט נישט געמאַכט די נאָרמע האָט באַקומען געשלאָגן. באַקומענדיק מיין פּאָרציע, וואָס איך האָב ווי אַ חיה איבערגעשלונגען, האָב איך געבעטן נאָך אַ ביסל זופּ. דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעוויזן, אַז כ׳האָב שוין באַקומען; דעמאָלט האָט מען מיך אַריינגעפירט אין שלאָג־צימער און כ׳האָב באַקומען 60 שמיץ אויפן גאָלן לייב. בלוט האָט זיך פון מיר געגאָסן און כ׳בין געווען האַלב־טויט...

זייער אָפט זענען געווען סעלעקציעס ביי דער אַרבעט. די אָפּגעקליבענע שוואַכע מענטשן האָט מען געפירט אין וואַלד. אויפן וועג האָבן די פירערס געלאַכט פון די פאַרמשפּטע. „אָט איצט גייט איר קיין פּאַלעסטינע״. האָט מען שוין געוווּסט, אַז ס׳איז צום טויט. אַ קילאָמעטער אונטערן לאַגער, האָט מען זיי געשאָסן און שפּעטער געקומען נאָך אונדז, אַז מיר זאָלן זיי מקבר זיין. איין מאָל איז געשען



די דייטשן חוזקן פון די מתפללים



די דייטשן שערן אָפּ די פאות



די דייטשן מאַכן אַ „ספּעקטאַקל"



די דייטשן איזדעקעווען זיך איבער יידן

אַזאַ מאַקאַברישע זאַך: מען האָט אונדז גענומען צו באַגראָבן 21 דערשאָסענע, נאָר ווען די גרוב איז שוין געווען גרייט האָבן די אוקראַינער נישט געלאָזט באַגראָבן, ביז... יעדער ייד האָט געמוזט נעמען אַ טויטן אויף די הענט און טאַנצן מיט אים אַרום גרוב, זינגענדיק דערביי יידישע זמירות און נגונים. דערנאָך האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין גרוב און פאַרשיט מיט אַביסל זאַמד. דערפאַר האָבן מיר שפּעטער באַקומען צו 10 דעקאַ ברויט...

דער דייטשער מייסטער הערינג האָט געהאַט אַ ספּעציעלע קאָלעקציע פון זעקס יידישע יוגנטלעכע, וואָס ער פלעגט יעדן טאָג פאַר דער אַרבעט אַרומפירן איבער די צעכן. די אָרעמע קינדער האָבן געהאַט פעלערן: ווער אַ אָפּגעהאַקטע נאָז, אַן אָפּגעריסן אויער, אונטערגעהאַקטע אויגן, אַ לאָמען פוס אאַ״וו. אַרומפירנדיק זיי האָט ער אַונדז געוואָרנט — אויב איר וועט נישט אַרבעטן ווי געהעריק, וועט איר האָבן דעם זעלביקן סוף ווי זיי...

אַמאָל ווינטער, האָב איך אַריינגענומען מיין מאַנאַשקע צום עסן אין דער פאַבריק. זי זאָל נישט זיין אַזוי געפרוירן. דער יידישער קאָמענדאַנט האָט דאָס געזען און דערציילט דעם מייסטער הערינג. האָט ער מיך געשלאָגן ביז כ׳בין געפאַלן אַין חלשות און שפּעטער מיר נישט געגעבן מיין פּאָרציע זופּ...

אַמאָל זענען צוויי מענטשן אַנטלאָפן פון לאַגער און מען האָט זיי געכאַפּט. האָט מען צוזאַמענגעטריבן אַלע אויפן אַפּיל־פּלאַץ. דער שטורמפירער האָט די צוויי — מאַן און ווייב — געהייסן קניען אַון זיך קושן אין קעגנוואַרט פון אַ 5000 מענטשן. געהאַלטן אַ פּאַטריאָטישע ריידע און זיי דערשאָסן...

איין מאָל אין וואָך, האָט מען אונדז געפירט פון ווערק „בע״ אין באָד אַריין אין די גרעסטע קעלטן נאַקעט און באָרוועס. הונגעריקע זענען מיר געלאָפן אונטער די שמייסנדיקע נאַהייקעס, קעלט אַון קלעפּ...

מען האָט געהרגעט מענטשן וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון פאַבריק זוכן עטלעכעביינער, אַ דאַר שטיקל ברויט, אָדער אַביסל זופּ צום עסן. עטלעכע וואָכן נאָך אונדזער אָנקומען קיין סקאַרזשיסק, האָבן די דייטשן אַרויסגעהאַנגען אַ מעלדונג, אַז אַלע וואָס פילן זיך קראַנק אָדער שוואַך, זאָלן זיך פאַרשרייבן אין ביוראָ, וועט מען זיי שיקן אַהיים. אַ סך יונגע געזונטע מענטשן האָבן זיך געלאָזט קאָסטן געלט, מען זאָל זיי אויך פאַרשרייבן אין דער גרופּע. דערנאָך האָט מען די עטלעכע הונדערט פאַרשריבענע אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן באַראַק. אויף צו מאָרגנס האָט מען די אַלע אָפּגעשיקט קיין סקאַרזשיסק. דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון סקאַרזשיסק, האָט מען זיי אַלע אַוועקגעשיקט קיין טרעמבלינקע. נאָכן צונעמען אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן מיטגענומען, האָט מען זיי פאַרגאַזט און פאַרברענט. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מיין שוועסטער פּוטשע גאָלדוואַסער.

אַעלכע רציחות, סעלעקציעס, הונגער און קלעפּ, זענען פאָרגעקומען טאָג־טעגלעך. אַמאָל ווען מיר זענען געקומען פון דער אַרבעט אויפן טאָג־שיכט, האָבן מיר געטראָפן הענגען אויפן מיטן פּלאַץ אַ ייד. מיר האָבן אפילו נישט געוווסט פאַר וועלכן חטא. ביים אַריינמאַרשירן אין לאַגער, זענען מיר געגאַנגען איינציקוויז מיט די הענט איבערן קאָפּ. מען האָט אונדז באַזוכט און פאַר געפינען די מינדסטע קלייניקייט: אַביסל מעל, אַ שטיקל ברויט א״א האָט מען געפּאַטשט און געשלאָגן מכות־רצח...

ביי אַזעלכע באַדינגונגען פון: טויט, הונגער, שרעק און פּיין, זענען געווען פאַלן ווען מיר האָבן אַליין געבעטן ביי דער ס.ס. זיי זאָלן אונדז דערשיסן. דעמאָלט האָבן די רוסן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן. אונדזער לאַגער איז געוואָרן ליקווידירט און מ׳האָט אונדז איבערגעפירט מיט לאַסט־וואַגאָנעס קיין טשענסטאַכאָוו. מ׳האָט אַריינגעפּאַקט 120 מענטשן אין אַ וואַגאָן און אונדז אַרומגעפירט דריי מעת־לעת אָן עסן און וואַסער. מענטשן זענען אויפן וועג געפאַלן ווי פליגן פון ענגשאַפט, שמוץ און הונגער. אין מיטן וועג האָבן זיי געשאָסן צו אונדז, אַז מיר זאָלן נישט מאַכן קיין געוואַלטן. זיי האָבן נישט דערלאָזט, אַז די ציווילע באַפעלקערונג זאָל אונדז צוטראָגן אַביסל וואַסער אפילו...

דער גאַנצער לאַגער מיט די מאַשינען איז געוואָרן איבערגעטראָגן קיין טשענסטאַכאָוו. דאָרט האָבן מיר ווידער געאַרבעט ביי געווער. די לאַגע איז געוואָרן אַביסל בעסער, ווייל דער דייטשער דירעקטאָר לודט, האָט זיך צו אונדז בעסער באַצויגן, געגעבן בעסערע באַדינגונגען און בעסער עסן. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז דער באַפרייונג דעם 15טן יאַנואַר 1945.

עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייונג, האָבן די ס.ס. לייט נאָך באַוויזן אַוועקצופירן עטלעכע יידן אין פאַרשיידענע קאַצעטן אין דייטשלאַנד, פון וועלכע דער רוב איז אומגעקומען אויפן וועג.

דעם 15טן יאַנואַר, אַ שעה פאַר דער באַפרייונג, איז דער דירעקטאָר פון לאַגער צו אונדז געקומען און געבעטן: „יידן, קומט מיט אונדז אין רייך, דאָרט וועט איר האָבן גוט צו עסן!״. נאָר מיר האָבן נישט געוואָלט גיין מיט אים. ווייל מיר האָבן געזען דאָס פייער פון די רוסישע באָמבעס אַרום אונדז. אין אַ שעה אַרום זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

לאָלאַ וועגמאַן

איבערלעבונגען פון סקאַרזשיסקאָ און טשענסטאָכאָוו

אין מאָנאַט סעפּטעמבער 1942, האָבן די עס.עס־לייט פון אונדזער שטעטל סטאָפּניצע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יונגע מענטשן, דאַרפן זיך צושטעלן צו דער אַרבעט, אויב נישט, וועלן זיי אויסזידלען אַלע אַלטע מענטשן.

די גאַנצע סטאָפּניצער יוגנט, אַרום 300 מיידלעך און יינגלעך זענען געוואָרן אַוועקגעשיקט קיין סקאַרזשיסקאָ און אין צוויי וואָכן אַרום, האָט מען אַלע איבערגעבליבענע סטאָפּניצער יידן אַוועקגעשיקט אין אַ אומבאַקאַנטע ריכטונג.

אין סקאַרזשיסקאָ האָבן מיר געאַרבעט אין אַמוניציע־פאַבריק. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. די דייטשישע מייסטערס האָבן שטאַרק אויפגעפּאַסט אויף אונדז. געשלאָגן פאַר דער מינדסטער קלייניקייט. מיר האָבן געאַרבעט 12 שעה טעגליך אויף 2 שיכטן. די לעבנסבאַדינגונגען זענען דאָ געווען זייער שלעכטע און די באַראַקן זענען געווען זייער שמוציק און צו עסן האָבן מיר נישט געהאַט. אַ גרויסע טייל פון אונדזער טראַנספּאָרט איז קראַנק געוואָרן. די קראַנקע האָט מען פון צייט צו צייט דערשאָסן.

אין 6 מאָנאַטן אַרום בין איך שווער קראַנק געוואָרן אויף אַ פלעק־טיפוס. איך האָב אָבער, מיט מיינע לעצטע קרעפטן, זיך געשלעפּט צו דער אַרבעט. די היץ האָט מיך געברענט, דער מייסטער האָט געשלאָגן, דער מוח האָט געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס און איך בין געשטאַנען ביי דער מאַשין, אַזוי ווי אַן אויטאָמאַט און געאַרבעט. אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָב איך די קרענק באַקעמפט טראָץ דעם, וואָס איך האָב נישט גענאָסן פון קיין שום אַרצטליכע און מעדיצינישע הילף.

קורץ נאָך דעם אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט מען אין סקאַרזשיסקאָ געברענגט אַ גרויסן טראַנספּאָרט מענער און פרויען פון ק. ל. מיידאַנעק, זיי זיינען געווען אָפּגעריסן און שמוציק.

אַזוי ווי זיי וואָלטן זייער גאַנץ לעבן פאַרבערענגט אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען, צווישן די מענטשן אָבער, האָט זיך געפונען אַ גרויסער טייל פון דער וואַרשעווער אינטעליגענץ.

דער יידישער קאָמענדאַנט קשעפּיצקי, וועלכער איז געווען ביי אונז באַקאַנט אַלס גרויסער סאַדיסט, האָט זיך געוואָנדן צו די מענטשן, מיט דער פראַגע: ווער וויל נישט גיין צו דער אַרבעט? עס איז פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די מאַסע מענטשן, האָבן זיך געפונען פיל קראַנקע, שוואַכע און ערשעפּטע, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן, און וואָס האָט ער געטאָן דער מערדער? איבערגעגעבן די אומגליקלעכע, שוצלאָזע יידן די עס.עס לייט, וועלכע האָבן זיי זאָפאָרט דערשאָסן. טויזנטער מענטשן האָט דער מערדער אויף זיין געוויסן, ווי אויך זיינע „מיטהעלפער" וועמעס נעמען איך דערמאָן נישט.

מיט זיינע אייגענע הענט, האָט ער יידן געטויטעט.

עס איז געווען זעלטענע פאַלן, ווען אַ קראַנקער איז אַרויסגעגאַנגען אַ געזונטער פון שפּיטאָל, ווייל מייסטנס האָט דער קראַנקער נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון שפּיטאָל, ווייל מען האָט אים „אָפּגערוימט" און ווען עס האָט שוין אַמאָל פּאַסירט, אַז איינער אָדער צוויי פּערזאָן זענען געזונט געוואָרן און צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט האָט דער דאָזיקער קשעפּיצקי אָנגוויזן אויף אַזעלכע פאַר די עס, עס - לייט, וועלכע האָבן אים באַלד „באַזייטיקט".

אָפטמאָל, האָט מען אויפגעהאָנגען עטלעכע יידן צוליב ווען אַנטלויפן פון לאַגער. ביי אַזאַ „סצענע" האָבן געמוזט זיין אָנוועזנד אַלע יידן פון לאַגער אונטער אַ דראָונג פון טויט־שטראָף.

פון פאַרשידענע אַרומיקע שטעטלעך, פון וועלכע מען האָט די יידן אַוועקגעשיקט צום פאַרניכטן, האָט מען געברענגט פאַרשיידענע קליידונג פאַר אונדז. די יידישע „פאָרשטייערס" האָבן דאָס אָנטועכץ צוטיילט שלאָגנדיק דערביי אומדערבאַרעמלעך. מיט איין וואָרט, ווער עס האָט געוואָלט באַקומען אַ „שמאַטע" האָט ריזיקירט מיטן לעבן.

אַ געוויסן טאָג אין מאָנאַט אויסגוסט 1944, איז פאָרגעקומען אַ אַלגעמיינער צייל אַפּעל, נאָך וועלכן מען האָט אונדז אין עטלעכע טיילן געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו אין אַ אַמוניציע פאַבריק. עס זענען אין סקאַרזשיסקאָ נאָר פאַרבליבן איינצעלנע, וועלכע האָבן געהאַט פּראָטעקציע, וועלכע מען האָט אין אַ געוויסע צייט אַרום געשיקט קיין דייטשלאַנד, אין לייפּציק, אויך אין אַ אַמוניציע־פאַבריק.

אין טשענסטאָכאָוו האָבן מיר אַזוי אייגן ווי אין סקאַרזשיסקאָ געאַרבעט 12 שעה טעגליך, אָן מיטאָג־פּויזע. די שטייגערונג פון דער פּראָדוקציע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איך האָב געאַרבעט ביי די „באַר" מאַשינען, עס איז נישט דערלויבט געווען אויף קיין מינוט צו פאַרלאָזן די מאַשין, די דייטשישע מייסטערס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן אונדז און געשלאָגן פאַר גאָרנישט. פיל מאָל האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין טאַש פון אַ מאַנטל אַ פולע קויל כלומרשט, אַז דער יעניקער האָט געוואָלט צונעמען אַ קויל און צוליב סאַבאָטאַזש דערשאָסן.

נאָך דער אַרבעט האָבן מיר זיך מיט די לעצטע קרעפטן צוגעשלעפּט צו דער לאַגער קיך, כדי אָפּצוזיצן עטלעכע שעה ביים שיילן קאַרטאָפל און פאַר דער אַרבעט האָבן מיר באַקומען אַ ביסל זופּ.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט מען געשיקט פון טשענסטאָכאָוו אַ טראַנספּאָרט פון מענער און פרויען, צווישן וועלכע איך האָב זיך אויך געפונען אויף וואַרטע־ווערק. איך האָב מיך שטאַרק באַמיט פון דאַנען אַוועקצופאָרן, ווייל איך האָב געפילט, אַז איך וועל דאָ לאַנג נישט אויסהאַלטן.

אין וואַרטע־ווערק האָב איך באַקומען אַ לייכטערע אַרבעט, אָבער אויך דאָ, זענען די מייסטערס געווען נישט ווייניקער סאַדיסטיש ווי אין טשענסטאָכאָוו. זיי האָבן געפּייניקט און געשלאָגן ביי דער אַרבעט. איין מאָל האָבן זיי געפונען ביי אַ יידיש מיידל מיטן נאָמען עלאַ נוימאַן שמעלץ און דערפאַר האָבן זיי זי דערשאָסן. אַזעלכע פאַלן, זענען געווען אויפן טאָג־אָרדענונג.

דעם 15 ינואר 1945, האָט מען אונדז, מיטן דערנענטערן זיך פון דער רויטער אַרמיי, אַרויסגעפירט פון לאַגער, מען האָט אונדז געזאָלט שיקן אין דייטשלאנד אויף נייע צרות. צום גליק איז דער וועג צום באַן געווען שוין באַזעצט דורך די רוסן און די עס.עס.־לייט זענען געווען געצוווּנגען אונדז צוריקצופירן אין לאַגער און אַליין זענען זיי אַנטלאָפן.

אין דער נאַכט פון 15 אויפן 16־טן יאַנואַר 1945, האָט אונדז באַפרייט די רויטע אַרמיי.

איבערגעגעבן פון דעם גבית עדות: אונטערשריפט, לאלא וועגמאַן.

אויפגענומען דורך די. פראַט. אמסטער טילא.

נומ. 55 (קאַצעטן)

איינגעפלאָסן 15.5.47. שטעמפל פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאַנדסבערג אונטערשריפט נישט לייענבאַר.

עווואַ צוקער

וואָס טעבענס האָט פאַרזיכערט די יידן

איך בין געבוירן געוואָרן אין וואַרשע דעם 15טן דעצעמבער 1894 ביי דוד גאַמפּעל און יהודית (פון דער היים מענדעלסאָן), מיט אַ גרויסער טייל פון מיין משפחה זענען זיי אומגעקומען אין דער היטלעריסטישער מגיפה.

מיין מאַן ראובן צוקער, איז אומגעקומען אין בוכענוואַלד.

די מלחמה־אויסברוך האָט מיך געטראָפן אין וואַרשע. אין געטאָ בין איך געווען ביז אַפּריל 1943 און אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק, דערנאָך עטלעכע חדשים אין לאַגער סקאַרזשיסקקאַמ. דאָרט בין איך געווען באַשעפטיקט ביי צוואַנג־אַרבעט ביז אויגוסט 1944, שפּעטער אין ליפּסק אין אַ אַמוניציע־פאַבריק, ביז מ'האָט עוואַקואירט דעם לאַגער.

נאָך דער באַפרייונג בין איך געקומען קיין פוילן, געווען דאָרט ביז 1945. אין 1946 געקומען קיין ישראל, ווו איך געפין זיך איצט.


פרילינג 1943, אַ סך יידן אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען באַשעפטיקט אין שולצס־וואַרשטאַטן. איך האָב געאַרבעט אין אַ ניי־אָפּטיילנג, ווו מ'האָט גענייט פוטערנע קאָמבינעזאָנען פאַרן מיליטער. מיין מאַן איז געווען אַ מייסטער אין אַ בערשטל־אָפּטיילונג. געוווינט אין געטאָ ראָג נאָוואָליפּיע־זשעלאַזנע.

שולץ און טעבענס זענען נישט געווען שלעכט צו די יידן וואָס האָבן ביי זיי געאַרבעט. זיי האָבן אפילו באַשעפטיקט מער יידן ווי ס'איז נייטיק געווען אין די וואַרשטאַטן. דאָרט אַהין האָבן זיך אַלע באַמיט אַריינצוקומען, ווייל מ'האָט געהאָפט, אַז דאָס וועט ראַטעווען פון אַרויסגעשיקט ווערן.

ווען מ'האָט אונדז באַשטימט אַרויסצושיקן קיין טראַווניק, איז טעבענס געקומען אין די שולץ־פאַבריקן און גערעדט צו די פאַרזאַמלטע יידן אויפן הויף: „איך שווער אייך — האָט ער געזאָגט — ביי מיין ווייב און קינד, אַז אין טראַווניק און אין פּאָניאַטאָוו, וועט אייך זיין גוט. מיר וועלן דאָרט אַרבעטן און קיינער וועט אונדז נישט באַוולענען". איך מיין, אַז ער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס



פייניקונגען דורך אָפּשערן



אַ געשלאָגענער ייד דורך דייטשן



פייניקונגען דורך אָפּשערן



געצווּנגען צום פּאַזירן

די היטלעריסטן ווילן מיט אונז מאַכן און ער האָט אַליין געגלייבט אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט. אַזוי, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף זיך מעלדן צום אַרויספאָרן קיין טראַווניק, בין איך מיט מיין מאַן געגאַנגען צוזאַמען.

אָבער, אַנשטאַט קיין טראַווניק האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין מיידאַנעק. צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען געווען פאַר־זאַמלט אויפן פעלד. איידער מ׳האָט אַלע באַזעצט אין לאַגער. צוויי חדשים האָב איך דאָרט געלעבט — פון אַפּריל ביז יולי 1943 — און די בילדער וואָס איך האָב דאָרט געזען, וועל איך שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן; אַמאָל האָט מען געברענגט אַן עשאַלאָן וואַ־גאָנעס מיט שיינע, יונגע, יידישע פרויען, וואָס האָבן זיך גאָר נישט געריכט און מ׳האָט זיי באַלד פאַרגאַזט. כ׳האָב געזען ווי מ׳האָט פאַרנומען עטלעכע אויטאָס מיט קינדער און נאָך אַ האַלבער שעה זענען די זעלבע מאַשינען צוריקגעקומען און געברענגט די קאָסטיו־מלעך פון די אַוועקגעפירטע קינדער. אַ שוידערלעכע סצענע, נישט צום באַשרייבן, די געוויינען און געשרייען פון מאַמעס, לעכערן מיר נאָך היינט דעם מוח. סזענען אויך געווען מאַמעס וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע קינדער — ווייל זיי האָבן נאָך געוואָלט לעבן... ווען זיי האָבן געוויינט, האָבן זיי אַנדערע געטרייסט: „וויינט נישט! ווען איר וועט לעבן, וועט איר האָבן אַנדערע!"

אין מאַגאַזין און קיך אין מיידאַנעק־לאַגער האָבן געבאַלעבאַ־טעוועט פוילישע פרויען; איינע פון זיי האָט מיר געזאָגט „האָט נישט קיין עגמת־נפש, אייערע רוסן וועלן דאָ זיין פריער ווי איר ריכט זיך". כ׳האָב איר גאָר נישט געענטפערט, ווייל מ׳האָט קיין מאָל נישט געקענט וויסן, צי ס׳איז נישט קיין פּראָוואָקאַציע. איינע פון די „שטובאַוועס" שומאַנסקאַ, האָט שרעקלעך געפייניקט און געשלאָגן. דווקא איר מאַן איז געווען אַ פיינער מענטש.

נאָך צוויי חדשים זיין אין מיידאַנעק, איז געקומען אַ באַפעל צוצושטעלן אַרבעטער צו צוואַנג־אַרבעט אין סקאַרזשיסקער לאַגער. פאַר דעם, איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, ווו מ׳האָט אויסגעקליבן נאָר די געזונטע; מיר האָבן נאַקעטע געמוזט דורכגיין פאַר אַ קאָמיסיע. די וואָס זענען נישט געפעלן געוואָרן, זענען גלייך גע־גאַנגען אין די גאַז־אויוונס.

ווערק „צע" אין סקאַרזשיסק־קאַמי.

אין דעם לאַגער בין איך געווען אַ יאָר מיט דריי חדשים. מיר האָבן געאַרבעט אין אַ געווער־פאַבריק. אין משך פון 12 שעה האָט יעדער איינער געמוזט אָפּרייניקן מיט זויערשטאָף 3500 גראַנאַטן. פון מיידאַנעק זענען מיר געקומען 3000 מענטשן. מיין מאַן האָט מען געשיקט אין ווערק „א" און מיך אין דעם ערגסטן אָפּטייל ווערק „צע". מ׳האָט דאָרט געאַרבעט ביי פּיקרין און טראָטיל, מענער און פרויען. איך געדענק, ווען כ׳האָב זיי צום ערשטן מאָל געזען, האָב איך זיך דערשראָקן; זיי האָבן געהאַט נישט נאָר געלע פנימער, נאָר אויך די האָר זענען ביי זיי געווען געל. די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען שוידערלעכע. די פרויען האָבן זיך נאָך ווי־נישט־איז אַן עצה געגעבן צו אָרגאַניזירן עפּעס עסן אויסגעביטן געוויסע קלייניקייטן, כדי צו דערגרייכן אַ שטיקל ברויט, נאָר די מענער זענען מאַסנוויז געשטאָרבן.

מ׳האָט געאַרבעט שווער ביים אָנלאָדן גראַנאַטן אין די וואַגאָנעס און עסן האָט מען באַקומען זייער ווייניק. אַמאָל האָט מען פאַר אַ זאַך געקענט אויסבייטן ביי די פּאָליאַקן וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק און גענעכטיקט אין דער היים. זיי האָבן געברענגט ברויט, זאַלץ, ציבל, קנאָבל א"א. פאַר דעם האָט מען געדאַרפט גוט באַ־צאָלן, און די מענער האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוצו־פאַרדינען זייטיק.

עסן האָבן מיר באַקומען באַזונדער: פּאָליאַקן פון דעם פוילישן און יידן פון דעם יידיש קעסל. פאַר געלט האָט מען זיך געקענט איינקויפן אין דעם פוילישן קעסל, נאָר ווער האָט עס געהאַט?. די „אָרדנונג־מענער" יידן האָבן זיך אכזריותדיק באַצויגן; אַליין האָבן זיי געפרעסן און געטרונקען און די יידן געפייניקט. ווען מיין מאַן האָט זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט, האָט אים אַן אָרדנונג־מאַן, אַ ייד, אַזוי צושלאָגן, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם באַ־וווסטזיין אויף אַ לענגערע צייט. די וועכטערין אונגאַראָוואַ האָט אין קיך געבאַקן פאַר זיך קיכלעך — ווען אַנדערע זענען געשטאָרבן פון הונגער. אין באָד האָט מען אונדז איבערגערופן מיט די ערגסטע ווערטער.

אין סקאַרזשיסק בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס. קראַנק זענען געווען אַ סך. אין שפּיטאָל האָט אויסגעפעלט דאָקטורים. די יידישע דאָקטוירים האָבן געטאָן אַלץ נאָר וואָס זיי האָבן געקענט: ד"ר וויינשטיין, האָט געגעבן פון זיין אייגן געלט, כדי צו קויפן עסן פאַר די קראַנקע. אַ גאָר פיינער מענטש איז געווען ד"ר זיידענבייטל, דעם וואָס די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט שפּעטער אַרויס־געגנבעט פון לאַגער. אין דער טיפוס־עפּידעמיע זענען אויסגע־שטאָרבן אַ סך יידן פון פלאַשאָווער טראַנספּאָרט, אַלע זענען געווען אָפּגעשוואַכט פון נישט עסן.

די פּאָליאַקן וואָס האָבן געאַרבעט ביי טראָטיל האָבן באַקומען אַ האַלבן ליטער מילך יעדן טאָג — יידן נישט. מיר האָבן נאָר באַ־קומען: אין דער פרי אַ פערטל ברויט מיט קאַווע און צוויי מאָל צו האַלבע ליטער זופּ, טייל מאָל אַ שטיקל קעז. פאַר די מענער איז די פּאָרציע געווען ווייניק, זענען אַ טייל געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און אַנדערע שרעקלעך אויסגעדאַרט געווען „מוזולמענער".

פּאָליאַקן האָבן ביי דער אַרבעט באַקומען פאַרזיכערונג־מאַסקעס — יידן נישט. אין ווערק „אַ" האָט מען אויסגעאַרבעט ביקס־קוילן, אַמאָל איז דאָרט געווען אַן אויפרייס, וואָס האָט דערהרגעט עטלעכע דרייסיק מענטשן, ס׳רוב יידן.

אין לאַגער האָט מען געשמועסט, אַז עס איז פאַראַן אַ „ווידער־שטאַנד־אָרגאַניזאַציע, נאָר איך האָב זיך מיט די מענטשן גופא נישט געטראָפן. כ׳האָב נאָר געהערט, אַז אין דער אונטערערדישער אָרג. איז געווען דער 16 יעריקער זון פון רב פּערלמוטער, די דייטשן האָבן אים געכאַפּט, גענומען קיין ראַדעם און אים דאָרט דערשאָסן. אַ ביסל שפּעטער האָט די אָרג. אַרויסגעגנבעט דעם ד"ר זיידענ־בייטל. אַמאָל איז צו מיר געקומען אַ פרוי און געזאָגט, אַז „זי וויל ביי מיר קויפן מיינע שיך". זי האָט מיר באַצאָלט 350 זל. אַ גרויסע סומע פאַר יענער צייט. שפּעטער האָט זי מיר דערציילט, אַז די שיך זענען פאַר אַ מיידל וואָס מ׳וויל אַרויסגנבענען פון לאַגער און זי דאַרף גוטע שיך... ס׳איז נישט געווען אַזוי שווער עמיצן אַרויסצונעמען פון לאַגער, ווייל דייטשע וועכטער · זענען געווען ווייניק. מער האָבן מיר מורא געהאַט פאַר די פוילישע וועכטער.

מענטשן האָבן דערציילט, אַז צו דער אונטערערדישער אָרג. געהערן אויך פּאָליאַקן און זיי גנבענען געווער פאַר די זייערדיקע. זיי האָבן זיך געהיטן פאַר די פוילישע מייסטערס. ס׳איז געווען אַזעלכע וואָס האָבן געשלאָגן און געפייניקט. עטלעכע נעמען געדענק איך: סאַדזאַ, קאָוואַליק, אַרמאַטאַ.

אין אויגוסט 1944 האָט מען אונדז אַרויסגעשיקט קיין ליפּסק. מיר זענען געפאָרן אין בהמה־וואַגאָנעס, צו זעכציק מענטשן אין אַ וואַגאָן. די „רייזע" האָט גידויערט 3—4 מעת־לעת.

אין די צוואַנג־לאַגער — ליפּסק

די אַמוניציע פאַבריק ווו מיר האָבן געדאַרפט אַרבעטן, איז געווען אין אַ בנין פון דער פאַר מלחמהדיקער פאַבריק „שניידער״. באַלד נאָכן אָנקומען האָבן מיר באַקומען „פּאַשאַקעס״ ד״ה, קליידער אין פּאַסן. יעדער האָט באַקומען זיין נומער. איך האָב געהאַט דעם נומ. 900. געשלאָפן איז מען אויף פּריטשעס. אין דער צוזאַמענוווינונג איז געווען ריין, מ׳האָט געקענט געניסן פון אַ טוש מיט הייסע וואַסער צום וואַשן. אין משך פון די 10 חדשים וואָס כ׳בין דאָרט געווען, איז נישט געשטאָרבן קיינער פון די לאַגערניקעס כ׳מיין, אַז מיר האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען די ריינקייט אין לאַגער. מיר האָבן זיך צוגעדעקט מיט קאָצן, קיין הונגער האָבן מיר נישט געליטן; יעדער האָט באַקומען אַ האַלב ברויט מיט אַ ליט. גוטער זופּ און קאַרטאָפל אין די שאָלן צו דער זעט, קאַווע מיט צוקער און יעדן טאָג אַ שטיקל מאַרגאַרין. זונטיק, אפילו אַ שטיקל קעז אָדער וווּרשט.

די רוסישע פרויען וואָס זענען געווען אין לאַגער, האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן אין דער געווער־פאַבריק. זיי האָבן געזאָגט „מיר ווילן נישט אויסאַרבעטן קיין געווער קעגן אונדזערע ברידער״, האָבן זיי געאַרבעט אין קיך.

פּלוצים האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט. דער דירעקטאָר פון פאַבריק בודען איז געקומען אין לאַגער און דערקלערט „צופיל קראַנקע זענען דאָ פאַראַן און איך וועל פאַר די קראַנקע נישט צאָלן!״. מ׳האָט געמאַכט אַ סעלעקציע און אַלע אַלטע, קראַנקע און שוואַכע וואָס זענען נישט פעיק געווען צו דער אַרבעט, האָט מען צוגענומען. מ׳האָט זיי אַריינגעזעצט אין וואַגאָנעס און פאַרשלאָסן. די וואַגאָנעס האָבן זיך שוין נישט גערירט פון די ליניעס; ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען אַרום זענען שוין געווען רוסן און מ׳האָט זיי נישט געהאַט וווהין צו פירן. זיי זענען פאַרבליבן אי די וואַגאָנעס און דאָרט אומגעקומען.

ווען ס׳איז פאָרגעקומען די סעלעקציע, בין איך געווען קראַנק אויף געשווירן און געלעגן אין לאַגער־שפּיטאָל. אַ פּוילישע דאָקטאָרין האָט מיר געעצהט, אַז איך זאָל אויפשטיין און גיין צו דער אַרבעט. אויף דעם אופן, האָב איך אויסגעמיטן דעם טויט.

די פּוילישע „שטובאַווים״ האָבן זיך ברוטאַל באַצויגן צו אונז. נאָר די דייטשע מייסטערס — דער עיקר די עלטערע — האָבן אונדז נישט באַעוולט, אַמאָל אפילו געהאָלפן. ווען כ׳האָב געבעטן דעם מייסטער בעמע; ער זאָל מיר געבן אַ זיצנדיקע אַרבעט, האָט ער מסכים געווען.

דער קאָמענדאַנט פון לאַגער (אַ שאָד, פאַרגעסן זיין נאָמען), האָט זיך גוט באַנומען צו די אסירים. „ביי מיר גיבט עס נישט קיין ראַסן אונטערשיידן — האָט ער געזאָגט — אַלע פליכטלינגע זענען גלייך״ ער האָט נישט דערלויבט, אַז נאָר יידישע זאָלן אויספילן שווערע אַרבעטן, נישט דערלויבט צו שלאָגן א״א.

אין לאַגער זענען שוין דעמאָלט געווען נאָר פרויען פון פאַרשיידענע נאַציעס, נאָר די יידישע האָבן געהאַט אַ באַזונדערן באַראַק, איז געווען באַקוועמער.

אין האַלב־אַפּריל 1945, האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן פון לאַגער און געהייסן גיין צופוס. אַזוי זענען מיר געגאַנגען צוויי וואָכן. דער הונגער האָט שרעקלעך געפּייניקט. ווער ס׳האָט אַרויסגעריסן אַ קאַרטאָפל אויפן וועג, האָט באַקומען אַ קויל אין קאָפּ.

סוף אַפּריל האָט זיך די לאַגע געענדערט. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין עפּעס אַ פאָלוואַרק. דאָרט האָבן די דייטשן אונדז געגעבן גוט צו עסן. מיר האָבן געזען, אַז די רוסן זענען שוין נאָענט, ווייל די דייטשן האָבן שוין געגרייט ווייסע טיכער. דערנאָך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין עפּעס אַ שטעטל. אַרויסגייענדיק אין דער פרי, זע איך אַ רוס אויף אַ מאָטאָציקן, באַלד זענען אָנגעקומען מער, ס׳האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ האַרמאָניקע, די רוסן האָבן געזונגען און אונז געזאָגט „נו, איצט זענט איר פריי; עסט, רוט זיך אָפּ און קערט זיך אום אין אייערע היימען״. איין זעלנער איז אַריין מיט מיר צו אַ דייטשקע און באַפוילן „פאַר דער פאַני באַלד צוגרייטן גוטע לאַטשן״...

דעם 13טן מאַי, זענען מיר פינף פרויען אַריבערגעפאָרן אויף אַ לייטער־וואָגן אויף דער פּוילישער זייט. מיר זענען ווידער פרייע מענטשן! און אָט נישט לאַנג צוריק, זענען מיר געווען „לאַגערניקעס״...

שלמה בלומגאָלד


די צוויי טעג סוכות פון יאָר 1942 איז פאָרגעקומען די ווישעדלעניע אין דעם שטעטל זוואָלין, וועלכעס ליגט 30 קמ. פון דער שטאָט ראַדאָם. די ווישעדלעניע איז פאָרגעקומען אַזוי ווי אין אַלע קליינע פּראָווינץ שטעטלעך. מען האָט אַרומגעשטעלט דאָס שטעטל פון אַלע זייטן מיט אוקראַינער און פּאָליאַקן. מען האָט באַפוילן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג זיך צונויפזאַמלען אויף דעם מאַרק פּלאַץ, און איידער וואָס ווען, האָט מען שוין פון אַלע זייטן געשאָסן. עס זענען געפאַלן ביי אַ 100 קרבנות פון מענטשן, וועלכע זענען נישט אַזוי שנעל אַרויס פון שטוב און פון זקנים, וועלכע האָבן נישט געקענט (גיין) אַזוי שנעל. לויפן. די גאַנצע עדה יידן, אַן ערך 8.000 נפשות, האָט מען צוטיילט אין גרופּן און געיאָגט 16 קמ. צופוס צו די נאָענטסטע באַן סטאַציע גאַרבאַטקע. דאָרטן זענען אַלע געזעסן אויף דער ערד אַ גאַנצע נאַכט און צומאָרגנס האָט מען זיי אין געקאַלעכטע וואַגאָנעס, צו 100 פּערזאָנען אין אַ וואַגאָן, אָפּטראַנספּאָרטירט קיין טרעמבלינקע. פון דעם גאַנצן טראַנספּאָרט האָט זיך געראַטעוועט און איז לעבן געבליבן צוויי איינציקע יידן; מאַנעס ביכמאַן, וועלכער וווינט היינט אין שטוטגאַרט און שמואל וואַסערמאַן, וועלכער וווינט היינט אין פעלדאַפינג.

די יידישע פּאָליציי מיטן קאָמענדאַנט מענדל וויינטרויב האָט מען איבערגעלאָזט אָפּצורוימען די מתים און צו ברענגען די שטאָט אין אָרדענונג.

צוליב אַ מסירה צו דער זשאַנדאַרמעריע, אַז די יידישע פּאָליציי איז אין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער, האָט מען אין אַ געוויסער נאַכט דערשאָסן צוויי יידישע פּאָליציסטן; אברהם־יעקב קופּערמאַן און זיסמאַן פון גניוועשאָוו. און צומאָרגנס האָט מען די גאַנצע פּאָליציי אַוועקגעשיקט קיין סקאַרזשיסקאָ...

עס איז אויך אינטערעסאַנט דער דאָזיקער פאַקט פון היטלערישער סאַדיסטישער רציחה. על־פּי צופאַל איז פאַרבלאָנדזשעט, נאָך דער ווישעדלעניע, אַ יידיש מיידעלע פון אַ יאָר 2, אַ שיין גאָלד, קינד, וועלכעס דער זשאַנדאַרם גראָול — אַן עסטרייכער — האָט דערשנאַפּט. ער האָט דאָס קינד צוגערופן צו זיך, געזאָגט אַז ער האָט אויך אַ מיידעלע, דאַן האָט ער זי געהייסן לויפן, אַרויסגענומען דעם פּיסטאָל און געשאָסן פון אינטן. דאָס קינד איז אַוועקגעפאַלן אַזוי ווי אַ ביימעלע. מיט די ווערטער: באַפעל, איז באַפעל. האָט ער פאַרויכערט אַ סיגאַרעטל.

עס האָט אויך געטראָפן אַ פאַל, ביי אונדז, אַז אַ יונג מיידל האָט זיך אויסגעלענקט אַ פוס און נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט דאַן טעלעפאָנירט צו דער זשאַנדאַמעריע קיין זוואָלין, עס איז באַלד; אַראָפּגעקומען דער זשאַנדאַרם פּענאַ, וועלכער האָט דאָס מיידל אויפן אָרט דערשאָסן. אַ פיינלעכע שטימונג האָט דעמאָלט אַלע אַרומגענומען און נאָכן דאָזיקן פאַקט זענען עטלעכע אַנטלאָפן. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז דעם 31טן



יידן מיט שאַנד־צייכנס אַלס משא־פערד



דייטשישער סאַדיזם



אַ פאַרפייניקטער ביי דער אַרבעט



יידן מחן קוקן ווי זייערע
ברידער ווערן דערמאָרדעט

נאָוועמבער 1942. אין דעם דאָזיקן טאָג איז פאַרפאָרן פאַר אונדזער שטאַל צוויי גרויסע לאַסט אויטאָס מיט דעם לאַגער פירער פון סקאַרזשיסקאָ אינפליג אין דער שפּיץ. מען האָט אונז אַלע אַוועקגעפירט אין דעם אַרבעט־לאַגער נאָך סקאַרזשיסקאַ־ קאַמיעננאַ. מען האָט אונדז אַלע אַריינגעטריבן אין די נייע קאַראַבינוווקע, מען האָט באַפוילן אַלע מענער און פרויען זיך אויסטאָן נאַקעט אָפּגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן ווי רינגלעך, זייגערלעך, גאָלד, געלט און ביי



צום לעצטן וועג

ווען מען וועט געפינען עפּעס דער ווערט דערשאָסן. עס האָט זיך אין זאַל אַרומגעדרייט אַ 20 ווערקשוצן מיט דעם ווערקשוץ לייטער באַטנשלאָגער אין דער שפּיץ, יעדער ווערקשוץ האָט געהאַלטן אין האַנט אַ דיקן קאַנטשיק און ביי וועמען מען האָט עפּעס געפונען באַהאַלטן, האָט אויפן אָרט באַקומען 25 שמיץ. דאָס האָט דערשראָ״ן די אַנדערע און ווער עס האָט נאָך עפּעס געהאַט, האָט אויס מורא אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד. נאָך דעם דאָזיקן מקבל פּנים זיין אונדז, האָט מען אונדז געלאָזט ליגן גאַנצע נאַכט אויף דער גאָלער ערד און צומאָרגנס, האָט מען אונדז געפירט אין די „באָדע״ און מען האָט יעדן צוגעטיילט זיין אַרבעט. איך בין געווען פון די ערשטע 50 פּערזאָן, וועלכע מען האָט געפירט צום באָד. נאָכן באָדן האָט מען אונדז אַוועקגעפירט פאַרן הויז פון דער „ביוראָ״, דאָ אַהער, איז באַלד געקומען אַ מייסטער, וועלכער האָט אויסגעקליבן צו דער אַרבעט. דער ערשטער מלאך־המות איז געקומען, דער מייסטער פראַכער פון דער גראַנאַטן אָפּטיילונג און האָט אויסגעקליבן 20 מענער, די גרעסטע און שטאַרקסטע, און איך בין אויך געווען צווישן די 20. אַ שווערע און ביטערע אַרבעט איז דאָס געווען אין דער גראַנאַטן פּרעסעריי. אויב מען קען זיך פאָרשטעלן דעם גיהנום מיט אַלע זיינע שרעקלעכקייטן האָבן מיר אים געהאַט אין דער גראַנאַטן פּרעסעריי. פון אַלע זייטן פייערדיקע פלאַמען־ צונגען און פון דער אַנדערער זייט פּרעס־מאַשינען, פון וועלכע ס׳האָט געגאָסן מיט אייל און וואַסער. די מייסטערס דאָרטן זענען געווען פּאָליאַקן, די ערגסטע פאַרברעכער, וואָס עס גיט אויף דער וועלט, און שלאָגן אַ ייד איז געווען ביי זיי בעסער ווי טרינקען אַ פלעשעל שנאַפּס. און געשלאָגן האָבן זיי, נישט מיט די בלויזע הענט, נאָר מיט די לאַנגע פייער צוואַנגען...

פיל פון אונדזערע ברידער זענען געפאַלן פון זייערע האַנט — און יעצט דרייען זיך די דאָזיקע פאַרברעכער אַרום פראַנק און פריי און באַנייטן פוילן. עס שטייט נאָך פאַר מיינע אויגן איצט דאָס דאָזיקע בילד, ווי דער מייסטער פראַכער האָט אונדזערן אַ חבר אַרויפגעוואָרפן אויף די גליענדע גראַנאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויפן זאַמד צום אָפּקילן און דער, איז אין עטלעכע שעה אַרום געשטאָרבן אין שרעקלעכע יסורים. מער ווי דריי מאָנאַטן, האָט קיינער נישט געקענט אויסהאַלטן אין דאָזיקן גיהנום. אָדער ער איז געשטאָרבן, אָדער מען האָט אים אויסגעקליבן אויף דער סעלעקציע. די באַשפּייזונג איז דאָן געווען 10 מאָן אַ ברויט פון 2 קילאָגראַם און אַ האַלבן ליטער זופּ, ביי 12 שעה אַרבעט. צו די אַלע צרות, האָבן מיר אויך פיל געליטן פון אונדזערע אייגענע ברידער. די לאַגער־פּאָליציי. מיר גראַנאַטניקעס האָבן געוווינט אין די באַראַקן, וואָס זענען געווען אַ אַנדערהאַלבן קלמ. פון דער פאַבריק. דער באַראַקן פירער, ביי אונדז, איז געווען א יונגער שנעק פון טשענסטאָכאָוו מיטן נאָמען גנאַט, דער דאָזיקער גנאַט, האָט אונדז אָנגעטאָן געברענטע צרות. ווען ער איז אַריינגעקומען אויף קאָנטראָל און ס׳איז אים נישט געפעלן דאָס זויבערקייט, האָט ער די גאַנצע שטובע אַרויסגעשלעפּט, ווינטער, אין שניי, אין פראָסט, אויף קאַרנע טשוויטשעניעס — פּאָוסטאַן—פּאַדני. דאָס איז געווען נאָך 12 שעה גיהנום אין דער פאַבריק און אויב ס׳האָט חלילה געטראָפן, אַז איינער פון אונדזערע חברים האָט באַקומען פיבער, האָט אים דער זעלבער גנאַט אַרויסגענומען פון דער שטובע, אַריינגעזעצט אין דער קראַנקן שטובע און אין עטלעכע שעה אַרום איז דער אומגליקלעכער דערשאָסן געוואָרן. אַזעלכע פאַלן זענען געווען אין די צענדליקער. דער זעלבער גנאַט איז שפּעטער געוואָרן בלאָקאָווער אין אַ פרויען באַראַק און האָט אויך די פרויען מערדערלעך געשלאָגן. איינע אַ פרוי, וועלכער דער זעלבער גנאַט האָט מערדערלעך צושלאָגן געפינט זיך היינט אין פיכט ביי נירענבערג — זי הייסט מאַניע גאָלדשטיין פון אָזשעכאָוו.

אין ווינטער 1943 איז אויסגעבראָכן ביי אונדז אַ טיפוס עפּידעמיע. די לאַגער־לייטונג האָט איינגעאָרדנט אין אַ פריערדיקן פערדשטאַל אַ שפּיטאָל, מען האָט צונויפגעקליבן אַלע קראַנקע, זיי אריינ־



זיי זוכן

געלייגט אין דעם דאָזיקן שטאַל אָן, וועלכע נישט איז, מעדיצינישע הילף. פיל זענען געשטאָרבן ליגנדיק אויף די גאָלע ברעטער מיט דעם פאַרשטונקענעם שטרוי, אין וועלכן יעדער קראַנקער נישט קענענדיק אַרונטערגיין האָט געטאָן זיינע מענטשלעכע געברויכן. די אַנדערע האָט מען יעדע וואָך אַרויסגענומען, אַוועקגעפירט אין אַ לאַסט אויטאָ אין וואַלד, וווּ מען האָט זיי געהייסן שפּרינגען אין

געזאָגט, אַז ס׳זענען געשטאָרבן צוויי מענטשן און איין קאָעלניק...

אויך די יידישע פּאָליציי, האָט זיך זייער שלעכט באַנומען צו די ניי אָנגעקומענע, מען האָט זיי געיאָגט און געפּלאָגט אויף יעדן טריט און שריט, אויך האָט מען באַלד צומאָרגנס נאָך זייער קומען אויסגעקליבן 50 מענער, וועלכע האָבן אויסגעזען שלעכט, אָדער זענען געגאַנגען שלעכט אָנגעטאָן, עס איז באַלד פאַרפאָרן אַן אויטאָ, וועלכער האָט אַלע אַוועקגעפירט אין וואַלד נאָך ווערק „צ״, געהייסן שפּרינגען אין גרוב און געשאָסן. די 3 חברים, וועלכע זענען מיט־געפאָרן צוריקברענגען די זאַכען און צו פאַרשיטן דאָס גרוב האָבן דערציילט, אַז די ערד האָט זיך געוואָרפן לאַנגע שעהן נאָכן פאַשיטן דאָס גרוב. אַזוי האָט מען אומגעברענגט געזונטע, אומשולדיקע מענטשן אין דעם מ׳כלומרשטן אַרבעטס־לאַגער...

נאָכן אָנקומען פון די קאָ־עלניקעס איז אויך געקומען אַ נייער לאַגער־שעף קילעמאַן. אַ מענטש אַ קריפּל, אַ הויקער, וועלכער איז געווען דער גרעסטער רצח פון אַלע רוצחים און ס׳איז נישט געווען די וואָך, דאָס דער דאָזיקער רוצח זאָל נישט דערמאָרדן קיין מענטשן. אַזו האָט דער דאָזיקער קריפּל יעדע וואָך אַרויסגענומען פון שפּיטאָל עטלעכע מענטשן כלומרשט זיך געוויצלט מיט זיי, אַרונטערגענומען אינטער דער שאָפּ פון שפּיטאָל און מיט זיין אייגענער האַנט אַוועקגעלייגט 5, 6 פערזאָן מיט אַמאָל. דאַן האָט מען די מתים אַריינגעשמיסן אין קאַסטן, וועלכע איז געשטאַנען פאַרן שפּיטאָל צו דעם דאָזיקן צוועק. אויך דער יידישער פּאָליציי שעף טעפּערמאַן האָט פיל צוגעהאָלפן דעם דאָזיקן רוצח און דער יידישער קאָמענדאַנט קזשעפּיצקי, האָט זיך פאַרהאַלטן מיט דעם דאָזיקן רוצח ווי אַ ברודער אין מ׳האָט זאָגאַר געשמועסט אין לאַגער דאָס ער איז זיין שוואָגער מחמת דער קזשעפּיצקי האָט געהאַט זייער אַ שיינע פרוי. די לעצטע צוויי האָבן מיר פאַרטיק געמאַכט אין יאָר 1944 קומענדיק קיין בוכענוואַלד. פיל מער פון אונדז אין ווערק „א״, האָבן געליטן אונדזערע שוועסטער און ברידער אין ווערק צ, ווייל דאָרט זענען געוואָרן אויסגעפּאַרטיקט די גראַנאַטן און די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים טראָטיל זענען געוואָרן געל און ס׳איז זיי געווען ביטער אין מויל און נאָך 3 מאָנאַטן אַרבעט זענען זיי געשטאָרבן, אָדער אויסגעקליבן אויף דער סעלעקציע אין וואַלד אַריין. אַזוי אַרום, זענען טויזנטער יונגע לעבנס אומגעקומען. אויך האָבן די ווערקשוצן פיל צוגעהאָלפן צום טויט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אויסניצנדיק יעדע קלענסטע געלעגנהייט צום שלאָגן. אַזוי אַרום איז נאָך דער אַרבעט, ביים אַדורכגיין דאָס הויפּט־טויער פון דער פאַבריק יעדער געוואָרן אונטערזוכט און ווייי איז געווען צו דעם יעניקן ביי וועמען מען האָט געטראָפן אַ ברויט אָדער עפּעס אַנדערש, דאַן האָט מען אים אַריין־גענומען אין דער וואַך־שטובע און 25 שמיץ אויף דעם אַחור. אין יאָר 1944 האָט זיך די לאַגע אַביסל פאַרבעסערט, מען האָט געגעבן בעסער פאַרפּלעגונג אויך האָט מען געברענגט קליידער פון ק. ל. מיידאַנעק. און יעדער, וואָס האָט באַקומען אַ מלבוש האָט עפּעס געפונען אין דעם דאָזיקן מלבוש, אַזוי אַרום איז דער הונגער גע־וואָרן אַ ביסל געלייזט. אָבער דאָס גוטס האָט לאַנג נישט געדויערט און דעם 8־טן מאָנאַט פון 1944 האָט מען דעם לאַגער ליקווידירט צוליב דעם, וואָס מ׳האָט געשמועסט, אַז די רוסן זענען שוין ביי דער ווייסל. אַ טייל מענטשן, האָט מען אַוועקגעשיקט נאָך טשענסטאָ־כאָוו אין לאַגער, אַ טייל פּרויען קיין לייפּציק און די רעשט קיין בוכענוואַלד. אויך איז פאָרגעקומען, פאַר דעם אָפּטראַנספּאָרטירן דעם לאַגער, אַ סעלעקציע ווו מ׳האָט אויסגעקליבן די קראַנקע, אַלטע און די מענטשן, וואָס האָבן שלעכט אויסגעזען. מען האָט זיי אַוועק־געפירט אין וואַלד און דערשאָסן. אַזוי אַרום זענען אומגעקומען טויזנטער פון אונדזערע יונגע לעבנס אין דעם אַרבעטס־לאַגער סקאַרזשיסקאָ פון די הענט פון די דייטשישע

מרדכי שלעדזשיק

די אַמוניציע־פאַבריק אין סקאַרזשיסק־קאָם.

ווען אונדזער גרופּע פון 21 מענטשן זענען אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק־קאַם. האָט מען באַלד געמאָלדן, אַז ווער ס׳האָט ביי זיך געלט און ווערט־זאַכן, מוז עס תיכף אָפּגעבן. דערנאָך האָט מען אונדז גענומען אין באָד, נאָך דעם האָט מען אונדז געפירט אין די באַראַקן, וואָס זענען פריער געווען פערד־שטאַלן. מיר האָבן זיי גערופן „פערד־באַראַקן. אין יעדער אַזאַ באַראַק האָבן געלעבט בערך אַ 300 מענטשן. אין גאַנצן לאַגער זענען געווען אַ 8000 אַסירים. דאָרט זענען געווען מענטשן פון גאַנץ פוילן: לאָדזש, וואַרשע, ראָדעם, קעלץ א״א שטעט.

באַלד אויף מאָרגן נאָכן אָנקומען, האָט מען אונדז אַוועק־געשטעלט ביי פאַבריק־מאַשינען. די באַדינגונגען זענען געווען שרעקליכע; 12 שעה אויסמאַטערדיקע אַרבעט אַ טאָג, פאַר וועלכע מיר האָבן באַקומען 20 דעקאָ ברויט, 2 מאָל קאַווע און אַ זופּ. דאָך מיט דער דערנערונג האָבן מיר זיך ווי־נישט־איז אַן עצה געגעבן. ווייל ביי די פּאָליאַקן — וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק



צום לעצטן וועג


און געהאַט דאָס רעכט אַהיים צו גיין אויף ביינאַכט — האָבן מיר געקויפט ברויט און מילך. אַ טייל פון די שומרים האָבן זיך געמאַכט נישט־זעענדיק, כאָטש דאָס איז געווען נישט דערלויבט.

אויך דער הויפּט־מייסטער פּריטשע, אַ דייטש האָט עס נישט פאַרוועהרט. אפילו ווען די פּוילישע מייסטערס האָבן צו אים דער־טראָגן, אַז יידן קויפן שפּייז ביי די פּאָליאַקן האָט ער זיי געענטפערט „האַלטן דאָס פּיסק!״. די געקויפטע פּראָדוקטן האָבן מיר געקאָכט געהיים אויף פּרימיטיווו געמאַכטע קיכן פון ציגל. אויף פּסח האָבן מיר אפילו געבאַקן מצות.


אין פאַבריק האָבן מיר אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע געווער טיילן פון מעטאַל, האָבנדיק דעם רוי־מאַטעריאַל, האָבן מיר געמאַכט אין געהיים „מעסערס, שערלעך, פינגערלעך א״א זאַכן, וועלכע מיר האָבן פאַרקויפט, כדי צו האָבן געלט צום קויפן עסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן, ווייל ווען אַ „ווערקשוץ״ האָט בעת אַ רעוויזיע געפונען עפּעס פון די זאַכן, האָבן די לאַגערניקעס באַקומען קלעפּ און אַמאָל האָט זיך עס גע־ענדיקט ערגער.




אַ בילד פון געטאָ



אַ בילד פון געטאָ



הונגער



אַ בילד פון געטאָ

זוכנדיק געלט און ווערטזאַכן, האָבן די היטלעראָווצעס געמאַכט אָפטע רעוויזיעס אין די באַראַקן. צווישן אונדז זענען געווען צוויי מוסרים: סעווין פון ווין — דעם צווייטן נאָמען געדענק איך נישט, זיי האָבן צוגעטראָגן, אַז די לאַגערניקעס האָבן באַהאַלטן אַ סך געלט. דער ענין איז דערגאַנגען ביז דער אָנפירערשאַפט און זיי האָבן דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע ביי די פאַרדעכטיקע און אין די באַראַקן. ווען ס'האָט זיך נאָך דער קאָנטראָליע אַרויסגעוויזן, אַז די צוויי האָבן פאַלש אינפאָרמירט, זענען זיי דערשאָסן געוואָרן.

דערשיסונגען זענען אָפט פאָרגעקומען. יעדער פרייטיק איז געווען אַ סעלעקציע און אַלע קראַנקע און אומפעיקע צו אַרבעט האָט מען געפירט אין דערבייאיקן וואַלד און דערשאָסן. אָפט האָבן מיר געהערט אין די נעכט שיסערייען וואָס די שומרים האָבן דורכגעפירט. אַזוי זענען אומגעקומען די צוויי ברידער העלבערג, צוויי יינגלעך וואָס זענען ביינאַכט אַרויס אין קלאָזעט וואָס איז געווען עטלעכע מעטער פון לאַגער. די היטלעריסטן האָבן געזאָגט „יעדער וואָס אַרבעט נישט דאַרף קיין ברויט נישט עסן" אַזוי האָבן זיי דערשאָסן אַלע די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַפרייונג פון אַ דאָקטער. אַזאַ דאָקומענט האָט באַקומען נאָר דער, וואָס האָט געהאַט איבער 39 היץ.

אין לאַגער איז אַ געוויסע צייט געווען אַ סך קראַנקע אויף פלעקטיפוס. איך מיט מיין זון האָבן אויסגעמיטן די עפידעמיע, ווייל פאַרן אַרויסשיקן אונדז אין לאַגער האָט אונדזערער ד"ר בערנאַרד געמאַכט איינשפריצונגען קעגן דער טיפוס קראַנקהייט.

נאָכן באָמבאַרדירן סקאַרזשיסק דורך די רוסן, האָט מען דעם רוב אַרבעטער פון לאַגער איבערגעפירט קיין טשענסטאָכאָוו. אונטער אַ צוים פון שטעכלדראָט האָט זיך געפונען די פאַבריק פון געווער „האַסאַג". מ'האָט אונדז אַוועקגעשטעלט ביי אויטאָמאַטישע מאַשינען און מיר האָבן פּראָדוצירט טיילן. דער ערגסטער פון דער געסטאַפּאָ איז דאָרט געווען אַ הויקערדיקער מנובל קינעמאַן, וואָס איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן הונט און ווען ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט האָט ער אַ געשריי געטאָן צום הונט „מענטש, כאַפּ דעם הונט!" און דער דרעסירטער האָט אויסגעביסן ביי דעם אומגליקלעכן שטיקער פלייש. אָפט האָט ער זיך אַרומשפּאַצירט איבער דער לענג פון די פּריטשעס אין באַראַק און ווען ער האָט באַמערקט אַ קראַנקן וואָס האָט נישט געהאַט קיין באַפרייונג פון דאָקטער, האָט ער אים אויפן אָרט דערשאָסן.

דער לאַגער איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן „פעלצערי" און „וואַרטאַ". די וואַרשטאַטן זענען געווען געטיילט, ווערק „א" „ב" און „צ". איך האָב געאַרבעט אין ביי מאַשינען און טראַנספאָרט. די ערגסטע אַרבעט איז געווען אין „צע". דאָרט האָט מען אָנגעפילט די הילז־קוילן מיט „טראָטיל". אַ מענטש וואָס האָט ביי דעם געאַרבעט איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן אין גאַנצן געל; דאָס פּנים, די הענט, די אָפּגעדעקטע טיילן פון קערפּער. שרעקלעך געווען צו קוקן אויף דעם. מענטשן האָבן זיך לחלוטן געענדערט. נאָר זעקס וואָכן איז מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן ביי דער אַרבעט. אין דער צייט האָט דער טראָטיל אויפגעפרעסן די לונגען און מען איז „נאַטירלעך געשטאָרבן".

אברהם וויינגארטן

אונדזער לאַגער אין פּאָניאַטאָוו האָט עקזיסטירט ביז יוני 1944. מיר האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט ביי האַקן שטיינער, בויען שאָסייען און גאַסן. אין וואַלד האָבן מיר געטראָפן אַ סך אויסבאַהאַלטענע יידן. אָפט האָבן די דייטשן געמאַכט אָבלאַוועס און די געכאַפּטע דערשאָסן. אַמאָל האָבן גאָר פּאָליאַקן אַנטדעקט אַ בונקער מיט באַהאַלטענע יידן. האָבן זיי דערשאָסן און דערנאָך געמאָלדן דער זשאַנדאַמעריע, וואָס האָט זיי געהייסן אַוועקפירן מיט אַ פיר אויפן בית־עולם.

איין טאָג האָט מען געמאָלדן, אַז היינט גייט מען אין באָד. פלוצים איז דער לאַגער אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט ווערקשוצן און טאַנקען, מ'האָט געהייסן מיטנעמען קליינע פּעקלעך. דעמאָלט האָט מען אונדז אַרויפגעשטופּט אויף דריי גרויסע לאַסט־אויטאָס און נאָך דריי שעה פאָרן שטייענדיק — מחמת ענגשאַפט — זענען מיר אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק.

צופעליק האָבן מיר דאָרט געזען צוויי אויטאָס מיט יידן, וואָס האָבן פריער געאַרבעט ביי אונדז, פירט מען קיין ראָדעם. עטלעכע פון אונדז, זענען אַריבערגעלאָפן אין יענע אויטאָס. איך האָב עס אויך געוואָלט טאָן, נאָר כ'בין געווען קראַנק און שוואַך און נישט באַוויזן. אַן ס. ס.־מאַן האָט מיך מיט קלעפּ אָפּגעשטויסן. מיין ברודער איז ביי דעם זעלבן פּרווו פאַרוווּנדערט געוואָרן מיט אַ רעוואָלווער אין קאָפּ. דערווייל אין דעם טומל, האָב איך פאַרלוירן מיינע אַלע זאַכן און בין געבליבן גאַנץ־נאַקעט.

אונטער דער באַגלייטונג פון קלעפּ, זענען מיר אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ פערד־שטאַל, ווערקשוצן האָבן אונדז רעווידירט. דאָרט זענען מיר געווען דריי טעג. היות איך בין געווען קראַנק, האָט מען מיך אַריינגענומען אין „שפּיטאָל". דאָרט איז געווען אַן אמתער גיהנום; מענטשן זענען געלעגן אויף דער ערד אין די מלבושים וואָכן לאַנג, נישט געוואַשן, מיט אויסגעצויגענע הענט און געבעטן, געוויינט: גיט אַ שטיקל ברויט!. פון גרויס הונגער האָבן מענטשן געגעסן ... לייז (צוגעפּרעגלט אויפן פייער). מענער און פרויען זענען געלעגן צוזאַמען אין אַזאַ ענגשאַפט, איינער אויפן צווייטן און טויזנטער פליי האָבן זיי געפרעסן. 18 טעג בין איך געלעגן מיט כסדרדיקע שרעק אויף אַ סעלעקציע (די קראַנקע האָט מען דערשאָסן). ווען מיין ברודער האָט געהערט, אַז עס קומט אַ קאָמיסיע, האָט ער מיך אַרויסגעטראָגן דורכן פענצטער, ביז זיי זענען אַוועק. איך בין געזונט געוואָרן און זיך לאַנג געלערנט גיין אויף די פיס. אָבער אַ גרויסע צאָל אין אויסגעשטאָרבן.

ווען די אָפטע קאָמיסיעס האָבן געזען, אַז קיין פרישע אַרבעט־כחות קומען נישט צו און די אַלטע שטאַרבן אויס, האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן „בעסערע" אַרבעט באַדינגונגען און בויען לאַגער־באַראַקן. מיר האָבן געאַרבעט ביים האַקן שטיינער פאַר ווערק „א". אָפט האָבן מיר געזען פון ווייטנס, דעם גיהנום פון ווערק „צע". אַלע מענטשן זענען געווען געל פון פּולווער „טראַטיל" פון דעם זענען זיי קראַנק געוואָרן. לסוף האָט מען זיי דערשאָסן.

דעם 1944.7.15 איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. אַלע יידן פון פאַבריק האָט מען פאַרזאַמלט אויף אַ פּלאַץ אין ווערק „א" און די לאַגער־עלטסטע קינעמאַן, אַלבערט און קזשיפּיצקי, האָבן אָנגעוויזן מיט די פינגער אויף די שוואַכע און בלאַסע, האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. אַזוי האָבן זיך אָנגעקליבן 250 מענטשן. מ'האָט זיי אַרויפגעשטופּט אויף לאַסט־אויטאָס און געשאָסן אין וועלדל הינטערן ווערק „צע".

נאָך דעם ווי מ'האָט קאָנטראָלירט, צי קיינער האָט זיך נישט באַהאַלטן אין די בלאָקן, האָט מען אונדז צוריקגעשיקט אין לאַגער. ערשט מיטן דריטן טראַנספּאָרט זענען מיר אָפּגעשיקט געוואָרן קיין בוכענוואַלד.

היסטורישע קאָמיסיע
אין לאַנדסבערג
פּראָטאָקאָלירט מ. ווייסנבערג

מאַרילע ליבערמאַן

בעת דער מלחמה־אויסברוך בין איך אַלס געווען נאָר 13 יאָר. אַן איינציקע ביי די עלטערן האָבן מיר געלעבט אין קראָקע. פון דאָרט זענען מיר אין 940 אַרויסגעפּאָרן קיין וועליטשקע. ביי דער אויסזידלונג פון קראָקע זענען מיר געראַטעוועט געוואָרן און אָנגעקומען קיין פלאַשוב אין אַרבעט־לאַגער „יולאגי״. דורך פּראָטעקציע ווער איך דאָ אַ קאַרטאָפליע־שיילערין. דאָ בין איך אין זומער 1943 קראַנק געוואָרן אויף אַ פלעק־טיפוס. ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָט מען אונדז איבערגעשיקט קיין סקאַרזשיסק קאַם. אין אַרבעט־לאַגער „האַסאַג״. דאָרט האָב איך געאַרבעט אויף אַ דייטשער פירמע. דאָ האָב איך חתונה געהאַט מיט מיין מאַן יוזעף ליבערמאַן. אין אויגוסט 1944 ווערן מיר אַרויסגעשיקט קיין טשענסטאָכאָוו אין אַ צווייטער „האַסאַג״־פאַבריק, ווו מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ צייט פון שווערן הונגער. אין יאַנואַר 1945 ווערן מיר באַפרייט דורך דער סאָוו. אַרמיי.

אין סקאַרזשיסק־קאַם. לאַגער־ווערק „בע״

מ׳האָט אונדז געטריבן לויפנדיק, ביז מיר זענען אָנגעקומען אויף דער באַן סטאַציע אין פלאַשאוו. דאָרט האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין ענגע פראַכט־וואַגאָנעס — אָפּגעזונדערט מענער און פרויען — און פאַרשלאָסן. דורך די קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך האָבן מיר זיך געוואָלט אָריענטירן וווהין מ׳פירט אונדז, נאָר דאָס איז געווען שווער. נאָך עטלעכע צענדליק שעהן פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק־קאַם. פון אַ הויכן וואַל־אָנשיט האָט מען אונדז מיט קאָלבעס אַראָפּגעשטויסן אין טאָל. ס׳איז געווען נאַכט און מיר זענען געגאַנגען דורך אַ גרויסן געדיכטן וואַלד דאָרט האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער געביידע פון ווערק „א״ און אונדז פאַרטיילט אויף דריי גרופּעס, לויט די ווערק.

אין דער האַלע זענען געווען מענטשן וואָס זענען געקומען פאַר אונדז וועלכע האָבן אונדז געוואָרנט, אַז מיר זאָלן טאָן אַלץ, כדי נישט אַריינצופאַלן אין ווערק „צע״, ווייל דאָרט אַרבעט מען ביי פּיקרין, וואָס דערהרגעט די מענטשן. איך בין אָבער דווקא אַריינגעפאַלן אין „צע״. דאָרט זענען געווען מענטשן פון וואַרשע, לאָדזש און אַ טייל וואָס זענען שוין געקומען פון מיידאַנעק. אויך זיי האָבן מיך געראַטן, איך זאָל זיך אַרויסקריגן פון דעם ווערק.

מיין מאַן, וואָס האָט געאַרבעט אין ווערק „בע״ איז טאַקע געלונגען מיך אַרויסצוציען פון דאָרט. איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין זיין צעך. אויך מיינע עלטערן זענען דאָרט געווען. איך האָב געאַרבעט אין שיכטן, ביים קאָנטראָלירן צוויי צענטימעטערדיקע גראַנאַטן, אַ שווערע אָבער דערטרעגלעכלעכע אַרבעט.

אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט מיך באַמערקט דער פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק־האַלע, אַ פּאָליאַק, אַ פאָלקס־דייטש — פּאַליעוואַ און ער האָט מיך גענומען שאַנטאַזשירן אויף פאַרשיידענע אופנים. צום סוף האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל יעדן טאָג אויפרוימען זיין ביוראָ. איך האָב פאַרשטאַנען זיין כוונה. יענעם טאָג בין איך געקומען אַהיים אַ פאַרצווייפלטע און אַלץ דערציילט דער מאַמען. צופעליק האָט דעם שמועס געהערט אַ געוויסע יונגע פרוי גאָלדאַ, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ דייטשער פירמע נישט ווייט פון לאַגער. זי האָט פאַרשטאַנען מיין לאַגע און געוואָלט מיר העלפן. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט רעדן מיט אירע אַרבעטגעבער, אַז זיי זאָלן מיך אַרויספאָדערן פון דער פאַבריק צו אַרבעטן ביי זיי אין דער פירמע. די שווערקייט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז באַפרייען אַ מענטש פון דער אַרבעט איז כמעט געווען אוממעגלעך. נאָר מיר האָבן געהאָפט און גאָלדע האָט זיך שטאַרק באַמיט און געבעטן ביי אירע בעלי־בתים. טאַקע באַלד אויף צו מאָרגנס האָבן זיי געפאָדערט נאָך אַרבעטער אין פעלד און צו פאַשען שעפסן און מען האָט מיך באַפרייט פון פאַבריק. אַ טאָג שפּעטער, בין איך שוין געגאַנגען אַרבעטן צו מיינע נייע בעלי־בתים אויף דער פאַרם.

די נייע אַרבעט האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ גוטע. ס׳איז געווען זומער, די פירמע האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח. איך האָב געאַרבעט ביי גרינסן אָדער ביי בלומען. אין דער פירמע האָט געאַרבעט אַ ייד, אַ פורמאַן — אַסטראָוויעצקי, ער האָט יעדן טאָג פונאַנדערגעפירט גרינס אין די דייטשע האָטעלן אין דער געגנט. ער האָט געדאַרפט אַ געהילף און היות ער האָט מיך געקענט און געוווסט, אַז איך לייד שטאַרק פון הונגער, האָט ער מיך — ווי די יונגסטע — גענומען פאַר זיין געהילף. פאָרנדיק מיט אים, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט עפּעס צו עסן און שטילן דעם הונגער. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַן עמתן פּוילישן פּויער, מיט גרויסע וואָנצעס און מיט פּוילישן אַקצענט. זיין גאַנצע מענטאַליטעט איז געווען אַ פּויערישע. אַלע האָבן אים ליב געהאַט, זיינע מיטאַרבעטער האָבן אים געשעצט. אפילו די דייטשן האָבן אים אויסגעטיילט. יידן האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ העלד. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר די דייטשן און זיך באַמיט אַלעמען צו העלפן. ווען כ׳בין אַריינגעגאַנגען מיט אַ קיישל גרינס אין פרעכטיק־איינגעאָרדנטע הייזער דורך דער קיך־טיר און די פּוילישע דינסטן פלעגן שרייען „שטיי דאָ, נישט ווייטער!״ האָב איך געטרוימט וועגן יענע צייטן ווען כ׳וועל קענען אָנקלאַפּן און אַריינגיין דורך דער פּאַראַד־טיר...

אין דער פירמע זענען אויך געווען חזרים. פאַר זיי האָט מען צוגעגרייט גוטע געדיכטע זופּן, מישנדיק זויערמילך, קאַרטאָפל און קאַלך־אייער. וועגן אַזאַ זופּ האָבן דעמאָלט אפילו נישט געחלומט די יידישע אַרבעטער...

צו מיינע עיקר־מלאכות אין דער פאַרם, האָט אויך געהערט דאָס פּאַשן די שעפּסן. באַלד נאָך די לאַגער־דראָטן איז געווען אַ שטח הפקר־ערד, דערנאָך האָט זיך געצויגן אַ וואַלד מיט אַ טייכל, דאָרט האָב איך געפּאַשעט די 48 שעפּסן. יעדן טאָג האָב איך געדאַרפט מעלדן צו די צאָל שטימט. פאַר פעלן אַ שטיק, האָט מיר געדראָעט טויט־שטראָף. איין מאָל איז אַ שעפּסל צוגעגאַנגען טרונקען וואַסער צום טייכל, ס׳איז אָבער צו טיף אַריין און איז דערטרונקען געוואָרן. ס׳האָט מיך באַהערשט אַן אומבאַשרייבלעכע מורא, וויסנדיק וואָס מיך דערוואַרט פאַר אַזאַ נאַכלעסיקייט. ווייל אַ שעפּס איז געווען אַ סך מער ווערט פון אַ ייד. כ׳האָב מורא געהאַט זיך אומצוקערן אין לאַגער, נאָר בין געלאָפן צו דער פירמע אָפּצוזוכן אָסטראָוויעצקין און אים דערציילט וועגן דעם אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפן. כ׳האָב אים געטראָפן אין שטאַל, אים מיט טרערן דערציילט וואָס ס׳האָט געטראָפן און געבעטן אַן עצה. ער האָט מיר אפילו נישט געענטפערט, נאָר געלאָפן גלייך צום טייכל. אַראָפּגעוואָרפן די קליידער און גענומען נורטעווען אין דער טיף. באַלד איז ער אַרויס פון וואַסער מיט אַ טויט שעפּסל אויף די הענט. מיט דעם איז ער אַוועק צום בעל־הבית פון דער פירמע און דערציילט, אַז ער האָט דערלאָזט דעם שעפּס זיך דערנענטערן צום טייכל און ער איז דער גאַנצער שולדיקער. אַזוי, האָט ער מיך געראַטעוועט פון טויט.

מיין חתונה אין לאַגער סקאַרזשיסק

ס׳איז יאַנואַר 1944. שוין צוויי יאָר ווי איך קען דעם וואָס האָט געדאַרפט ווערן מיין מאַן. מיין פאָטער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז




אַ מוטער מיט קינדער אין געטאָ



קינדער אין געטאָ



קינדער אין געטאָ



קינדער אין געטאָ

מיר זאָל לעגאַליזירן אונדזערע שייכותן. ער האָט צוגעגרייט אַלע דאָקומענטן און אַלץ וואָס מ'דאַרף אין אַזאַ פאַל. אין ווערק „בע" איז קיין רב נישט געווען, נאָר אין „א" איז יאָ יאָ געווען. פון צייט־צו צייט איז אַ גרופּע פון אונדזער לאַגער געווען אין „א" אויף דיזנפעקציע. ביי אַזאַ געלעגנהייט האָט עמיץ מיר געברענגט די כתובה, איבערגעבשריבן פון רב יצחק בן שמואל און מיר האָבן באַשטימט דעם טערמין.

אין אָוונט,אין דער אַמבולאַטאָריע פון לאַגער איז פאָרגעקומען די חתונה. אפילו אָן אַ חופּה (אַזאַ איז נישט געווען), האָט מיין מאַן איבערגעלייענט דעם הרי את און צעבראָכן אַן עלעקטריש לעמפּל. די געסט זענען געווען: דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי און אַ קליינע צאָל מענער. מיר האָבן געהאַט אַ פלעשל מיט וויין מכבד צו זיין די מענער. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געפאַסט, כדי צו באַהאַלטן דאָס עסן צו דער „חתונה־סעודה". דאָס קדושין־פינגערל איז געווען אַ רינגל פון אַ קויל־הילדזע מיט אונדזערע איניציאַלן. דאָס רינגל איז מיר טייער און איך היט עס ביזן היינטיקן טאָג. די חתונה־קליידער האָב איך געבאָרגט ביי פאַרשיידענע פרויען און אויפן קאָפּ אַ טורבאַן פון שמאַטע צו פּוצן די מאַשינען...

היות איך האָב אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, בין איך באַלד שיכור געוואָרן פון דעם ביסל וויין בעת דער צערעמאָניע. איך בין באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אַזוי האָבן מיר „געפייערט" אונדזער חתונה אין לאַגער סקאַרזשיסק...

אַ סעלעקציע אין לאַגער

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער, האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין אַ שורה און דער לאַגער־פירער האָט געהייסן אויסקלייבן פאַר זיך צוויי הויז־דינערינס — אַ בראָנעטקע און אַ בלאָנדינקע. זענען דעמאָלט אויסגעקליבן געוואָרן מיין מוטער און מיט איר אַ יונג, שיין מיידל — לילקע גאָלדבערג. ווען אין אויגוסט 1944 איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, האָט מען אונדז אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ ריי אויף אַכטונג און דער לאַגער־פירער איז דורכגעגאַנגען צווישן די רייען און אַרויסגעצויגן די וואָס האָבן — לויט זיין מיינונג — נישט געטויגט מער צו דער אַרבעט און געשטעלט זיי צום טראַנספּאָרט: קודם האָט ער גענומען די עלטערע און קראַנקע און אויך די וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אַן אַרבעט־פאָרפאַל. מיין מאַמע האָט כסדר געליטן אויף אַ פוס, האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, זייער געשראָקן. דער לאַגער־פירער איז דורכגעגאַנגען איר ריי, זיך איינגעקוקט אויף איר פוס אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט געשפּאַנט ווייטער. די רגע האָט געדויערט אַן אייביקייט. מיר זענען געווען פול מיט שרעק און קוים געאָטעמט.

בעת דער סעלעקציע איז פאָרגעקומען אַזאַ דאַנטישע סצענע: די מענטשן וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן פון די רייען, האָבן געוויינט און געבעטן רחמנות. איינע פון די קרבנות איז געווען לילקעס מוטער. לילקע איז אַרויס פון די רייע, זיך געוואָרפן פאַרן לאַגער־פירער און געקושט זיינע שטיוול. אַזוי איז זי קריכנדיק אים נאָכגעגאַנגען, ביז ער האָט זיך מרחם געווען און באַפוילן די ביידע פרויען צוריקצוגיין אין די רייען. אויף אַזאַ אופן האָט ער „אויסגעטיילט" זיינע צוויי דינסטן...

אַלע אַרויסגעשלעפּטע פון די רייען מענטשן האָט מען אַוועקגעפירט אין וואַלד און דאָרט דערשאָסן.

יאַנינאַ לאַטאָוויטש

אויפן וועג פון מיידאַנעק קיין סקאַרזשיסק

אויף דער באַן איז געשען אַזאַ פאַל: אַ מיידל פון מעזריטשפּאָד. האָט געפּרווט איבערזעגן מיט שאַרפן אייזן די פּאָדלאָגע פון וואַגאָן, כדי צו אַנטלויפן. דער וועכטער האָט דערהערט דעם רעש פון זעגן — כאָטש מיר האָבן געזונגען, כדי צו פאַרטויבן דעם רעש — און ער האָט געמאָלדן דער פּאָליציי אין צוג. מ'האָט אָפּגעשטעלט די באַן און אין וואַגאָן איז אַריין דער שעף פון לאַגער סקאַרזשיסק, וואָס איז נאָך אונדז געקומען קיין מיידאַנעק. מיר האָבן זיך צונויפגעטוליעט אין אַ ווינקל פון וואַגאָן און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. געלאַסן האָט ער אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און שטרענג אַ פרעג געטאָן „ווער האָט געזעגט? מיר האָבן געשוויגן. לויט דער ריי האָט ער צוגעדריקט דעם רעוואָלווער צו אונדזערע פּנימער, נאָך היינט פיל איך די באַרירונג פון קאַלטן אייזן אויפן פּנים. אַ וווּנדער! כאָטש מיר האָבן געשוויגן, האָט ער מיט אַ הינטישן אינסטיקט דערפילט ווער עס האָט געזעגט — און האָט זי דערשאָסן אויפן אָרט. דעם קערפּער האָט ער געלאָזן אין וואַגאָן. אַזוי זענען מיר דערפאָרן קיין סקאַרזשיסק.

דאָרט האָבן איך געאַרבעט אין דער געווער־פאַבריק „האַסאַג" אין ווערק „א". באַלד ווי מיר זענען אָנגעקומען האָט מען דורכגעפירט צווישן די פרויען אַן אָפּקלייב צו די באַזונדערע צעכן. על פּי נס האָט מען מיך באַשטימט אין דער מכשירים אָפּטיילונג. פאַר דער טיר פון דער פאַבריק־האַלע זענען שוין געשטאַנען מייסטערס, יידישע פּאָליציאַנטן און אַרבעטער צו די מאַשינען. איך האָב דווקא געוואָלט אַרבעטן צוזאַמען מיט מיין פריינדין לאָליאַ זילבערמאַן, אַ הויכע און גוט געבויטע, האָט זי זיך גוט איינגעגעבן ביי דער אַרבעט אויף אַ פינקטלעכער שלייף־מאַשין. איך אָבער בין געווען אַ נידעריקע און זיך געשראָקן.

כ'האָב אַליין געהערט, ווי יאָסקע־פּאָליציאַנט האָט געוואָלט איבערצייגן דעם דייטש, אַז איך בין צו קליין. ער האָט גוט געוווּסט, אַז די אַרבעט איז נישט קיין שווערע, נאָר ער האָט זי געוואָלט פאַר זיינס אַ פּראָטעקציע. „ס'מאַכט נישט אויס" האָט דער דייטש געענטפערט „מיר וועלן איר צושטעלן אַ שטול" בין איך טאַקע געווען די איינציקע אין צעך, וואָס האָט געאַרבעט זיצנדיק.

אין אָנהייב האָבן מיר געהאַט אַלטע חרובדיקע באַראַקן. אויף די פּריטשעס איז געווען אָנגעשיט זעגעכץ און אין זיי מיליאָנען פליי און מייז. שפּעטער זענען מיר אַריבער אין נייע באַראַקן און עס איז געוואָרן בעסער. אין אַ געוויסן זונטיק זענען מיר אַרויס פאַרן באַראַק און געזען ווי אַ יינגל אין אונדזער עלטער שטייט און קראַצט דעם קעסל פון זופּ, כאָטש דאָרט איז שוין גאָר נישט געווען. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ד"ר מילייקאָווסקיס זון פון וואַרשע.

צו און פון דער אַרבעט, האָבן אונדז געפירט יידישע פּאָליציאַנטן. דער שעף־פּאָליציי איז דעמאָלט געווען דער ייד קשעפּיצקי, דער האַר פון לעבן און טויט אין לאַגער. דער שעף אין לאַגער איז געווען דער ייד אַלבערט. פון די פּאָליציאַנטן זענען די ערגסטע געווען טעפּערמאַן און אימערגליק.

נאָך דער מלחמה זענען טעפּערמאַן, קשעפּיצקי און אימערגליק אומגעקומען פון די הענט פון די אַרעסטירטע אין מיידאַנעק. אַלבערט האָט מען אין 1944 איבערגעפירט קיין לייפּציק. זיין גורל איז מיר נישט באַקאַנט.

אין אויגוסט 1944 האָט מען אונדז מיט די מאַשינען עוואַקוירט קיין טשענסטאָכאָוו אין דער זעלבער פירמע „האַסאַג". דאָרט האָב איך געאַרבעט ביז דער באַפרייונג אין 1945.

מלכה מילכמאַן

געב. אין 1921 אין סוכעדניוו־ראָדעם.

איך בין געווען אין לאַגער פון סקאַרזשיסק־קאַמ. פון יוני 1942 ביז צו דער עוואַקואַציע, ד״ה, ביז יוני 1944 און האָב גע־אַרבעט אין ווערק „א״. איינער פון די שרעקלעכע סאַדיסטישע מערדערס אין לאַגער איז געווען סאַנדער. זיינע מיטאַרבעטער זענען געווען די פאַבריקס־לייטערס באַטענשלאַגער און פאַלמער. באַטענ־שלאַגער האָט דעם 23טן יאנואר 1943 מיינע צוויי שוועסטערס א״א יונגע מיידלעך אַרויסגעשלעפּט פון באַראַק, כדי מיט זיי צו „פאַר־ברענגען״. אויך סאַנדער איז געווען דערביי. נאָך דער פאַרגוואַל־טיקונג זענען אַלע מיידלעך דערשאָסן געוואָרן. מיטן כוח פון זיין פּאָזיציע האָט סאַנדערס אָנגעוואָנדן שוידערלעכן געוואַלט קעגן אונדז. כמעט יעדן טאָג געמאַכט אונטערזוכענגען, געמאָרדעט מענטשן און די געבליבענע לעבעדיק געשיקט אין ווערק „צע״ צום פאַרענדיקן. אָפט, האָט ער געברענגט צו זיך מענטשן און שלאָגנדיק זיי מיט אכזריות געצוווּנגען זיי אַרויסצוגעבן גאָלד און ווערטזאַכן. אַמאָל אָט ער גערופן צו זיך אַ יונג־יינגל פון 15טן באַראַק און האָט אים אַזוי שרעקלעך געשלאָגן, אַז אין צוויי טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

ד״ר ישראל רום־ראבלאַסט

(אַ ד״ר אין געטאָ פון וואַרשע, מיידאַנעק א״א)

אין סקאַרזשיסק האָט מען געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אַרבעטער וואָס זענען געקומען פון דרויסן, געלעגנהייטן אויס־צובייטן מלבושים און אַנדערע זאַכן אויף לעבנס־מיטלען זענען געווען פאַרשיידענע.

אין סקאַרזשיסק איז נישט געווען קיין קאַרטאָטעקע פון די אַרעסטירטע מענטשן וואָס זענען אומגעקומען האָבן נאָך זיך נישט געלאָזט קיין שום סימן.

די קאָמענדאַנטין פון לאַגער איז געווען אַ יידישע פרוי פון סקאַרזשיסק — מאַרקאָוויטש, אַ פעיקע, יונגע און אומברחמנותדיקע, האָט געטראָגן הויכע שטיוול און שטענדיק געהאַלטן אַ בייטש אין דער האַנט. איר מאַן איז אומגעקומען און זי האָט דערגרייכט די פּאָזיציע אין לאַגער. איר פאַרטרעטער און דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי איז געווען אייזנבערג, איר שוואָגער. ער האָט זיך נישט פאַרשריבן צום גוטן אין זכרון פון די אַרעסטירטע.

די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין לאַגער זענען געווען פאַרברעכע־רישע; אַ שוידערלעכע פאַרלייזונג, אָן דיזענפעקציע. די באָד איז געווען אין ווערק „א״, דאָס איז געווען אַ פּרימיטיווע דיזענפעקציע וואָס האָט קיין סך נישט געהאָלפן, דאָך איז מען דאָרט אָנגעקומען נאָר איין מאָל אין עטלעכע וואָכן. די באַראַקן זענען פול געווען מיט וואַנצן. דער שפּיטאָל־באַראַק איז געווען אין אַזאַ טראַגישן צושטאַנד, אַז ס'איז שווער געווען דאָרט אַריינצוגיין. די לייז האָבן אויפגעגעסן די קראַנקע לעבעדיקערהייט; פּשוט, ווער ס'איז דאָרט אַריין איז אומגעקומען.

פאַר אונדזער אָנקומען אין ווערק „צע״, זענען דאָרט געווען צוויי סאַניטאַרן, טונקעלע טיפּן, פאַר צוגעבן אַ ביסל וואַסער אָדער אַ רפואה האָבן זיי זיך געהייסן באַצאָלן, די קראַנקע האָבן געמוזט אויספירן זייערע פאַרלאַנגען. מיטן טראַנספּאָרט פון מיידאַנעק זענען אָנגעקומען זעקס דאָקטוירים. איינער איז אָנגעקומען אין ווערק „א״ און פינף אין „צע״. ביסלעכווייז זענען מיר דערגאַנגען צו אַרבעטן אין דער אַמבולאַטאָריע, ס'זענען געווען אַ סך קראַנקע, אָפט זענען געווען מכות פול מיט מאַטעריע, וואָס זענען געקומען פון שווערע אַרבעט, שלעכטע דערנערונג און נישט פּאַסיקן אָנטאָן.

ביי אונדזער בעסטן ווילן, האָבן מיר נישט געקאָנט ענדערן די שווערע באַדינגונגען. ערשט עטלעכע חדשים פאַרן עוואַקוירן דעם לאַגער האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ דיזענפעקציע־קאַמער וואָס איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

פאַלן פון פלעק־טיפוס האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט. די עפּידעמיע איז נאָך שטאַרקער געוואָרן נאָכן אָנקומען פון דעם טראַנספּאָרט — קראָקע־פּלאַשאוו. אָפט זענען געווען פאַלן וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט טויט.

פרויען האָבן בדרך כלל גרינגער איבערגעלעבט דעם לאַגער; זיי זענען געווען ריינער, האָבן זיך אָפטער געוואַשן, האָבן אָפט געוואַשן זייערע וועש, געפּרעסט, געניייט און פון דעם אַמאָל גע־שאַפן אַ ביסל עסן, וואָס זיי האָבן שפּעטער געקאָכט. זיי זענען נישט געווען אַזוי אָפּגעריסן ווי געוויסע מענער. האָט עס אויסגעמיטן אַ טייל קראַנקהייטן. בכלל איז געווען אַ שטאַרקער אונטערשייד אין סאַניטאַרן צושטאַנד צווישן מענער און פרויען.

דאָס עסן איז געווען אַ ביסל דערנערנדיקער ווי אין מיידאַנעק. די זופּ איז אָפט געווען מיט שטיקלעך קאַרטאָפל. כ'ווייס נאָר נישט פאַר־וואָס זיי האָבן געריסן אין האַלדז. דערצו האָבן מיר באַקומען 250 גר. ברויט יעדן טאָג.


דער קאָמענדאַנט פון לאַגער איז געווען ברעטשניידער, ווערק־שוץ־לייטער איז געווען שומאַן. כ'בין געווען אַן עדה־ראיה ווי אַ געריכט האָט פאַרמשפּט צום שיסן צוויי יידן, וואָס האָבן געוואָלט גנבֿנען פון פאַבריק צוויי טראַנסמיסיע־פּאַסן.

אַ געוויסן טאָג האָט מיר עמיץ פון ווערק „א״ צוגעזאָגט, אַז אינזש. עפראס (אפרת) בעט מיך, אַז איך זאָל זיך מיט אים טרעפן אין באָד. ווען כ'בין געקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט דערהאַלטן געלט צום צעטיילן צווישן די אַרעסטירטע. ער האָט נאָר געבעטן, כ'זאָל אים נישט פרעגן וואָס און ווער עס גיט דאָס. כ'זאָל מאַכן אַ קאָמיסיע, נעמען עמיצן צוהילף און טיילן ריכטיק. ער האָט מיר געגעבן 3000 ז״ל אין נייע באַנקנאָטן. איך האָב זיי באַהאַלטן אין מיין גומענעם זאַק. צופעליק האָט געטראָפן, אַז פונקט דעמאָלט איז געווען אַ רעוויזיע. נאָר מ'האָט דאָס געלט נישט געטראָפן. איך האָב גענומען צוהילף: אינזש. קוזשאַ פון טשענסטאָכאָוו און ד״ר וואַסערשטיין פון וואַרשע און מיר האָבן דאָס געלט צעטיילט ווי מיר האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק.

ביים צווייטן מאָל ווען מיר האָבן באַקומען געלט, איז אויף מיין אָרט — ווייל איך בין געווען קראַנק — געגאַנגען ד״ר וואַסערשטיין און דער ענין האָט אָנגענומען אַן אינטערעסאַנטע ווענדונג. ער האָט מיר דערציילט, אַז פון דער געלט־חלוקה האָבן זיך דערוווּסט אַרעסטאַנטן פון בונד און זיי זענען אַרויסגעטרעטן מיט פאָר־וואורפן, היות דאָס געלט ווערט געזאַמלט פון אָרגאַניזאַציעס מיט באַשטימטע פאַרטיי־אָנגעהעריקייט, דאַרף דעריבער די קאָמיסיע צום טיילן, צוזאַמענגעשטעלט ווערן לויט אַ פאַרטיי־שליסל. היות לויט דעם פאַרלאַנג, האָט אין דער קאָמיסיע געדאַרפט אַריין דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, בין איך אַרויס פון דעם קאָמיטעט.

כ'ווייס נישט דעם ווייטערדיקן גורל פון אינזש. אפרת. די געלט־שטראָמען זענען ווייטער געקומען. ס'איז אויך דערגאַנגען צו אונדז רפואות און דערנערונג פאַר קראַנקע. דאָס האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם ד״ר ווייכערט פון קראָקע.

די משפחה מאַרקאָוויטש, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אויף גוטע פּאָסטנס, האָט ווייטער געהערשט אין לאַגער, אייזנבערג איז



צו שקלאַפן־אַרבעט



צו שקלאַפן־אַרבעט



טרעמבלינקע



יידן קומען אין לאַגער



יידיש לעבן איז הפקר

אַרומגעריטן אויף אַ פערד. אַלע: די מאַרקאָוויטשן, אייזענבערג מיט ווייב און טאָכטער, די שוועסטער מיטן מאַן, די מאַמע, האָבן געוווינט באַזונדער. זיי האָבן פאַרנומען וווינונגען אין בנין פון דער קאָמענדאַנטור און זיך נישט געמישט מיטן „המון". די אייגנטלעכע לאַגער־„אַריסטאָקראַטיע" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בולטער געלט גייציקייט, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ מאַסע גאָלד און בריליאַנטן. אין לאַגער האָט מען זיי גערופן די „ראעל־משפחה". זעט אויס, אַז זיי האָבן געגעבן דעם פאַרטרעטער פון שומאַנען אַ גרויסע סומע לא־ירחץ־געלט און ער האָט זיי געדאַרפט אַרויסלאָזן פון לאַגער. ווי מ׳האָט מיר שפּעטער דערציילט, זענען זיי טאַקע אַנטלאָפן פון לאַגער, נאָר מ׳האָט זיי אַריינגעכאַפּט אין אַ נעץ. מ׳האָט זיי באַרויבט פון אַלע ווערטפולע זאַכן און שפּעטער דערשאָסן. פון דער גאַנצער משפחה איז נאָר געבליבן — די אַלטע מאַמע.

מאַניעק (אראַק) אורין

1939.9.5 זענען די דייטשן אַריין קיין סקאַרזשיסק. באַלד האָט מען פאַרווערט געוויסע שעהן צו גיין אין גאַס. די פענצטער האָבן געמוזט זיך פאַרטונקלען ביינאַכט. חשובע מענטשן פון שטאָט האָט מען גענומען אָפּצורוימען די חורבות. מהאָט אַרויסגעצויגן מענטשן פון די הייזער צו שווערע, שמוציקע אַרבעט ביי דער באַן און אין שטאָט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָט מען אָנגעהויבן צו נעמען קאָנטריבוציעס: געלט, גאָלד, פוטערס א״א ווערטפולע זאַכן. אין אַלע גרויסע געשעפטן האָט מען אַריינגעזעצט דייטשע קאָמיסאַרן.

בעת די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, זענען אַ סך יידן אַנטלאָפן אין די שכנותדיק שטעטלעך. זיי זענען אָבער נאָך אַ געוויסע צייט צוריקגעקומען — דאָרט איז נישט געווען בעסער. אויפן וועג האָט מען געפייניקט און אַרעסטירט די צוריקגעקומענע.

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן פייניקן די יידישע באַפעלקערונג; געכאַפּט צו דער אַרבעט, געפּלאָגן, געשניטן בערד א״א צרות. אַ דייטש האָט מען געמוזט אָפּטרעטן דעם וועג און באַגריסן. אויף דער אַרבעט אין פאַבריקן זענען פאָרגעקומען אויפרייסן, אַ סך יידן זענען פאַרווונדעט געוואָרן. ביי נאַכט זענען געווען רויבערייען און אָנפאַלן.

1940 איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ פון בלויז צוויי גאַסן. מענטשן האָבן געוווינט אין גרויס ענגשאַפט, דערצו האָט מען נאָך אַריינגעברענגט מענטשן פון פּלאָצק און לאָדזש. דאָס געטאָ איז געווען אַ געשלאָסענער, ביים טויער זענען געשטאַנען יידישע פּאָליציי. עס איז געווען אַ „יידנראַט", וואָס האָט קיין סך נישט געקאָנט אויפטאָן. אין שטאָט האָט אויסגעפעלט עסן. מיט פאַרשיידענע תחבולות האָט מען זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, כדי צו שאַפן אַביסל עסן. די פּלאָצקער און לאָדזשער, וואָס זענען געקומען אָן באַגאַזש, האָבן שטאַרק געליטן פון הונגער. אַזוי האָבן אין געטאָ געלעבט אַ 30,000 יידן.

סוכות 1942 איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון געטאָ. פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָבן אוקראַינישע און דייטשע ס. ס. מיט מאַשינגעווער און הינט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ און אַרויסגעטריבן אַלע יידן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. מ׳האָט געברענגט פון פאַבריק אויסגעמאַטערטע, האַלב טויטע יידן און גענומען אויף זייער אָרט געזונטע. דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ סעלעקציע; די געזונטע האָט מען אַוועקגעפירט אין דער „האַסאַג"־פאַבריק און די קראַנקע, שוואַכע א״א נישט פעיקע צו דער אַרבעט, האָט מען געפירט צום באַן — קיין טרעבלינקע. בשעתן גייען, זענען כמעט אַ העלפט געפאַלן אויפן וועג. אַ טייל יידן זענען געווען באַהאַלטן, אָבער מ׳האָט זיי געפונען און געברענגט צום באַן.

די אַוועקגעפירטע אין לאַגער, האָבן געאַרבעט שווער אין די צעכן, געוואָרן שיקאַנירט און געפייניקט און באַקומען דערפאַר אַ שטיקל ברויט מיט אַביסל וואַסערדיקע זופּ איין מאָל אין טאָג. די שוואַכע האָט מען פון צייט צו צייט אַוועקגעפירט און דערשאָסן.

ווען די רוסן האָבן זיך דערנענטערט, האָט מען דעם לאַגער עוואַקוירט קיין שטענסטאָכאָוו און בוכענוואַלד. בערך אַ 30,000 יידן זענען אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.

רעגינע קאַלמאַן

אין משך פון דריי טעג האָט מען אין 1941 דורכגעפירט די איבערזידלונג פון די 10,000 יידן פון געטאָ-פּלאָצק קיין דזאַלדאָוו. מען האָט אונדז אַריינגעפּאַקט צו 200 מענטשן אין לאַסט־אויטאָס, צוגענומען אַלע געפּעק און זאַכן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן אַרומיקן פּלאַץ, ווו מיר האָבן זיך געפונען. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ביי דער באַגלייטונג פון קלעפּ און שיסערייען. ביי יעדן פאַל פון נישט גענויעם פאָלגן די „הערן" האָט מען געשלאָגן מכות־רצח און געשאָסן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין דזשאַלדאָוו, האָבן אונדז די ס.ס. באַלד ביים אַראָפּגיין פון די אויטאָס, מכבד געווען מיט שטעקנס איבער די קעפּ. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין סטאַדאָלעס, ווו מיר זענען 10 טעג געווען אין צרות און פּיין; מ׳האָט אונדז מערדערלעך געשלאָגן, יעדער שעה געשלעפּט אויף שווערע איבונגען און כסדר אויסגעטראַכט נייע ענויים פאַר אונדז. אַ סך זענען פון די צרות און קלעפּ געשטאָרבן.

נאָך די צען טעג, האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און געפירט צום באַן וואָס גייט קיין סקאַרזשיסק. אויפן אָרט האָט מען מיך מיט מיין שוועסטער באַשטימט צו אַרבעטן אין דער אַמוניציע־פאַבריק, ווערק „בע". די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און דערצו האָבן די יידישע קאָמענדאַנטן זשיעלאָנקע און זילבערבערג שרעקלעך געשלאָגן. מיין שוועסטער, האָט די שווערע באַדינגונגען נישט געקענט אויסהאַלטן און איז קראַנק געוואָרן אויף געלזוכט. פונקט דעמאָלט איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. בײדע האָט מען אונדז גענומען, נאָר מיך האָט מען שפּעטער באַפרייט און מיין שוועסטער מיט נאָך 18 פרויען האָט מען אַוועקגעפירט צום דערשיסן. מען האָט זיי אַריינגעטריבן אין אַ גרוב און דערשאָסן. דער פּאָליציאַנט וואָס האָט זיך פון דאָרט אומגעקערט, האָט דערציילט: „ווען מ׳האָט צוגעשאָטן דעם גרוב, האָבן נאָך אַ סך קרבנות געלעבט.

נאָך דער גרויסער איבערלעבונג פון פאַרלירן אַ שוועסטער, האָב איך געמוזט גיין צו דער אַרבעט, וואָס איז געווען אַ פיינלעך־שווערע, אָבער נאָך שווערער איז געווען אויסצושטיין די נגישות פון די מייסטערס און ס.ס.־לייט. פאַר יעדער נישט־געהאָרכזאַמקייט און „חטא" האָט מען געשמיסן, נאַקעטערהייט באַגאָסן מיט עמערס קאַלט וואַסער א״א. ס׳איז גענוג געווען, אַז אַ דייטשער אָדער פּוילישער מייסטער זאָל זיך באַקלאָגן פאַר דער ס.ס. אַז מען אַרבעט נישט גוט. האָט מען שוין דעם געהעריקן פּסק באַקומען. אַזוי האָבן די צופרידענע און זאַטע געפייניקט אונדז די מידע, דערשעפּטע און אויסגעהונגערטע...

נאָך אַ יאָר אַרבעטן אין „בע" בין איך אַריבער אין ווערק „צע", וואָס איז געווען אַביסל בעסער. דער עיקר דערפאַר, ווייל כ׳האָב דאָרט געקענט צוקויפן אַ שטיקל ברויט א״א קליינקייט. דאָס

שלעכטע איז געווען, וואָס דאָרט זענען כמעט יעדע וואָך פאָרגעקומען סעלעקציעס. אָבער איך בין זיי דורכגעגאַנגען ווי נישט־איז בשלום.

איינער אַ פּאָליציאַנט יאַקובאָוויטש, האָט מיר — פאַר וועלן נעמען נאָך אַ ביסל זופּ — געוואָרפן עפּעס אין אויג אַריין און האָט מיך שיער נישט געמאַכט פאַר אַ קאַליקע. ס׳איז אָפּגעפלאָסן אַ סך בלוט פון אויג און כ׳האָב געחלשט. גוטע מענטשן האָבן מיך געראַטעוועט. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, ווען כ׳בין אַריבער אַרבעטן ביי דער א. ג. „געלע” אַרבעט. ביי טראָטיל־פּיקרין, מיט וועלכע מ׳האָט אָנגעפילט די גראַנאַטן. כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראָגן דעם גיפטיקן שטויב. די אַרבעט איז מיר געווען שווער און פּיינלעך; כ׳בין אַמאָל אַרויס אויף עטלעכע מינוט אין גאַס, צו שעפּן אַביסל לופט, האָט עס דערזען דער פּוילישער פאָראַרבעטער און פאַרמסרט פאַר דעם דייטשן מייסטער. ער האָט מיך אויסגעזוכט און מערדעריש געשלאָגן.

די אַרבעט איז נישט נאָר געווען שווער; אַלע פרויען וואָס האָבן געאַרבעט ביי דעם, זענען אין אַ קורצער צייט דערשעפּט געוואָרן און געשטאָרבן. דער מייסטער שולץ א״א ס.ס.־מענער האָבן האַלב־טויטע מענטשן אַראָפּגעשלעפּט פון די געלעגערס און געטריבן צו דער שווערע אַרבעט. דער יידישער קאָמענדאַנט אייזענבערג, האָט פאַר נישט קומען פּינקטלעך צו דער אַרבעט, געמאַכט שווערע איבונגען און געשלאָגן מיט אַ בייטש.

די אַרבעט איז געווען שווער און געפערלעך און אויך שלאָפן האָבן מיר נישט געקענט; קיין קאָלדערעס האָבן מיר נישט געהאַט, מיר האָבן זיך צוגעדעקט מיט די מאַנטלען, וואָס האָבן געהאַט דעם ריח פון פּיקרין, וואָס האָט נישט געלאָזט שלאָפן. דאָס עסן איז אויך געווען זייער ווייניק. צוויי מאָל אין טאָג וואַסערדיקע זופּ און 20 דעקאָ ברויט. נאָר זונטיק האָבן מיר באַקומען אַ טיי־לעפעלע מאַרמאָלאַד און אַ לעפעלע צוקער. ביי די באַדינגונגען זענען אַ סך אויסגעשטאָרבן. יעדן טאָג האָט מען געזען ליגן ביים שמעטניק טויטע קערפּערס, וואָס מ׳האָט אַוועקגעפירט אין וואַלד צום באַגראָבן.. די „געלע” זענען גייענדיק אויסגעגאַנגען. מ׳האָט זיי געפונען טויטע אין ווינקלען.

איך בין קראַנק געוואָרן. דער ד״ר האָט מיך געשיקט אין שפּיטאָל, נאָר איך בין דאָרט נישט געגאַנגען. ווייל דאָרט זענען אָפט פאָרגעקומען סעלעקציעס. דאָס איז טאַקע געווען מיין גליק; ווייל אין עטלעכע טעג אַרום, איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע און מ׳האָט אַלע פון שפּיטאָל צוגענומען. אפילו די וואָס זענען שוין געווען געזונט און האָבן שוין אפילו געאַרבעט, נאָר זענען נאָך געווען אויף דער ליסטע פון די קראַנקע...

ווען מ׳האָט גענומען עלטערע אָבער נאָך געזונטע פרויען צום דערשיסן זענען אַ טייל קינדער מיטגעגאַנגען פרייוויליק, כדי זיך נישט צו שיידן. אַזוי זענען מיר געווען אין לאַגער סקאַרזשיסק ביז 1944. דערנאָך האָט מען עטלעכע טויזנט פרויען געשיקט קיין לייפּציק.

פּאָלאַ גאָלדמאַן

אין שטעטל סטאָפּניץ זענען פאַרן קריג געווען 5000 יידן.

אין 8.9.1939 האָבן די נאַציס ביים אַריינקומען אונטערגעצונדן מיט ברען באָמבעס דאָס שטעטל. עס איז פאַרברענט געוואָרן איין גרויסער טייל פון יידישן צענטער. באַלד האָבן זיי 4 יידן דערשאָסן פאַרן וועלן רעטן דאָס פאַרמעגן.

די פּאָליאַקן האָבן ביים ברענען פון יידישע הייזער ראַבירט. עס איז געווען אַ דייטשישער שטאָט קאָמענדאַנט מיטן נאָמען „נידערמאַן”, וועלכער האָט פריער נישט געקענט קיין פּרישטיק עסן אויב ער האָט נישט דערשאָסן קיין ייד. כמעט יעדן טאָג האָט ער געהאַט זיין קרבן, וועלכן ער האָט פאַרן שיסן גוט פאַרפּייניקט.

מען האָט געמוזט טראָגן אָרעם־מענדער און זיי האָבן געצויגן קאָנטריבוציעס, און פון די גענומענע זאַקלאַדניקעס האָבן זיי עטלעכע אומגעברענגט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו ריקווירירן יידישע געשעפטן פון אָנקומענדיק ביינאַכט פון בוסק האָבן זיי דורכגעפירט געוויע רעוויזיעס און אַלץ אַרויסגעפירט.

דאָס איז געווען דעם ערשטן פּסח פון דעם מערדערס מאַכט, ווען די געשטאַפּאָ איז 12 ביינאַכט אָנגעקומען אין שטעטל אַריין צו יידן, ווען זיי האָבן גראָד דעם סדר איינגעאָרדנט, דעמאָלירט די שטובן, געשלאָגן און אַרויסגעשלעפּט 4 יידן פון סדר און דערשאָסן: אַ געוויסן משה׳ל ווייגנראַד, אַ דענטיסט גאָלדבערג און אַנדערע.

מיין ברודער איז געווען אַ פּאָליציאַנט און מ׳האָט אים און אַנדערע אויפגעוועקט זיי זאָלן ווי הינט אויפּרוימען. געוועזן איז איין אָפענער קבר. מ׳האָט נאָר געקענט גיין דורך אינטערגעסלעך.

פאַר פאַרלאָזן די שטאָט האָט געדראָט טויט־שטראָף. און עס זענען געווען אַ סך קרבנות, ווייל מענטשן נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר זענען געגאַנגען אין דערפער זוכן עסן.

עס האָבן זיך געשאַפן שאָפּן: קראַוויעצקע, קאָשיקאָרסקע, און אַנדערע האָבן געאַרבעט אויסער דער שטאָט אין ביעכוב, סלופּיע, דאָס איז געווען צוואַנגס־אַרבעט ביי מעליאָראַציע. מען האָט געצאָלט 4 זלאָטעס אַ וואָך.

די פּרנסות האָבן אויפגעהערט נאָר ווער עס האָט נאָך ריזיקירט ביי שמוגל. די אָרעמקייט און ענגשאַפט, מענטשן זענען אויף די ביידעמס געשלאָפן, האָט אַריינגעדרינגען אַ גרויסע רעזיגנאַציע אין יידישע הערצער, וועלכע האָבן פאָרגעפילט נאָך ערגערע צייטן.

דער יידנראַט און יידישע פּאָליציי האָט זיך באַמיט צו העלפן די באַפעלקערונג, עס האָט זיך געשאַפן אַ קיך פאַר אָרעמע, ספּעציעל פאַר פּלאָצקער פּליטים. די סאַניטאַרע קאָמיסיע האָט זיך געמיט צו לינדערן די טיפוס עפּידעמיע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין געטאָ.

די אַקציע איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1942, דורך די דייטשישע ס. ס. אוקראַינער, פּוילישע פּאָליציי און סטראַזש אָגניאָוואַ.

אין טאָג פון דער אַקציע האָבן זיי אין שטעטל אומגעברענגט 400 אַלטע־לייט, שוואַכע און קינדער, אַ חוץ וואָס דער וועג דורך סלופּיע קיין שציוצין (שטוטשין) איז די באַן־סטאַציע געווען פאַרזייט מיט יידישע הרוגים. מען האָט אויך נאָך דעם געשאָסן די געפונענע פון בונקערס, וועלכע זיי האָבן ספּעציעל פלייסיק געזוכט.

דער טראַנספּאָרט איז אַזוי ווי די אַלע שכונותדיקע שטעטלעך אָפּגעפירט געוואָרן צו דעם שרעקלעכן אָרט „בעלזשעץ”.

ביי דער אַקציע האָבן זיי איבערגעלאָזט די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שאָפּן און שאָסעען. נאָך 3 מאָנאַטן זענען זיי געוואָרן אויסגעזידלט איין טייל קיין סאַנדאָמיעזש און איין טייל קיין פּאָניאַטאָוו.


מיין ברודער וועלכן עס איז געלונגען שוין 7 מאָנאַטן אויסצובאַהאַלטן זיך, ביי אַ פּויער, מיט נאָך 4 חברים אין דאָרף „ביעלעבאָז” ביי סטאָפּניץ ביי דעם פּויער יאַן ראַקיטאַ... עס איז דעם פּויער איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז צו וואָס ברויכט ער רעטן יידן, אויף וועלכע מען האָט אין אַלע זייטן געהעצט און עס איז אַ שאַנדע און אַ געפאַר געווען, אַז ער קען אומברענגען זיי, האָבנדיק דאָס זעלבע געלט, צורויבנדיק עס ביי זיי. איינמאָל האָט ער צו זיין נאָמענסטאָג ספּעציעל צו דעם צוועק זיי צו דערמאָרדן איינגעלאַדן נאָך צוויי פּויערים. אָנשמוסנדיק זיך זענען זיי אַריין צו די ייִנגלעך



תליות



צום לעצטן וועג



יידן ווערן געטריבן אַריין אין די וואַגאָנען צום לעצטן וועג



יידן ווערן געטריבן
אין די וואַגאָנען צום לעצטן וועג

אין בונקער מיט געווער. די יינגלעך אָריענטירנדיק זיך אין דער סיטואַציע, איז איינער אַ געוויסער אברהם צוקער אַרויס און אונטערגעצונדען די סטאָדאָלע, ווו איינער גראָד זייענדיק אינעווייניק איז פאַרברענט געוואָרן.

אין בונקער האָבן זיי דערשאָסן אַ געוויסן יחיאל בלאַנק, דוד שטיינפעלד און מיין ברודער אַנטלויפנדיק איז פאַרווונדערט געוואָרן. די זשאַנדאַמעריע האָט אים אַ פאַרווונדערטן געברענגט אין שפּיטאָל אַריין וועלנדיק אים ראַטעווען, בכדי זיי זאָלן נאָך דעם קענען פון אים פאָרשן פאַרשיידענע געהיימניסן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. איבערגעלעבט פון זיי אברהם צוקער, וועמען עס איז פאַרווונדערטערהייט געלונגען צו אַנטלויפן און ער האָט אונדז וועגן דעם איבערגעגעבן.

פון אונדזער שטעטל האָט מען נאָך 2 מאָנאַטן פאַר דער אַקציע אַוועקגעשיקט 1.500 מאַן בלויז יוגנט, פרייוויליקע, קיין סקאַרזשיסק צו אַרבעט אין אַמוניציע פאַבריק. מיר זענען פון אונדזער הויז געפאָרן 3 שוועסטער און 1 ברודער. דער ברודער, וועלכער האָט די שלעכטע באַדינגונגען נישט געוואָלט אויסהאַלטן, האָט זיך אַנטשלאָסן צו אַנטלויפן, און איז ביים אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן.

צוליב שמוץ און זייער שלעכטע באַדינגונגען האָט געהערשט טיפוס, אויף וועלכן מיר אַלע דריי שוועסטער זענען קראַנק געוועזן און די יינגסטע שוועסטער האָט די קרענק נישט איבערגעהאַלטן און איז געשטאָרבן.

אין דעם סקאַרזשיסקער לאַגער זענען געווען יידן פון אַלע פּראָווינצן. דער הונגער און די פּיין האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע. עס זענען פאָרגעקומען אַפּעלן או סעלעקציעס. מען האָט געהאָנגען און געשאָסן פאַר יעדע קליניקייט, ביי נישט פאָרזיכטיק זיין ווען איין קויל איז אין טאַש אַריינגעפאַלן ביי דער אַרבעט, פאַר נעמען אַ שטיקל גומע צו פאַריכטן די שיך, אָדער פאַר אַהיים שיקן אַ בריוו.

איינמאָל ביי אַן אַפּעל, האָבן זיך די אָנפירער פון לאַגער אַ געוויסער באַטענשלעגער און אייזנשמיד אויסגעקליבן די פיר שענסטע און געזונסטע מיידלעך, אַ גאַנצע נאַכט מיט זיי פאַרבראַכט, געשענדעט און נאָכדעם געשאָסן. עס איז געווען אַ קאַרנער אָדזשאָל ווערק „צע" ווער עס איז נאָר באַשטראָפט געוואָרן האָט מען דאָרט אַריינגעשיקט. אָנגעפירט האָט דער ווערק־שוץ לייטער שיפער. ער איז געווען אַ גרויסער מערדער. פון די גרויסע פייניקונגען דורך סעלעקציעס און קראַנקהייטן זענען די גרעסטע טייל פאַרניכטעט געוואָרן.

אין אָקטאָבער 1944 האָט מען אונדז צוליבן דערנענטערן זיך פון פראָנט איבערגעטראָגן קיין טשענסטאָכאָוו. דער לאַגער איז געווען אַ ביסל בעסערער ווי אין סקאַרזשיסק. מען האָט זיך געקענט זויבערער האַלטן און אָרגאַניזירן וואָס צו עסן. איך מיט מיין שוועסטער זענען נאָר 4 וואָכן געוועזן צוזאַמען, עס זענען דאָרט געווען 3 אָפּטיילונגען: וואַרטע, טשענסטאָכאָוויאַנקע און טשענסטאָכאָוו. מיין שוועסטער האָט מען איבערגעשיקט אין טשענסטאָכאָוויאַנקע, ווו זי האָט שווער געאַרבעט אונטערן אויפזיכט פון אַ זייער שלעכטן דייטש מיטן נאָמען „ניציאַלע".

ספּעציעל שווערע און געפערלעכע אַרבעט איז געווען אין אַזוי גערופענע ווערשריי „קאַרבינעווקע", ווו עס האָט אויסגעברענט לעכער אין די הענט. אויף וואַרטע האָט אַ געוויסער דייטש באַטענשלעגער זייער שלעכט זיך באַצויגן צו אונדז.

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט, זענען פאָרגעקומען אָפּט אַליאַרמען. מיר האָבן זיך געשיצט אין די קעלערן. אין יאַנואַר 1945, ווען די רוסן האָבן שוין דערגרייכט די שטאָט, זענען אַ טייל באַפרייט געוואָרן באַלד, און אונדז, ווי אויך מיין שוועסטער, וועלכע איך האָב ערשט אויף אַ סטאַציע געטראָפן האָט מען אָפּגעשיקט אין ענג געפּאַקטע וואַגאָנען קיין דייטשלאַנד. 4 טעג זענען מיר אַזוי געפאָרן אין שרעקלעכע באַדינגונגען, איין מאָל דורך דער צייט האָט מען עסן געגעבן, פון קעלט און הונגער זענען פיל מענטשן דאַן אויסגעגאַנגען נישט דערגרייכנדיק מער דעם נייעם גיהנום: בערגען בעלזען.

מאירל מוזיקאַנט

איך מאיר מוזיקאַנט, זון הערש מוזיקאַנט.

אַ טאָג פריער, איידער דער דייטש איז אַריינגעקומען, זענען מענטשן אַנטלאָפן קיין שידלאָוצע און מיר מיט נאָך עטלעכע יידן זענען אַנטלאָפן אין דאָרף אַריין.

צו מאָרגנס צוריקקערנדיק זיך אין שטאָט האָב איך געטראָפן ווייניק יידן. די געוועלבער זענען געווען אויפגעהאַקט. אין שטאָט זענען געווען די דייטשן. יעדן פאַרבייגייענדיקן גוי האָבן די דייטשן געגעבן מאַנטלען פון די געוועלבער.

צו מאָרגנס בין איך אַליין אַנטלאָפן קיין שידלאָוצע. ווען כ'בין צוריק געקומען האָבן די דייטשן שוין געכאַפּט אויף אַרבעט. אַ סך יידן האָבן זיך באַהאַלטן און אַ סך יידן האָט מען געכאַפּט.

שבת אין דער פרי האָבן ס.ס.־לייט געריטן אויף פערד, געכאַפּט יידן אין דאָרף צו דער אַרבעט.

יום־כיפור זענען מיר געווען באַהאַלטן אויף אַ פעלד. פון דער ווייטן האָבן מיר געזען, ווי ס.ס.־לייט גייען אַראָפּ פון די פערד און כאַפּן יידן. דאַן האָבן זיי מיר אויך געכאַפּט, אַריינגעשטעלט אין די רייען און מיר האָבן מאַרשירט צום פּלאַץ פון מאַגיסטראַט. דאָס איז געווען אַרום 9 אין דער פרי. 10 אַזייגער האָט מען געבראַכט אַ גרופּע יידן מיט בערד, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פון שול בעתן דאַווענען, צו דער אַרבעט.

יענקל קאָסטעק האָט אויך געאַרבעט דאַן. מיר האָבן געטראָגן שטיינער אַהין און צוריק. געיאָגט האָט מען און געשלאָגן מיט אַ שטעקן. אַ סך יידן זענען געווען אין טליתים. די דייטשן האָבן געוווסט, אַז מען טאָר נישט, האָבן זיי געבראַכט אַ זופּ און גענויט צום עסן, אַריינגעבענדיק אין מויל אַריין.

נאָך דער אַרבעט איז מען צוריק געקומען אַ היים. געקלערט האָט מען וואָס וועט זיין מאָרגן.

צו מאָרגנס האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט צו קוילן. נאָך דער אַרבעט זענען מענטשן געקומען שוואַרצע, פאַרביטערטע. ס'זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסגעקויפט, געגעבן אַ יינגל 30—40 זלאָטעס, ער זאָל גיין אַרבעטן ביי די קוילן. איינעם אַ פּלאָצקער יינגל, לעבענדע, האָט מען געשאָסן ביי די קוילן. ביי די קוילן האָט מען אויך דערשאָסן שלמה קצבן, און לייבל פּאָזשעלקיס.

אָפּאַרבעטנדיק אַ 2 טעג, האָב איך געזען, אַז ס'איז שלעכט, בין איך מער נישט געגאַנגען.

דאַן האָט זיך געמאַכט אַרבעט אין ראַיעק, ווו מען האָט געדאַרפט צושטעלן אַ געוויסע סכום יידן, בין איך אַהין אַוועק. אין ראַיעק האָט מען אונז אַריינגעטריבן אין אַ וואַסער און מען האָט געמוזט טראָגן שטיינער אַהין און צוריק. מען האָט אָבער געמוזט גיין אַהין, ווייל דער קאָמיטעט האָט געמוזט צושטעלן מענטשן. כאָטש איך בין געווען אויף דער רשימה צו גיין אַהין, בין איך ווייטער נישט געגאַנגען. ס'איז געקומען דער ס.ס.־מאַן און געזען, אַז עס פעלן מענטשן, האָט ער ביינאַכט געשיקט אַ יידישער און פּוילישער פּאָליציאַנט און מיך אַרויסגענומען פון בעט און אַוועקגעפירט אין דער גמינע אין אַרעסט. דאָרט זענען שוין געזעסן פיל מענטשן.

ס'איז אַריין דער ס.ס.־מאַן מיט אַ ביקס און נאַגייקע אין דער האַנט אין דער גמינע. די דייטשע פּאָליציי איז געשטאַנען ביי דער טיר. דער ס.ס.־מאַן האָט געלייענט פון די רשימה ווער ס'איז נישט געווען ביי דער אַרבעט. אויסגעטיילט דעם ערשטן נאָמען און באַפוילן צו געבן 30 געזונטע שמיץ, אויב נישט, קריגט די 30 געזונטע שמיץ דער פּאָליציאַנט. באַקומענדיק ביי 20 שמיץ ביז דער ייד האָט געחלשט. אויף דער צווייטער האָט באַקומען 30 שמיץ. איך האָב נישט געקענט צוקוקן, ווי מען שמייסט. און דאָ איז מיין ריי, כ'בין געווען דער פערטער. פאַר כעס בין איך צוגעלאָפן צו דער טיר, אָפּגערוקט די יידישע פּאָליציי און אַרויס און אָנגעהויבן לויפן. ווען כ'בין געקומען צו לייבוש לעווינס ראָג, האָב איך געזען, ווי דער ס.ס.־מאַן כאַפּט זיך צו דער ביקס. כ'בין אַרויפגעלאָפן אויפן הויף פון לייבושן, אַרויף אויפן פלויט, דאַן האָט דער ס.ס.־מאַן אויסגעשאָסן. כ'האָב געהערט 2 שאָסן.ביים צווייטן שאָס בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון פלויט. כ'בין געלאָפן ווי אַ טייוול. ס'האָט געדויערט אפשר אַ האַלבע שעה ביז כ'בין אָנגעקומען אין וויעזשניק. געלאָפן בין איך 20 קמ. מיט דער באַן־ליניע.

אין וויעזשביק האָב איך זיך אויפגעהאַלטן 2 וואָכן. ס'איז געקומען איינער און מיר געזאָגט, אַז דער ס.ס.־מאַן איז שוין נישטאָ אין ראַיעק. כ'בין צוריק געגאַנגען קיין סקאַרזשיסק.

ווען כ'בין געקומען איז אין קאָמיטעט געווען הערש־בער פעלדמאַן. האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין קינאָ „טריומף" אויף פּילסודסקי גאַס. די שקצים דאָרט זענען געווען מיינע באַקאַנטע. דער אייגנטימער איז געווען אַ פּאָלקס־דייטש, ערגער ווי אַן ס.ס.־מאַן. און ער איז געוואָרן מיין שעף.

ווען איך בין אַריינגעקומען האָט ער מיר געפרעגט ביי וואָס כ'וויל אַרבעטן. כ'האָב אים געענטפערט, אַז ביי יעדער אַרבעט, אָבער נישט ביי קיין געלט. דאָ וויל איך אַרבעטן, ווייל אַלע אַרבעטער זענען מיינע באַקאַנטע. אָפּגעאַרבעט ביי אים אַ פּאָר וואָכן, האָט ער מיר געשיקט מיטן ראָווער אין שטאָט אַריין קויפן 2 פלעשער ביר. די ביר האָב איך געקויפט ביי חיים גינזבורג. באַצאָלט אים 5 זלאָטעס פאַר 2 פלעשער ביר. כ'האָב געבראַכט די ביר. פרעגט מיך דער דער ס.ס.־מאַן וויפל כ'האָב באַצאָלט. הערנדיק, אַז 5 זלאָטעס איז ער געוואָרן אויפגערעגט, אַזאַ „זשידאָווסקי קאָמבינאַציע"! ער האָט באַפוילן כ'זאָל נעמען דעם שגץ באָגדאַן און פאָרן אויף ראָווערן אין שטאָט אַריין צום ייד און אויפנעמען גענוי זיין אַדרעס. ער וועט אים שוין ווייזן, וואָס צו טון מיט די יידן!

כ'בין מיטן שגץ אַרויסגעפאָרן אויף 2 ראָווערן, איך אויף איינעם און ער אויפן צווייטן. אויפן וועג האָט מיר באָגדאַן געזאָגט, ווייסט וואָס? זאָג אַז פאַר די ביר האָסטו באַצאָלט נאָר 2 זאָטעס און די איבעריקע 3 זלאָטעס האָסטו איבערלאָזן פאַר די פלעשער. מיר האָבן זיך אומגעקערט און כ'האָב געמאָלדן דעם שעף, אַז דער ייד האָט געזאָגט, אַז כ'וועל ברענגען צוריק די ליידיקע פלעשער, וועט ער אָפּגעבן דאָס געלט. אויף דעם האָט ער ווידער אויסגעשריגן: „זשידאָווסקאַ קאָמבינאַציאַ"! ער האָט אַזוי לאַנג געשריגן, ביז ער איז שטיל געוואָרן.

ער האָט געוווּסט, אַז מיך פאַרדריסט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז כ'קאָן אַלץ טאָן, אָבער ער זאָל נישט זען און וויסן. אַ ברויט ביי אַ קריסט האָט געקאָסט 6 זלאָטעס. אַז כ'פלעג קויפן פאַר אים — האָב איך געצאָלט אַ האַלבע פרייז. אַזוי אויך מיט מילך. פאַר מיר איז ער געווען גוט. אָבער אַנדערע האָט ער אַרויסגענומען און געשלאָגן.

ס'איז געווען איינער אַ מעצער, וועלכער האָט געשאָכטן די בהמות. האָט ער אויך אים געהרגעט. אַ ביינאַכט האָט מען אַרויס־גענומען משה־שמואל יאַנקל בליאַכאַזשס אַ זון, און מען האָט אים דערשאָסן.

געווען איז אַ לאָדזשער מיטן נאָמען מאַרקוס, געוווינט ביי ליבעלע מאַטעסן. דער מאַרקוס האָט געהאַט 2, אָדער 3 זין. געאַרבעט האָט ער אין דער זשאַנדאַרמעריע. געמיינט האָט ער, אַז אים וועט מען גאָרנישט טאָן, ער טראָגט אַ בלויע לענטע, און די זשאַנדאַרמעריע קען אים. אין אַ מיטן העלן טאָג האָט מען אים אַרויסגענומען פון שטוב, מען האָט אים אַוועקגעפירט ביז צו אַ גרוב און אים דערשאָסן.

פון אונדזער משפחה, אַ ווייטער קרוב, נתן מאַלער, אַ משוגענער, אַרומגעגאַנגען מיט אַ הונט, צעפליקטן קאַפּעלוש, אַ נידעריקער, האָט מען אים אויך אַרויסגענומען אין מיטן טאָג פון געטאָ און דערשאָסן.

ווען איך האָב געהייראַט האָבן מיר געוווינט אויף די גדאַנסקי ביי גאָלדען, ווו זי האָט געהאַט דאָס געוועלב. נאָך 2 וואָכן, ביינאַכט, הערן מיר ווי מען לויפט אויף די שטיגן. כ'עפן די טיר און זע איר זון מאיר וויגנאַנסקי. וואָס איז? ער איז געקומען מיט עטלעכע דייטשן און אַרויסגענומען דעם פאָטער מיט דער מוטער צו דער אָסט־באַן. ס'קומט פאַר אַ ווישעדלעניע.

מיט מיין שעף איז געשען אַזאַ געשיכטע: ער האָט געהאַט אַ פרוי אין קעלץ, מיט וועלכער ער האָט נישט געוווינט. סוף סוף אין יאָר 1942, מיר זענען שוין געווען אין לאַגער, איז ער געפאָרן קיין קעלץ. דער זון איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אָנגערופן „טאַטושיו", האָט דער אים געענטפערט: „כ'בין נישט דיין טאַטע". דער זון האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער, האָט אים אַוועקגעלייגט, ווייל ער איז דאָך נישט זיין טאַטע.

כ'בין אַרויס פון שטוב אין דער פרי, דעם 8טן סעפּטעמבער 1942, שמחת תורה איז עס געווען, האָב איך געזען, אַז די ווישעדלעניע גייט אָן. די דייטשן זענען געשטאַנען מיט די ביקסן אַרום און אַרום דער ליניע, קיינעם נישט געלאָזן גיין. אויך די גויים, וועלכע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק, האָט מען נישט געלאָזן גיין דורך דער זייט. זיי האָבן געמוזט גיין דורך דער פאַבריטשנע גאַס. דער געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט. געהייסן האָט מען, אַז אין משך פון אַ שעה זאָל מען זיך צושטעלן צום פּלאַץ.

אויפן פּלאַץ איז מען געשטאַנען אין די רייען, יעדע משפחה מיט די קינדער צוזאַמען. מען האָט געוואַרט. נאָך אַ האַלבע שעה האָט מען געבראַכט יאַנקל קאָסטעק, וועלכן מען האָט געפונען אין דער באָד. מען האָט אים געשלאָגן און אַריינגעשטעלט אין דער ריי.

אָפּשטייענדיק אַ לענגערע צייט אין די רייען, האָב איך געזען מען ברענגט מענטשן פון די ווערק, נישט פעיקע צו דער אַרבעט. פלוצים הערן מיט אַ קול, וואָס רופט מיין פרוי ביי איר נאָמען: „גוטא, גיב מיר אַ שטיקעלע ברויט". כ'האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער נישט געזען ווער ס'האָט גערופן.

נאָך אַ געוויסע צייט זענען געקומען פון עלעקטראָווניע דער מייסטער מיט עטלעכע דייטשן. מען האָט אַרויסגערופן נעמען. אָבער די מענטשן, וועמענס נעמען מען האָט אויסגערופן זענען נישט געווען אויפן פּלאַץ. האָבן זיך אָנגעגעבן עטלעכע אַנדערע, אַנשטאָט די, וואָס מען האָט אויסגערופן. צווישן זיי איז אויך געווען קויפמאַן און זיי האָבן אַוועקגעמאַרשירט.

מיר זענען געשטאַנען אַ לענגערע צייט. מען האָט געקליבן. מיר האָבן געוווּסט, אַז מען וועט אונדז שיקן צו דער אַרבעט. מיין פרוי האָט מען נישט געוואָלט נעמען, האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען און איז געגאַנגען. מיינע אַ שוועסטער האָט מען אויסגעקליבן, זי




יידן ווערן געטריבן אין די וואַגאָנען צום לעצטן וועג



צום לעצטן וועג



מאַסן־מאָרד



„האַסאַג"־לאַגער

זאָל גיין צוזאַמען מיט מיר צו דער אַרבעט, איז זי צוריק געלאָפן מיר האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן. אויפן וועג פון דער ליניע ביז צום וועלדל האָבן מיר געזען ליגן געהרגעטע.

אויפן פּלאַץ, צום סוף, האָב איך באַמערקט, אַז ס׳איז געקומען חאצקל גרודמאַן. ער האָט געאַרבעט אין מאַגיסטראַט. מען האָט אים געהייסן אַרויפליייגן גרינשפּאַנס שוואַנגער פרוי אויפן וואָגן. ער האָט זי אַוועקגעפירט.

איך געדענק, אַז דייטשן זענען געקומען פון די לאַגערן אויפן פּלאַץ, זיי האָבן אויסגעקליבן די יוגנטלעכע און די עלטערע געהייסן זיך שטעלן אויף דער צווייטער זייט. די האָבן שפּעטער אַוועקגעמאַרשירט צו דער באַן.

די יוגנטלעכע, וואָס מען האָט אויסגעקליבן, זענען אַוועק אין די לאַגערן צו דער אַרבעט.

ביים אָנהויב איז אין לאַגער געווען זייער שווער. מען האָט געשלאָגן, אַרויסגענומען אין מיטן דער נאַכט ייִנגלעך צו קאָפּען גריבער און נאָכדעם האָט מען זיי אויך געשאָסן.

יצחק פּיגלאַרטשיק

מ׳האָט אויסגעקליבן אַ גרופּע פון בלויז געזונטע, יונגע מענער. איך מיט מיין ברודער זענען געווען אין איר. מיט מאַשינען האָט מען אונדז געברענגט אים לאַגער פון סקאַרזשיסק. קודם האָט מען צוגענומען דאָס געלט און אַלץ וואָס האָט אַ ווערט. „ווער איז אַ שלאָסער?״ איך מיט מיין ברודער און נאָך איינער (וואָס איז באמת קיין שלאָסער נישט געווען), האָט זיך אָפּגערופן און אַרויסגעטרעטן פון דער ריי. מ׳האָט אונדז צוגעטיילט צו ווערק „א״ אין דער אָפּטיילונג פון אויטאָמאַטישע מאַשינען. איך האָב געדאַרפט פאַרריכטן פאַרשיידענע קאַליע געוואָרענע מאַשינען. מיין ברודער האָט געאַרבעט ווי אַ טאָקער ביי אַ מאַשין וואָס האָט אויסגעאַרבעט קוילן. איך האָב געאַרבעט מיט אַ דייטש און אַ פּאָליאַק.

אין לאַגער האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע זאַכן. ווערק „א״ איז געווען די מאַשינען אָפּטיילונג״, „בע״ איז געווען די גיסעריי. ווערק „צע״ איז געווען אָפּגערוגט פון אנדערע מיט דריי קילאָמעטער. ס׳איז געווען אַ באַוווסטע זאַך, אַז דער וואָס אַרבעט דאָרט, וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן, ווייל דאָרט האָט מען געאַרבעט ביים אויפרייס־מאַטעריאַל, טראָטיל א״א גיפטיקע מאַטעריאַלן וואָס האָבן דערנענטערט דעם טויט. פון צייט צו צייט האָבן מיר געטראָפן די מענטשן פון „צע״ און זיי באַדויערט.

יעדן טאָג זענען מיר געגאַנגען פון די באַראַקן אין דער פאַבריק. אין לאַגער איז געווען זייער שלעכט; אַ גוטער אַרבעטער אָדער אַ שלעכטער — אין לאַגער איז ער תמיד געווען שלעכט. די באַדינגונגען זענען געווען פאַר אַלע גלייך. דאָרט זענען געווען מענער און פרויען און אַלע האָבן באַקומען אַ האַלבן ליטער זופּ מיט 30 דעק. ברויט אַ טאָג, מיט וואָס מיר אַלע האָבן זיך דערנערט. ס׳זענען געווען אַ פּאָר אַרבעטער יידן וואָס האָבן צוגעטיילט דאָס עסן. קיין קליידער האָבן מיר דאָס ערשטע יאָר נישט באַקומען, ערשט אין צווייטן יאָר ד״ה 1943 איז אָנגעקומען אין לאַגער אַ ביסל שיך און מלבושים. ווער ס׳האָט געהאַט מזל האָט עפּעס באַקומען פון די מלבושים און נישט געפּאָרטע שיך. מיר האָבן דערקענט די מלבושים, פון וואַנען זיי קומען, אַ טייל פון זיי זענען געווען פאַרבלוטיקט, אַנדערע האָבן אין די קעשענעס געפונען עטלעכע זלאָטעס... איך האָב באַקומען אַן אַנצוג וואָס איז געווען דורכגעשאָסן אין קאָלנער — נאָך אַן ענגלישן מלחמה־געפאַנגענעם.

ס׳איז געווען אָפּאַל ווען עמיצער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן, נאָר די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און דערשאָסן. דער אַנטלאָפענער איז געווען פון פּשעדבאָזשע, האָט מען געהייסן אַלעמען אַרויסגיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ. דאָרט זענען געווען נאָך צוויי מענטשן פון דער שטאָט, האָט מען אויך זיי געהייסן זיך שטעלן אויף די קניען און אַלע דערשאָסן.

געווען איינער אַ דייטש באַטנשלאַגער, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם, אַז ווען נאָר ער איז געקומען אין לאַגער האָט עמיצער געמוזט אומקומען. יעדן טאָג, ווען ר׳האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט ער עמיצן דערשאָסן. געווען אויך רילערמאַן, ער האָט עס טאַקע געשאָסן אין די מענטשן פון פּשעדבאָזשע. ער איז געווען אַ מומחה צו דערהרגענען מענטשן. טייל מאָל, סתם אַזוי, נאָך דער אַרבעט האָט ער פון פאַרגעניגן דערהרגעט אָדער געהאָנגען מענטשן.

אַמאָל איז געווען אַזאַ פאַקט. די יידישע פּאָליציאַנטן זיס און הערשקאָוויטש, האָבן פון אונדז געפאָדערט געלט. דאָ איז געווען איינער גרינבערג פון פּאַנסק מיט זיין זון, וועגן וועלכן מ׳האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן דאָלאַרן. האָבן די פּאָליציאַנטן אים געדראָט, אַז אויב ער וועט נישט געבן קיין געלט, וועלן זיי אים איבערשיקן אין ווערק „צע״. עטלעכע מאָל האָט ער זיי געגעבן, נאָר צום סוף האָט ער עס דערציילט אַלבערטן, וואָס האָט איבערגעגעבן די דייטשן, אַז זיי שאַנטאַזשירן. פּלוצים האָט מען אַלעמען אַרויסגעפירט אויפן אַפּעל פּלאַץ, כדי צו זען ווי מען דערשיסט די פּאָליציאַנטן. זיסן האָט מען באַלד דערשאָסן, הערשקאָוויטש האָט זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן און אַרויסגעריסן ביים דייטש דעם רעוואָלווער, נאָר אַן אַנדערער דייטש האָט אים דערשאָסן.

אין 1944, ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט, האָבן די דייטשן דעמאָנטירט די מאַשינען און גענומען אַרויסשיקן די מענטשן. מ׳האָט אַלע אַריינגעטריבן אין וואַגאָנעס און אַריבערגעפירט קיין טשענסטאָכאָוו. דאָרט איז געווען אַ קליינער לאַגער, זענען פאַרבליבן נאָר די וואָס זענען שוין לענגער געווען אין טשענסטאָכאָוו און אונדז האָט מען געשיקט ווייטער קיין בוכענוואַלד.

אין בוכענוואַלד איז געווען אַ פאַרוואַלטונג פון די אַרעסטירטע, נאָר פון פּאָליטישע. מ׳האָט יעדן אויסגעפרעגט צו ער געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע און צו וועלכע. ס׳זענען געווען מענטשן וואָס האָבן געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר זיי האָבן מורא געהאַט זיך מודה צו זיין. די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אַ געוויסע מאַכט. צו איר האָבן אויך געהערט דייטשן וואָס זענען געווען אַרעסטירט נאָך פאַר דער מלחמה.

פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג זענען געקומען צוויי מענטשן און געפרעגט: „ווער איז אין סקאַרזשיסק געווען אין דער מיליץ?״ זענען אַלע געווו. פּאָליציאַנטן אַרויסגעטרעטן. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָ וועט זיי ווידער גוט זיין. שפּעטער האָבן זיי ווידער געפרעגט „ווער האָט טענות צו די פּאָליציאַנטן?״ האָט די מערהייט געענטפערט, אַז קזשעפּיצקי און טעפּערמאַן האָבן זיי שטענדיק באַוועלט, געפּייניקט, געשלאָגן, געהרגעט אא״וו. אויף דעם האָבן די מענטשן געזאָגט „צאָלט זיי אָפּ פאַר אַלץ, מיר דערלויבן אייך צו מאַכן

מיט זיי וואָס איר ווילט". ס'זענען געווען מענטשן וואָס האָבן געפרוווט צוגיין, נאָר דער רוב האָט זיך אָפּגעהאַלטן, מיינענדיק אַז דאָס איז עפּעס אַן אונטערפּיסל. לסוף האָבן די מענטשן פון די פאַרוואַלטונג אַליין גענומען זיי שלאָגן. קושעפּיצקי און טעפּערמאַן האָבן געפּרוווט אַנטלויפן צו דער ס.ס. ביים טויער. נאָר זיי האָבן נישט באַוויזן און זענען אַזוי אַרום אומגעקומען.

פּאָלע האַרצמאַן

צוויי חדשים פאַר דער אַקציע אין שטאָט, האָט מען 1500 יוגנט אַרויסגעשיקט קיין סקאַרזשיסק, אין דער אַמוניציע־פאַבריק „האַסאַג". פון אונדזער הויז זענען געפאָרן דריי שוועסטער און אַ ברודער. דער ברודער האָט די שלעכטע באַדינגונגען נישט געקאָנט אויסהאַלטן און ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. טאַקע ביי דעם פּרווו צו אַנטלויפן, איז ער דערשאָסן געוואָרן.

צוליב דעם שמוץ, הונגער און איבעריקע שלעכטע באַדינגונגען; איז געוואָרן אַ טיפוס־עפּידעמיע אין לאַגער, אויף וועלכע מיר אַלע זענען קראַנק געוואָרן. נאָר די יונגסטע שוועסטער אונדזערע האָט די קרענק נישט געקאָנט איבערהאַלטן און איז געשטאָרבן.

אין סקאַרזשיסקער לאַגער זענען געווען יידן פון אַלע טיילן פוילן. דער הונגער און די פּייניקונגען האָבן דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דאָס לעבן איז כסדר געווען אונטערן פּחד פון אפּילן און סעלעקציעס. מען האָט געשאָסן און געהאָנגען פאַר דער מינדסטער קלייניקייט; פאַר נישט זיין פּאָזיכטיק און א אַ קויל איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין טאַש, פאַר נעמען אַ שטיקל גומי צו פאַרריכטן די שיך, און אפילו פאַר אַהיימשיקן אַ בריוו.

אין לאַגער האָט זיך געפונען דאָס ווערק „צע", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אָנפילן די קוילן מיט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל טראָטיל און פּיקרין. ווען מען האָט געוואָלט באַשטראָפן, האָט מען געשיקט אין דעם ווערק. דאָרט האָט מען לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. די מאַטעריאַלן האָבן צעפרעסן די לונגען זייער גיך.

איין מאָל, בעת אַן אַפּעל, האָבן די לאַגער־אָנפירער באַטענשלעגער און אייזענשמידט אויסגעקליבן פיר יונגע, שיינע מיידלעך, „פאַרברענגט" מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט, זיי געשענדט און דערנאָך געשאָסן . . .

אָנגעפירט מיט דעם לאַגער, האָט דער ווערקשוץ־לייטער — שיפּער. וואָס איז געווען בטבע אַ גרויסער רוצח. פון די פּייניקונגען, סעלעקציעס און קראַנקהייטן זענען דער גרעסטער טייל אומגעקומען.

שרה ריטשעוואָל

דעם 1947.6.21, זאָגט עדות סאַראַ ריטשעוואַל אין דער „אונרא"־פאָליציי אין שטאָטגארד:

דער פאָלאַק העגריק לאַסקאָווסקי האָב איך דערקענט אין אַרבעט־לאַגער „האסאג" סקאַרזשיסק. ווו איך האָב געאַרבעט אין קיך פון 1941 ביז דער באַפרייונג 1945. לאַסקאָווסקי האָט געאַרבעט אין ווערק „א" ווי אַ מייסטער. שפּעטער איז ער אַריבער אין ווערק „בע". ער האָט געוווינט אין לאַגער. ער האָט געפּייניקט זיינע מענטשן אויף אַן אכזריותדיקן אופן; געמסרט פאַר די ס.ס.־לייט די קראַנקע און אומפעיקע צו דער אַרבעט, וואָס זענען געווען אונטער זיין אָנפירונג און הערשאַפט.

צוזאַמען מיט אים איז געווען זיין פרוי יאַנינאַ, וואָס האָט אויך געאַרבעט ווי אַ מייסטער אין דער פאַבריק. זי האָט איבערגעשטיגן איר מאַן.

לאַסקאָווסקאַ האָט מיך פאַרטריבן פון קיך און געשיקט צו שוואַרצער אַרבעט. מיין טאָכטער וואָס האָט אויך געאַרבעט אין קיך, האָט זי אָן שום סיבה אכזריותדיק שיקאַנירט און זיך באַמיט זי אומברענגען. זי האָט זיך געוואָנדן צום וואַך־פירער קלעמס, ער זאָל זי צופירן צו אַ סעלעקציע. זומער 1944 אין די לעצטע טעג פון דער אויסזידלונג פון טשענסטאָכאָוו, האָבן זיי טאַקע אַרויסגעשלעפּט זי פון די רייען און צוגעשטעלט צו אַ גרופּע פון 29 מענטשן, וואָס זענען דעם זעלבן טאָג דערשאָסן געוואָרן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט די לאַסקאָווסקאַ דערזען אויפן באַן־הויף אין באַסענטין מיין צווייטער טאָכטער מיט איר מאַן, וואָס האָבן זיך מחמת פּחד דאָרט באַהאַלטן. האָט זי אַרויסגערופן דעם געהילף פון וואַך־פירער באַדוראַ, וואָס האָט זיי באַלד אויפן אָרט דערשאָסן.

יאַנינאַ לאַסקאָווסקי האָט געפּייניקט אַלע יידישע פרויען אין לאַגער. מיט די שטיוול זיי געקאָפּעט איבערן גאַנצן קערפּער, געשלעפּט ביי די האָר פון איין צימער אין צווייטן און ביז בלוט זיי געשלאָגן. זי האָט אויך גורם געווען דערצו, אַזביילע ספּרילינג און שמואליק לעווין זענען אומגעברענגט געוואָרן.

באַשטעטיקט דורך דער אונראַ־קאָמיסיע אין שטוטגאַרד.

גראַף האלא

אומגעפער דעם 8.9.1939 זיינען צו אונדז אין שטאָט אַריין די דייטשע חיילות. ביז יאָר 1940 האָבן דייטשן קיינעם נישט געטשעפּעט. דאָס לעבן איז געווען נאָרמאַל, ווי פריער. יום כפור 1940 זיינען די דייטשן אַריין אין די וווינונג פון רב, דאָרט איז געווען אַ מנין, האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט דעם רב און די מתפללים אין די ווייסע קיטלען, געהייסן זיי טאַנצן און נאָך אַנדערע לעכערלעכע זאַכן אויספירן. די דייטשן זיינען דאַמאָלס אַרומגעגאַנגען מיט די פאָטאָ־אַפּאַראַטן און געמאַכט אויפנאַמעס. ביי נאַכט נאָכן תענית, ווען די מענטשן האָבן זיך געפינען אין זייערע וווינונגען, האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס בית־המדרש. נאָך דעם אונטערצונדן האָבן זיך די באַציונגען פון די דייטשן צודי יידן אין גאַנצן פאַרענדערט. מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן יידן, שניידן די בערד און כאַפּן צו דער אַרבעט. אין יאָר 1941 האָט מען אָנגעהויבן צו טראָגן ווייסע אָפּאַסקעס מיט אַ מגן־דוד. מען האָט אָנגעהויבן קאָנפיסקירן יידישע פאַרמעגנס, פאַרמאַכן יידישע בעקערייען און איינגעפירט איין קאַרטן־סיסטעם. יאָר 1942 האָבן די דייטשן געמאָלדן, ווער עס וויל זיך רעגיסטרירן אויף אַרבעט, צו שניידעריי און אַנדערע אַרבעטן. אויפן צווייטן טאָג נאָך דער רעגיסטראַציע, 5 אַזייגער אין דער פרי, ווען די רעגיסטרירטע זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ, ווו עס האָבן זיך געפינען די פרויען, אַלע פאַרנומען און אָפּגעשיקט קיין סקאַרזשיסק אין די „האַסאַג"־פאַבריק פון אַמוניציע. קומענדיק קיין סקאַרזשיסק האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפן יידן פון פאַרשידענע שטעטלעך ווי פון אָפּאַטווו, אָזשאַרווו, כמעלניק, סוכעדנווו און שידלאָוויעץ. קומענדיק קיין סקאַרזשיסק האָט מען אונדז גלייך געפירט אין באָד, נאָכדעם האָט מען אונדז צעטיילט אין באַראַקן, ווו מען האָט אַריינגעזעצט 60—65 פרויען אין איין צימער. די אַרבעט איז געווען נאָרמאַל, צו עסן האָט נישט געפעלט, מען פלעגט באַקומען פאַר דער אַרבעט וועכנטלעך 18 זלאָטעס.

8 טעג שפּעטער נאָך אונדזער קומען אין לאַגער האָט מען געברענגט נאָך 1 טראַנספּאָרט פון אָפּאַטווו. נאָכן אָפּזיין פון זיי עטלעכע טעג, האָבן די דייטשן געפרעגט, ווער עס וויל פאָרן

צוריק אַהיים. דאַמאָלס האָבן זיך אַ סך מענטשן רעגיסטרירט. מען האָט זיי גלייך צוגענומען, אַריינגעזעצט זיי אין אַ שאָפּע און אויפן 2־טן טאָג אין דער פרי האָבן מיר באַמערקט, ווי מען פירט די מענטשן אויסגעטאָן, בלויז אין די אונטערוועש: מען האָט זיי באַגלייט דורך די ווערק־שוץ, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון אוקראַינער און דייטשן. ווּ די מענטשן זיינען אַוועקגעקומען, ווייסט קיינער נישט. נאָכן אָפּזיין 6 מאָנאַטן אין לאַגער, איז געקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן דאַרף מען פאַר זייער אַרבעט נישט באַצאָלן. דאַמאָלס זיינען די באַדינגונגען אין לאַגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער, עס האָט אָנגעהויבן פעלן עסן, זייער אָפּט זיינען פאָרגעקומען סעלעקציעס, ווּ מען האָט די אויסגעמאָרדעטע מענטשן און אויך קראַנקע אַרויסגעפירט אין וואַלד ביי דער פאַבריק „האַסאַג" און דאָרט זיי אויסגעשאָסן. אין יאָר 1944, מיטן דערנענטערן זיך פון די סאָוויעטישער אַרמיי קיין שידלאָוויעץ, האָט מען דעם לאַגער עוואַקוירט קיין טשענסטאָכאָווּ, אין אַן אָפּטיילונג פון דער זעלבער פאַבריק „האַסאַג". דעם 16.1.1945 זיינען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע אַרמיי.

איגנאַצי גאָלדשטיין

בערך 19 חדשים — פון יולי 1943 ביז כמעט סוף 1944 — בין איך געווען אין לאַגער סקאַרזשיסק, ביי פאַרשיידענע פיזישע אַרבעטן. ביי אַלע שוועריקייטן האָט זיך מיר דאָך איינגעגעבן אָנצוהאַלטן פאַרבינדונגען מיט עטלעכע א.ק.־אָוצעס פון מיין געגנט. איבער דעם האָב איך אין לאַגער נישט געפילט קיין הונגער. בדרך כלל זענען די באַדינגונגען אין לאַגער געווען אוממענטשלעכע, כאָטש קיין קרעמאַטאָריע איז אויפן אָרט נישט געווען. נאָר יעדע וואָך האָט מען אויפגעלאָדן אויף אַ לאַסט־אויטאָ אַ 30—40 מענטשן, כדי זיי צו פירן אויפן „שיספּלאַץ" געפירט האָט זיי דער סאַדיסט שובערט. כבין געווען אַן עדות פון אַזאַ סצענע: אַ יידישער פּאָליציאַנט שטיינפעלד, האָט זיך באַמיט אַרויפצושטופן אויפן אויטאָ אַן עלטערער יידישע פרוי אין וועלכער ס'האָט זיך איינגעקלאַמערט איר 20 יאָריקע טאָכטער. שובערט האָט עס געזען, איז ער צוגעקומען נענטער און נאָך עטלעכע מינוט אָבסערווירן, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און דערשאָסן די אַלטע פרוי. די יונגע טאָכטער האָט ער געהייסן אַריינגיין אין די רייען. דאָס פאַרצווייפלטע מיידל האָט גענומען עפּעס שרייען אויפן אַדרעס פון מערדער פון איר מוטער (די ווערטער האָב איך נישט דערהערט), שובערט האָט זיך אומגעקערט, רואיק אָנגעלאָדן דעם רעוואָלווער און מיט אַ גאַנצע סעריע קוילן דערשאָסן דאָס מיידל. אויפן שיספּלאַץ האָט מען גענומען די מענטשן וואָס האָבן דורכגעלאָזט אַ טאָג אָדער מער אַרבעט־טעג, אַמאָל אויך סתם עלטערע מענטשן.

ווען אין זומער 1944 האָט זיך דערנענטערט די רוסישע אָפּענסיווע, האָט מען די יונגערע אסירים אַרויסגעפירט אין דער געגנט פון פּיעטריקאָוו־טרובג. ווּ מיר האָבן געבויט אָקאָפּעס. נאָך דריי חדשים אַרבעט, האָט מען אונדז געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו, דאָרט האָבן מיר געאַרבעט ביים פאַרריכטן רואינירטע טאַנקן. ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט, האָט מען אונדז אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1945 אַרויסגעשיקט קיין בוכנוואַלד. פון דער צייט אין לאַגער, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ הומאַניטאַרע געשטאַלט פון אַ דייטש, אַ בוי־סטאָליער מיטן צונאָמען „דער בלינדער מאַקס", וואָס האָט געאַרבעט אין לאַגער ווי אַ פרייער אָנגעשטעלטער. נישט איין מאָל האָט ער אָפּגעגעבן צו יידן זיין ברויט־ראַציע און פּאַפּיראָסן. ווען מיר האָבן אים פאַרזיכערט, אַז נאָכן זיג וועלן מיר עדות זאָגן לטובת אים, האָט ער געזאָגט „מענטשן, צי פאַרשטייט איר נישט, אַז איך טו עס נישט פאַר מורא, נאָר ווייל כ'בין אַ מענטש..."

אין מערץ ד.י. האָט מען אונדז ווידער איבערגעפירט קיין פלוסבורג לעבן לייפּציג צו בויען אַ פאַבריק, נאָר שוין אין אַפּריל האָבן די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירערס כמעט פאַרניכטעט דעם גאַנצן בנין און אונדז האָט מען ווידער געשיקט אין וויַטן עסטרייך קיין מאַטהאַוזן. דער הונגער אויפן וועג איז געווען שרעקלעך, נאָר אונדזער מאַטערניש האָט זיך דערנענטערט צום סוף. ווען די אַמעריקאַנער האָבן באַפרייט דעם לאַגער, האָב איך אויסגערעכנט מיין לעבנס־כוח נאָך אויף 6—7 טעג, כ'האָב געוויגן נאָר 34 קילאָ. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס שרעקלעכסטע און טרויעריקסטע קאַפּיטל פון מיין לעבן.

אויפגענומען: א. ליפּסקאַ

מיכל ברוין

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'האָט געברענגט אַלע נאַדאָזשינער יידן קיין וואַרשע און זיי געפונען זיך אויף זשעלאַזנע ראָג לעשנאָ. איך האָב באַשלאָסן צוגיין און זיך איבערצייגן, צי ס'איז אמת. עפּעס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז מ'זאָל קענען אַרויספירן אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן. ווען כ'בין דאָרט געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו די אומגליקלעכע און פאַרפּייניקטע, האָט מיך פלוצים אָנגעכאַפּט אַ יידישער פּאָליציאַנט און מיך אַריינגעפירט אויף לעשנאָ 34, ווּ ער האָט מיך געהאַלטן 48 שעה און דערנאָך מיך איבערגעגעבן צו דער פוילישער פּאָליציי אויף לעשנאָ 109. דאָרט האָט מען מיך געהאַלטן אַכט טעג מיט שיקאַנעס און פּייניקונג אויף שריט און טריט, ביז ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַ טויזנט יידן. דעמאָלט האָט מען זיי אויפגעלאָדן אויף לאַסט־מאַשינען און אָפּגעשיקט קיין קראַסנע. דאָרט האָב איך שווער געאַרבעט אויפן שאָסיי אַ פיר וואָכן. נאָך דער צייט זענען געבליבן נאָר 600 אַרבעט־פעיקע. די איבעריקע זענען אויסגעשטאָרבן. אונדז האָט מען געשיקט קיין פוסטקאָוו צו בוי־אַרבעט, קאַנאַליזאַציע א"א שווערע אַרבעטן. פינף חדשים האָב איך זיך דאָרט געמאַטערט, ביז כ'האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן. איינמאָל אַ שבת אין יולי 1940, בין איך אַנטלאָפן פון דער אַרבעט. ביים נאָכשיסן, האָט מיר די קויל געטראָפן אין עלנבויגן און דורכגעהאַט דעם ביין. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן אין וואַלד, זיך נישט געקענט אויפהייבן, כדי צו לויפן ווייטער. ערשט צו מאָרגנס האָט מען מיך געפונען אַ פאַרחלשטן און מ'האָט מיך אָפּגעפירט קיין טאַרנאָוו אין שפּיטאָל. דאָרט האָט מען מיך אָפּערירט און כ"בין דאָרט געלעגן קנאַפּע דריי חדשים. די יידישע דאָקטוירים שיפער, לוסטיק א"א האָבן געטאָן אַל וואָס זיי האָבן געקענט, אַז כ"זאָל געזונט ווערן. ווען כ'האָב זיך געפילט אַביסל ביי די כוחות, בין איך ווייטער געלאָפן, מיט דער באַן. כ'בין אָנגעקומען קיין קאַלושין לעבן לאָדזש. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט איך אויף דער סטאַנציע געזוכט אַ יידיש פנים. צווישן אַלע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איינער פון די וואָס דרייען זיך אין וואַרט־זאַל איז ענלעך צו אַ ייד. כ'האָב נישט געטראַכט וועגן די פאָלגן — ווען ס'זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות — כ'בין צוגעגאַנגען און געבעטן, אַז ער זאָל מיר אָנווייזן ווּ ס'געפונען זיך יידן. יענער האָט זיך איבערראַשט אַרומגעקוקט מיט פחד און מיר שטיל דערקלערט, אַז קאַלישקי איז

שוין יידנריין, נאָר אין סקאַרזשיסק־קאַמיענ. זענען נאָך פאַראַן אַ סך יידן. ער האָט מיר געווּנטשן בשלום אָנצוקומען אַהין און זיך מיט מיר געזעגנט.

ווען כ'בין בשלום אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק, האָב איך דאָרט געטראָפן איינעם וואָס האָט געהאַט אַ בלעכער־וואַרשטאַט. ביי אים האָב איך אומגעשטערט געאַרבעט כמעט אַ יאָר צייט און אַפילו געלעבט נישט שלעכט.

פלוצים איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן און אוקראַינער, די באַפעלקערונג האָט מען אַרויסגעטריבן אין מאַרק, מען האָט אויסגעקליבן; די נישט פעיקע צו אַרבעט און אַלטע און קינדער, האָט מען געפירט צום באַן, כדי זיי אָפּצושיקן קיין טרעמבלינקע און די יונגע און שטאַרקע האָט מען געשיקט אין דער אַמוניציע־פאַבריק „האַסאַג" צו שווערער אַרבעט.

איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם ווערק „א", ווו די באַדינגונגען זענען געווען אויסצוהאַלטן. דאָרט האָט מען אַרויסגעענדיקט קוילן צו ביקסן, רעוואָלווערן.

דער סדר־היום איז געווען אַזאַ: 5,30 האָט מען געוועקט צו דער אַרבעט, 6 האָט מען שוין געמוזט זיין ביים טויער, אין דער פרי האָבן מיר באַקומען 20 דעקאָ ברויט מיט קאַווע, דערנאָך צוויי זופּן אַ גאַנצן טאָג. געאַרבעט האָבן מיר 12 שעה, ביז זעקס אָוונט. אַ גרויסער פּלאָג זענען געווען די יידישע פּאָליציי, וואָס זענען געווען אונדזערע שומרים; זיי האָבן סאַדיסטיש געפּייניקט די דערשעפּטע, מידע געקומענע פון שווערע אַרבעט. דער האַס צו זיי איז געווען גרעסער ווי צו די פּוילישע פאַרפאָלגערס. דער שעף פון די יידישע הענקערס — טעפּערמאַן מיט זיין פאַרטרעטער — קזשעפּיצקי און זייערע מיטהעלפערס: אַלטער קאַץ, יוסף ווייסבלום א"א 30 אויסוווּרפן, האָבן זיך בלוטיק איינגעקריצט אין זכרון פון די וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט און געלעבט אין די הילצערנע באַראַקן. אַ סך צרות האָבן מיר אויך געליטן פון די דייטשן קרוזע און קעלער פון דיסעלדאָרף און פון אַ פאָלקסדייטש — אַנטאָני באָלעווסקי.

אַזוי האָבן בערך 4000 יידן געאַרבעט און זיך געמאַטערט. כ'ווייס נישט ווו איך האָב גענומען כוחות אויסצוהאַלטן צוויי יאָר אין דעם גיהנום, וואָס מ'האָט גערופן „לאבאר". איין מאָל, האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַזוכן אַ באַקאַנטן וואָס האָט געאַרבעט אין ווערק „צע". אַ שרעקלעך בילד האָב איך דאָרט געזען: מענטשן ווי שאָטנס, געל פון פּיקרין (אַ לאָדונג צו די גראַנאַטן), אין פאַפּירענע קליידער, האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי האַלב־טויטע גייען אָפּ אין שוויס, טרערן און בלוט. כ'האָב אויך געזען ווי אין דער פּראַצאָווניע האָבן זיך יידן געמאַטערט ביים שמעלצן די גראַנאַטן און כ'האָב זיך געשעצט גליקלעך, וואָס איך קען נאָך צופאַרדינען. איך האָב געגנבעט בלעך און אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע כלים צום פאַרקויפן. דאָס האָט מיר דערמעגלעכט אויסצוהאַלטן די שווערע צייט.

צי ווייל די לאַגע איז געוואָרן אומזיכער, ווייל די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן נצחונות? נאָר פלוצים האָט מען אַלץ ליקווידירט און די פאַבריק מיט מאַשינען אָפּגעשיקט קיין טשענסטאָכאָווּ, ווו ס'איז אויך געווען אַ „האַסאַג". אַ טייל זענען דאָך געבליבן אַרבעטן, אַ טייל האָט מען געשיקט אין נאָענטע לאַגערן און די איבעריקע זענען געשיקט געוואָרן קיין טרעמבלינקע צו פאַרניכטן.

אַביסל שפּעטער האָט מען צוזאַמענגעשטעלט פּאַרטיעס, אַריינגעשטופּט צו 120 מאַן אין אַ פראַכט־וואַגאָן און מ'האָט זיי אָפּגעשיקט קיין בוכענוואַלד, ווו מ'האָט אונדז געגעבן נייע קליידער און וועש, ווורשט, מאַרמאָלאַד, 500 גר. ברויט אַ טאָג און בעסערע זופּן. דאָרט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אָפּצורעכענען זיך מיט די פאַרהאַסטע פּאָליציי־קאָמענדאַנטן אין סקאַרזשיסק, אויף וועלכע ס'איז אויסגעפירט געוואָרן טויט־אורטיילן. נאָר צוויי פּאָליציאַנטן האָט מען געשענקט דאָס לעבן — סקאַרזשיסקי און נאַגעל. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם אַלעם איז געווען אַ שידלאָווצער בחור, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך — מאָטי האָט מען אים גערופן.

נאָכן זיין אַכט טעג אין בוכענוואַלד, האָט מען ווידער אָרגאַניזירט קאָמאַנדאָס און מ'האָט אונדז געשיקט קיין שליובען. דאָרט בין איך אָנגעקומען אין דער גיסעריי פון „פאַנצער־פאוסטן". די באַדינגונגען זענען די ערשטע צייט געווען נישט קיין שלעכטע; 500 גר. ברויט, זופּן, די באַראַקן צום וווינען נישט ווייט פון דער אַרבעט. נאָר וואָס ווייטער, איז געוואָרן ערגער און ערגער. מ'האָט שוין געמוזט גנבענען אַ קאַרטאָפל, כדי צו דערהאַלטן דאָס טרויעריקע לעבן. נאָר אַ דאַנק אַ גרופּע איטאַליענער וואָס האָבן געאַרבעט ביי טראַנספּאָרטירן אַמוניציע, האָט מען געטוישט פּאַפּיראָסן אויף קאָרן און ווייץ, וואָס מ'האָט געטרוקנט און געקאָכט. עטלעכע פּאַפּיראָסן האָט מען פון־צייט־צו־צייט באַקומען פאַר גוט אַרבעטן. אַזוי האָט מען זיך דאָ געמאַטערט. די גרופּע אין שליובען האָט געציילט אַ 100 מענטשן, אָבער אַרויס פון דאַנען האָט קיינער נישט געהאָפּט. נאָר, אָפּאַרבטנדיק אַ יאָר אין ד' שרעקלעכע באַדינגונגען, האָבן מיר צוויי אַזייגער ביי נאַכט פלוצים געהערט שרעקלעכע אויפרייסן, וואָס האָבן גדויערט אַ לענגערע צייט. מיר האָבן גאָר נישט געוווּסט. נאָר אין דער פרי זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז די פאַבריק ליגט אין חורבות און די מענטשן זענען אומגעקומען. נאָר צוויי יידן האָבן זיך געראַטעוועט על־פּי־נס. איינער איז געווען אין קלאָזעט בעת דעם אויפרייס.

נישט לאַנג האָט מען אונדז געלאָזט רוען. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אויפרוימונג בריגאַדע, אונטער דער אויפזיכט פון דער היטלער־יוגנט, וואָס האָט אונטער אַ האָגל פון זידלערייען און קלעפּ צוגעהיילט דאָס אָפּרוימען דעם פּלאַץ; אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט וואָס האָט אַלעמען פאַרפּייניקט. מיט יידיש בלוט און שווייס האָט מען אָפּגערייניקט דעם שטח, כדי ווידער אויפצושטעלן צוויי פרישע האַלעס וואָס האָבן פּראָדוצירט דייטשיש געווער...

ווידער האָט קיינער נישט געוווּסט צוליב וואָס האָט מען צוגעשטעלט וואַגאָנעס און אַלעמען אַריינגעשטויסן אין זיי. 14 טעג האָט מען אונז געפירט אָן ברויט און וואַסער. דעם וועג האָבן נאָר יחידים אויסגעהאַלטן; דער הונגער און דורשט האָט געזייט טויט אַרום. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין דרעזדען, ווו די טשעכישע זשאַנדאַרמעריע האָט איבערגענומען די אויסגעמאַטערטע שאָטנס אין אַ לאַגער, ווו ס'האָבן זיך געפונען 33000 מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציעס. מ'האָט דערציילט אַז אין דעם לאַגער זענען געווען קרוב צו אַ האַלבן־מיליאָן מעטשן; געבליבן זענען נאָר עטלעכע דרייסיק טויזנט. דאָרט בין איך אַביסל געקומען צו זיך, ווייל זופּן האָט מען באַקומען נישקשהדיקע און צו דער זעט. דאָרט בין איך באַפרייט געוואָרן דעם 5טן אָקטאָבער 1945, נאָכן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי.

געעלבט. ער האָט ביי זיינע אַרבעטער צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און זיי נאָך געפּייניקט.

ביי דער אַרבעט זענען געשען פאַרשיידענע אויפרייסן. אַזאַ אויפרייס האָט צעהאַקט די פּרעס מיט די מכשירים. מיר זענען נישט געווען זיכער מיטן לעבן. אין אַזאַ פאַל האָט מען געשלאָגן און געשאָסן. געווען אַ פאַל: מיר האָבן געאַרבעט נאַכט־שיכט, איין פּרעסער איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ רגע און אים האָט פאַרטרעטן אַ צווייטער. פּלוצים איז געשען אַן אויפרייס. דער דייטשער מייסטער וואַלטער אַ געפּערלעכער מענטש, פאַר וועמען דער גאַנצער צעך האָט געציטערט — האָט גאָרנישט פרעגנדיק דעם פאַרטרעטער — א פיינער יונגערמאַן פון קעלץ — זינגער — באַלד אויפן אָרט דערשאָסן.

פאַר דער אַרבעט האָבן מיר באַקומען צוויי האַלבע ליטער וואַסער־זופּן און 20 דעקאָ ברויט אַ טאָג. אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט 44 חדשים. אין יוני 1944 האָט מען אונדז איבערגעשיקט קיין טשענסטאָכאָוו־ראַקאָוו. דאָ איז געווען אַ פאַבריק פון אייזן־שטאָל. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אָבער מיר האָבן געהאַט אַביסל מער צו עסן. ס'האָבן דאָרט געאַרבעט אַ 5000 פּאָליאַקן און זיי האָבן פאַר אונדז געבראַנגט פּראָדוקטן צום עסן.

מיך האָט מען צוגעטיילט אַרבעטן מיט אַן עלטערן קריסט באָגייאַ. ער איז געווען צו מיר ווי אַ פאָטער. ער האָט מיר געבראַנגט וואָס ס'איז געווען מעגלעך. אַליין אַן אָרעמער, האָט ער זיך מיט מיר געטיילט מיטן לעצטן ביסן. אין טשענסטאָכאָוו האָב איך נישט געהונגערט. באָגייאַ האָט נישט געקענט נאָכזאָגן מיין נאָמען גאָלדהאָר, האָט ער מיך גערופן פּעלעק און אַזוי די גאַנצע פאַבריק.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט ביזן 16טן יאַנואַר 1945. דער טאָג וואָס ה'האָט אונדז אַרויסגעפירט פון דאָרט, קען איך פאַרצייכנען ווי דעם טרויעריקסטן; די רוסן זענען שוין געווען אין שטאָט און מיר זענען געשטאַנען אין געשלאָסענע וואַגאָנעס אויפן וואָקזאַל. לסוף האָט מען אונדז אָפּגעפירט קיין בוכענוואַלד. איינער פון די גרעסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד. די לעצטע צייט איז שוין דאָ געווען אַ ביסל בעסער, ווייל די גאַנצע מאַכט איז געווען אין די הענט פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג וואָס איז באַשטאַנען פון קאָמוניסטן. אַ סך זענען דאָ געווען נאָך פון פאַר דער מלחמה. אויף וועמען האָט אָנגעוויזן, אַז ער האָט זיך נישט־גוט אויפגעפירט אין לאַגער, איז דאָ ליקווידירט געוואָרן.

פון דאַנען האָט מען געשיקט אין פאַרשיידענע פאַבריקן אויף אַרבעט. מיך האָט מען געשיקט קיין פלאָסבערג ביי לייפּציק. דאָס איז געווען דער ערגסטער לאַגער וואָס איך האָב דורכגעמאַכט; מען האָט באַדאַרפט אויסהאַקן אַ וואַלד און אויפבויען אַ פאַבריק מיט אַ באַן־ליניע און אַ גלייכע ליניע אויף וועגעלעך. אויף יעדן ייד זענען געשטאַנען צוויי יונגע ס.ס.־מענער און געהיטן, געשריגן און געממיתט. אַ סך יידן האָבן דאָ געפונען זייער סוף.

יעדער וואָך זענען געקומען פרישע טראַנספּאָרטן פון בוכענוואַלד. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָ וועלן מיר בלייבן, אָבער אין אַ געוויסן טאָג, האָט מען אונדז אַרויפגעזעצט אויף וואַגאָנעס און אַרומגעפירט איבער די סודעטן, טשעכאָסלאָוואַקיי. 17 טעג זענען מיר אַרומגעפאָרן אָן עסן. פון פליסבערג זענען מיר אַרויס 1100 מענטשן און אָנגעקומען קיין מאַטהאַוזען זענען נאָר 350. ליגענדיק אין די וואַגאָנעס זענען די מענטשן אויסגעשטאָרבן פון הונגער.

איך געדענק. אַמאָל האָט מען אונדז אַראָפּגעלאָזן אַביסל אויף אַן אָרט, ווו ס'איז געוואַקסן גראָז, האָב איך זיך מיט אַזוי־פיל גראָז אָנגעגעסן, אַז כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז מיין סוף. נאָר כ'האָב אויסגעהאַלטן.

ווען מ'האָט אונדז אַריינגעפירט קיין מאַטהאַוזען, האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין די באַראַקן פון וואַנען מען גייט גלייך אין די גאַז־אויוונס. וואָס צו אונדזער נס, זענען שוין נישט געווען טעטיק... מיר זענען געווען אין גאַנצן נאַקעט, אַזוי זענען מיר אַרומגעגאַנגען די לעצטע טעג.

אין אַ פאָר טעג אַרום, האָבן אונדז די אַמעריקאַנער אַרמיי באַפרייט.

חיים קאַלטון

מיינע מלחמה־איבערלעבונגען

ווען איך בין אַלט געוואָרן 7 יאָר, האָבן מיינע עלטערן מיך געשיקט אין אַ פּוילישע פאָלק־שול, ווו כ'בין נאָר דורך צוויי קלאַסן, ווייל באַלד האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און די דייטשן זענען אַריין צו אונדז און חושך און פּיין האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן שטעטל; מען האָט געכאַפּט יידן קיין ראַדעם אין תפיסה און אויף אַרבעט. דעמאָלט האָבן זיי אויך אַרעסטירט מיין פאָטער, אָבער נאָך קורצע צייט אים באַפרייט. באַלד איז אַרויס אַ באַפעל, אַז פון 10 יאָר אָן דאַרף מען זיך רעגיסטרירן אין אַרבעט־אַמט. מיין פאָטער און צוויי עלטערע ברידער האָבן זיך פאַרשריבן און באַלד באַקומען אַ צעטל זיך צוצושטעלן צו דער אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין ריייניקן די שאָסייען. כאָטש איך בין נאָך געווען יונג, האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז מיין פאָטער קען צו דער אַרבעט נישט גיין, ווייל די פּרנסה אין שטוב וועט חרוב ווערן. האָב איך געקויפט אַ גוטע לאָפּעטע און יעדן טאָג געגאַנגען שאָרן דעם שניי... די דייטשן האָבן געשריגן, אַז איך בין צו־קליין און מיך כסדר געשלאָגן. אַזוי איז אַדורך דער ווינטער. די אַרבעטביים שניי האָט זיך געענדיקט, איז געקומען פרישע אַרבעט — מעלאָראַציע, צו וועלכן איך האָב געמוזט גיין פאַר זיך און פאַר מיין פאָטער. די אַרבעט איז געווען ווייט פון שטאָט און אַ שווערע. צוריקגעקומען פון דער אַרבעט און פון וועג, האָט איך זיך באַלד געלייגט אין בעט. פאַר מידקייט.

דער האַרבסט איז געקומען און געבראַנגט אונדז גרויסע רעגנס, איז געווען אַ מחיה — מען האָט נישט געדאַרפט גיין צו קיין אַרבעט. דעמאָלט האָב איך אַביסל געלערנט. אָבער די דייטשן זענען אַריין אין די הייזער און געשלאָגן מכות־רצח. שטענדיק זענען זיי אַריינגעפאַלן אין מיטן נאַכט און געשלאָגן אָן רחמנות. נאָר דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע; מיטן קומען פון ביטערן ווינטער האָבן זיי אונדז אַרויסגעיאָגט פון אונדזער דירה און די יידישע קהלה האָט אונדז געגעבן אַן אַנדער מקום־מנוחה, די דייטשן האָבן געמאַכט תקנות פאַרן געטאָ א"א באַגרענעצונגען. די פּיין איז גרעסער געוואָרן מיט יעדן טאָג, די אַרבעט שווערער און מאוסער, מען האָט שוין נישט געהאַט קיין כח צו לעבן...

נישט לאַנג האָט געדויערט און מען האָט גענומען שמועס, ווען אויסזידלען אונדז קיין טרעמבלינקע. כ'האָב געפרעגט דעם טאַטן „וואָס איז עס טרעמבלינקע?" האָט ער געענטפערט „דאָס איז אַזאַ גרויסער פּלאַץ, אויף וועלכן מ'וויל קאָנצענטרירן אַלע יידן". האָב איך טאַקע נישט פאַרשטאַנען, ווייל זי מאַכן אַן אָרט פאַר אונדזער טובה וועגן?.

ירחמיאל גאָלדהאַר

צוויי יאָר ווערק „צע" אין סקאַרזשיסק

דעם 1942.11.6 זענען מיר 320 די שענסטע יוגנט פון אונדזער שטאָט, אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ פאַבריק וואָס האָט נאָך נישט געאַרבעט — איבערצונעכטיקן. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער איז נישט געשלאָפן. מיר האָבן שוין געוואָלט זען, וואָס מיט אונדז וועט ווייטער געשען, און מיר האָבן זיך דערוואַרט... פינף פאַר טאָג זענען אַריין צו אונדז ס.ס.־לייט מיט הינט. מיט זיי איז געווען אַ יידישער פּאָליציאַנט — שימעלע פון סוכעדניוו און דער האָט אָנגעהויבן אויף יידיש בזה הלשון: „ווער ס׳האָט גאָלד, זייגערלעך, דאָלאַרן, ווערט־זאַכן, סחורהס, זאָל עס אָפּגעבן. ביי וועמען מען וועט געפונען וועט דערשאָסן ווערן. איר האָט צען מינוט צייט עס צו טאָן". ס׳נעמען זיך שיטן געלט און זאַכן פון אַלע זייטן. יעדער האָט מורא געהאַט און מ׳האָט כמעט אַלץ אָפּגעגעבן. כאָטש עטלעכע האָבן איינגעשטעלט און נישט אָפּגעגעבן. אַזוי זענען מיר דורכגעגאַנגען דריי רעוויזיעס. איך געדענק, צו אונדז איז צוגעגאַנגען אַן עלטערער ס.ס.־מאַן און געזאָגט „קיין פּאַלעסטינע (דאָס האָט ער געמיינט „יענע וועלט") קענט איר קומען אָן געלט". מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז אָן געלט וועלן מיר אין לאַגער נישט קענען אויסהאַלטן. דערנאָך האָט מען אָפּגעשיקט אין ווערק „צע". מיר האָבן שוין עפּעס געהערט, אַז דאָס איז אַן אמתער גיהנום. מען האָט אונדז איינגעטיילט אין פאַבריקן. אַ גרויסע גרופּע פון בערך אַ 800 מענטשן, זענען מיר אַריינגעפאַלן צום מייסטער באאַ. נאָר אין משך פון אַ קורצער צייט איז נישט געבליבן קיין דריטל. און דאָס האָט נאָך געהייסן „גרינגע" אַרבעט. מיר האָבן געהאַט אַ פּוילישן אויפזעער קאלענגא, אַ סך יידן האָט ער אויף זיין געוויסן. יעדן טאָג האָט ער דערהרגעט אַ 10—15 יידן. וויפל כוח ער האָט נאָר געהאַט, האָט ער געשלאָגן און וואָס נאָר עמיץ איז געגאַנגען אָנגעטאָן, האָט ער אַראָפּגעצויגן; גוטע שיך, שטיוול, הויזן. יעדן טאָג האָט ער אונדז באַזוכט און אַלץ צוגענומען.

ווען ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט און ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו נעמען, האָט ער אונדז נאָך מער געפּייניקט. מיר האָבן געמוזט פאַרקויפן די 20 דעקאָ ברויט וואָס מיר האָבן באַקומען און דאָס געלט אים אָפּגעבן. אויב נישט זענען מיר נישט זיכער געווען מיטן לעבן.

די פּאָליאַקן אין סקאַרזשיסק האָבן זיך געמיין אויפגעפירט לגבי די יידן. אויב אַ ייד איז געלונגען צו אַנטלויפן פון לאַגער און אַ פּאָליאַק האָט אים געכאַפּט, האָט ער אים איבערגעגעבן די דייטשן און באַקומען דערפאַר אַ קילאָ צוקער. נו, האָבן זיי זיך באַמיט צו כאַפּן וואָס מער און נעמען צוקער...

אונדזער מייסטער איז געווען אַ דייטש וואָס האָט געטראָגן אַ גרינע מאַרינאַרקע, האָבן מיר אים גערופן „דער גרינער". נאָר די פּאָליאַקן האָבן פאַרשטאַנען און געקענט מסרן, האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „שבועות". דריי מאָל אין טאָג איז ער צו אונדז אַרויסגעקומען און יעדעס מאָל, זענען עטלעכע מענטשן אומגעקומען פון זיינע הענט. ער האָט אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט דער שאַרף פון דער לאָפּאַטע אין קאָפּ, ביז דער מענטש האָט זיך שוין נישט געקענט אויפהייבן. אויב עמיץ פון די פּוילישע אַרבעטער האָט פון דיר עפּעס פאַרלאַנגט און מ׳האָט אים נישט געוואָלט געבן — איז גענוג געווען ער זאָל אָנווייזן דעם „גרינעם" אויף דיר און דו האָסט שוין געמעגט זאָגן ווידוי...

אין סקאַרזשיסק זענען געווען דריי לאַגערן: ווערק „א" „בע" און „צע" דער ערגסטער. ווער ס׳האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט איז געשיקט געוואָרן אין ווערק „צע". ווער ס׳איז קראַנק געוואָרן, ווער ס׳האָט שלעכט אויסגעזען, אָדער אַזאַ וואָס אָט צו־גוט אויסגעזען און אַרויסגערופן אַ חשד, האָט מען געשיקט אויף דער „שטשעלניצע" (שיס־פּלאַץ) צום ליקווידירן. אויף דעם אָרט ליגן באַגראָבן בערך אַ 10,000 דערהרגעטע און געשטאָרבענע פון הונגער.

פון אַלע פּלאַצוווקעס: ראַדאָמסק, פּיעטריקאָוו, טשענסטאָכאָוו, סטאַשעוו, מיידאַנעק א״א, האָט מען געשיקט קיין סקאַרזשיסק. סזענען געווען אַ סך האָלענדישע יידן, נאָר ווייניק פון זיי האָבן אויסגעהאַלטן. דער רוב איז געשאָסן געוואָרן.

דער אופן פון שיסן איז געווען אַזאַ: מ׳האָט געברענגט, למשל, אַ גרופּע פון אַ 100 מענטשן, האָט מען זיי געהייסן אויסגראָבן גריבער און זיך אויסטאָן נאַקעט. 20 זענען אַריין אין גרוב, אויף זיי האָט מען געשאָסן פון מאַשין־געווער, באַשאָטן מיט אַ ביסל ערד, באַפוילן די ווייטערדיקע 20 זיך לייגן אויף די טויטע און געשאָסן. אַזוי כסדר...

איינמאָל איז געקומען דער וואַך־פירער און געפרעגט: „ווער וויל פאָרן אין שטאָט, קיין שידלאָווצע?. אַ סך האָבן זיך פאַרשריבן. נאָר מ׳האָט זיי געפירט נישט קיין שידלאָווצע, נאָר אויפן שיס־פּלאַץ און דערשאָסן.

נאָך אַ „סוד" איז דאָ געווען; מ׳האָט אַהער געברענגט פאַרמאַכטע אויטאָס מיט מענטשן און זיי דאָ פאַרברענט. מיר האָבן געשפּירט דעם ריח פון מענטשן־פלייש. די מענטשן האָט מען דאָ־אַהער לאַנג געפירט און מיר האָבן נישט געוווּסט ווער זיי זענען. די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אויף דעם אָרט, האָבן באַענט נישט געטאָרט צוגיין. נאָר פון דערווייטנס האָבן זיי געזען, די זעלביקע זעקס הויכע מענטשן, זעגן האָלץ צום ברענען. כ׳מיין, אַז דער סוד איז געווען, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין יידן... מיט יידן האָט מען זיך נישט אַזוי געהיטן. זיי אומגעברענגט בפרסיה.

ביי בוי האָב איך אָפּגעאַרבעט ביז פעברואַר 1943. דערנאָך האָט מען מיך איבערגעפירט אין ווערק „צע". דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט יבשה און וואַסער מינעס, וואָס מ׳האָט אָנגעפילט מיט פּיקרין און טראָטיל. דער וואָס האָט געאַרבעט ביי דעם, איז געוואָרן אין גאַנצן געל, וואָס ער האָט געגעסן איז געוואָרן ביטער. מ׳האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעוואַשן. וואָס מער מ׳האָט זיך געוואַשן, אַלץ ביטער איז געוואָרן דאָס עסן. דער מענטש וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דעם לאַגער, האָט געוווּסט, אַז ער איז געענדיקט. מען האָט אונז גערופן „די געלע". קיינער האָט מיט אונדז נישט געוואָלט רעדן. אַפילו דער וואָס האָט מיט אונדז גערעדט פון דערווייטנס איז אים שוין געווען ביטער אין מויל. מיר האָבן געהאַט צו מאַכן אַ גרויסע נאָרמע: 11 קאַסטנס, 1650 שטיק אַ טאָג. די פּאָליאַקן וואָס האָבן ביי דעם געאַרבעט, האָבן געהאַט אַ נאָרמע: 350 שטיק. צוויי שעה אַרבעט און פיר שעה רו. מיר זענען געפאַלן ווי די פליגן.

ס׳איז געווען דריי צעכן: 53,50 און 13 די ערגסטע. דאָ האָב איך געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר. דערנאָך האָט מען מיך איבערגעפירט אין דער האַלע 53. דאָ איז געווען אַ יידישער פאָראַרבעטער — יוסל בוקסבוים, אַ מענטש פון נידריקסטן סאָרט אין גאַנצן נישט דערצויגן, וואָס האָט אויף זיין געוויסן אַ סך אומגעקומענע יידן. איין מאָל ביי דער אַרבעט האָט ער מיר געזאָגט: „ווען די זאָלסט געווען אַרבעטן ביי מיר, וואָלסטו שוין לאַנג נישט עקזעסטירט".

מלך בלושטיין

ווען מען האָט גענומען אַרויסשיקן יידן קיין טרעמבלינקע און מיידאַנעק, איז די ריי איז געקומען אויך אויף אונדזער שטעטל: אַ געוויסן מאָנטיק אין דער פרי, האָט די זשאַנדאַמעריע אַרומגערינגלט די שטאָט און אַרויסגעטריבן אַלע יידן אויפן „רינעק", און דערלויבט מיטצונעמען נאָר פינף קילאָ. דעמאָלט האָב איך געפּרוווט אַנטלויפן פון שטאָט. נאָר ס׳איז שוין נישט געווען מעגלעך. די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט ווי מיט אַ צוים פון פייער. איך בין געשטאַנען צוזאַמען מיט די עלטערן און געזען, ווי די דייטשן האָבן אַרויסגענומען פון די רייען מיין מיטלסטן ברודער אַ געזונטער בחור, וואָס האָט געאַרבעט ביי דער מעלאָראַציע און אים געשטעלט אין די רייען פון די אַרבעטנדיקע וואָס די דייטשן לאָזן דאָ איבער. מיר זענען געשטאַנען און געציילט די מינוטן וואָס אונדז איז געבליבן צום לעבן. ווען דער אָבערשטורמפירער האָט זיך אויף אַ רגע פאַרקוקט, האָב איך מיט מיין עלטערן ברודער זיך אַריינגעכאַפּט אין דער אַרבעטנדיקער גרופּע. וואָס מ׳האָט באַשטימט צו באַגראָבן די טויטע... שפּעטער האָט מיר באַנג געטאָן פאַרוואָס איך בין נישט געבליבן מיט די עלטערן.

נאָך דעם ווי מ׳האָט אַוועקגעפירט די יידן, האָבן מיר אָנגעהויבן באַגראָבן די טויטע, וואָס זענען געשאָסן געוואָרן אויפן אָרט דורך די דייטשן און אוקראַינער. גלייך נאָך דער אַרבעט האָט מען אונדזער גאַנצע גרופּע אַריינגעפירט אין אַ יידיש הויז, ווו מיר האָבן אַלע געוווינט צוזאַמען. איך האָב זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, אַז די ס.ס. זאָל מיך נישט זען. זיי האָבן נישט געוווסט אַז דאָ געפונט זיך אַ קליין יידיש יינגל.

נאָכן אָפּזיין דאָ עטלעכע חדשים, האָט די סקאַרזשיסקער „האַסאַג"־פאַבריק אונדז געפאָדערט צו דער אַרבעט. באַלד האָט די זשאַנדאַמעריע אַרומגערינגלט דאָס הויז און די מענטשן — ווי חזרים איינגעלאָדעוועט אין אויטאָס. אָבער וואָס טו איך? „אַז איך טאָר זיך נישט ווייזן אויף דער ליכטיקער שיין. דער אויטאָ רירט זיך שוין אָפּצופאָרן. נאָר אין דער זעלביקער רגע האָט זיך דער זשאַנדאַר פאַרקוקט און איך בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן אויטאָ. ווען מיינע ברידער האָבן מיך דעזען, האָבן זיי זיך צעוויינט פון פרייד, וואָס איך בין דערווייל געראַטעוועט.

מיר זענען אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק אין דער פאַבריק. דאָ האָט מען אונדז געפירט אין באָד, דערביי האָט מען ביי מיין עלטערן ברודער צוגענומען דאָס געלט און צירונג וואָס די עלטערן האָבן אונדז מיטגעגעבן. צו מאָרגנס האָט מען אונדז געשיקט צו פאַרשיידענע אַרבעטן; דעם עלטערן ברודער צום פוצן שרויפן — ער האָט נישט לאַנג געלעבט, קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איז דערשאָסן געוואָרן אין ווערק „צע". איך האָב לאַנג נישט געוווסט וועגן זיין טויט. קיינער האָט מיר נישט געוואָלט דערציילן. נאָר, מיין מיטעלער ברודער האָט לאַנג נישט געקענט טראָגן דעם סוד אין זיך און ער מיר דערציילט. וויינען האָב איך נישט געקענט, כ׳בין שוין געווען פאַרהאַרטעוועט ווי אַ שטיין — דעם מיטלסטן ברודער האָבן זיי געשיקט צו טישלעריי און מיך צו אַ טאָקאַרנע־מאַשין. נאָר באַלד בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַ בויך־טיפוס און אַרבעטן האָב איך געמוזט גיין, ווייל ווען מען האָט געטראָפן ליגן אין בעט איז דערשאָסן געוואָרן אָן אַ משפט...

אַזוי האָבן מיר געלעבט עטלעכע חדשים, ביז ס׳האָט זיך דערנענטערט די אָפּענסיווע פון די רוסן. ביי אונדז אין לאַגער איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַן אָפּקלייב. מ׳האָט אַרויסגענומען אַלע קראַנקע און קליינע און זיי דערשאָסן. דאָ האָט באַשטימט דער לאַגער־פירער קילערמאַן, אַ הויקער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט און שיסן מענטשן איז ביי אים געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן. איך שטיי שוין אין דער ריי צום דערשיסן. נאָר פלוצים געשעט אַ נס; עס פליט אָן אַן עראָפּלאַן און דער סאַדיסט פאַרקוקט זיך אין דער הויך. איך נוץ אויס די געלעגנהייט, אַנטלויף אין לאַגער אַריין און באַהאַלט זיך. דערווייל קומען אָן די וואַגאָנעס, די אונדז צו עוואַקוירן. נאָר וווהין פאָרט מען? קיינער ווייסט נישט. נישט די פּאָליציסטן אַפילו נישט דער לאַגער־פירער. איך גרייט צו מיין פּלעצאַק, גרייט צום פאָרן. מיר זעצן זיך אַריין אין די וואַגאָנעס. פלוצים קומט אָן דער קריפּל מיט אַ געשריי: „וואָס זיצן ווילט איר? מיט דעם פּיסטאָלעט אין האַנט נעמט ער אַכן „אָרדנונג". זעצט אַריין 100 מענטשן אין אַ וואַגאָן, באַזונדער מענער און פרויען און מיט אַ פרייד אויפן פנים טוט ער אַ געשריי „פאָרט נאָך דייטשלאַנד, יודן!

דער צוג האָט גערירט. וווהין מיר פאָרן ווייסט קיינער נישט. די היצן זענען גרויס, נישטאָ קיין וואַסער און קיין ברויט. די אוקראַינער האָבן אויפן וועג אונדז אַזוי געשלאָגן, אַז מיר האָבן נישט געטראַכט וועגן עסן...

נאָך 13 טעג פאָרן, זענען מיר אָנגעקומען קיין לייפּציק. דאָ האָט מען אַראָפּגעלאָזט די פרויען און קינדער. אונדז האָט מען געפירט קיין בוכענוואַלד. קומענדיק דאָרט אַהין, האָב איך דאָס ערשטע דערזען אַ קרעמאַטאָריע. כ׳האָב געהערט רעדן; יידיש, פויליש, רויסיש. פון דער גאַנצער וועלט מענטשן האָב איך דאָרט באַגעגנט. וואָס מ׳וועט טאָן מיט אונדז, ווייסט קיינער נישט. דערווייל שיקט מען אונדז אין באָד . . . מענטשן גיין אַריין, אָבער אַרויס זעט מען נישט קיין לעבעדיקן פויגל, אפשר האָט עס מיין פאַנטאַזיע אַזוי געאַרבעט? ווען ס׳איז געקומען מיין ריי, בין איך מיט מיין ברודער אַריבערגעלאָפן און זיך געשטעלט די לעצטע. אַנדערע האָבן געזאָגט „ס׳איז אַלץ־איינס, איצטער שטאַרבן אָדער שפּעטער" מיר גיין אַריין...

צום ערשטן אויסטאָן זיך! שרייט אַן אַלטער ס.ס.־מאַן אויפן קול. מיר טוען זיך אויס, גיבן דאָס אָנטאָן און באָדן זיך. ביים אַרויסגיין האָבן מיר אויסגעזען ווי אַרויס פון אַ משוגעים־הויז, אַזוי האָבן זיי אונדז צוזאַמענגעשטעלט; משונה־מאָדנע אָנטאָן מיט „האָלענדערקעס" פון וועלכע מ׳איז קראַנק געוואָרן אויף די פיס. דאָס עסן; 200 גר. ברויט, געבאַקן פון קאַרטאָפל און אַ פאָרציע זופּ, איז געווען נישקשה. ווייל צו קיין בעסערס זענען מיר אין סקאַרזשיסק נישט געוווינט געווען. שווער געווען זענען די אַפּעלן, פון אין דער פרי ביז האַלבער נאַכט, אַז ס׳איז נישט געווען קיין צייט צו אַרבעטן. די קינדער זענען בכלל נישט אַרויס צצו דער אַרבעט, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט זיך צו וואַרפן אין די אויגן פון דער ס.ס. מיט דער פאָרציע זופּ מיט דעם שטיקל ברויט איז מען איבערגעקומען די לאַנגע טעג.

מען האָט גענומען שמועסן, אַז די אַמעריקאַנער גיין אויף אַכען. די דייטשן הייבן אָן צו־גרייטן אויסצוליידיקן דעם לאַגער. אַז די קינדער וועלן זיי שיקן קיין אוישוויץ. מיך האָט מען אָבער פאַרשטעקט אין אַ באַהאַלטעניש. כ׳האָב ווידער געפילט ווי שווער ס׳איז צו זיין אַ קינד... כאָטש כ׳מוז באַמערקן, אַז צו קינדער האָבן זיך כמעט אַלע באַצויגן בעסער. מען האָט זיך באַמיט פאַר אונדז; די יידישע העפטלינגער וואָס האָבן די אייגענע קינדער פאַרלוירן און אַפילו דייטשן האָבן געהאַט אַ געוויסע מענטשלעכע באַציונג. זיי האָבן געזאָגט „קיין קינדער וועלן מיר נישט נעמען, מיר האָבן אַליין קינדער". איך געדענק איינעם אַ לאַגערניק פון דער שטובן־דינסט — גוסטאַוו שילער, וואָס האָט

זיך שטאַרק באַמיט אונדז גוטס צו טאָן. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד, האָט ער די קינדער געטיילט ברויט מיט שטיקלעך צוקער... נאָר צי איז דאָס גילטיק פאַר אַלע דייטשן איז מיר שווער צו זאָגן.

איך האָב זיך אָנגעגעבן מיט עטלעכע יאָרן עלטער. אָבער איך האָב זיך אָפט געמוזט באַהאַלטן, ווייל מ׳האָט געקענט זען, אַז איך בין יונגער. דאָך האָב איך געמוזט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, כדי עפּעס צו פאַרדינען און שיקן מיין ברודער — וואָס מ׳האָט פאַרשיקט קיין שליובען — אַ פּעקל עסן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין ברודער וואָס אַרבעט שווער נייטיקט זיך אין דעם, נאָר כ׳האָב קיין סך נישט געקענט שיקן, ווייל כ׳האָב אַליין געהונגערט.

אַביסל שפּעטער זענען די אַמעריקאַנער אַריין אין דער געגנט פון בוכנוואַלד. האָב איך געזען אַז די ס.ס. זענען צעטומלט. נישט געוווסט צו אונדז אָפּצופירן קיין טערעזינשטאַט אָדער אויסשיסן. אין אַ געוויסן טאָג קומט אַ באַפעל דורכן מיקראָפאָן „יודן אַרויסטרעטן!” אָבער קיין שום ייד איז נישט אַרויס אויפן אַפּעלפּלאַץ. אַלע האָבן זיך באַהאַלטן. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַן אויפגעריסענעם באַראַק, פון וועלכן מ׳האָט נישט באַמערקט. די ס.ס.־לייט לויפן אַרום ווי ווילדע וועלף פון באַראַק צו באַראַק, זוכנדיק יידן. אָבער זיי האָבן די ערשטע טעג ווייניק געכאַפּט. מיר הערן ווי די עראָפּלאַנען וואַרפן באָמבעס זייער נאָענט. וואָס מער די ס.ס. הערן די אַלאַרמען, אַלץ ווילדער ווערן זיי ביים כאַפּן יידן צום טראַנספּאָרט. צום סוף האָבן זיי מיך געכאַפּט און צוגעפירט צו אַ גרופּע יידן, וואָס איז גרייט געווען אַוועקגעשיקט צו ווערן. דערווייל האָט ער מיך אַריינגעשיקט אין אַ גרויסן באַראַק „צע־אַ־ווע”. איך האָב זיך געפונען אין אַ שלעכטע לאַגע, ווייל כ׳בין געווען דאָס אַיינציקע קינד אין באַראַק. דאָס רופט אַרויס אויפמערקזאַמקייט. האָב איך גענומען טראַכטן וועגן אַנטלויפן. פון דעם מיטאָג וואָס מ׳האָט געברענגט אין באַראַק, זענען געבליבן קעסלען וואָס די לאַגערניקעס האָבן געדאַרפט אַרויסטראָגן. האָב איך גענומען אַזאַ קעסל און זיך געלאָזט צום טויער. באַלד לויפט אָן אַ פּאָסטן און נעמט מיך פרעגן ווער און וואָס כ׳טו.


איך האָב זיך געמאַכט פאַר אַ רוס און אים נישט פאַרשטאַנען. פּלוצים ווערט אַ שיסעריי פון עראָפּלאַנען, דער פּאָסטן אַנטלויפט פאַר די באָמבעס און איך באַהאַלט זיך אין קליינעם לאַגער. פאַר מיר האָט עס אויסגעזען ווי אַ נס פון הימל.

נאָכן אָפּזיין אין לאַגער אַ דריי טעג, הער איך אויסרופן „אַלע לאַגערניקעס דאַרף מען אַוועקשיקן, נאָר דער פּערסאָנאַל זאָל בלייבן”. איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן מיטן פּערסאָנאַל. אָבער ווי בלייבט מען מיט זיי, אַז זיי טאָרן מיך נישט זען?. האָב איך זיך באַהאַלטן אין אַ יידישן בלאָק, וואָס די ס.ס.־לייט האָבן חרוב געמאַכט און געווען זיכער, אַז ער איז שוין „יודנריין”. דאָרט בין איך געלעבן אָן עסן, געזוכט אין די מיסט־גרובער, אפשר האָט עמיץ פאַרלוירן וואָס מ׳קען עסן. טייל מאָל האָב איך עטוואָס געפונען. אַזוי בין איך געלעגן ביז דער באַפרייונג...

ווען כ׳האָב דערזען די ערשטע אַמעריקאַנער, בין איך אַרויף אויף אַ טאַנק און געכאַפּט אַ רעוואָלווער, געלאָפן אין וואַלד, כדי צו זוכן באַהאַלטענע ס.ס.־לייט. אַ סך פון זיי האָבן מיר געפונען באַהאַלטן אין אַ בונקער. שיין האָבן זיי אויסגעזען, ווען דער אָפיציר פון דער טאַנק־דעוויזיע האָט צו זיי געזאָגט „אויך איך בין יודע!” דעמאָלט האָב איך ריכטיק פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד פון ייד און גוי און פון פרייהייט און פאַרשקלאַפונג. אין דער באַציונג צו זיי האָב איך געפונען אַ שטיקל נקמה פאַר דעם פּיין פון אַלע יידן און פון מיין שטעטל —

די אַמעריקאַנער ראַבינערס — שאַכטער און מאַרקוס ראָבערט, האָבן אַ סך געזאָרגט פאַר די יידישע לאַגערניקעס און דער עיקר פאַר די לעבן־געבליבענע קינדער.

שפּעטער אַביסל בין איך געפאָרן קיין פּוילן צו זוכן מיין משפּחה. דורך אַ פענצטער פון אַ צוג האָב איך דערזען מיין ברודער. איך בין אַראָפּ און מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט פרייד און צער נאָך די אומגעקומענע. מיר זענען געפאָרן קיין שטאָטגאַרד. דאָרט האָב איך געלערנט אין דער „בית ביאַליק”־שול און גלייכצייטיק געלערנט אַ פאַך — עלעקטריע־מאָנטער. איצט האָב איך בדעה צו פאָרן קיין אַמעריקע, זיך לערנען ווייטער און נישט פאַרגעסן קיין מאָל, אַז כ׳בין געווען אַ ייד אין אַ דייטשן אַרבעטלאַגער.



מאַסן־קבֿרים

לאה פישמאַן

אין 1941 יאָר, האָט מען במשך פון 3 טעג דורכגעפירט די איבערזידלונג פון די 10.000 יידן פון געטאָ פּלאַצק קיין דזשאַלדאָוו. מען האָט אונדז אַריינגעפּאַקט צו 200 מאַן אין לאַסט־אויטאָס, צונעמענדיק ביי אונדז די גאַנצע זאַכן און געפּעק, וועלכן האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן אַרומיקן פּלאַץ. די גאַנצע פּראָצעדור איז פאָרגעקומען אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון געשלעג און שיסעריי.

אָנקומענדיק קיין דזשאַלדאָוו האָבן די ס.ס.־מענער אונדז מכבד געווען מיט שטעקענער איבער די קעפּ גלייך ביים אויסשטייגן פון די אויטאָס. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין סטאַדאָלעס, ווו מיר האָבן 10 טעג אַדורכגעלעבט אין גרויסע צרות. מען פלעגט שלאָגן מכות רצח, געשלעפּט יעדע שעה אויף שווערע איבונגען און יעדן טאָג האָבן זיי אויסגעטראַכט נייע עינוים פאַר אונדז. פיל מענטשן זענען פאַר צרות, ווונדן פון די קלעפּ געשטאָרבן. נאָך 10 טעג זיין אין דזשאַלדאָוו האָט מען אונדז אויסגעשטעלטע אין רייען געפירט צום צוג. אַ טייל איז אין וועגענער געפירט געוואָרן קיין סקאַרזשיסק. איך מיט מיין שוועסטער האָבן זיך אַריינגעקריגן צו דער אַרבעט אין זיך באַקלאָגן, אַז מיר אַרבעטן נישט גוט, דאַן האָבן מיר שוין עטוואָס איבערגעלעבט. זיי, די זאַטע און צופרידענע פלעגן זיך איז דעקעווען איבער אונדז מידע, אויסגעהונגערטע און דערשעפּטע. נאָך אַ יאָר אַרבעטן אויפן ווערק „ב" בין איך אַריבער אַרבעטן אויפן ווערק „צ", ווו עס איז נאָך נישט אַמערגסטן געווען, ווייל איך האָב זיך אַביסל געקענט העלפן ביים צוקויפן אַ שטיקל ברויט. דאָ זענען יעדע צוויי וואָכן פאָרגעקומען סעלעקציעס. איך בין די סעלעקציעס ווי עס איז אַדורך. אַ פּאָליציאַנט יאַקובאָוויטש האָט מיר, פאַר וועלן נעמען נאָך אַ ביסל זופּ, געוואָרפן עפּעס אין אויג און האָט מיר שיער נישט אויסגעהאַקט ס'אויג. עס איז מיר דאַן פיל בלוט אָפּגעפלאָסן פון דער ווונד און איך בין פאַרחלשט געוואָרן. אַמערגסטן איז מיר אָבער געווען ווען איך בין אַריבער צו דער אַזוי־גערופענער געלער אַרבעט ביי „טראָטיל פּיקרין". איך האָב דאָרט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גיפטיקן שטויב. איך בין איינמאָל אַרויס אויף דער גאַס שעפּן אַביסל לופט, האָט דער פוילישער פאַראַרבעטער עס גלייך געמסרט פאַרן מייסטער און ער האָט מיך אויפגעזוכט און מערדעריש געשלאָגן.

אַלע פרויען זענען אין אַ קורצע צייט דערשעפּט געוואָרן און



צום לעצטן וועג

דער אַמוניציע־פאַבריק „ב". די אַרבעט איז דאָרט געווען אַ שווערע און דערצו האָבן נאָך די יידישע קאָמענדאַנטן זיעלאָנקאַ און זילבערבערג זייער שטאַרק געשלאָגן. מיין שוועסטער האָט די שווערע באַדינגונגען שלעכט געקענט אויסהאַלטן און קראַנק געוואָרן אויף געלזוכט. גראָד דאַן איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. איך מיט מיין שוועסטער זענען גענומען געוואָרן צו דער סעלעקציע. איך בין שפּעטער ביים דאָקטאָר באַפרייט געוואָרן. מיין שוועסטער אָבער איז מיט נאָך 188 פרויען אַוועקגעפירט געוואָרן צום אומברענגען. מען האָט זיי לעבעדיקערהייט אַריינגעלייגט אין גרוב און אויסגעשאָסן. דער פּאָליציאַנט וועלכער האָט זיך פון דאָרט צוריקגעקערט האָט דערציילט, אַז מען האָט צוגעשאָטן די גרוב, האָבן נאָך פיל פון די קרבנות געלעבט. טראָץ דער גרויסער איבערלעבונג פון פאַרלירן די שוועסטער האָב איך געמוזט גיין צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען שווער און נאָך שווערער איז געווען דאָס אויסשטייך נגישות פון די מייסטערס און ס.ס.־לייט. פאַר יעדער קלייניקייט און „חטא" האָט מען געשמיסן פרויען און מענער, געגאָסן נאַקעטערהייט מיט עמערס וואַסער. עס פלעגט זיין גענוג, אַז אַ פוילישער, אָדער דייטשישער מייסטער זאָל פאַר אַן ס.ס.־מאַן פיל זענען געשטאָרבן. דער מייסטער שולץ און אַנדערע ס.ס.־מענער האָבן האַלב־טויטע מענטשן פון די געלעגערס אַראָפּגעשלעפּט און געטריבן צו דער שווערער אַרבעט. דער יידישער קאָמענדאַנט אייזענבערג האָט פאַר נישט קומען פּינקטלעך צו דער אַרבעט געצוווּנגען צו שווערע איבונגען און געשלאָגן מיט אַ בייטש. די אַרבעט איז געווען אַ געפערלעכע און שלאָפן האָבן מיר אויך נישט געקאָנט. קיין קאָלדרעס האָבן מיר נישט געהאַט. מיר פלעגן זיך צודעקן מיט די מאַנטלען, וועלכע האָבן געהאַט דעם ריח פון פּיקרין, וועלכער האָט נישט געלאָזט שלאָפן. עסן איז אויך געווען זייער ווייניק. 2 מאָל אין טאָג וואַסער־זופּ און 150 גראַם ברויט אַ טאָג. נאָר זונטיק פלעגט מען באַקומען אַ טייל־לעפעלע מאַרמאָלאַד און אַזוי פיל צוקער. ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען פון אַרבעט און שלעכטער פלעגונג, זענען זייער פיל אויסגעשטאָרבן. יעדן טאָג האָט מען געזען ליגן ביים מיסט־קאַסטן פיל טויטע קערפּער, וועלכע מ'פלעגט אַוועקפירן צום באַגראָבן אין וואַלד אַריין. פון די „געלע" זענען מענטשן גייענדיקערהייט געשטאָרבן. איך בין אויך קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט מיך געשיקט אין שפּיטאָל, נאָר איך בין נישט געגאַנגען, ווייל דאָרט פלעגן פאָרקומען

סעלעקציעס. דאָס נישט גיין אין שפּיטאָל איז געווען מיין גליק, ווייל גלייך איינינקע טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע און מען האָט אַרויסגענומען אַלעמען פון שפּיטאָל, אַפילו די, וואָס זענען שוין געווען געזונט און האָבן שוין געאַרבעט, נאָר זענען נאָך געווען אויף דער ליסטע.

ווען מען האָט גענומען עלטערע אָבער נאָך געזונטע פרויען צום שיסן, זענען זייערע קינדער מיטגעגאַנגען פרייוויליק, נישט וועלנדיק זיך צושיידן. ביז האַרבסט 1944, זענען מיר געווען אין סקאַרזשיסק. נאָכדעם האָט מען אַ פאָר טויזנט פרויען געשיקט קיין לייפּציק, ווו מיר זענען געווען די ערשטע יידישע העפטלינגע. דאָרט זענען העפטלינגע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אויסער יידן. אָנקומענדיק האָט מען אונדז גענומען אין באָד, ווו מ׳האָט ביי אונדז צוגענומען אונזערע זאַכן און געלט. יעדע האָט באַקומען אַ העמד און אַ פאָר אינטערהויזן. אויף אַ קלייד האָט מען געדאַרפט וואַרטן ביז אַ וואָך צייט. אַזוי אַז מיר האָבן נישט געקאָנט אַרויסגיין פון בלאָק. נאָר אַ פאָר פרויען בלאָקאָווע האָבן באַקומען קליידער, ווייל זיי האָבן געמוזט דאָס עסן ברענגען. יעדע נאַציע איז געווען אין אַ באַזונדערן בלאָק. אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען אַן ערך 10.000 פרויען. מען האָט יעדן טאָג אונדז געפירט 3 קמ. צו דער אַרבעט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. די ערשטע פאָר וואָכן איז געווען נישט שלעכט. מ׳האָט בעקומען אַ געדיכטערע זופּ און אַ ברויט פאַר 3 מאַן. נאָך דער „געלער” אַרבעט אין לאַגער סקאַרזשיסק האָב איך זיך דאָ אַביסל געשטאַרקט. אין די בלאָקן האָבן זיך געפונען פיל־שטאָקיקע בעטלעך און יעדע האָט באַקומען אַ קאָץ.

ווער עס איז אָבער נישט שנעל אַראָפּ צו דער אַרבעט האָט באַקומען געשלאָגן. פאַר נישט זויבער האַלטן זיך האָט מען אַרויסגעשטעלט אויף לאַנגע שעה׳ן הינטער דער טיר אויף דער קעלט, אָדער עס זענען געמאַכט געוואָרן שטראָף־אַפּעלן, ווו מ׳האָט געקאָנט עפּעס אויסוואַשן. דאָס גאַנצע יאָר וואָס מיר זענען דאָרט געווען, האָבן מיר געטראָגן איין קלייד (צעברא קלייד) וועלכעס מיר האָבן באַקומען. צו ווינטער צו, האָבן מיר באַקומען פון די זעלבן פאַסן־סחורה אַ זשאַקעט, אויפן אַרבל פון וועלכן עס איז געווען אָנגענייט דער העפטלינגס־נומער. מיין נומער איז געווען 1254.

נאָך דריי, פיר מאָנאַטן האָט זיך די לאַגע אין לאַגער פאַרערגערט. מ׳האָט באַקומען ווייניקער ברויט און די זופּ איז געווען נישט צום עסן. די אַרבעט איז געווען זייער שווער, ביים אַפּעל פלעגט מען מוזן שטיין זייער לאַנג און עסן איז געווען זייער ווייניק, אַזוי, אַז מען איז פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרן. נאָכן קומען פון די אונגאַרישע פרויען, איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער. זיי האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די באַדינגונגען און צוליב זיי פלעגט מען זייער אָפט מוזן שטיין אויף שטראָף־אַפּעלן. איין מאָל איז אַ קריסטין אַנטלאָפן פון לאַגער, האָבן מיר יידישע פרויען אויך געמוזט צואַמען מיט זיי שטיין אויף אַ קאַרנעם אַפּעל.

עס זענען אָפט פאָרגעקומען נאַלאָטן. דאַן פלעגן מיר לויפן אין קעלער. איינמאָל איז אַ באָמבע אַריין אין בלאָק 18, וועלכער איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן. נאָר די פרויען זענען צום גליק פונקט געשטאַנען צום אַפּעל, אָבער דאָך זענען געווען פאַרווונדעטע און טויטע. וויסנדיק, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך, זענען מיר אַ פאָר נעכט געזעסן נישט אויסטוענדיק זיך צום שלאָפן. איין נאַכט, 2 אַזייגער ביינאַכט, האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון לאַגער צו אַן עוואַקואַציע. געבליבן זענען די קראַנקע פון שפּיטאָל און נאָך עטלעכע פרויען, וועלכע זענען דאָ באַפרייט געוואָרן. אַן ערך 4 וואָכן זענען מיר געגאַנגען צופוס, געפירט האָבן אונדז ס.ס.־מענער און ס.ס.־פרויען. אין די דערפער פלעגן מיר רוען און באַקומען אַ פאָר קאַרטאָפל און זופּ. אויפן וועג האָבן פיל פרויען געחלשט.

3 אַזייגער אינדערפרי האָט מען שוין געוועקט און מ׳איז ביז 6 אַזייגער געשטאַנען אויף אַן אַפּעל. נאָך שטיין 3 שעה האָט מען געוואָלט נעמען פון פעלד אַ פאָר קאַרטאָפל אָדער אַנדערע געוויקסן האָבן זיי פאַר דעם „חטא” באַצאָלט מיטן לעבן. אויך פאַרן אָפּשטיין פון די רייען האָבן די ס.ס.־לייט געשאָסן. איך בין שוין געגאַנגען מיט די לעצטע כוחות, קוים געשלעפּט זיך. דאָס שלעכטע עסן, דאָס שלאָפן אויף דער נאַסער, נאָך רעגן אָפט, ערד און דאָס מאַרשירן אַ גאַנצן טאָג האָט אונדז אַלעמען דערשעפּט. נאָר דער אימפּעט און דאָס שלאָגן אונדז האָט אונדז נאָך געטראָגן.

2 נעכט פאַר ער באַפרייאונג האָט מען אונדז אַריינגענומען אין סטאָדאָלעס, ווו מ׳האָט אונדז געבראַכט אַ זופּ פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ. די ס.ס.־פרויען פון אונדזער שייער זענען שוין געווען אַוועק און נאָר 1 ס.ס.־מאַן האָט אונדז געהיטן.

עס זענען דאַן אַריינגעקומען ציווילע דייטשן און האָבן אונדז געטרייסט, אַז מען ווערט שוין באַפרייט. פיל פרויען זענען זיך דאַן צעלאָפן. איין טאָג פאַר דער באַפרייאונג בין איך אַוועק אין דאָרף נאָך עסן. די ס.ס.־לייט זענען שוין אַלע געווען אַוועק. אונדזער היטער דער ס.ס.־מאַן האָט טרעפנדיק מיך אויפן דאָרף געזאָגט: „גיי נאָך האַוזע, איך גייע אַאוך”. דעם זעלבן טאָג, דעם 7־טן מאַי 1945, זענען די רוסן אַריין אין דע סדאָרף און געבראַכט אונדז די באַפרייאונג.

פראָטאָקאָלירט: צילאַ שאַפּירא.

סקאַרזשיסק נאכן חורבן

מיין געבורטס־שטעטל וואָס איז מיר געבליבן פרעמד

אברהם-יוסף שער

איבער אונדזער שטעטל איז דורכגעלאָפן דער טייך קאַמיענאַ, דערפאַר האָט מען זי גערופן סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענאַ. אין דעם טייך אָבער האָבן יידן זיך געקענט באָדן נאָר ווען זיי זענען געווען אַסך. ווען זיי זענען געווען ווייניק פלעגט אויף זיי אָנפאַלן פוילישע שכורים און כוליגאַנעס. געווען נאָר געציילטע פּאָלאַקן וואָס האָבן געלעבט מיט יידן בשלום. דער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט געבושעוועט אין גאַנצן לאַנד האָט אויך פאַרסמט די לופט פון אונדזער שטעטל. זי האָט געטראָגן זיך מיט די העצעס פון די גלחים פון די קלויסטער אַמבאָנעס און פון דער סיים־טריבונע, פון די גיפטיקע רעדעס פון די טשעטשאַקס, פּריסטעראָוועס און אַנדערע פאַשיסטן און אַנטי־סעמיטן.

האָבן די יידן אין סקאַרזשיסק געפילט מער די שנאה ווי די שיינקייט פון דעם טייך און וואַלד. פרעמד איז זיי געווען די וויטוואָרניע, ראַקעטשאַרניע. יידן האָבן אין זיי קיין אַרבעט נישט באַקומען אויך נישט אויף דער באַן און נישט אין אַנדערע רעגירונגס אַרבעטן. יידן זענען געווען אין גאַנצן פרעמדע אין דעם לאַנד. אַרומגערינגלט מיט שנאה, געלעבט אין פחד פאַר בלוט־בלבולים און פּאָגראָמען. טאָרן מיר דערפאַר אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן אין יענע ערלעכע פּאָלאַקן ווי מאַרטשינסקי דער אַפּטייקער פון דער דריטער־מאַי גאַס און דעם פאָטאָגראַף טשוקאָ פון דער סטאַשיצע גאַס. ביידע זענען פאַר זייער פריינדלעכער באַציאונג צו יידן דערמאָרדעט געוואָרן פון די פּוילישע און דייטשישע פאַשיסטן. לאָמיר זיי געדענקען און אָפּגעבן כבוד, ווייל נישט קיין סך זענען געווען אַזעלכע.

די יידן אין סקאַרזשיסק כאָטש מען האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו קיין פּראָדוקטיווער אַרבעט האָבן זיי דאָך געפונען פאַר זיך נוצליכע באַשעפטיקונגען. געווען ערלעכע בעלי־מלאכות און קליינהענדלער און די דייטשן אומברענגענדיק די יידן האָבן אויך עקאָנאָמיש חרוב געמאַכט די פוילישע שטעטלעך און דערפער.

ווען עס האָט דערנעטערט זיך דער חורבן זענען ליידער זער ווייניק יידן אַנטלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווייל זיי האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט דאָס צו וואָס די דייטשישע מערדער וועלן זיין פעיג צו טאָן. מיין אַנטלויפן צוזאַמען מיט מיין ברודער ירחמיאל האָב איך נאָר צו פאַרדאַנקען מיין פאָטער מאיר און מיין מוטער חנה־איטע, ווייל זיי האָבן מיך געהייסן גיין צוזאַמען מיט מיין ברודער קיין ראַטנפאַרבאַנד. מיין פאָטער האָט מיר דערקלערט אַז כאָטש ביידע; סטאַלין ווי היטלער זענען רשעים, וועלן מיר אָבער ביי די באָלשעוויקעס קענען איבערלעבן די מלחמה. ער האָט אָבער צוגעגעבן אַז אונדזער ציל דאַרפט זיין נישט רוסלאַנד נאָר ירושלים און ער האָט אונדז געהייסן איינקריצן אין זכרון דעם אַדרעס פון אונדזערע פעטערס אין ירושלים. דערמיט האָט מיין פאָטער צוטיילט אונדזערע משפחה אויף צוויי טיילן אַזוי ווי עס שרייבט אין חומש „אם יבוא עשיו על המחנה האחד והיכהו ויהה המחנה הנשאר לפליטה". ד. ה. מיין פאָטער, מוטער און דער יונגסטער ברודער מנחם מענדל זענען געבליבן ביים דייטש און מיך מיט מיין ברודער ירחמיאל יהודה (לייבל) האָט ער געהייסן גיין צו די באָלשעוויקעס.

מיין מוטער האָט פאַר אונדז אָנגעבראָטן צוויי הינער און קיכלעך אויפן וועג און אונדז אָנגעזאָגט מיר זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען און זיך נישט צעשיידן, ביז מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה.

דינסטיק ווי אין אַ מזלדיקן טאָג האָט די מוטער אונדז געהייסן זיך לאָזן אין וועג. מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזער טייערע היים באַגלייט מיט אַ ספּאַזמישן געוויין פון אונדזער מוטער. אין דרויסן אונטערן פרייען הימל האָט אונדזער פאָטער אַרויפגעלייט זיינע ביידע הענט אויף אונדזערע קעפּ און אונדז געבענטשט. אַזוי ווי ער פלעגט אונדז בענטשן יעדן ערב יום כיפור און מיר האָבן קוים געהערט די לעצטע ווערטער „כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכך", ווייל ער האָט זיך פאַרשטיקט מיט טרערן. אויך מיר האָבן זיך צעוויינט און געהערט נאָר דעם טאַטנס לעצטע ווערטער — „געדענקט אַז איר זאָלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין בורא עולם.

נאָך היינט גייט דאָס געוויין פון אונדזער מוטער נישט אַרויס פון אונדזערע אויערן, פון אונדזער האַרץ, ביז מיר וועלן זיך ערגעץ טרעפן מיט איר. אויך די ווערטער פון אונדזער פאָטער האָבן אונדז באַגלייט, אָפט אין גאָר שווערע טעג געווען פאַר אונדז אַ טרייסט... און מיר האָבן ווי ער האָט דאָס אונדז באַפוילן זיך געהאַלטן צוזאַמען און דאָס האָט אונדז פאַרלייכטערט. אין אַ רוסישע תפיסה האָבן די ענ.קא.ווע.דע. לייט געהאַט אַ חשד אַז מיר זענען נישט קיין ברודער און געוואָלט אונדז צוטיילן, אויך אין אוראַלער לאַגער האָבן זיי אונדז געוואָלט צעטיילן, מיך אַלס מינדעריעריקן שיקן אין אַ לאַגער און מיין עלטערן ברודער אין אַ שווערערן לאַגער. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן זיך נישט לאָזן צעטיילן. זייערע הינט האָבן אונדז געשלעפּט ביי די הויזן. דאָס נישט לאָזן זיך צעשיידן האָט אַפילו ביי די ענ.קא.ווע.דע. לייט אונדז געשאַפן כבוד און זיי האָבן באַשלאָסן אַז מיר זענען גוטע ברודער און אונדז צורו געלאָזט. דאָס איז אויך שפּעטער געווען די סיבה וואָס זיי האָבן אונדז באַפרייט פון די ערשטע.

אַזוי האָבן מיר אויסגעפירט די צוואה פון אונדזערע עלטערן. פון דער מאַמען וואָס האָט פון אונדז פאַרלאַנגט מיר זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען און פון אונדזער פאָטער וואָס האָט פאַרלאַנגט מיר זאָלן קומען קיין ירושלים.

אָט די אַלע שווערע איבערלעבענישן וואָס מיר האָבן געהאַט האָט אונדז געלערנט און דאַרפט אויך דינען פאַר אַנדערע פאַר אַ לערע, אַז ברודער און שוועסטער דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען און אַז אונדזער אַלעמענס וועג דאַרפט זיין ירושלים.

דאָס בילד

ירחמיאל און אברהם יוסף שער

עס זענען פאַרהאַן ווייניק פאָטאָס וואָס זאָלן דערציילן פון דעם גרויל פון אומקום. די דייטשן זענען דאָך ווייט נישט געווען פאַראינטערעסירט איבערצולאָזן פלאַסטישע דאָקומענטן פון זייערע באַרבאַריש רוצחישע טאַטן. דאָך איז געבליבן אַ געוויסע צאָל פאָטאָס, ווי עדות פון די היטלעריסטישע פאַרברעכנס. מיר באַקומען זיי פון צוויי הויבט קוועלן:

א) פון די דייטשישע מערדער; געטריי צו היטלערס ראַסן טעאָריע, וועלכע האָבן אין אומברענגען יידן נישט געזעען קיין שום חטא, דערצו האָבן זיי מיט פאָטאָגראַפירן די אייגענע גרויל־טאַטן געמיינט זיך צו באַרימען פאַר אייגענע גוטע פריינט און דערמיט האָבן זיי געהאָלפן צו פאַראייביקן פאַר דער געשיכטע די טאָטאַלע אומענטשלעכקייט פון דער היטלעריסטישער „אָבער־ראַסע".

ב) די צווייטע קוועלע איז פון יידישן מקור. געבליבענע פאָטאָס ביי די שרידים פון אונדזער פאָלק. ביי אַזעלכע וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב אָפּצוראַטעווען יעדן דאָקומענט, יעדן פאָטאָ וואָס זאָל דינען ווי אַן עדות פון דעם וואָס עס האָבן אונדז געטאָן די דייטשן, נישט נאָר פאַר דער געשיכטע נאָר אויך נאָכן ־זיג איבער די דייטשן צו קענען זיי אַוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, צו פאַרמישפּעטן פאַר די פאַרברעכנס, ווי אַ נקמה פאַר די מיליאָנען פאַרגאָסן אומשולדיק יידיש בלוט. (נקמה? — ווי האָט עס געזאָגט אונדזער גרויסער פּאָעט ביאַליק „נקמה כזאת, נקמת ילד קטן עוד לא ברא השטן").

דערפאַר האָבן די פאַרמשפּטע צום אומקום געהיטן יעדע פאָטאָ וואָס האָט נאָר געקענט דינען ווי אַ דאָקומענט פון היטלעריסטישע פאַרברעכנס. אָט האָבן מיר אין דעם בוך אַ פאָטאָ פון אַ ייד, זיין ווייב און זין, פאָטאָגראַפירט עטלעכע טעג פאַרן אָפּגעשיקט ווערן פון סקאַרזשיסקאָ קיין טרעמבלינקע, וואָס האָט באַדייט אָפּגעשיקט ווערן צום טויט. קוקן מיר זיך צו צום אויסדרוק פון די פּנימער וועלכע דוכט זיך זאָגן: — אייך פאַרשאָלטענע נאַציס וועט געלונגען אונדז אומברענגען ווי יחידים אָבער דאָס פאָלק וועט איר נישט פאַרניכטן „עם ישראל חיי". אונדז וועט איר דערמאָרדן אָבער מיר פאַרמאָגן נאָך צוויי זון וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אייערע פאַרבלוטיקטע נעגל און אויב וועט אַמאָל דער פאָטאָ דערגרייכן צו זייערע הענט וועלן זיי געדענקען און עס וועלן די ווייטערדיקע דורות געדענקען דעם פאַרברעכן קעגן אונדז. עס וועט אויפשטיין דאָס פאָלק צום לעבן אין איר אור־אַלטער היים און די שארית הפליטה פון אונדזער פאָלק וועט זאָרגן אַז קיינמאָל זאָל מער נישט מעגלעך זיין אַזאַ שחיטה.

אָט דעם דאָזיקן פאָטאָ האָט מיין פאָטער מאיר שער געשאָנקען צו אונדזער קוזינקע לוציאַ בריקס אין סקאַרזשיסקער געטאָ אין טאָג ווען מען האָט אים אָפּגעשיקט קיין טרעמבלינקע און דערביי האָט ער איר געזאָגט: — אונדז שיקט מען צום אומקום אָבער צוויי אונדזערע זין געפונען זיך ערגעץ אויף דער וועלט און אויב וועסט זיי אַמאָל ערגעץ באַגעגענען גיב זיי איבער דעם דאָזיקן פאָטאָ.

און אַזוי איז געשען: אונדזער קוזינקע לוציאַ בריקס איז ניצל געוואָרן פון די רוצחישע הענט צוזאַמען מיט אָט די פאָטאָ און מיט די זין פון מאיר און חנה איטה שער קומענדיק אין 1956 קיין ישראל האָבן פון איר האַנט באַקומען אָט דעם פאָטאָ.

די מורהדיקע שחיטה

אליעזר לעווין

אין חודש יולי 1945 האָב איך זיך אומגעקערט נאָך דער באַפרייונג פון לאַגער מאַטהאַוזען קיין סקאַרזשיסק. איך בין אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַציע איינס אַ זייגער ביי נאַכט, פאַרשטופּט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל און געוואַרט אַז עס זאָל ווערן טאָג, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט צו גיין אין מיטן דער נאַכט אין שטאָט אַריין.

פיר אַ זייגער, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָב איך זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין. כ׳בין אַראָפּ פון דער בריק אויף דער אילזשעצקאַ גאַס, אַריינגעקערעוועט זיך אויף דער סטאַשיצאַ גאַס, איך האָב נישט געזען קיין לעבעדיק נפש און ערשט אויף דער לימאַנאָווסקי גאַס געטראָפן אַ קאָלעיאַזש (אַ באַן אַרבעטער) און געפרעגט אים ווו עס געפינט זיך דער פּאָסטערונעק פון דער מיליץ. באַקומענדיק דעם ענטפער, אַז אויף דער 3טער מאַי גאַס אין הויף פון שמואל בריקס, בין איך דאָרט אַוועק. כ׳האָב זיי געוויזן מיינע דאָקומענטן, דערקלערט אַז כ׳בין אַן „אָביוואַטעל" (בירגער) פון דער שטאָט סקאַרזשיסקאָ און געפרעגט, צי כ׳קען איבערלאָזן אויף אַ קורצע צייט מיינע בידנע פּעקלעך. כ׳האָב גלייך באַקומען אַ גראָבן ענטפער אַז דאָ איז נישטאָ קיין „פּזשעכאָוואַלניע" (זאַכן־פאַרהיטונגסקאַמער). אויף מיין פראַגע צי געפינען זיך אין שטאָט ניצול געוואָרענע יידן, איז געווען די תשובה: — דאָ איז נישט קיין „דאָם אינפאָרמאַציני" (אינפאָרמאַציע־ביוראָ).

נאָך אַזאַ קבלת פּנים בין איך אַרויס אויף דער גאַס און טרערן האָבן מיך אָנגעהויבן צו שטיקן. די פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער מיר — ווו גייט מען אַצינד?... פּלוצינג איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ קריסטן, מיינס אַ געוועזענע קונה. איך האָב זי אָפּגעשטעלט — „טשי פּאַני מניע פּאָזנאַיע?" (צי דערקענט מיך נישט די פּאַני?). זי האָט מיך באַקוקט פון אַלע זייטן, געעפנט אויף מיר אַ פּאָר אויגן און געפרעגט אַ דערשטוינטע: — פּאַן יעשטשע זשיע? (איר זענט אויך געבליבן לעבן). דאָס איז געווען דער צווייטער קבלת פּנים...

איך האָב זיך פון איר דערוווּסט, אַז די יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען אין שטאָט, זענען קאָנצענטרירט אין דריי הייזער, אין יואל נאַפּטשאַזש הויז, נעבן דער „ליניעקע", אין הויז פון חיים גרינבערג און אין לייבוש לעווינס מויער. זי דערלויבט מיר איבערצולאָזן די פּעקלעך ביי איר און איך לאָז זיך אַוועק צום הויז פון לייבוש לעווין, ווו לויט דער קריסטין געפינען זיך, צווישן אַנדערע, יעקב און ברכה פּוטערמאַן. קלאַפּ איך אָן זעקס פאַרטאָג אין זייער דירה און פון יענער זייט טיר פרעגט מיך אַ פרויען־קול, ווער עס קלאַפּט. ענטפער איך, אַז „דאָס בין איך, לאָזער לעווין", גיט מיר אַ זאָג אָפּ ברכה פּוטערמאַן, „גייט אייך געזונטערהייט, לאָזער לעווין איז שוין לאַנג אויף יענער וועלט, ער קומט שוין באַלד פון דאָרט אויף אורלויב." בלייב איך שטיין אייניקע מינוט אָן לשון — „רבונו שו עולם, וואָס פּאַסירט דאָ, צי זענען די אַלע צרות און פּיין נאָך נישט גענוג פאַר מיר?... פון דער צווייטער זייט הער איך ווי זייער זון יענקעלע זאָגט דער מוטער, אַז ער מיינט אַז „דער קול איז ענלעך צו לאָזער

לעווינס קול. „מאַמעשי איך גיי עפּענען" — זאָגט ער און די מאַמע לאָזט אים נישט. ענדלעך, נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט דער מוטער, האָט מיר דער קליינער יענקעלע געעפנט די טיר און דערזעענדיק מיך, אויסגעשריגן ווי נישט מיט זיין קול: „מאַמעשי, כ'האָב דיר גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז לאָזער לעווין".

איך בין איבערגעטרעטן די שוועל פונעם צימער, פאַרלאָרן דעם לשון און געפאַלן אין חלשות ביי זייערע פיס. ווען איך בין געקומען צו זיך, זענען שוין ביי מיין געלעגער געשטאַנען כמעט אַלע סקאַרזשיסקער, וואָס האָבן געוווינט אין דעם הויז בראש מיט ד"ר קאָכאַן, וועלכן מען האָט אַרויסגערופן צו מיר. ס'איז אויך געקומען פרוי ווייצהענדלער, וועלכע איז געווען די פאָרזיצערן פון יידישן קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געשאַפן מיט עטלעכע חדשים פריער פון די באַפרייטע פון טשענסטאָכאָווער און אַנדערע לאַגערן. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָט מען מיר, אויף מיינע פראַגן, איבערגעגעבן אַז מיין טאָכטער מאַשע איז ניצול געוואָרן און געפינט זיך ביי איר שול־חברטע אין לאָדז. אויך בין איך דערגאַנגען די סיבה פאַרוואָס מען האָט מיך פאַררעכנט צווישן די טויטע; מענטשן, וועלכע זענען געפאָרן דריי וואָכן מיט מיין טראַנספּאָרט האָבן געזען, ווי מען האָט מיך איבערגעפירט אינעם וואַגאָן פון די טויטע. דאָס איז טאַקע געווען ריכטיק, אָבער, איך האָב נאָך דאַן געלעבט און געפונען אין דאָזיקן וואַגאָן אַ זעקעלע מיט צוקער, וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטןביים לעבן דריי מעת־לעתן, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דעם באַוווסטן טויטן־לאַגער גוזען 2 אין עסטרייך. דאָרט איז שוין געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש, אַלע קאַפּאָס זענען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אונדז אויף הפקר. צומאָרגנס דעם 5טן אַפּריל 1945 איז אַריין די ערשטע אַמעריקאַנער אַרמיי און אונדז באַפרייט פון אַ זיכערן טויט.

די צוויי שוועסטער הורוויץ זענען אַוועקגעפאָרן קיין לאָדז אָנזאָגן מיין טאָכטער די בשורה וועגן איר ניצול געוואָרענעם טאַטן. צומאָרגנס פרי איז געקומען אַן עקסטרע מאַשין מיט סקאַרזשיסקער פון לאָדז און מיט מיין מאַשען. עס איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן די ערשטע רעגעס פון אונדזער באַגעגעניש — געוויין און פרייד אויסגעמישט צוזאַמען. שמואליק מאַקסעל, אַ פלאַצקער, וועלכער האָט חתונה געהאַט נאָך דער באַפרייונג מיט פעלאַ שלאַק, (די חברטע ביי וועלכער מיין טאָכטער האָט זיך אויפגעהאַלטן), האָט זעענדיק מיין געזונט־צושטאַנד, גערופן דעם ד"ר קאָכאַן, אַרויסגענומען דעם טייסטער מיט געלט און געזאָגט אים: — „ראַטעוועט לעווינען, געלט איז נישט קיין פּראָבלעם, איך צאָל אים אָפּ דעם חוב וואָס כ'בין אים שולדיק פאַר בלייבן לעבן אין לאַגער „ווערק צע".

אָבער ד"ר קאָכאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען געלט פאַר זיין מעדיצינישער קוראַציע. איך האָב געדאַרפט באַקומען דאָזעס פּעניצילין און טראָץ דעם וואָס אין פּוילן איז אין יענע צייטן כמעט אוממעגלעך געווען צו קריגן די דאָזיקע רפואה, איז ד"ר קאָכאַנען געלונגען צו באַקומען עטלעכע אַמפּולעס אין „דזשוינט", וואָס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט צווישן די געראַטעוועטע יידן און ער האָט מיך אַ דאַנק זיי געשטעלט אויף די פיס.

אין חודש אלול זענען צוריקגעקומען פון די לאַגערן איטשע וואַרשאַוער, שמואל מילעט, חיים שיפּמאַן, שמאי וואַרשאַ'ער (זעליק וואַרשאַוערס זון), הענדל פעלדמאַן. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער סקאַרזשיסקער שארית הפליטה האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער צוויי־צימערדיקער דירה פון איטשע וואַרשאַוער, וואָס ער האָט מיט גרויס שוועריקייטן צוריקבאַקומען אויפן דריטן שטאָק פון זיין הויז, וואָס איז געווען באַזעצט מיט בלויז פּאָליאַקן.

ביי אים האָט מען געדאַוונט אין די ימים נוראים, דאָ האָבן געוווינט אברהם יצחק ימלער (דער שווער פון עליאַשעוויטשן, וועלכער איז אָנגעקומען קיין סקאַרזשיסק אַ קורצע צייט פאַר דער אויסזידלונג), חיים שיפּמאַן (געפינט זיך אין ישראל), הערשנפוס אַ זין פון בלאַכאַזש), דער שרייבער פון די שורות און פרוי לעוויטאָוואַ, אַ וואַרשאַווערין, וועלכע האָט געאַרבעט אין ווערק „צע" און איז נאָך דער באַפרייונג געווען באַשעפטיקט אין דער יידישער קיך אין שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אין עליאַשעוויטש'ס הויז. מיר האָבן געלעבט ווי אין אַ קאָמונע. חיים שיפּמאַן איז געווען דער בעל תפילה, דער שוחט, דער איינקויפער און אויך דער קוכער. פרנסה האָט מען געצויגן פון די טראַנספּאָרטן, וואָס זענען אָנגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד, גאַנצע עשאַלאָנען מיט רעפּאַטריאַנטן, מערסטנטייל יידן זענען געשטאַנען שעהן־לאַנג אויף דער קניפּל־סטאַציע אין סקאַרזשיסק. עס האָט זיך דאָ אַנטוויקלט אַ מסחר מיט אַלעס אין דער וועלט און איבערהויפּט מיט וואַלוטע: גאָלד, דאָלאַרן, רובלס, טשערוואַנצעס, דייטשע מאַרקן. די קאָלעיאַזשעס האָבן געקויפט ביי די רעפּאַטריאַנטן, פאַרקויפט די יידן און זיי האָבן געפירט די וואַליוטע און פאַרשידענע סחורות קיין לאָדזש.

איטשע וואַרשאַוער איז געווען דער רייכסטער פון אַלע. אַזוי ווי ער האָט נאָך געהאַט פאַרן קריג אַ גרויסע קליענטעלע צווישן די קאָלעיאַזשעס, איז ער געוואָרן איצט זייער הויפּט־אָפּנעמער. ער איז נישט געפאָרן קיין לאָדזש, נאָר געהאַט אָפּנעמער אויפן אָרט צווישן די ניצל געוואָרענע יידן פון סקאַרזשיסק.

די קריסטין העלענאַ גזשימאַקאָוואַ, וועלכע האָט געהאַט אַ געשעפט נעבן נייעם מאַרק און ביי וועלכער די יידן האָבן אויסבאַהאַלטן בשעת די דייטשער אָקופּאַציע זייער האָב און גוטס, האָט באַאַרבעט אַ טייוולאָנישן פּלאַן ווי אַזוי צו דערהרגענען און באַרויבן איטשען און זיינע מיטוווינער.

איינמאָל אין אַ ווינטער־פאַרנאַכט, ווען איטשע איז מיט דער פרוי לעוויטאָווע געגאַנגען אויף דער 3טער מאַי גאַס ביי דער ליניעיקע, האָט ער באַמערקט ווי עס שפּיאָנירט אים נאָך צוויי ציווילע מענטשן. ער האָט צוגעהיילט זיינע טריט, ווייל עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, אָבער ווען ער האָט נאָר באַוויזן צוצוקומען ביז יואל נאַפּטשאַזש הויז, האָבן זיי אים אָפּגעהאַלטן מיט געווער אין די הענט, פאָרגעשטעלט זיך אַלס „או.בע."־אַגענטן (זיכערהייטס־אַמס) און געהייסן אַריינגיין אין הויז, כדי אים צו רעווידירן אויב ער האָט נישט ביי זיך קיין אויסלענדישע וואַליוטע. איטשע האָט זיך נישט פאַרלוירן און אַריינגייענדיק אין פאַרטער פונעם הויז, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ טיר פון אַ דירה, אויפגעפּראַלעט זי מיט כוח און אַזוי, שטייענדיק ביי דער שוועל פון אַ קריסטלעכער שטוב, אָנגעהויבן אַרויסצונעמען פון זיין טאַש פּעקלעך מיט פּוילישע זלאָטעס און באַוויזן די כלומרשטע „או. בע."־באַאַמטע אַז זייער חשד איז גרונטלאָז. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן די פּוילישע איינוווינער, וועלכע האָבן געקאָנט איטשען, האָבן זיך די אָנפאַלער אָפּגעטראָגן, דראָענדיק, אים: „דו וועסט נאָך אַריינפאַלן אין אונדזערע הענט."

דער דאָזיקער פאַל האָט אָנגעוואָרפן אַ געוואַלדיקן פּחד אויף די פּאָר יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שטאָט. אין די אָוונטן האָט מען זיך נישט באַוויזן אין דער גאַס. דער גרעסטער טייל איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש, כדי צו זוכן וווינונגען, ווייל דאָס איז געווען די איינציקע שטאָט אין פּוילן, וווּ יידן זענען געווען זיכער מיטן לעבן. מיין טאָכטער איז געקומען צו מיר פון לאָדזש און אויסגעפּועלט ביי מיר איך זאָל פאַרלאָזן איטשעס דירה און ביז זי וועט געפינען פאַר אונדז אַ פּלאַץ אין דער

דאָזיקער שטאָט זאָל איך אַריבערגיין אין לייבוש לעווינס האָטעל וואָס האָט געהאַט אַ צונאָמען „האָטעל נענדזי״ (האָטעל פון דלות).

עטלעכע טעג נאָך דעם אָנפאַל אויף איטשען און אויף דער פרוי לעוויטאָווע זענען זיי געקומען צו מיר מיט שמואל מילעט און חיים שיפּמאַן צו מאַכן אַ טראַנזאַקציע מיט וואַליוטע. שמואל מילעט האָט אויך געהאַט צו פאַרקויפן אַ שטיקל באָקס־לעדער. דאָס שטיקל לעדער האָט שפּעטער געדינט אַלס באַווייז קעגן די רוצחים. ווען מען האָט געענדיקט די טראַנזאַקציע און אויסגעטרונקען אַ לחיים (מילעט האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ כוסה) האָב איך זיך אַרומגעזען אַז עס איז שוין 10 אַ זייגער ביי נאַכט. איך האָב געראַטן מיינע געסט זיי זאָלן נישט אַהיימגיין מיט די פּאַקעטן געלט איבערשלאָפן אינעם האָטעל. געפאָלגט האָט מיך נאָר חיים שיפּמאַן, וועלכער האָט געדאַרפט צומאָרגנס אַוועקפאָרן קיין לאָדזש. די איבעריקע זענען אַוועק אין איטשעס וואַרשאַוּערס דירה.

אין דער פרי זענען געקומען צו לויפן צו אונדז די זין פון קצב יעקב אלקנה, וועלכע האָבן געוווינט אין יואל נאַפּטשאַזש מויער, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות מיט איטשעס הויז צוזאַמען מיט דער פרוי אַראַטש, מיט עקיבא שיפּמאַן, שמערל בומשטיין און אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה אַז מען האָט ביי נאַכט דערמאָרדעט איטשע וואַרשאַוּער, שמואל מילעט, די פרוי לעוויטאָוואַ, דעם זון פון זעליק וואַרשאַוּער און דעם זון פון אייזיק בלאַכאַזש. זיי אַלע זענען ניצול געוואָרן פון היטלערס פאַרניכטונגס־לאַגערן און געפונען זייער טויט פון פוילישע מערדערישע הענט.

עס איז שווער צו באַשרייבן וואָס פאַראַ מוראדיקן רושם האָט אויף אונדז געמאַכט די דאָזיקע ידיעה. פרוי ווייצהענדלער, די פאָרזיצערן פונעם סקאַרזשיסקער הילפס־קאָמיטעט און די איינציקע וואָס איז געבליבן אין שטאָט, ווייל אַלע אַנדערע מיטגלידער זענען אַנטלאָפן קיין לאָדזש און דער שרייבער פון די שורות זענען געגאַנגען אין דער פּאָליציי, כדי צו מעלדן וועגן דער בלוטיקער שחיטה. דאָרט האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז זיי האָבן אויפן אָרט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך און אַז דער מאָרד איז אַ נקמה־אַקט פאַר אַ פּרווו צוריקצונעמען מיט כוח אַ יידיש קינד, וואָס איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע און מיר דאַרפן אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל אין דעם נוסח, אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע ווערסיע און אָפּגעזאָגט זיך אונטערשרייבן יעטוועדן דאָקומענט.

דער גרעסטער טייל פון די ניצול געוואָרענע יידן זענען אַנטלאָפן פון שטאָט און עס זענען אַ חוץ מיר געבליבן פרוי ווייצהענדלער, הערשל וואָלאָווסקי און זיין זון יאָמע, משה זיווילינערס קינדער לייבל און חוה און מאַניע בלאַכאַראָוויטש. מיר האָבן אַוועקגעשיקט מאַניע בלאַכאַראָוויטש אין יידישן קאָמיטעט קיין קיעלץ זיי זאָלן אונדז שיקן הילף כדי ברענגען צו קבורה די פינף קדושים. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט דאָס צו טון און מודיע געווען אונדז אַז זיי ווילן נישט איינשטעלן זייער לעבן...

פרוי ווייצהענדלער און איך זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן פון דער מאַכט צו אידענטיפיצירן די פינף הרוגים. מיר זענען מיט צוויי פּאָליציי־פאָרשטייער אַרויפגעגאַנגען אין דער דירה און עס האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ מוראדיק בילד. די דערהרגעטע זענען געלעגן אונטערן טיש אין אַ קאַלוזשע פאַרגליווערט בלוט. פרוי ווייצהענדלער האָט נישט אויפגעהערט צו ספּאַזמירן און נאָר איך אַליין האָב געמוזט פונאַנדערנעמען די טויטע און איבערקערן זיי מיטן פּנים אַרויף. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין דער פּאָליציי, האָט אונדז דער קאָמענדאַנט דערקלערט, אַז אויב מיר וועלן נישט באַגראָבן די קרבנות וועלן זיי דאָס טון אַליין.

אין מאַגיסטראַט זענען דעמאָלט געווען די הויפּט־זאָגערס די פאָרשטייער פון דער „פּ.פּ.ס.״ מיר האָבן זיך צו זיי געוואָנדן. זיי זענען גרייט געווען אונדז צו העלפן מיטן תנאי, אַז מיר וועלן פאַרוואַנדלען די לוויה אין אַ פּאָליטישע מאַניפעסטאַציע קעגן די שאָוויניסטיש־אַנטיסעמיטישע עלעמענטן. מיר האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיט דער טענה, אַז מיר וועלן קובר זיין אונדזערע מתים לויטן יידישן מנהג און ווילן נישט קיין פרעמד־צערעמאָניאַלע אָפיציעלע לוויה. מיר האָבן פון מאַגיסטראַט באַקומען פינף ליילעכער, פינף קאָצן, ברעטער און אויך אַ וואָגן מיט האָלץ, כדי אויפצולאָזן דעם שניי און צו דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע ערד. זיי האָבן אונדז אויך געגעבן דריי אַרעסטאַנטן, זיי זאָלן אויסגראָבן אַ ברודער־קבר. צום בית־החיים איז מיט זיי מיטגעפאָרן: יאָמע וואָלאָווסקי, לייבל בערגמאַן און לייבל זיווילינער און מיטגענומען פאַר זיי צוויי פלעשער וואָדקע און פּוילישע קאָלבאַסע. איך האָב מיט הערשל וואָלאָווסקי אָרגאַניזירט צוויי אויטאָס, איינעם פאַר די פינף קדושים און איינעם פאַר די באַגלייטערס. מיר האָבן געקלונגען קיין קיעלץ צו דער „או.בע.״ (זיכערהייטס אַמט), ווו דער קאָמענדאַנט איז געווען אַ יידישער קאַפּיטאַן מיטן נאָמען אַלפּערט און געבעטן, אַז ער זאָל אונדז שיקן אַ באַוואָפנטע באַגלייטונג, ווייל מיר האָבן מורא פאַר אונדזער לעבן. איידער עס האָט געדירט דער לוויה־צוג האָבן לויט זיין באַפעל זיך צוגעשטעלט צו אונדז פינף ציוויל־געקליידעטע אַגענטן.

נאָכן פאַרשיטן דעם ברודער־קבר האָב איך זיך אַרומגעקוקט צי ס׳איז דאָ אַ מנין יידן, כדי כ׳זאָל קענען זאָגן קדיש, האָט מיר אַריינגערוימט אין אויער איינער פון די „או.בע.״־אַגענטן: „זאָגט קדיש, מיר זענען יידן״. אַזוי האָב איך געזאָגט דעם ערשטן און לעצטן קדיש נאָך די פינף אומגעקומענע קדושים.

די „או.בע.״ אין קיעלץ האָט באַפוילן אַדורכצופירן אַן אויספאָרשונג. עס האָט זיך צו זיי געמאָלדן דאָס מיידל קאָפּעלוווונא (פאַר דער מלחמה האָט זי געאַרבעט ביי איר קרוב אין סקאַרזשיסק בערעלע קאָפּעל אינעם געשעפט פון בלוי־געפעס). זי איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און אַריינגעוואָרפן זיך אינעם וואַלוטע־האַנדל און געהאַט משא־ומתן מיט דער גזשימקאָוואַ. זי האָט איבערגעגעבן אַז צוויי טעג פאַר דער שחיטה־נאַכט איז זי אַדורכגעגאַנגען פאַרביי דעם געשעפט פון דער דאָזיקער קריסטן און געזען ווי זי זיצט ביי אַ טישל מיט דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ און מיט נאָך אַ מיליציאָנער. זי האָט באַמערקט ווי די גזשימקאָוואַ ווייזט אָן אויף איר. די זאַך איז איר געווען זייער פאַרדעכטיקט. האָט זי צוגעאיילט אירע טריט, אַדורך עטלעכע גאַסן און אַריין צו אַ באַקאַנטער קריסטן, וועלכע האָט איר אויסבאַהאַלטן, אַליין אַרויס אין דרויסן און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. באַלד זענען אָנגעקומען צוויי מיליציאַנטן און געפרעגט, צי זי האָט נישט געזען אין וועלכן הויז איז אַריין די „זשידווקע״. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט געזען די זשידווקע״ לויפן אין אַן אַנדער ריכטונג...

דער יידישער קאַפּיטאַן אַלבערט פון דער קיעלצער „או.בע.״ איז אָנגעקומען אין סקאַרזשיסק און געפאָדערט אַ דין וחשבון פון דעם שטאָטישן זיכערהייטס־אַמט וועגן דעם אויסגאַנג פון דער אויספאָרשונג. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז כמעט גאָרנישט געטון געוואָרן כדי אויסצוגעפונען די מערדער, האָט ער געמאָלדן אַז ער וועט אַנטדעקן די פאַרברעכער מיט זיינע מענטשן.

ער האָט באַקומען די גילזן פון די קוילן און איז אַוועק ביי נאַכט אין דער דירה פונעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ. דער קאָמענדאַנט איז געווען אין דינסט אויף דער באַן־סטאַנציע און



מיר וועלן דורכהאַלטן

אין זיין אָפּוועזנהייט האָט ער דורכגעפירט אין זיין הויז אַ רעוויזיע. אין קעלער האָט מען געפונען צווישן פאַרשידענע סחורות, געברויך־אַרטיקלען, טייערע שטאָפן און צירונג און אַ רעוואָלווער, וועלכער איז געווען פון דעם זעלבן קאַליבער ווי די אויסגעשאָסענע גילזן. דאַן איז ער אַוועק אויפן באַן־וואַקזאַל, אים אַרעסטירט, אַוועק־געשיקט קיין קיעלץ און אויף זיין רוף דאָרטן אָנגעקומען צוויי „או. בע.״־אָפיצירן קיין סקאַרזשיסק מיט עטלעכע „או. בע.״־מיט־גלידער. זיי זענען געגאַנגען אין הויז פון דער גזשימקאָוואַ און זי אַרעסטירט נאָך אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. דער מיליציאָנער, וואָס האָט אָנטיילגענומען אינעם מאָרד איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער מאַכט, ווען ער האָט געוואָלט אָדורכפירן אַ רויב־אָנפאַל ביי אַ פויער אינעם דאָרף סקאַרזשיסקאָ־קאָסציעלנע.

צומאָרגנס פרי, נאָכן אַרעסט פונעם מיליציע־נאַטשאַלניק און דער פרוי גזשימקאָוואַ, זענען די פרוי ווייצהענדלער, די פאָרזיצענדערין פון יידישן קאָמיטעט, חיים שיפּמאַן און דער שרייבער פון די שורות, וועלכע האָבן געוווינט אין דער דירה פון איטשע וואַרשאַווער, אויפ־געפאָדערט געוואָרן פון אַלבערטן בייצוזיין ביי די רעוויזיעס, וועלכע וועלן ווערן אַדורכגעפירט ביי די פאַרברעכערס, כדי אידענ־טיפיצירן די זאַכן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהערט צו די קרבנות.

ביי די גזשימקאָוואַ איז אַנטדעקט געוואָרן פאַרשידן האָב און גוטס, וואָס די סקאַרזשיסקער יידן האָבן איר איבערגעגעבן אויס־צובאַהאַלטן, בתוכם גאַנצע מאַגאַזינען פון פוטער־מאַנטלען און אַ סך טייערע מאַנטלען, וואָס איטשע האָט איר איבערגעגעבן פון זיינע צוויי קאָנפעקציע געשעפטן, וואָס ער האָט געהאַט אין שטאָט פאַר דער מלחמה. דאָס אַלץ איז געוואָרן קאָנפיסקירט, אָנגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט. מען האָט אָבער נישט געפונען קיין שום אָנגערויבטע זאַכן פון איטשעס איצטיקער וווינונג. אין דער לעצטער רגע אָבער, האָב איך באַמערקט אין קיך אַ שענקל, וואָס מיר איז געווען פאַרדעכטיקט, ווייל עס איז נישט געשטאַנען אויפן געהעריקן אָרט. ווען מיר האָבן דאָס שענקל אַוועקגערוקט, האָט זיך באַוויזן אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ פינצטער שטיבל. צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג האָבן מיר דאָרט געפונען אַ גרויסן טייל פונעם רויב און פערזענלעכע זאַכן פון די דערמאָרדעטע. איך האָב דאָרט אַנטדעקט אַ שטיק פון דעם לעדער, וואָס חיים שיפּמאַן און איך האָבן אין דעם אָוונט פאַרן מאָרד געקויפט ביי שמואל מילעט. די רוצחים האָבן דאָס לעדער צעטיילט צווישן זיך אין דריי גלייכע חלקים, ווייל די אַנדערע צוויי טיילן האָט מען געפונען ביים קאָמענדאַנט און ביי דעם מיליציאָנער, ביי וועלכן מען האָט אויך געמאַכט אַ רעוויזיע און אַנטדעקט אין זיין דירה, צווישן אַנדערע, צוויי טלית־קטנס און איטשע וואַרשאַווערס צוויי אַנצוגער.

די בלוטיקע, גרויזאַמע רוצחים זענען דורכן קרייז־געריכט אין לאָדזש, ווייל מ׳האָט זיי מורא געהאַט צו האַלטן אין קיעלצער תפיסה, פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט. זיי זענען זאַלבערדריט אויפגעהאָנגען געוואָרן אין דער לאָדזשער טורמע. כן יבדו.

מיין היים

חיה שפיראָ

ווען עס קומט אָן די שעה פון טרויער, ווען עס גייען אַדורך פאַר די אויגן ווי אין אַ בלוטיקן קאַליידאָסקאָפּ די מוראדיקע געשעענישן פון אונדזער חורבן, שווימט פאַרביי פאַר די אויגן פון מיין זכרון דאָס הויז פון מיינע עלטערן ווי אַ העלער פונקט אין ים פון שרעק און פיין. איצט, אין פערספּעקטיוו פון דער צייט, ווייס איך אָפּצושאַצן אַז מיין היים און די דערציונג, וואָס איך האָב באַקומען פון מיינע עלטערן האָבן מיר געגעבן דעם כוח אויסצוהאַלטן די גרויזאַמע תקופה און אַרויס אַ גאַנצע כדי אָנצוהויבן פון דאָס ניי אין אונדזער מדינה.

מיין פאָטער געצל ראָזענבערג און מיין מוטער דבורה, פון דער היים האָראָוויץ, האָבן געהאַט דריי זין און דריי טעכטער. מאיר און מענדל זענען געווען עלטער פון מיר, נאָך מיר זענען געקומען פערל און מלכה; דער יינגסטער איז געווען הערץ.

אונזער משפחה האָט זיך מפרנס געווען פון אַ קליין זאָקן־פאַבריק און פון פאַרשפּרייטן צייטונגען. אַ חוץ דעם האָבן מיר געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געוועלבל און איך מיט פערלען האָבן זיך פאַרנומען מיט צוויי פרויען פּראָפעסיעס — מיין שוועסטער האָט געמאַכט גאָרסעטן און איך דאַמען־היטן.

מיין פאָטער איז געווען אַ פרומער ייד, אַ זשאַרקער חסד. ווען זיין רבי האָט זיך איבערגעטראָגן קיין טשענסטאָכאָוו, פלעגט דער פאָטער פאָרן צו אים אָפטמאָל אויף שבת אָדער יום־טוב. ער האָט דערצויגן זיינע קינדער אין שטרענג יידישן גייסט. מקפיד געווען זיי זאָלן גיין אין זיינע וועגן. האָבן טאַקע מיינע ברידער געלערנט נאָר אין חדרים און שפּעטער ביי גמרא־מלמדים. מיין עלטערער ברודער מאיר האָט געלערנט אין אַ ישיבה, פריער אין מלאַווע און שפּעטער אין לובלין. ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין פינטשעוו, ווו זיין פרוי האָט געצויגן פּרנסה פון אַ שניט געשעפט און ער איז געזעסן יום ולילה ביי דער גמרא. דער יינגסטער, מענדל האָט זיך שוין אָנגעשטעקט מיט וועלטלעכקייט, געלייענט אַ ציוניסטישע צייטונג און פּוילישע ביכער און בכלל געווען מער אויפגעקלערט. ער האָט חתונה געהאַט משעת דער מלחמה קיין פשיסכע און אומגעקערט זיך אין יאָר 1942. קורץ פאַר דער אויסזידלונג אין סקאַרזשיסקער געטאָ. בשעת דער סעלעקציע האָט מען אים געשיקט אַרבעטן אין לאַגער „האַסאַג" אין ווערק „א", ווו ער איז קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס און דערשאָסן געוואָרן פון די נאַצישע אויפזעער. אויך זיין פרוי און קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשן. דער גורל פון מאיר און זיין משפחה איז מיר ביז היינט אומבאַוווסט.

אויך מיין שוועסטער פערל איז אין סקאַרזשיסקער געטאָ קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און בשעת דער אויסזידלונג, אין חודש סעפּטעמבער 1942, ווען די מחבלים זענען אַריין אין די הייזער צו קאָנטראָלירן צי אַלע זענען אַוועק אויפן אויסזידלונג־פּלאַץ און געטראָפן זי ליגן אין גרויס היץ, האָבן זיי זי געשאָסן אויפן אָרט פאַר דער מאַמעס אויגן. די מוטער צוזאַמען מיטן יינגסטן ברודער הערץ זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעמבלינקע.

מיין פאָטער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין יאָר 1941 אין עלטער פון 58 יאָר. זיין גוף און גייסט האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם געטאָ־פּיין און די נגישות פון די נאַציס און פונעם יודנראַט. די דייטשן פלעגן אים כאַפּן צו דער אַרבעט און איינמאָל האָט ער זיך פאַרקילט און באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג. נאָך צען־טאָגיקן געראַנגל מיטן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן זיין נשמה דעם בורא עולם און נאָך זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל.

פון דער גאַנצער משפחה זענען געבליבן לעבן מיין שוועסטער מלכה און איך. מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע לאַגערן און עולה געווען קיין מדינת ישראל.

דער טאַטע האָט געוואָלט אַרומרינגלען די יידישקייט פון זיין משפחה, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען. דווקא אין הויז פון זיין לייבלעכער שוועסטער איז אַריינגעדרונגען דער ציוניזם. איר זון יעקב האָט באַשלאָסן עולה צו זיין ארץ ישראל. דאָס איז געווען יעקב שפּיראָ — מיין היינטיקער מאַן. נאָך פאַר זיין אַוועקפאָרן



עס זיצן אין דער ערשטער ריי: רבקה ווייצמאַן און חיה ראָזנבערג.
אין דער צווייטער ריי: איטקע אורבאַך, פערל ווייצמאַן.
עס שטייען: רבקה פיש, חיה פּאַסטערנאַק, דינא־לאה ווייצמאַן.
אין דער דריטער ריי: רבקה פיש.

האָבןביידע משפחות געטראַכט וועגן אַ שידוך און מיין פרומער מאַמען איז אָט דער שידוך זייער געפעלן. ווייל דעם טאַטנס שוואָגער האָט געשטאַמט פון גרויסן רבנישן יחוס, וואָס האָט געקאָנט מכפר זיין אויף דעם ציוניסטישן „פּגם". וועגן דעם, מען זאָל שטעלן אַ חופּה און איך זאָל מיטפאָרן מיט יעקבן קיין ארץ ישראל האָט אָבער די מאַמע נישט געוואָלט הערן. די הויפּט־סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס נישט ווייט פון אונדז האָט זיך געפונען דער הכשרה־קיבוץ פון דעם „החלוץ", אין וועלכן מען האָט געזען יינגלעך מיט מיידלעך נאָך דער אַרבעט אין איינעם פאַרברענגען, זינגען און טאַנצן און דאָס איז געווען פאַר מיין מאַמען ממש געגליכן צו שמד.

אַזוי אַרום בין איך געבליבן אין סקאַרזשיסק און עס איז מיר באַשערט געווען אַדורכצומאַכן דאָס גרעסטע אומגליק פון מיין משפחה און פון אונדזער פאָלק פון דעם סאַמע נאָענטסטן דיסטאַנץ.

סקאַרזשיסק אין 1945

יוסף בריקס

קיין סקאַרזשיסק בין איך צוריקגעקומען אַלס זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי, געקומען צו באַפרייען די פוילישע ערד פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. שטיי איך דער באַפרייער אין מיין אייגן חרובן שטעטל, כ׳דערזע מיין היים, ווי מיין טאַטע האָט צום ערשטן מאָל געפירט מיך אין חדר, ווי כ׳האָב אַמאָל געקענט יעדן שטיין, יעדן בוים. מיין האַרציק יידיש שטעטל, וואָס כ׳האָב אין איר אַמאָל געזעען דעם צענטער פון דער וועלט.

איר מוטער חנה פעלדמאן, אומגעקומען בעת דער אקופאציע אין 42 יאר.
איר שוועסטער חוה פון ווארשע, אומגעקומען בעת דער אקופאציע אין 42 יאר.
איר שוועסטער יוכבד פון סקארזשיסק, אומגעקומען בעת דער אקופאציע אין 42 יאר.
איר ברודער יוסף פון סקארזשיסק, אומגעקומען בעת דער אקופאציע אין 42 יאר.
איר ברודער לייביש פון סקארזשיסק, אומגעקומען בעת דער אקופאציע אין 42 יאר.
איר זיידן לייבוש־יוסף פעלדמאן, נפטר געווארן פאַר דער מלחמה.
איר באבע צירל, אומגעקומען אין 42 יאר.
כבוד זייער אנדענקונג!




צירל אשת לייבוש־יוסף פעלדמאן ז״ל
עם נכדיה שרה ואלי

קרים הערש לייב געבוירן אין 1921 אין סקארזשיסק, געוועזן בעת די אקופאציע אין רוסלאנד, וווינט איצט אין פאריז. פאראייביקט:
זיין פאטער יעקב קריס, וואס איז מיט דער אייכמאן עקס־פעדיציע געשיקט געווארן נאך בוכנוואלד דערנאך שליביען און טערעזינשטאט, אומגעקומען אין דייטשלאנד.
זיין מוטער מאלע קריס, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
זיין שוועסטער חיה קריס, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

כבוד זייער אנדענקונג!



משפחת קריס



די פרוי פון משה גראסמאן ז״ל



משה גראסמאן ז״ל
מיט זיין טאכטער ז״ל

שפרה ראזנהאלץ (פון דער היים גראסמאן), געבוירן אין סקארזשיסק, געווען בעת דער אקופאציע אין „האסאג״, לעבט היינט אין ישראל. פאראייביקט:

איר פאטער משה לייב גראסמאן, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

איר מוטער צירל, אומגעקומען אין אסטראוויץ אין 42 יאר.

איר שוועסטער צייטל, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

איר ברודער שמואל זיינוול גראסמאן, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

איר ברודער ישראל גראסמאן, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

איר ברודער ישכר גראסמאן, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

איר שוועסטער אסתר גיטל גראסמאן, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

איר שוועסטער רויזע, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

זיין פרוי פייגע גראסמאן, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

כבוד זייער אנדענקונג!




שמואל גראסמאן ז״ל
זיין שוועסטער צילה ז״ל

המשך פון זייט 207
צום נעקראָלאָג פון שפרה ראָזנהאָלץ



צילה גראסמאן ז״ל
ואחותה רוזה בת שנתיים ז״ל



ישראל גראסמאן ז״ל
רוזה גראסמאן ז״ל

יעקב פוטערמאן געבוירן אין סקארזשיסק, בעת דער אקופאציע געווען אין סקארזשיסקער לאגער, לעבט היינט אין דרום אפריקע. פאראייביקט:

זיין פאטער יוסל פוטערמאן, אומגעקומען אין „האסאג״ אין 42 יאר.

זיין שוועסטער צירל פוטערמאן, אומגעקומען אין שידלאוועצ אין 42 יאר.

זיין באבע צירל דיאמנט, אומגעקומען אין סקארזשיסק אין 42 יאר.

כבוד זייער אנדענקונג!



שמחה בריקס ז"ל
שוכב בקבר
דערמאָרדעטער סעקרעטאַר פון דער רעליגיעזער קהילה
אין סקאַרזשיסק

אַ דערשלאָגנדיקן איינדרוק האָט לעצטנס געמאַכט אויף די יידן אין סקאַרזשיסקא־קאַמיענאָ דער נייער אנטי־יידישער מאָרד.

אין דער נאַכט פון 14־טן—15־טן מאַי 1945, אַ זייגער 11, צוריקגייענדיק פון דער באַן זענען אויף דער פּילסודסקי־גאַס באַשאָסן געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע מערדער דער 25־יאָריקער בריקס שמחה מיט זיין כלה די 20־יאָריקע סאָניע מילשטיין.ביידע זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. אויף די יאָמערלעכע געוואַלדן און קרעכצן פון די קרבנות איז אָנגעקומען די באַן־פּאָליציי וואָס האָט די צוויי יידן תיכף אָפּגעפירט אויף דעם פאַרבייפאָרנדיקן צוג קיין קעלץ אין שפּיטאָל אַריין. אויפן וועג אין צוג איז בריקס געשטאָרבן. דאָס מיידל האָט מען אין שפּיטאָל געמאַכט אַן אָפּעראַציע און אַרויסגענומען עטלעכע קוילן פון בויך. צוליבן גרויסן בלוט־אָפּפלוס האָט זי עס אָבער נישט אויסגעהאַלטן און נאָך גרויסע יסורים געשטאָרבן.

כבוד זייער אָנדענק!

זעלדע פלאם געבוירן אין סקאַרזשיסק, לעבט היינט אין קאַנאַדאַ בעת דער אָקופּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק, פאַראייביקט:

אירע שוועסטער זיסל גיל, רבקה גיל, לאה גיל, און שמואל גיל, אַלע אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

אויך איר פעטער יצחק ריכטער מיט זיין פרוי אסתר (גיל) ריכטער מיט זייערע זין, אַלע אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענק!

חיים שיפמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג", לעבט היינט אין ישראל, פאַראייביקט:

זיין מוטער רחל לאה מאלץ, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

זיין שוועסטער אסתר מינדעל, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

זיין שוועסטער חנה קריינדל, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

זיין שוועסטער מרים ראָזענפעלד, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

מינדל שיפמאן און אירע קינדער:

ישראל שיפמאַן, אברהם יהודה, אסתר־נאכע, מענדל, אַלע אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענקונג!

עזריאל זילבערבערג פאַראייביקט:

שרה און משה בריקס, חוה און מנשה דיקשטיין, מנחם מענדל און לאה זילבערבערג.

חנן און אסתר פישביין. די קינדער: חנה, אסתר, ראָזע, פאַוול, ביניש, גאָלדעלע.

כבוד זייער אָנדענקונג!

טאלא מארכעווסקא, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין אַ לאַגער ביי לייפּציק, לעבט היינט אין קאַנאַדאַ פאַראייביקט:

איר פאָטער שלמה ליפשיץ, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.

איר מוטער דבורה ליפשיץ, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

זי פאַראייביקט מענדל און פעסע דריינאַדל, פישל און טובאַ ליפשיץ.

כבוד זייער אָנדענקונג!

אסתר קוואשניעווסקי, געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק. לעבט היינט אין אמעריקע, פאראייביקט:

איר פאָטער אשר עליאַשעוויטש, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

איר מוטער חנה עליאַשעוויטש, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענקונג!

רבקה טאדלעס פאַראייביקט:
איר פאָטער משה פרישמאַן, איר מוטער חנה, אירע ברודער שמואל יחזקאל און יצחק, זיר שכן אַביגדור שיקמאַן אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער.
כבוד זייער אָנדענקונג!



חנה פרישמאַן ז״ל



יעקוב פרישמאַן

דער קאָמיטעט יוצאי סקאַרזשיסקאָ פאַראייביקט:
יחיאל ווייטמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
רבקה ווייטמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
כבוד זייער אָנדענקונג!

רחמה (ערליכמאַן) פיש געבוירן אין שידלאָווצע. בעת דער אָקופּאַציע געוועזן אין סקאַרזשיסק, לעבט היינט אין ניו־יאָרק. פאַראייביקט:
איר פאָטער אברהם דוד ערליכמאַן, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.
פערל גאָלדנער ערליכמאַן, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.
איר שוועסטער חנה און הערשל ערליכמאַן.
איר זיידע רפאל יוסף און באָבע אסתר לאה ערליכמאַן, אומגעקומען אין שידלאָוויצע אין 42־טן יאָר.
ראובן און פערל ערליכמאַן און זייערע קינדער באַלטשע און אסתר, אלע אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.
איר זיידע הירש לייב גאָלדנער און באָבע לאה רבקה גאָלדנער.

כבוד זייער אָנדענקונג!

אײדעלע (גלעזער) גינזבורג, געבוירן אין סקאַרזשיסק, לעבט היינט אין אמעריקע, פאַראייביקט:
איר פאָטער ברוך גלעזער, אומגעקומען אין לאַגער שליבען.
איר מוטער פריידל גלעזער, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.
אירע קוזינען ברוך און זיין פרוי נחמה גלעזער, זייערע קינדער יוכבד, יטע און פייגע, אַלע אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.

כבוד זייער אָנדענקונג!

חיה (בינשטאָק) ראָזענבערג, געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע געוועזן אין סקאַרזשיסק. לעבט איצט אין אַמעריקע, פאַראייביקט:
איר פאָטער משה בינשטאָק, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
איר מוטער חנה בינשטאָק, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
אירע שוועסטער פּטע, רבקה און ליבע.
פאַראייביקט אויך: אהרון בינשטאָק, געשטאָרבן אין לאָדזש.
באַלטשע און ליבע בינשטאָק, פייגע און אברהם וואָלאָווסקי.

כבוד זייער אָנדענקונג!

העניע (רוש) טופּף געבוירן אין סקאַרזשיסק, אין דער צייט פון אָקופּאַציע געוועזן אין סקאַרזשיסק און טשענסטאָכאָוו. לעבט היינט אין ישראל. פאַראייביקט:
איר פאָטער מאיר רוש, אומגעקומען אין וואַרשע.
איר מוטער חיה (צינגיסער) רוש און שוועסטער בלומע, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.
איר זיידן מענדל צינגיסער, איר באָבע איטע צינגיסער און דוד צינגיסער מיט זיין משפּחה.

כבוד זייער אָנדענקונג!

דארא ווייסמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אַקו־פּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק, לעבט איצט אין אַמעריקע. פאַראייביקט :
איר פאָטער אברהם ווייסמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 40־טן יאָר.
איר מוטער יטאַ ווייסמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 40־טן יאָר.
איר שוועסטער ראָזאַ און ברודער חיים און יעקב ווייסמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
איר באָבע חנה אסתר ריינאַפּעל, מומע דאָראַ ריינאַפּעל, פעטער מאָטל ריינאַפּעל, י. קירשנבוים, י. גוטמאַן, הירש ווייסמאַן, מומעס : חיה גוטמאַן און ראָזאַ קירשנבוים.

כבוד זייער אָנדענקונג!

ישראל שיקמאַן געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אַקו־פּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק, לעבט היינט אין אַמעריקע. פאַראייביקט :
פאָטער אביגדור בן מענדל שיקמאַן, אומגעקומען אין טרעמ־בלינקע אין 42־טן יאָר.
זיין מוטער פייגע־רחל בת מרים, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
זיינע שוועסטער טשערנע, יהודית, צפורה, פערל און ברודער הערש לייב שיקמאַן, אלע אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
זיין זיידע מענדל שיקמאַן און זיין באָבע אלטע מרים.
זיינע שכנים רחל פרידמאַן מיט איר פאַמיליע און יונה קופערמאַן מיט דער פאַמיליע. קיינער נישט געבליבן לעבן פון אָט די פאַמיליעס.

כבוד זייער אָנדענקונג!

טובא (דריינאַדל) קליינמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג" לעבט איצט אין אַמעריקע. פאַראייביקט :
איר פאָטער בערל דריינאַדל, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
איר מוטער רבקה דריינאַדל, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
איר ברודער אברהם יצחק, שמואל הערש, לייביש דוד, ישראל בן־ציון דריינאַדל, אלע אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
אירע שוועסטער זלאַטע און שיינדל, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

כבוד זייער אָנדענקונג!

דער קאָמיטעט יוצאי סקאַרזשיסק פאַראייביקט :
משה פרישמאַן, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.
חנה פרישמאַן, אומגעקומען אי 42־טן יאָר.
יחזקאל פרישמאַן, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.
יצחק פסח פרישמאַן, אומגעקומען אין 42 יאָר.

כבוד זייער אָנדענקונג!

רעגינע צוקער, געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האסאג", לעבט אין ישראל, פאַר־אייביקט :
איר פאָטער שמואל יעקב ראָזענצווייג, אומגעקומען בעת דער אויסזידלונג.
איר מוטער חיה פרומע ראָזענצווייג, אומגעקומען בעת דער אויסזידלונג.
אירע שוועסטער רייזל, שרה, דבורה. אירע ברידער מאָטל און יצחק, אלע אומגעקומען. איר ברודער קבי, דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

כבוד זייער אָנדענקונג!



יצחק ראָזנצוויג ז"ל
מען האָט אים גערופן די בוזשע



וועלוול ראָזנצוויג ז"ל

דאַרא קאופמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק. לעבט היינט אין אַמעריקע. פּאַראייביקט:
איר פאָטער לייזער כאַסמאַן, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.
איר מוטער מלכה כאַסמאַן, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.
איר קינד משה, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42טן יאָר.
איר באָבע הינדע, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענק!

רחל שניידער (בראַניעוווסקי) געבוירן אין סקאַרזשיסק, אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, געווען אין די לאַגערן: סקאַר־זשיסקאַ, ראַווענסברוק און בערגן־בעלזן, היינט אין ישראל. פאַראייביקט איר פאָטער יחיאל בראַניעוווסקי, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
איר מוטער שרה בראַניעוווסקי, אומגעקומען אין טרעבלינקע אין 42־טן יאָר.
אירע ברידער: אייזיק און יעקב בראַניעוווסקי, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.
איר באָבע גיטל טעלערמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענקונג!

איטקע (כהן) קאראל געבוירן אין סקאַרזשיסק, אין דער צייט פון אָקופּאַציע געווען אין רוסלאַנד, לעבט איצט אין ניו־יאָרק. פאַראייביקט:
איר מוטער מרים גיטל כהן.
איר פאָטער משה דוד כהן.
אירע שוועסטער צירל לאה און רחל כהן.
אירע ברידער שמואל הענעך, אליהו פנחס, אברהם יוסף כהן.
אירע שוועסטערס און ברידערס קינדער, איר ברודערס ווייב מיט איר משפחה, איר שוועסטערס מאַן זילבערבערג און ירחמיאל גאָלדשלעגער.
אירע קרובים חייקע מיט אירע קינדער, סימע און מטולקע מיט זייערע קינדער.
נישט באַוווסט ווי זיי זענען אומגעקומען.

כבוד זייער אָנדענקונג!

אסתר פעלדמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק, לעבט אין אַמעריקע, פאַראייביקט:
איר פאָטער מענדל פעלדמאַן, אומגעקומען אין מיידאַנעק.
איר מוטער חנה, אומגעקומען אין מיידאַנעק.
איר מאַן פסח פעלדמאַן, אומגעקומען אין אַ בונקער.
איר קינד רבקהלע פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
אירע קרובים יחיאל פעלדמאַן און מירל צוקער און איר טאָכטער שרה צוקער.

כבוד זייער אָנדענקונג!

אריה דימאַנט, געבוירן אין סקאַרזשיסקאָ־קאַמ., לעבט אין ישראל, פאַראייביקט:
זיין פאָטער חיים יהושועה,
זיין מוטער חנה,
זיין ברודער יוסף,
זיינע שוועסטער רייזל און באַלטשע,
אַלע אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

כבוד זייער אָנדענקונג!

אייזמאַן שלמה, געבוירן אין סקאַרזשיסק, אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע געווען אין רוסלאַנד, לעבט היינט אין ישראל. פאַראייביקט:
זיין פאָטער הערש אייזמאַן, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.
זיין מוטער מרים, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.
חיים בינעם שיפּמאַן, אומגעקומען אין שידלאָוועצע.
זייערע קרובים: ישראל וואָלף יוסטמאַן, טובע לאה און זיין פעטער פישל אייזמאַן, מומע גיטל אייזמאַן און זייערע קינדער: גוטעק, שמשון, סרולעק, דבורה און יעטקע, גע־שטאָרבן אין געטאָ.
זייערע קרובים: ישראל וואָלף יוסטמאַן, טאָבע לאה און שמואלן. אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.

כבוד זייער אָנדענקונג!

אברהם בריקס, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקו־פּאַציע געווען אין רוסלאַנד, לעבט היינט אין קאַנאַדע פאַראייביקט:
זיין פאָטער אשר בריקס, אומגעקומען אין שידלאָוועצע אין 42־טן יאָר.
זיין מוטער עטל, אומגעקומען אין שידלאָוועצע אין 42־טן יאָר.
זיין שוועסטער בראָנקע און ברודער שמעון, אומגעקומען אין שידלאָוויצע אין 42־טן יאָר.
זיין פרויס פאָטער עליאש וויניאַטש, דערשאָסן געוואָרן אין בליזשין.
איר מוטער בלימע וויניאַטש, געשטאָרבן פאַר דער עוואַקואַציע.
איר שוועסטער חוה און פערל, איר ברודער אהרן מיט זיין איינציק מיידעלע.
זיין זיידע גאָדל בריקס און באָבע מינדל בריקס, אומגעקומען אין אווישוויץ.
זיינע קרובים: פינחס, חיים מענדל, דוד בריקס, חנה בריקס מיט איר משפחה און בעלע מיט איר מאַן.

כבוד זייער אָנדענקונג!

ר׳ ישראל ראָזנבערגס ברודער

אין יאָר 1887 האָט ר׳ ישראלס יינגערע ברודער אברהמלע באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די אַלטע היים און צו עמיגרירן קיין אַמע־ריקע. ר׳ ישראלן האָט דאָס זייער ווי געטאָן, ער האָט מורא געהאַט אַז דער ברודער וועט חלילה אַראָפּ פון דרך הישר. מען האָט אים נישט געקענט אָפּהאַלטן דערפון. נאָכן אװעקפאָרן איז ר׳ ישראל געזיצן „שבעה" נאָכן ברודער.

אברהמלע, נאָכן ערשטן וועלט־קריג בלייבנדיק אַן אלמן, פאַר־לאָזט ער די גאַנצע משפחה, עולה געווען קיין ישראל, באַזעצט זיך אין ירושלים אין די אַלט־שטאָט אין די ישיבה „חיי־עולם".

איך האָב אים אַ סך מאָל באַזוכט אין ירושלים. אַ ייד מיט אַ ברייטע גראָע באָרד מיט גראָבע פּאות געווױנט אין די ישיבה אין אַ קליין צריפל, אַליין זיך באַדינט. מ׳האָט אים יעדעס מאָל געטראָפן זיצן ביי אַ בלאַט גמרא אָדער ביי אַן אַנדער ספר.

רב אברהמלע איז געשטאָרבן אין ירושלים אין די ערשטע פערציקער יאָרן.

יעקב שפּירא

שרה גאלא, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אַקו־פּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק. לעבט אין אַמעריקע.

פאַראייביקט :

איר מוטער חנה אלבירט, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

איר זיידן זעליק זוינריב, אומגעקומען אין בוכענוואַלד, אין 41־טן יאָר.

איר באָבע ראָזאַ וויינריב, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

אירע קרובים סאלא סטעלמאַן, אומגעקומען אין ראַדאָם אין 43־טן יאָר.

מאַניאַ עלעפאַנט, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אַנדענקונג !

סאפירשטיין משה, געבוירן אין סקאַרזשיסק, געווען בעת דער אַקופּאַציע אין לאַגער, לעבט אין ישראל פאַראייביקט :

זיין פאָטער אפרים סאפירשטיין, אומגעקומען אין לאַגער „ווערק צ" אין 43־טן יאָר.

זיין מוטער הינדע, אומגעקומען אין אױשװיץ.
זיין שוועסטער ראַזאַ, אומגעקומען אין אױשװיץ.
זיין שוועסטער נחמה, אומגעקומען אין אױשװיץ.
זיין ברודער דוד, אומגעקומען אין אױשװיץ.
זיין זיידע יצחק סאפירשטיין.
זיין באָבע צירל דיאַמענט.

כבוד זייער אַנדענקונג !

ירחמיאל זילבערמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק. אין צייט פון דער אַקופּאַציע געווען אין ישראל, לעבט היינט אין ישראל. פאַראייביקט :

זיין מוטער מרים זילבערמאַן, אומגעקומען אין מיידאַנעק.

זיין ברודער אברהם זילבערמאַן, אומגעקומען אין דאָרף גאוואַסאוו, נעבן שידלאָוועץ.

זיין ברודער חיים, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק.

זיין קרוב יוסף יצחק וואַלפאָוויטש.

כבוד זייער אַנדענקונג !

אליהו שטיינבערג, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אַקופּאַציע געווען אין רוסלאַנד. לעבט איצט אין אַמעריקע. פאַראייביקט :

זיין פאָטער אפרים פישל שטיינבערג, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

זיין מוטער רבקה, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

זיין שוועסטער מאַשע שטיינבערג, אומגעקומען אין אויש־וויץ אין 43־טן יאָר.

זיין ברודער שלום שטיינבערג, אומגעקומען אין קאַמי א.ס.ס.ר. רוסלאַנד, אין 43־טן יאָר.

דינה שטיינבערג, אומגעקומען נעבן כאַרקאָוו, רוסלאַנד אין 42־טן יאָר.

איר שוועסטער העניע שטיינבערג, אומגעקומען אין טרעמ־בלינקע אין42־טן יאָר.

זיין ברודער אברהם שטיינבערג, אומגעקומען אין טרעמ־בלינקע אין 42־טן יאָר.

זיין מומע מארא מיט אירע קינדער און אייניקלעך, אומ־געקומען אין טרעמבלינקע.

כבוד זייער אַנדענקונג !

מרים ראזנמייער געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אַקופּאַציע געווען אין „האַסאַג". לעבט היינט אין ישראל פאַראייביקט :

איר פאָטער מאיר ראָזנמייער, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

איר מוטער לאה, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

איר ברודער אברהם, אומגעקומען אין טרעמבלינקע אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אַנדענקונג!

ה. טענענבוים לעבט אין אַמעריקע פֿאַראייביקט:
זיין פֿאָטער סענדער, געשטאָרבן אין 36 יאָר.

זיין מוטער חיה פערל, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

זיין שוועסטער צירנע, אומגעקומען אין „האַסאַג" אין 43־טן יאָר.

זיין שוועסטער חנה, אומגעקומען אין „האַסאַג" אין 42־טן יאָר.

זיין ברודער שמואל, אומגעקומען אין רוסלאַנד אין 44 יאָר.

כבוד זייער אָנדענקונג!

בראָנטשע שטיינהאָרן, די פרוי פון פנחס פעלדמאַן, געבוירן אין לאָדזש. געווען בעת דער אָקופּאַציע אין בערגן־בעלזן. לעבט אין אַמעריקע. פֿאַראייביקט:

איר מאַן פנחס פעלדמאַן, אומגעקומען אי 42־טן יאָר.

איר מוטער רבקה, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.

איר שוועסטער חוהלע, אומגעקומען אין 42 יאָר.

איר באָבע רבקה פעלדמאַן, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענקונג!

צפורה מאַנגל געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע אין „האַסאַג", ראַווענסבּרוק, בערגן־בעלזן. לעבט אין ישראל. פֿאַראייביקט:

איר פֿאָטער יהושע מענדל טראַפּער, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.

איר מוטער צאַטל טראַפּער, אומגעקומען אין שידלאָוועצע אין 42־טן יאָר.

אירע שוועסטער באַלטשע און לאה, אירע ברידער פנחס און שמואל, אומגעקומען אין 42־טן יאָר.

כבוד זייער אָנדענק!

גענינאַ וואָלפאָוויטש, געבוירן אין סקאַרזשיסקאָ, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַק", לעבט אין אויסטראַליע. פֿאַראייביקט:

איר פֿאָטער מיכאל וואָלפאָוויטש.

איר מוטער אַדעלע.

אירע שוועסטער רעניאַ און רבקה, אַלע אומגעקומען בעת דער אויסזידלונג פון סקאַרזשיסק.

כבוד זייער אָנדענק!

שפרה אייזמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג", לעבט אין אוסטראַליע, פֿאַראייביקט:

איר פֿאָטער יענקל אייזמאַן, געשטאָרבן אין סקאַרזשיסקער געטאָ אין 41־טן יאָר.

איר מוטער ציפּע אייזמאַן, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

איר שוועסטער יטע, געשטאָרבן אין פויסן אין 68־טן יאָר.

איר שוועסטער חנה, געשטאָרבן אין „האַסאַג" אין 40־טן יאָר.

איר שוועסטער מרים, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 41־טן יאָר.

איר שוועסטער בלומע, אומגעקומען אין ראַווענסבּרוק אין 41־טן יאָר.

איר פעטער פישל אייזמאַן, געשטאָרבן אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

איר מומע גיטל, געשטאָרבן אין סקאַרזשיסקער געטאָ אין 41־טן יאָר.

די טעכטער פון איר שוועסטער יטע און טאָכטער פון איר שוועסטער דבורה. די זין: לייבל, שאשען, נוטעק, ישראליק. די קרובים חייה צוקער, אומגעקומען אין סקאַרזשיסק אין 42־טן יאָר.

רחל בינשטאָק, אומגעקומען אין סקאַרזשיסקער געטאָ אין 42־טן יאָר, איר טאָכטער חנה, אומגעקומען אין סקאַרזשיסקער געטאָ. מינדל די טאָכטער פון רחל, אומגעקומען אין סקאַרזשיסקער געטאָ.

כבוד זייער אָנדענקונג!

שרה קופּקע, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג", לעבט אין ישראל. פֿאַראייביקט:

איר פֿאָטער אברהם קופּקע, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר מוטער יוכבד (פעלדמאַן) קופּקע, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר שוועסטער חנה מלכה, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר ברודער יצחק קופּקע, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר ברודער שמואל קופּקע, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר שוועסטער רחל קופּקע, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר מומע אסתר צוקער, דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ אין 42־טן יאָר.

איר פעטער ישראל צוקער, דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ אין 42־טן יאָר.

איר פעטער משה ישראל פעלדמאַן און איר מומע צימעלע, זייער קינד מלכהלע, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר זיידע יעקב פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

איר באָבע רבקה פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

כבוד זייער אָנדענקונג!

רחל קליינמאַן, געבוירן אין סקאַרזשיסק. לעבט אין ישראל.
פאַראייביקט:

איר פאָטער הערשל פּינקאַשעווסקי.
איר מוטער בערניצע פּינקאַשעווסקי.

איר שוועסטער חוה און רבקה, סערענאַ עליטמאַן, זכריה און יעקב, אַלע אומגעקומען דורך די נאַציש רוצחים.

כבוד זייער אָנדענקונג!



פּינקאַשעווסקי ז״ל



זכריה פינקאַשעווסקי ז״ל

זעלדא גאנסאן, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקו־פּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק. לעבט איצט אין קאַנאַדאַ.
פאַראייביקט:

איר מוטער רחל וועסטער.

איר פאָטער יוסף וועסטער.

אירע שוועסטער טובע און פייגע, אירע ברידער פנחס און ברוך וועסטער, אַלע אומגעקומען פון די נאַציש מערדער.

כבוד זייער אָנדענקונג!



רחהלע וועסטער ז״ל



יוסף וועסטער ז״ל
עם בנו ברוך ז״ל

לאה (זילבערמאַן) אבראַמאָוויטש, געבוירן אין סקאַר־זשיסק, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין לאַגער לעבט אין ישראל, פּאַראייביקט:


איר מוטער מרים זילבערמאַן, אומגעקומען בעת דער אויס־זידלונג.

איר ברודער אברהם, אמוגעקומען בעת דער אויס זידלונג.
איר ברודער חיים, אומגעקומען בעת דער אויסזידלונג.
אירע קרובים רחל מינץ מאָרגנשטערן, עטל מינץ און ירחמיאל מאָרגנשטערן.


כבוד זייער אָנדענקונג!



מירים זילברמן ז״ל



משה זילברמן



אברהם זילברמן און זיין פרוי ז״ל



חיים זילבערמן ז״ל

בלימע וואַקסמבערג געבוירן אין סקאַרזשיסק. בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג" לעבט איצט אין קאַנאַדאַ, פּאַראייביקט:

איר פֿאָטער מאיר גאָלדמינץ, אומגעקומען מיט דער שידלאָ־ווצער אויסזידלונג.

איר מוטער רחל (ליפּשיץ) גאָלדמינץ, אומגעקומען מיט דער שידלאָווצער אויסזידלונג.

אירע שוועסטער טובע, חנטשע, גיטל, אומגעקומען מיט דער שידלאָווצער אויסזידלונג.
אירע ברודער חיים מענדל און אהרון, אומגעקומען מיט דער שידלאָווצער אויסזידלונג.

איר מומע מירל ליפּשיץ און די מומעס טאָכטער טובע, אומגעקומען מיט דער סקאַרזשיסקער אויסזידלונג.

כבוד זייער אָנדענקונג!

די ברודער נחום און מאיר מוזיקאַנט, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג", איצט אין ישראל פּאַראייביקן:

זייער פאָטער הערשל מוזיקאַנט, אומגעקומען אין טרעמ־בלינקע.

זייער מוטער חנה מוזיקאַנט, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

זייער ברודער פישל מוזיקאַנט, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
זייער שוועגערין אסתר פעלדמאַן מיט די קינדער מאניע און מאַניעק, אומגעקומען אין טרעבלינקע.

זייער שוועסטער צביה (מוזיקאַנט) בינשטאָק אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

זייער שוואָגער יצחק בינשטאָק מיט זייער קינד בלומע אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

זייער שוועסטער מלכה מוזיקאַנט און איר מאַן מענדל שיפּ־מאַן, אומגעקומען אין טרעבלינקע.

זייער ברודער שלום מוזיקאַנט און זיין ווייב שפּרינצע (פעלדמאַן), אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

זייער שוועגערין טובה מוזיקאַנט (צוקער), אומגעקומען אין טרעמבלינקע.

כבוד זייער אָנדענקונג!



מוזיקאַנט טובה צוקער ז"ל



שמואל מוזיקאַנט ז"ל
חנה מוזיקאַנט ז"ל



צביה מוזיקאַנט ז"ל
מלכה שפערלינג ז"ל



פישל מוזיקאַנט ז"ל מיט זיין ווייב אסתר ז"ל
פאַראייביקט דורך בעלאַ בוקסבאַום

בעלא פלאנצבאום געבוירן אין סקאַרזשיסקאַ, בעת דער אַקופּאַציע געווען אין סקאַרזשיסק און טשענסטאָכאָוו. לעבט איצט אין אַמעריקע. פּאַראייביקט:

איר פאָטער שמואל מענדל פעלדמאַן.


איר מוטער אסתר פעלדמאַן.

אירע שוועסטער רוזשע, פעסע און אירע ברודער מאָניעק, בערעק און יוסקע פעלדמאַן.

אַלע אומגעקומען נאָך דער אויסזידלונג פון סקאַרזשיסק.

אירע שכנים: שמואל, חנה, יטא, שרה און רוזשע מילער, אומגעקומען נאָך דער אויסזידלונג פון סקאַרזשיסק.


כבוד זייער אָנדענקונג!



שמואל מענדל פעלדמאַן ז״ל



אסתר פלדמן ז״ל



מוניעק פלדמן ז״ל
עם בנו בעריל פלדמן ז״ל



פעסא פעלדמן ז״ל

בעלא (פעלדמאַן) בוקסבוים, געבוירן אין סקאַרזשיסק, בעת דער אָקופּאַציע געווען אין „האַסאַג" לעבט היינט אין ישראל, פּאַראייביקט:
איר מוטער זלאַטאָוויטש פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
איר שוועסטער צירל זלאַטאָוויטש, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
איר שוועסטער אסתר (פעלדמאַן) מוזיקאַנט, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
איר ברודער לייביש בער פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעבלינקע.
איר שוועגערין גאָלדע פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
דאָס קינד חיים פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעמבלינקע.
איר ברודער חיים פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעבלינקע.
איר שוועגערין שרה פייגע מיט אירע קינדער, אומגעקומען אין טרעבלינקע.
אירע שוועסטער רייזל פעלדמאַן מיט איר מאַן משה פעלדמאַן און זון בערעלע, אומגעקומען אין טרעבלינקע.
איר שוועסטער שפּרינצע פעלדמאַן, אומגעקומען אין טרעבלינקע.

כבוד זייער אָנדענקונג!



חיים פעלדמאַן ז״ל
מוזיקאַנט



שלום מוזיקאַנט




מאניעק פעלדמאַן
רוזיאַ פעלדמאַן



שלום מוזיקאַנטס ווייב
רבקה לאַהעס טאָכטער




שמאי בירנבלום ז״ל
געזעלשאַפטלעכער טוער ביי די האַנטווערקער



שוסטער יוסקא הורוויץ
פון פאַסאַדאַן



יעקוב פוטקע



דבורה ליפשיץ ז״ל
איר טאָכטער טולקאָ
לעבט אין אַמעריקע




משפחה פאַרבמאַן




גוטשע ז״ל
מיט אַ גרופּע סקאַרזשיסקער



רוזה ווייסמאַן ז״ל
און דאָראַ ווייסמאַן יבלח״א




ירחמיאל וויינער ז״ל
יאַנקעלעוויטש ז״ל
ווערטהיים גאַבריש ז״ל
וואָלאָווסקי לעבט אין אוסטראַליע
פראנט יבלח״א
נוטע וואלפאוויץ׳ ז״ל



בעריל געלבאַרד ז״ל
ירחמיאל ליבערבוים ז״ל
איטשע לערמאַן ז״ל
צבי פאָלאָסעצקי יבלח״א




פנחס בריקס ז״ל
מאַנעק ערליכמאַן ז״ל
לערמאן ז״ל



מיכלקע לערמאַן ז״ל
משה יוסקוביץ׳ ז״ל
יאנקעלעביץ׳ ז״ל
אבידענקא ז״ל



ערשטע זייט לינק: פנחס ריכטער מיט זיין ווייב שאשע ז"ל מיט אלע דריי קינדער זיינען פינחס ריכטערס קינדער. אין דער מיט שלומה בעקערס ווייב הינדע ז"ל. שלמה בעקערס טאכטער מלכה מיט איר מאן ז"ל. אלע אומגיקומען אין סקארזיסקא 1942.
פארעייביקט די אייניקלעך פון שלומה בעקערס אין אמריקא.



עקיבה שיינפעלד ז"ל.
אומגעקומען 1942 מיט דיא ווישידלענע אין טרעבלינקע.
זייא פעראייביקט לעאון סלופסקי אין אמעריקא-ישראל.



שלומה בעקערס 2 טעכטער: מלכה רעכטס, מירל לינקס, אומגעקומען 1942 אין סקערזיסקא.
פעראייביקט די אייניקלעך פון שלומה בעקערס אין אמעריקא.




משפחת זיידווערג ז"ל.
1942 אומגעקומען (אין סקארזיסקא) מיט דיא ווישידלעניע אין טרעיבלינקא פעראייביקט לעאון סלופסקי, אמעריקא-ישראל.




מינדעל פעשקוש ז"ל.
1942 אין סקארזיסק מיט דיא ווישידלעניא
אומגיקומען אין טרעבלינקא פערייביקט
לעאון סלופסקי, אמעריקע-ישראל.



משפחת פעלטע ז"ל.
אומגעקומען 1942 אין סקארזיסקע
אין טרעבלינקע מיט דיא ווישידלעניע
פעראייביקט לעאון סלופסקי,
אמעריקא-ישראל.



פייגע זיידווערג ז"ל.
פעראייביקט לעאון סלופסקי,
אמעריקא-ישראל.




חנה זיידווערג ז"ל.
גישטארבען אין אמעריקא 1967
פעראייביקט לעאון סלופסקי,
אמעריקא-ישראל.



א גרופע סקרז׳סקער מיידלעך
די פאטא צוגעשטעלט דורך הערשיל נוגיל.




יעקוב ריכמאן ז"ל.
1942 מיט דיא ווישידלעניע,
אומגעקומען אין טרעבלינקע
פעראייביקט סלופסקי, אמעריקא-
ישראל.



פינגולד משה, נולד 1896,
נפטר ב–25.11.1955 בארה"ב.



פינגולד לאה, נולדה בפרקובניק בשנת 1897
ונפטרה במחנה גטו ב–26.10.1941 במינסק מזוביצק.



פינגולד שמעון, נולד 1920,
נהרג ביערות לובלין ב–1943.



פינגולד טובה, נולדה 1926,
נפטרה ב–1942 בטרבלינקה




פרנקוביץ הרשיל, נולד בסקצ׳יסק 1918,
נפטר בשנת 1942 בגיטו סקרז׳יסק.

פראייבינען זייער אנידענק בני אין
מאיר פיינברג אמריקה.



א גרופע סקרזיסקע ינגלעך רעכטס דא ינגעלע מיט דעם היטעל איז דוד ברונובסקי ז"ל.
די פוטו ציגעשטעלט פון דעם אמרקאנער קומיטעט.



מיט יראת כבוד פאראייביקן מיר דעם הייליקן זכרון פון אונזערע טייערע

און ליבע אלטערן :

ר' אברהם און ליבע פולוסצקי הי"ד

ברידער :

אליהו און יהושע פולוסצקי הי"ד

וועלכע זענען דערמארדעט געווארן דורך די נאַצישע רוצחים אין שוידערלעכן

יאר **1942** אין טרעבלינקע

חוה סלוצקי (פולוסצקי) רמת גן

צבי פולוסצקי, חדרה

ועד יוצאי סקארזיסק

השלמות והוספות

צוגאָב מאַטעריאַלן

דער ועד יוצאי סקאַרזשיסק

אליעזר לעווין

דער אָנהייב פון אונדזער ועד יוצאי סקאַרזשיסק

ביי אַ צוזאַמענטרעף ווי עס זענען אָנוועזנד געווען אליעזר לעווין, ירחמיאל גינזבורג און יוסף בריקס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אירגון יוצאי סקאַרזשיסק. צוליב דעם צוועק האָט מען געדונגען אין יאָר 1956 אַ שול אויף אחד העם אין תל־אביב מיט אַלטע האַלב צעבראָכענע בענק צו מאַכן דאָרט די ערשטע אזכרה. מען מוז זאָגן אַז 90 פראָצענט פון די איינגעלאַדענע זענען געקומען צו דער אזכרה. נישט נאָר פון תל אביב נאָר אויך פון חיפה, ירושלים און באר שבע. נאָך דער אזכרה זענען צום ועד וואָס איז באַשטאַנען פון אליעזר לעווין, ירחמיאל גינזבורג און יוסף בריקס נאָך צוקאָפּטירט געוואָרן אייזיק ווייצהענדלער ז. ל., מאיר וואַרדאַ און י. מ. אייזנבערג ז. ל. דער ועד איז צוגעטרעטן צו גרינדן אַ גמילת חסד קאַסע. נאָך דער ערשטער הלוואה האָט זיך געוואָנדן אַ פרוי וועמענס זון איז געבליבן אין אַ מוסד אין רוסלאַנד מען זאָל איר העלפן אַריבערברענגען איר זון. האָבן מיר איר געגעבן מער ווי עס האָט זיך געפונען אין דער קאַסע. זי האָט אָבער פאַרלאָזט דאָס לאַנד און די קאַסע איז געבליבן אָן געלט. אין 1955 האָט דער קרן קימת געשאַפן אין די בערג פון יהודה אַ יער קדושים און זיך געוואָנדן צו אַלע אירגונים וואָס האָבן פאַרטרעטן די אומגעברענגטע יידישע ישובים זיי זאָלן פלאַנצן צו טויזנט ביימער פאַר יעדן אומגעקומענעם ישוב. דער פרייז איז געווען 1000 פונט. מיר האָבן דאָס געלט נישט פאַרמאָגט דערצו זענען אויך געווען צווישן אונדז קעגנער צו פלאַנצן ביימער, האָבן מיר זיך באַגנוגנט מיט מאַכן אַ מצבה אויף דעם הר ציון און דערנאָך אין מרתף השואה אין ירושלים. אונדזער אזכרה איז טאַקע אין 1956 פאַרגעקומען דאָרט און הלוואי זאָלן היינט קומען אַזויפיל לאַנדסלייט אויף אַן אזכרה ווי עס זענען דאַמאָלט געקומען.

אויף דער אזכרה פון 1957 איז י. מ. אייזנבערג אַרויס מיט אַ הייסן רוף צו די פאַרזאַמלטע און געפרעגט צו מיר האָבן שוין פאַרגעסן אין אונדזערע קדושים? דאָס האָט געווירקט אויף דעם עולם און אויפן אָרט איז געשאַפן געוואָרן 500 פונט אין מזומן. האָבן מיר איינגעצאָלט די ערשטע ראַטע פאַר דעם יער הקדושים. שוין 3 יאָר ווי מיר איז פאַרווערט צו קלעטערן אויף בערג און עס געפינט זיך נישט קיין צווייטער וועלכער זאָל דאָס אָרגאַניזירן, איז בטול געוואָרן די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן.

אין 1960 זענען אויפן אָרט פון די געשטאָרבענע אייזיק ווייצהענדלער ווי אויך אויפן אָרט פון וואַרדען וועלכער איז אַוועק קיין אויסטראַליע צוקאָפּטירט געוואָרן צום ועד פראַניע ביטער, אָסמאַן פון חיפה, ערליך סאָניע און יוסף קופּערמאַן ז. ל., עס איז צוגעקומען געלט, פון חוץ לארץ האָט די פרוי וועלכע האָט גענומען די ערשטע הלוואה אָפּגעשיקט איר חוב און מיר האָבן זיך געקענט דערלויבן אַרויסגעבן נייע הלוואות און פאַרשטאַרקן אונדזער טעטיקייט. דער ועד האָט אויך איינגעאָרדנט דעם ערשטן חנוכה־אָוונט מיט דער הילף פון משה אראטש און סאָניע ערליך. דער אָוונט איז געלונגען און אין דער קאַסע איז צוגעקומען אַ פאָרהונדערט פונט ריווח נקי. דאָס איז געווען אין 1963 יאָר.

צוליב מיין קראַנקייט בין איך געצוווּנגען געווען צייטווייליק אָפּצושטעלן מיין טעטיקייט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער ועד מיט נייע חברים ווי חיה שפירא, רעניאַ גאַרבאַש, ירחמיאל שעיר, יוסף אַראַד, צבי אַבראַמאָוויטש, משה אראטש און חוה פּאַלאַסעצקי איז אַריין אויפן אָרט פון חיה קלאָטמאַן.

לויט דער איניציאַטיוו פון חיה שפירא און יוסף בריקס איז געבוירן געוואָרן דער באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך. נאָך 3 חדשים אומטעטיקייט האָב איך זיך צוריק געשטעלט צו דער אַרבעט, ווייל די חברים האָבן געהאַלטן אַז מיין נאָמען וועט העלפן צו שאַפן געלט אין אויסלאַנד, בין איך געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשעענעם פאַקט און זעץ פאָר מיין אַרבעט פאַרן יזכור בוך און בעל כורכה יענה אָמן.

חברי הוועד ספר יזכור מסקארזיסקא-קאם



ירחמיאל שיאר



אליעזר לעווין



צבי אַבראַמאַוויץ׳



רעניאַ גאַרבאַטש



חוה סלוצקי



חיה שפיראַ



משה אוריאן



יוסף בריקס



יוסף אר[illegible]

חברי הועד יוצאי סקארז'יסקו־קאמ. בארצות־הברית
דער ועד פון דער סקארזשיסקאָ־קאַמ. לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע



סלופסקי און רוזנצוויג
אַמעריקאַנער פרעזעס און וויצע־פרעזעס



די אַמעריקאַנער פאַרוואַלטונג



עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: לעאָן סלופסקי, יונה רוס, אַדאַם בונעטעס שטייען פון רעכטס צו לינקס: הענריא נוגעל, עטיל ווישליצקי, ארנולד רוזענבערג, עדיט לערער, סאם קאָופמאַן



אזכרה של יוצאי סקארז׳יסקאָ־קאַמ. בשנת 1946 בגרמניה טורקהיים
אזכרה פון סקאַרזשיסקאָ־קאַמ. לאַנדסמאַנשאַפט אין דייטשלאַנד אין 1946



אזכרה בגרמניה של יוצאי סקאַרז׳יסקא־קאַמ.
אזכרה אין דייטשלאַנד פון דער סקאַרזשיסקאָ־קאַמ. לאַנדסמאַנשאַפט




אזכרה של יוצאי סקארז'יסקא־קאמ. בגרמניה
אַן אזכרה פון אַלע לאַנדסלייט פון סקאַרזשיסקאָ־קאַמ. אין דייטשלאַנד



אַ גרופּע סקאַרזשיסקער
(די פאָטאָ צוגעשטעלט דורך יעקב זילבערשטיין)



ועד יוצאי סקארז׳יסקא־קאַמ. בארצות־הברית
די אַמעריקאַנער פאַרוואלטונג



המצבה של סקארז׳יסקא־קאַמ.
די מצבה פון סקאַרזשיסקאַ־קאַמ.



תמונה ביער הקדושים בהרי יהודה וירושלים
אַ בילד אין וואַלד אויפן נאָמען פון די קדושים אין די בערג פון יהודה און ירושלים



תמונה של מצבה ביער הקדושים
אַ בילד פון דער מצבה אין וואַלד אויפן נאָמען פון די קדושים

קטים מזכרונות עירוננו הנחמדה הי"ד סקרזיסק־קמיננה

ירחמיאל בן משה זילברמן

יונה הנביא בשעה שאנשי צוות הספינה ונוסעיה היו בסכנת טביעה בפני הסערה הגוברת והולכת, היות שהגורל נפל עליו מחמת חטאו, שאלו אותו מה מלאכתך ומאיזה עם אתה. ענה להם: „עברי אנכי ואת השם אלקי השמים אני ירא, אשר עשה את הים ואת היבשה". מה עלינו ללמוד מתשובתו? כי לא חשוב המקצוע של אדם ופרנסתו, העיקר שהוא ירא שמים. לפי חז"ל כתנאי ראשון בעולם הבא השאלה הראשונה ליהודי היא אם נשאתה ונתת באמונה (משא ומתן בין אדם לחברו).

עירתנו כשאר אלפי עירות פולין היתה מלאה יהודים יראים ושלמים, רובם עשו את פרנסתם בקושי לפי תנאי הגלות. עיקר תעסוקתם היו המסחר הקמעוני והמלאכה. כבעלי מקצוע היו חייטים, סנדלרים, נגרים, שענים, רפדים וכו'. כולם נאבקו על קיומם היום־יומי, חוץ מיחידי סגולה אשר מזלם האיר להם פנים. אנשי עירתנו כינו אותם „עשירים". רוב סכמנהג אבותיהם, חוץ מחלק של הדור הצעיר שיצא לתרבות רעה, לא טעמו פת שחרית טרם שהניחו טלית ותפילין ותפילה בציבור או ביחידות. מיותר להוסיף שהיו כולם שומרי שבת ויום טוב. תענוגם היחידי היה לחזור לביתם מבית הכנסת עקב בצד אגודל או לצאת בימים אלה לטיול ברחובות העירה. כנהוג „נופש" מוסרי זה היה נהפך לצנינים בעיני השקצים אשר ידו בהם אבנים ומלווים אותם בגידופים ובוז.

אחרי מלחמת העולם הראשונה שאפו רוב ההורים וביחוד הנוער ללכת עם ה„זרם", בפרט בעניני החינוך החילוני. מנהג המדינה היה למסור את הילד היהודי ל„חדר", ללמדו תורה ומצוות לעמוד נגד כל רוח רעה.

יהודי עירתנו היו יראים ושלמים בין אדם למקום ובין אדם לחברו. בזכרוני הדל חרותים שמות אחדים מהם: ר' גצל רוזנברג — מוכר עתונים, ר' ירחמיאל פפר — מוכר מכשירי כתיבה, ר' חיים־הרש ורשאור — אופה, שמואל־יעקב פינקלשטיין — סנדלר, ר' סנדר פרנט — חייט שהיה גם הבעל קורא ביום הכפורים. נשאר בזכרוני קולו הערב בימי הסליחות וביום הכפורים בשעה שהיה מבקש סליחה, כפרה ומחילה בעד ביתו ובעד כל קהל ישראל.

בית הכנסת היה בנוי מקורות עץ וגובל מצדו האחד עם רחוב פילסודסקי. בעלי התפילה בימים הנוראים היו התלמיד־חכם המופ־לג ר' משה'ל אהרליך ור' יחזקאל ויצמן, שניהם שרתו כשוחטים את הקהילה באמונה. בתפילתם היו ממש קורעים את רע גזר הדין. בתפילותיהם מלאי דמעות היו מבקשים רחמים על שולחיהם. בימי שבת וחג היה גם המלמד ר' חיים נתן עובר לפני התיבה, כמו כן מנשה השמש, איש תמים וירא שמים. בימינו היו קוראים לו ר' יוקל השמש או הקנטוניסט („ניקוליבסקי סולדט"), שנאבק מילדותו נגד הטומאה בצבא הרוסי ונשאר שלם ותמים באמונתו.

כחמש שנים לפני פרוץ מלחמת העולם השניה נבנה בית הכנסת החדש בחצרו של פפר ברחוב השלישי במאי. הבנין היה בנוי לבנים. בזכרוני עולים דמויותיהם של פשוטי העם אשר הת־פרנסו בזעת אפם כסבלים ובעלי־עגלות, כמו למשל ברל־בנימין, זלמן, נתן ועוד יהודים שהיו מלאי גאוה בבית הכנסת החדש. בראש השנה האחרונה לפני פרוץ המלחמה ניגש אלי ברל דריינדל וקרא בשמחה: „מה דעתך על בית מדרשנו, כמה הוא מפואר!"

עירתנו לא הצטינה בענף תעשיה מיוחד. תעשית ברזל ופלדה היתה בידי ר' מנדל פלדמן, ר' שמואל בריקס היה ידוע במפעלו של צפוי כלי בית ור' נתן רוזנבוים במפעל הצבעים. בענף הברזל והטקסטיל היו ידועים ר' משה ביטר ור' שמואל שרליט.

עירתנו היתה גם ברוכה בתלמידי חכמים בעלי שם כמו למשל ר' חיים־מאיר אלטמן, רב בינם־ברש אברמוביץ ורבי מרדכי'לה מורגנשטרן ז"ל מרא דאתרא מצאצאי הרבי מוישקוב ומחותנו של ר' מנדל פלדמן. בין השייכים לאותה משפחה יחוסית היו גם ר' נתן כגן אשר צאצאיו, האחים שער, נמצאים היום בארץ ור' שמואל־יוסף רוזנצויג. למשפחות הכהנים השתייכו ר' מאיר נוכן ובניו ר' אברמל ור' יצחק.

לאבי מורי ז"ל, ר' ישראל־משה זילברמן, קראו „משה'לה סקרזיסקר" כי אמי, מרים ז"ל, נולדה בכפר סקרזיסקו־קוצלנה הסמוכה לעירתנו. שם גרו הורי אחרי הנישואים. הסבא שלי, אבי אמי, ר' ירחמיאל ולפויץ ז"ל, היה תלמיד־חכם ומרביץ תורה יומם ולילה. הוא היה גם מעודד ומקרב תלמידי חכמים. כינו אותו: „רבי ירחמיאל הגדול" משום שהיה גבה קומה, ביחס לר' ירחמיאל „הקטן", אביו של ר' מנדל פלדמן, העשיר המפורסם. אביו של ר' מנדל פלדמן, ר' ירחמיאל הקטן ז"ל, היה יהודי ירא שמים שספר התהילים היה שגור בפיו.

כעבור שנה לנישואיהם עברו הורי לגור בעירה הסמוכה, מרחק של קילומטרים אחדים מהכפר. הם התעסקו במכלת ועברו למסחר עצים עד פרוץ מלחמת העולם האחרונה. ראוי להזכיר גם את התנועה הציונית בעירתנו לכל גוניה: כלליים, השומר הצעיר, בית"ר, פועלי־ציון וסתם אוהבי־ציון. עריסתה של התנועה הציונית היתה בביתנו. אבי ז"ל היה ציוני־כללי. אספות וכינוסי הנוער ושעורים בעברית התקיימו במעון הנוער אשר בביתנו. במשך הזמן נתפלגו ונתפזרו התנועות הציוניות למקומות שונים. מר שלמה זילברברג ז"ל, אשר בנו עזריאל גר בארץ, היה בין ראשוני המיס־דים של תנועת הנוער הציוני. אבי ז"ל גם שימש כחבר ועד עירתנו („ראדא מיענסקא"). אחי אברהם וחיים ז"ל, שנספו בשואה, שיתפו פעולה עם הנוער הציוני. אוסיף גם את הצדיקים ותלמידי חכמים של עירתנו: ר' זכריה זילברברג וחתנו ר' משה נגל, ר' אליעזר ברקוביץ, ר' יעקב מינץ, ר' יוסף־יצחק מורגנשטרן, ר' משה וינברג (המכונה „רב מושקה וינברג") ועוד רבים כאלה.

כמאמר חז"ל, צדיקים במיתתם נקראים חיים, אחיב"י, אף נשים ובני נוער אשר נספו בשואה קדושים וטהורים על קידוש השם. ארץ אל תכסי דמם של קדושינו, גפרית ומלח מן השמים ירדו על כל הגויים וזרעם ושיהפכו לסדום ועמורה משום שעמדו מהצד ורוו נחת מהחורבן והטבח של בני עמנו.

בזכות ארבע מעלות נגאלו אבותינו ממצרים ואלו הן: שלא שינו את שמותיהם, שלא שינו את לשונם, שלא שינו את מלבושם ושעשו סיג לערויות. יש גורסים גם שלא היו ביניהם בעלי לשון הרע. כדברי הנביא ישעיהו בפרק נ"ה: „כי לא מחשבותי מחשבו־תיכם ולא דרכיכם דרכי נאום השם. כי גבהו שמים מארץ, כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם. כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים ושמה לא ישוב, כי אם הרוה את הארץ והולידה והצמיחה ונתן זרע לזרע ולחם לאכל כן יהיה דברי אשר יצא מפי לא ישוב אלי ריקם כי אם עשה את אשר חפצתי והצליח אשר שלחתיו". פרק נ"ו פסוק ד', דברי הנביא: „כי כה אמר השם לסריסים אשר ישמרו את לבתותי ובחרו באשר חפצתי ומחזיקים בבריתי, ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו אשר לא יכרת".

„והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש, ודלקו בהם ואכלום ולא יהיה שריד לבית עשו כי השם דבר". ועלו עולים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לשם המלוכה!

פעילותם של ועד הארגון וועד הספר

רעיון „ספר יזכור" לקדושי עירנו ליווה את פעילי הארגון שנים רבות, אולם בשל סיבות שונות וחילוקי דעות בקשר לחשי־בותו של הספר לא נעשה דבר להגשמת הרעיון. בשנת 1968 חלה התעוררות מחודשת, והתגבשה דעה אחידה אצל אחדים מפעילי הארגון: הגב׳ חיה שפירא, מר אליעזר לוין, יוסף בריקס ואחרים ונבחר ועד הספר. אולם בארבע שנות הפעילות טושטשו הגבולות בין ועד הספר לבין ועד הארגון ושניהם נתמזגו לוועד אחד שפעל בעיקר בהוצאת הספר לאור.

למעשה רוב חברי ועד הארגון היו חברים בוועד הספר.

במבט לאחור בתחילת פעולותינו למען הספר נתעוררו שאלות יסוד אחדות ואלה הן:

א) להוצאת ספר יזכור דרושות רבבות לירות. כיצד נגייס סכום כזה?

ב) מאיין נקח חומר היסטורי־ספרותי? — העיירה צעירה, קטנה, כמעט בלתי ידועה בפולין כעיירה יהודית טיפוסית.

ג) מי יטפל באיסוף ובמיון החומר? לא ראינו בינינו אנשים בעלי כישרון ויכולת לבצע את המשימה שנטלנו על עצמנו.

שלוש השאלות הטרידו לא מעט גם את אלה מבינינו שהסכימו לפעול לשם הספר.

כעת כאשר הספר כבר מונח לפנינו מותר לגלות, כי למעשה לא ראינו ולא מצאנו פתרון תכליתי לבעיות שהעלינו, ובכל זאת ניגשנו למלאכה במרץ רב והרי התוצאות. עליכם לשפוט לחובה או לזכות.

ב־4 שנות הפעילות נתכנסנו לעשרות ישיבות שנמשכו לפעמים עד לאחר חצות הלילה, לא פעם נתגלו חילוקי דעות היו התפטרויות ו„ברוגזים" אלה הם דברים הכרוכים בכל פעילות ציבורית.

בשוך הסערה, המשימה הנעלה שוב איחדה אותנו ופעלנו בצוותא.

בשעה זו שהספר לפניכם אנו מנסים לערוך חשבון של שגיאות שנעשו האם אפשר היה למנוע אותן?

גם את אלה תשפטו אתם בני עירי. לדוגמא: ערכנו הסכם עם עורך ספרותי לפי המלצת סופרת ידועה, עובדת בכירה של יד ושם, אולם לצערנו לא מצאנו אתו שפה משותפת, ואחרי שהושקעה עבודה רבה וכסף נאלצנו להפרד ממנו. אז התקשרנו עם עורך שני אך לדאבונינו הרב אחרי שנה של עבודה נפטר האיש בלא עת. ערכנו הסכם חדש עם אלמנת העורך ונוסף לכך קיבלנו עורך שלישי חדש שעשה את מלאכתו בנאמנות ובכשרון.

כמובן כל זה עלה בממון, בזמן ובטירדה יתירה של כל חברי הוועד.

האם ניתן היה למנוע התפתחות כעין זו?

בני עירי!

הספר לפניכם תקראו תעיינו בו ובודאי תמצאו דברים לא שלמים או תנתחו ותמצאו דברים חסרים ויתכן שהספר בעצמו לא ענה על כל הבעיות שנתעוררו בישיבות הראשונות שלנו. אנא התיחסו בסלחנות כפי שציינתי במבוא לספר בעברית (מחוסר תקציב לא תורגם לאידיש).

לסיכום: מחובתי לציין את הפעילות הרבה והמיגעת של חברי הוועד שעשו את מלאכתם שלא על מנת לקבל פרס חס וחלילה, אלא מתוך רצון כן להנציח את זכר קדושי עירנו. כפי שציינתי לעיל נתכנסנו לעשרות ישיבות לרוב בערבים שנמשכו לא פעם עד 12 או 1 אחר חצות הלילה בייחוד יש לציין את חברי לעבודה בוועד שהשתתפו בישיבות הנ"ל לפני יום עבודה שלהם או אחריה הח"ח יוסף ארד (איזנברג), משה אורץ וחוה סלוצקי.

מחובתי לציין גם את הישיבות השבועיות הקבועות שבכל יום חמישי אצל העורך הספרותי לשם מיון וסידור החומר שהשתתפו בהן אליעזר לוין, צבי אברמוביץ ולפעמים יוסף בריקס והחתום מטה.

ייעשה עוול אם לא נציין לשבח את מארחי הישיבות שלנו את חיה שפירא ובעלה יעקב מהפעילים הראשונים של ועד הספר, את חוה סלוצקי (פלסצקי) ובעלה משה, את יוסף בריקס ואשתו רגינה־רבקה, את רניה גרבץ (הלפרין) ובעלה זאב (וולדק), את הכנסת האורחים הנאה והמכובדת שנהנינו ממנה.

אל לנו לשכוח את העזרה הכספית שהגישו לנו בני עירנו מהתפוצות ביחוד את פעילי הארגון בארצות־הברית אטקה לרמן, אטקה וישלצקא, לאון סלופסקי, הרשיל נוגיל ואחרים שבאמצעותם נוצר קשר הדוק ושיתוף פעולה בין הוועד בארץ לבין הוועד בארצות־הברית.

אנו תקווה שלהבא נקיים שיתוף פעולה הדוק יותר למען הר־חבת פעילות הארגון בארץ בהתאם לתקנות הארגון כגון: הקמת מפעלי הנצחה ומוסדות לעזרה הדדית.

ובסוף „יישר כוחך" מר אליעזר לוין יושב ראש הארגון שלנו על עבודתך הנאמנה והנמרצת בכל מה שקשור בהוצאת הספר אם זה במאמר עשיר ורב תוכן על העבר של העיירה שאף אחד מאתנו לא זכר כלל ולא עלה בדעתו אם זה בטיפול בנקרולוגים בתצלומים ובדברים אחרים. בהזדמנות זו אנו מאחלים לך אליעזר הרבה שנים של בריאות ושל פעילות ברוכה לטובת הארגון שלנו. כה לחי!

ירחמיאל שיאר

יושב־ראש ועד הספר

עפענונגס־רעדע

פון צבי אַבראַמאָוויטש

געהאַלטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון סקאַרזשיסקער לאַנדס־לייט

חשובע פריינד

צום 30־טן יאָרטאָג נאָך דעם אומקום פון אונדזער געבורטס־אָרט סקאַרזשיסקאָ־קאַמיעננאַ, פאַרזאַמלען מיר זיך דאָ אָפּצוגעבן אונדזער גרויסן כבוד פאַר די קדושים פון אונדזער פאַרוויסטער שטאָט. מיר שטייען מיט געבויגענע קעפּ פאַר אונדזערע טויטע ערלעכע טאַטעס, די תלמיד חכמים און האָרעפּאַשניקעס, די געטרייע יידישע מאַמעס און חנוודיקע טעכטער, פאַר אונדזער גרויזאַם אומגעקומענע שוועסטער און ברודער, פרויען און קינדער.

מיר די שארית הפליטה פון סקאַרזשיסקאָ שטייען מיט געבויגענע קעפּ פאַר דעם ריזיקן מאַסן־קבר פון אונדזער רייכער קולטור, די אומגעקומענע חדרים, ישיבות און שילן, קולטור־אינסטיטוציעס, ביבליאָטעקן, יוגנט אָרגאַניזאַציעס און פאַרטייען, פאַרן קבר פון אונדזערע כלל־טוער און קולטור־טוער, חסידים און פריידענקער, חלוצים און בונדיסטן, סוחרים און פראָלעטאַריער, פאַר דעם קבר ווי עס ליגט באַגראָבן אונדזער נעכטן, אונדזער פאַרלוירענע יוגנט, אַלע ערלעכע און פראָסטע יידן וואָס זענען אַוועק אויף קדוש־השם, די טרוימער פאַר אַ בעסער און שענער לעבן, פאַר אַ פריי ארץ־ישראל.

דער ציל פון אונדזער היינטיקן צוזאַמענטרעף איז צו רופן די אָפּשטאַמיקע פון אונדזער פאַרוויסטע שטאָט, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט צו פאַראייביקן די אַלע וועמען דער אכזריות'דיקער גורל האָט נישט געלאָזט זיך אַרויסרייסן פון די מערדערישע הענט, די וועלכע האָבן נישט געהאַט די זכיה צו קומען און לעבן מיט אונדז אין אונדזער באַפרייטן לאַנד. מיר טאָרן אָבער זיי נישט פאַרגעסן. זייערע נשמות דאַרפן בלייבן מיט אונדז באַהאַפטן.. זייערע נעמען דאַרפן דורך אונדז ווערן פאַראייביקט אין דעם יזכור־בוך פון אונדזער שטאָט. דאָס בוך דאַרפט וואָס גיכער זיך געפונען אין יעדן פון אונדזער הויז. עס זאָל פון דאָרט אַרויס־שיינען די הייליקע נעמען פון אונדזערע טייערסטע, וואָס זאָל יעדער מינוט דערמאָנען — נישט צו פאַרגעסן די אכזריותדיק אומגעקומענע אין געטאָ און לאַגערס אין „טויט־פאַבריקן".

צו מעגן מיר אויף איין מינוט אַ טראַכט טון — וויפל דאָס וועט אונדז קאָסטן, צו איז דען פאַרהאַן אַ פרייז צו האָבן אין אונדזערע שטובן די נעמען, די פאָטאָס, די לעבנס־געשיכטעס פון אונדזערע טייערסטע? ניין, טייערע ליבע פריינד! קיין זאַך טאָר אונדז נישט מיד מאַכן צו דערגרייכן דאָס אַרויסגעבן צום 30 יאָר־טאָג דאָס יזכור־בוך פון אונדזער שטאָט. עס זאָל ווי אַ נר תמיד לויכטן פאַר אונדזערע אויגן די הייליקע נעמען, די אונטערגעשניטענע לעבנס, פון אונדזערע טייערסטע.

דאָס יזכור־בוך איז אַ שאַפונג פון אונדזערע אייגענע מענטשן, פון די וואָס האָבן אויף אייגענער הויט געפילט און דורכגעלעבט דעם היטלעריסטישן גיהנום, אויסגעשעלט געווען יעדער מינוט אויף גרויזאַמען טויט. דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן מיט אונדזער אייגן בלוט, דאָרט זענען פאַרגליווערט די טרערן פון די פאַרפייניקטע. דאָס איז אונדזער אַלעמענס בוך, דערפאַר אונדז אַלעמען אַזוי טייער. דאָס איז די מצבה נאָך אונדזערע נאָענסטע. וואַרטשע נישט אַז דאָס זאָל טוען דער ועד. דאָס איז אונדזער אַלעמענס חוב, נאָר אין אונדז איז דאָס אָפּהענגיק דאָס בוך זאָל וואָס גיכער זיך געפונען אין אונדזערע היימען...

דאָס יזכור־בוך וואָס געפינט זיך שוין אין דרוק וועט זיין אין דריי שפּראַכן: אין עברית, יידיש און ענגליש. דאָרט וועט באַשריבן ווערן דאָס שטעטל פון פאַרן חורבן, מיט אירע מענטשן, אינסטיטוציעס, פאַרטייען און פרנסות. דאָס גאַנצע פרידלעכע לעבן ביז דער קאַטאַסטראָפע. ווייטער דער אָנהייב פון קריג, דער אַריינמאַרש פון די היטלעריסטן, די אַנטשטייאונג פון געטאָ, די אויסזידלונגען און מאָרד. אַ גאָר גרויסן אָרט פאַרנעמט אין בוך דאָס לעבן אין דער „טויט־פאַבריק" אין סקאַרזשיסק אין אירע אַלע צעכן. צום סוף די באַפרייאונג און די דורך נסים געראַטעוועטע רעשטלעך יידן אויף וועמענען עס איז געפאַלן דער הייליקער חוב דאָס אַלץ צו באַשרייבן און צו פאַראייביקן.

אין דעם בוך וועט זיין אַ באַזונדערע רובריק פאַר נעקראָלאָגן צום פאַרייביקן די נעמען פון אומגעקומענע משפחה, וואָס וועט געדרוקט ווערן אין גאַנצן אומזיסט און יעדער וועט קענען אַריינטראָגן זיי אין דעם בוך. דאָס בוך וועט אויך זיין רייך מיט איינציקע און קאָלעקטיווע פאָטאָס און בילדער פון סקאַרזשיסקאָ מענטשן און אינסטיטוציעס.

די טעטיקייט פון ועד הארגון און ועד הספר

דער געדאַנק פון אַ יזכור־בוך וואָס זאָל פאַראייביקן די קדושים פון אונדזער שטעטל איז שוין לאַנג רייף געווען אין די מוחות פון די אַקטיוויסטן פון אונדזער ארגון. צוליב פאַרשידענע חילוקי־דעות און דער צווייפל, צו דאָס וועט זיך אונדז איינגעבן האָט גע־שטערט די פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם געדאַנק.

אין יאָר 1968 האָט דער געדאַנק ביי איינציקע פון אונדז זיך ווידער באַנייט. באַזונדער ביי פרוי שפּיראָ, הער אליעזר לעווין, יוסף בריקס און אַנדערע. ס׳איז דאַמלט אויסגעווילט געוואָרן אַ ועד הספר. אין די פיר יאָר טעטיקייט זענען פאַרמישט געוואָרן די גרע־נעצן פון דער טעטיקייט צווישן דעם ועד הארגון און דעם ועד הספר. בידע האָבן זיך צונויפגעגאָסן, ווייל פאַר בידן איז דער הויפּט־ציל געוואָרן דאָס אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך, אַזוי אַז די מערהייט פון ועד הארגון איז פאַקטיש אויך געווען דער ועד הספר.

וואַרפנדיק אַ בליק צוריק, צו דער פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער טעטיקייט ווערט קלאָר, אַז עס איז פון אָנהייב געשטאַנען פאַר אונדז דריי וויכטיקע פראַגן :

א. ווי אַזוי צו מאָביליזירן די נויטיקע סומע געלט אויף אַרויס־צוגעבן אַזאַ ספר ;

ב. פון וואַנען צו נעמען דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, נעמענ־דיק אין באַטראַכט, אַז אונדזער שטעטל איז געווען קליין און דערצו ווייניק באַקאַנט אין פוילן, ווי אַ טיפּיש יידיש שטעטל ;

ג. ווער ס׳זאָל זיך פאַרנעמען מיט צונויפזאַמלען און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן, — ווייל צווישן אונדז האָבן מיר נישט געזען אַזעלכן, וועלכער זאָל פאַרמאָגן די מעגלעכקייט און די פעי־קייטן, — מיר זאָלן מיט אייגענע כוחות דאָס אַדורכפירן.

אָט די פראַגן האָבן געמאַטערט די אַלע פון אונדז, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך צו זיין טעטיק פאַרן דאָזיקן בוך.

איצט, ווען דאָס בוך ליגט שוין פאַר אונדז, מעגן מיר דער־ציילן, אַז מיר האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געפונען קיין אויסוועג און קיין ענטפער אויף די אַלע שוועריקייטן,ביים אַרויסגעבן דאָס בוך און דאָך זענען מיר מיט גרויס מרץ צוגעטרעטן צו דער אַרבעט און אָט איז דער רעזולטאַט. פאַר אייך לאַנדסלייט פון סקאַרזשיסק בלייבט צו משפטן, צו מיר זענען מצליח געווען אָדער נישט.

אין די פיר יאָר פון אונדזער טעטיקייט האָבן מיר פאַרברענגט אויף צענדליקער זיצונגען, וועלכע האָבן אָפט זיך געצויגן ביז האַלבער נאַכט. נישט זעלטן זענען געקומען צום אויסדרוק מיינונגס פאַרשידענהייטן, „ברוגזן״ און אָבזאָגן זיך, ווי דאָס איז געוועגלעך ביי געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די וויכטיקייט פון דער זאַך האָט אָבער אַלעמען ווידער פאַראייניקט צו אַ געמיינזאַמער טעטיקייט.

